STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05726

IBER AMERIKE

Sh. Almazov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. אלמאזאוו

איבער אמעריקע

ארויסגעגעבן פון
„מאָרגן־פרייהייט“־פאַרלאַג
ניו יאָרק
930

פרייז, $2.10

איבער אַמעריקע

ש. אלמאזאָוו

קאָנטראַסטן
באַגעגענישן
מעין-סטריט
נאַטור - וואונדער

Copyright, 1930
By S. ALMAZOV

Printed by
ASTORIA PRESS
New York, N. Y.

ביכער פון
שמעון קי[illegible]

מיין טייערער

ט אַ נ י ע ן

געווידמעט.

אינהאַלט־פאַרצייכנים:

זייט

שער־בלאַט, געצייכנט פון ווס. גראַפער.
אריינפיר — — — — — — — — — — — — — — 11

קאפיטל 1.
„שלום אויף דער וועלט און ליבע צו מענטשן“ — — — — — 15

קאפיטל 2
צווישן די קרבנות פון שווינדזוכט — — — — — — — — 26

קאפיטל 3
סאַנטאַ ראָזאַ און סאַנטאַ קאַטאַלינאַ — — — — — — — — 39

קאפיטל 4
אין דער שטאַט, וואָס איז אויפגעפרעסן געוואָרן פון
אירע פאַרשטעט — — — — — — — — — — — 48

קאפיטל 5
טויטער גלח באַווייזט נסים אין מאַסאַטשוזעטס — — — — — 55

קאפיטל 6
דאָקטוירים פעדלען מיט אָפיום — — — — — — — — — 62

קאפיטל 7
אין אַ גומענער שטאָט — — — — — — — — — — 67

קאפיטל 8
דער אומגליקלאַכער, וואָס האָט אויגן און טאָר ניט זען — — — 72

קאפיטל 9
געשפרעכן מיט מענטשן אין וועג — — — — — — — — — 76

קאפיטל 10
ליכט און שאָטן אין פראָווינץ — — — — — — — — — 84

קאפיטל 11
די צוויי „קאָנטפאַרשטאַן“, וואָס באַהערשן קליוולאַנד — — — 92

זייט

קאפיטל 12
גרעפט אין קליוולאַנד — — — — — — — — — — — — — 100

קאפיטל 13
אין אַן עראָפּלאַן פון קליוולאַנד קיין דעטראָיט — — — — — 106

קאפיטל 14
אין פאָרד'ס גיהנום — — — — — — — — — — — — — — 111

קאפיטל 15
מ'קוילעט אָקסן אין שיקאַגאָ — — — — — — — — — — 117

קאפיטל 16
מ'ראַטעוועט נשמות — — — — — — — — — — — — — — 124

קאפיטל 17
רינאָ—די שאַנד־הויז פון אַמעריקע — — — — — — — — 131

קאפיטל 18
אויף דעם סטאַק־עקסטשענדזש פאַר איטאַליענער אין דעם
סאַן־פראַנציסקער „טשאַינאַ־טאַון" — — — — — — — — 143

קאפיטל 19
דער גלגול פון אַ מאַרק־פלאַץ — — — — — — — — — — 149

קאפיטל 20
דער מאַניאַנאַ־שבט אין סאַן־אַנטאָניאָ — — — — — — — — 153

קאפיטל 21
דער אייביקער קאַמף צווישן פאָטער און זון — — — — — 157

קאפיטל 22
אין די לאַבירינטן פון ניו יאָרק — — — — — — — — — 161

קאפיטל 23
די פיקעט־ליין גייט — — — — — — — — — — — — — 167

קאפיטל 24
בינגהעמטאָן האָט אַ שפּייזער — — — — — — — — — 171

קאפיטל 25
אַ באַזוך ביי די אינדיאַנער אין ווינעבעיגאָ, נעבראַסקאָ — — — 176

זייט

קאַפּיטל 26
אין דער ניאַגאַראַ־טייך קייקלט זיינע וואַסערן — — — — — 182

קאַפּיטל 27
אַ טאָג אין „גרענד־קעניאָן" פון אַריזאָנאַ — — — — — — 185

קאַפּיטל 28
דער יאַפּאַנעזישער גאָרטן אין האָליוואוד — — — — — — 192

קאַפּיטל 29
אַ זאַמד־שטורם אויף דעם וועג לעבן „יאָסעמיטי־וועלי" — — 195

קאַפּיטל 30
ביינאַכט צום „מאַונט ווילסאָן", פאַרטאָג צום „קעיוו אָוו
די ווינדס" — — — — — — — — — — — — 204

קאַפּיטל 31
די סאָוט איז שוואַרץ — — — — — — — — — — 212

קאַפּיטל 32
דאָרט, וואו די פּאַלמען בליען — — — — — — — — 222

קאַפּיטל 33
אויף די וועגן פון פלאָרידאַ — — — — — — — — 226

קאַפּיטל 34
„האָלי ראָללערס" — — — — — — — — — — — 237

קאַפּיטל 35
ליידענדע מענטשן און מענטשן־ברוכוואַרג — — — — — 242

קאַפּיטל 36
משוגענער לוקסוס און שוידערלאַכע נויט — — — — — 253

קאַפּיטל 37
אין אַטלאַנטיק סיטי נאָכ'ן סעזאָן — — — — — — — 265

קאַפּיטל 38
ניו יאָרק טרינקט אויס עלף שטעטלאַך, וואָס ליגן אין
די קעטסקיל־בערג — — — — — — — — — 268

קאַפּיטל 39
„מעין־סטריט" פאַרוויילט זיך — — — — — — — — 272

זייט

קאפיטל 40
„מעין־סטריט“ גיט צדקה — — — — — — — — — 279

קאפיטל 41
„מעין־סטריט“ באַגעגנט נײַ־יאָר — — — — — — — 282

קאפיטל 42
„מעין־סטריט“ קולטורעװעט — — — — — — — — — 285

קאפיטל 43
„מעין־סטריט“ פּאָליטיקעװעט — — — — — — — — 289

קאפיטל 44
„מעין־סטריט“ פאַרמאָגט גענגסטערס — — — — — — 293

קאפיטל 45
„מעין־סטריט“ דינט דעם געלן טײַװול — — — — — — 298

קאפיטל 46
„מעין־סטריט“ פאַרמאָגט אַ פּרעסע — — — — — — — 301

קאפיטל 47
„סלאָמס“ — — — — — — — — — — — — — — 304

קאפיטל 48
נעכט אין נאָרט־דאַקאָטאַ — — — — — — — — — — 309

קאפיטל 49
אויף די שטאָלענע װעגן — — — — — — — — — — 313

קאפיטל 50
אין יאָנסטאָן ברענט דער הימל — — — — — — — — 318

אַריינפיר.

קענען — מיינט פאַרשטיין.
לאָמיר זיך באַקענען מיט אַמעריקע.

פאַר אירע מערסטע איינוואוינער איז די גרויסע אַמעריקע נאָך דערוויל אַ „טעררא אינקאָגניטאַ" (אַן אומבאַוואוסט לאַנד).

ספּעציעל ווייסן וועגן אַמעריקע גאָר ווייניק די, וואָס האָבן ניט קיין מעגלאַכקייט צו רייזן.

די, וואָס רייזן יאָ, ווייסן אויך זייער ווייניק וואָס עס טוט זיך איבער דעם לאַנד.

די מערסטע רייזנדע זעען בלויז דאָס, וואָס מ'ווייזט זיי, אָדער דאָס, וואָס מ'רעקלאַמירט צו גיין זען.

פון פענסטער פון אַ „באָס" כאַפּט מען אַ קוק אויף אַ כינעזישן קוואַרטאַל; פון פענסטער פון אַ טעקסי כאַפּט מען אַ קוק אויף אַ גאַס; אין האָטעל, אָדער אין אַ קראָם גיט מען אַ רעד מיט אַ מענטשן און מ'באַשטימט: אין שיקאַגאָ זענען זייער פריינטלאַכע מענטשן; אין יאָנגסטאָן זענען אַלע פּרעסערס; אין טולסאַ, אָקלאַהאָמאַ, זענען אַלע ליבנסווירדיג; אין דובוק, אייאָווואַ, זענען אַלע קלוגע; אין סמיטוויל זענען אַלע שלעכטע; מישיגען דראַיוו איז שיין — איז שיקאַגאָ אַ שיינע שטאָט; באַלבאָאַ פּאַרק איז אַ פּראַכט — איז סאַן-דיעגאָ אַ גן-עדן; ביים „גאָלדען-געיט" שטייען פּראַכטפולע פּאַלאַצן — סאַן-פראַנציסקאָ האָט ניט קיין אָרימקייט; די פּאַרקן אין ראָטשעסטער שפּיגלען זיך אין לעיק — ניטאָ קיין העסלאַכע קוואַרטאַלן; די טויזנט לעיקס אין מינעסאָטאַ זענען אַ כשוף-ווינקל

— ניטאָ קיין שמוציגע קוואַרטאַלן ניט אין מינעאַפּאָליס, ניט אין סט. פּאָול. מ׳כאַפּט אַ קוק דורך אַ פֿענסטער און מ׳מיינט, אַז מ׳קען שווין דאָס לאַנד.

געשאַפֿן האָט זיך אויך אַ באַגריף, וואָס האָט אין זיך אפשר אַ טייל אמת, נאָר טאַקע בלויז אַ טייל, אַז אין אַמעריקע זענען אַלע שטעט אַלץ-איינס, אַז אַלע קוקן אויס ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט.

אויב אַזוי איז דאָך אומעטום דאָס זעלבע, טאָ צו וואָס באַ-אַבאַכטן, צו וואָס לייענען, צו וואָס פֿאַרגלייכן איין שטאָט מיט דער צווייטער? סיי־ווי־סיי זענען דאָך אַלע שטעט איינס און דאָס זעלבע.

דער אמת אָבער איז, אַז אין יעדער שטאָט איז דאָ עפּעס ספּעציפֿישעס, וואָס איז ווערט צו באַמערקן און צו געדענקען.

די צען־סענטיגע סטאָר איז טאַקע די זעלבע אין אָוקלאַנד און אין פּוקיפּסי, די טשעין-דראָג-סטאָר איז טאַקע פּונקט אַלץ-איינס, מיט דעם זעלבן לאַנגן שטריכל אונטער דעם נאָמען פֿון דער פֿירמע סיי אין ניו-אָרליענס און סיי אין סיעטל, נאָר פֿונדעסטוועגן איז דאָ אַזוי פֿיל אייגנאַרטיגעס אין יעדער שטאָט, אַז עס איז כּדאַי צו פֿאָרן און צו זען.

דאָס לאַנד אינגאַנצן דאַרף מען אודאי לערנען, כּדי דאָס צו פֿאַרשטיין.

עס לויפֿן דורך פֿאַר די אויגן די שטעט פֿון אַמעריקע; עס פֿרישט זיך אָפּ אין זכּרון יעדע שעה אונטערוועגנס; עס גייען דורך פֿאַר׳ן אויג די מענטשן, וועלכע דו האָסט אויף דעם וועג באַגעגנט; עס דערמאָנט זיך איין דעטאַל נאָך דעם צווייטן פֿון די פֿאַרשידענע פּאַסירונגען, וואָס דו האָסט אויף דעם וועג בייגעוואוינט; עס דערמאָנט זיך עפּיזאָד נאָך עפּיזאָד פֿון לעבן פֿון די עקספּלואַטירטע און פֿון לעבן פֿון די עקספּלואַטאַטאָרן — און פֿון אַלץ צוזאַמען שאַפֿט זיך אַ בילד פֿון דעם לאַנד, וואָס איז אַזוי ווייניק באַקאַנט.

דאָס לאַנד מיט די וואונדערבאַרע אוצרות; דאָס לאַנד מיט די שענסטע שיינקייטן; דאָס לאַנד מיט די העסלאַכסטע העסלאַכ־קייטן; דאָס לאַנד מיט דעם משונה'דיגסטן פּלאָנטער; דאָס לאַנד מיט די גרעסטע פאַרברעכנס; דאָס יונגע לאַנד, וואָס פאַרגלייכט זיך מיט דער אַלטער וועלט אין איבלען, — אַמעריקע, עס איז ווערט אויף דיר נאָענט אַ קוק צו טאָן!

לאָמיר זיך אַביסל באַקענען מיט אַמעריקע.

אויטאָר.

„שלום אויף דער וועלט און ליבע צו מענטשן“

„פיס אן אוירט גוד וויל טו מען“ — וואו איר גיט זיך א קער, האבן די קרעמער פאר אייך דעם דאזיגן אויפשריפט צוגעגרייט, דערציילנדיג אייך, אז עס דערנעענטערט זיך דער סעזאן פון „שלום אויף דער וועלט און ליבע צו מענטשן“.

אין די שוי־פענסטער פון די גרויסע און פון די קליינע קראמען, אין די עלעוויטארס פון אלע געביידעס, הינטער דעם געשליפענעם גלאז פון די פענסטער פון די באנקן, אויף די סלופעס פון די גאסן־לאמפן און אויף ריזיגע טראנספאראנטן, איבערגעצויגן דורך דער ברייט פון די רוישיגסטע גאסן, אומעטום האט מען אין גרינע גירלאנדן אריינגעפלאכטן די ברכה: „עי מערי קריסטמעס ענד עי העפפי ניו איר“ און אין קראנצן אויסגעצאצקעט די שטיק היפאקריטסטווא — „שלום אויף דער וועלט און ליבע צו מענטשן“.

אין די ברייטע גאסן פון הוסטאן, וואס זענען אויסגעצויגן גראדליניג ווי א סטרונע, אין די דארטיגע שמוציגע קווארטאלן פון דער ארימקייט און אין די רוישיגע מארק-פלעצער, אין די סלאמס פון דאלאס און אין די גאסן פון דער מעקסיקאנישער ארימקייט אין סאן אנטאניא, צווישן די ארימע קרעמלאך און צווישן די אימפאזאנטע גרויסע קראמען אין על-פאזא, אין די רוישיגע גאסן פון לאס אנדזשעלעס און אין די גאסן, וואס לויפן בארג־אראפ און בארג־ארויף אין סאן-פראנציסקא, אין צעווארפענעם אוקלאנד און אין סאקראמענטא, איבער די אויסערגעווײנטלאך ברייטע גאסן פון סאלט לייק סיטי, אין דער פאר׳עפוש׳טער פון דעגענעראציע רינא, נעוואדא, אין דעם משוגה׳דיגן פלאנטער פון די גאסן אין דענווער און אין דער פאררויכערטער סט. לואיס — אומעטום טאנצן פאר די אויגן די צוזאגונגען: שלום אויף דער וועלט און ליבע צו מענטשן. און כדי, ווייזט אוים, צו פארשטארקן דעם איינדרוס, קלאפן אומעטום די

מאַצן און די באַראַבאַנען און עס קלינגען אין די גערדיכטע, קאָכיגע צענטרען פון די שטעט די גלעקלאַך פון דער סאַלווישאַן אַרמי. א מאַלציייט פאַר די הונגעריגע! א מאַלציייט פאַר די הונגעריגע! — שרייען אויף די פאַרזאָרגער, וואָס שטייען איינגעוויקלט אין גרויסע, רויטע פעלצן.

עס פליען צו צו די אויסגעפוצטע קראָמען גרויסע בליאַסקענדע לימוזינס און לאַקייען אין מונדירן פאַרניינן זיך און עפענען אויף די טירן פון די אויטאָמאָבילן פאַר די עלעגאַנטע דאַמען, וואָס גייען איינקויפן אויף יום־טוב. ביי די וועגט פון די מויערן שאַרן זיך איינגעהויקערטע פיגורן און קוקן מיט שטאַרע בליקן אויף די סחורות, וואָס זענען אין די שויפענסטער אַרויסגעשטעלט, און אויף די עמער־לאַך, אין וועלכע סאַלווישאַניקעס קלייבן זייערע נדבות. איינמאָל וועט מען די דאָזיגע הונגעריגע געבן אָפּעסן און דערנאָך מעגן זיי ווידער אויסגיין פון הונגער א גאַנץ יאָר צייט. עס איז דאָך עפּעס דער סעזאָן פון ליבע צו מענטשן, — קלינגען די גלעקלאַך און עס פאַלן גראַשנס און די הונגעריגע וועט מען געבן א ביסל זופּ און א שטיקל פלייש.

איר שפּילט זיך עפּעס מיט דער גוטהאַרציגקייט פון די זאַטע!...

ביי די אַריינגאַנגען אין די קראָמען איז א געדראַנג, אינווייניג איז קיין שפּילקע ניט דורכצוּוואַרפן, עס זענען אָנגעשטעלט עקסטרא „העלפּ“, די געשעפטן גייען גלענצנד — דער ערב־קריסטמעס־גייסט איז זייער א גוטע סגולה צו ביזנעס. ניט אומזיסט באַמיען זיך אַזוי די קרעמער, אַז פון יעדן ווינקל זאָל אַרויסשרייען זייער קרעמערישער צוזאָג: „פּיס אָן אוירט גוד וויל טו מען“.

וואָס האָט די ווערט א צוזאָג פון א קרעמער?

וואָס האָט די ווערט די „מענטשן־ליבע“ פון די, וועלכע שטעלן פּראָפיטן העכער פון מענטשישע לעבנס?

מיט פרייד ציט מען אונטער יעדן אָוונט דעם סך־הכל פון א טאָג לייזונג און מ׳רייבט זיך די הענט פון פאַרגעניגן — די געשעפטן גייען גלענצנד. אויף די סקווערן אין די צענטרען פון די גרויסע שטעט באַגיסט מען מיט קאָלירטער ליכט ריזיגע אויסגעצאַצקעטע בוימער און מ׳קוויקט זיך מיט דעם אייגענעם דערפאָלג און מ׳טרומיי־

טערט וועגן דער „ליבע צו מענטשן".

— זאָל זיין „שלום", זאָל זיין „ליבע", וועמען אַרט עס? וואָס וועט אַ קרעמער ניט צוזאָגן, אַבי פּרנסה? איז דאָס אַ פאַלשער צוזאָג — טאָ איז וואָס? — אַ קרעמער האָט פאַר באַנקראָט ניט קיין מורא!

די פאַרטרעטער פון די קרעמער און פון די פאַבריקאַנטן זיצן אין די געזעץ-פאַבריקן און פירן דורך געזעצן געגן שלום; די פאַרטרעטער פון די געלט-זעק שמידן אַלץ מער און וואָפן פאַר קריג; די פאַרטרעטער פון די קורח'ס פאַרכלינען זיך אַזש פון דעם אימפּעט, מיט וועלכן זיי ווילן שטופּן אַלץ נענטער און נענטער צו אַ בלוט-באָד; אין דעם נאָמען און אין די אינטערעסן פון ביזנעס און פון פּראָפיט בויט מען קריגס-שיפן, גרייט מען אָן סובמארינען, פאַבריצירט מען טייוולש-טויטנדע כעמישע שטאָפן, פאַרגרעסערט מען אַלץ מער און מער די צאָל עראָפּלאַנען, שטעלט מען אַלץ מער און מער סאָלדאַטן אונטער'ן ביקס, און די מאַסן נאַרט מען מיט דעם קריסטמעס גייסט און מיט פאַרשפּרעכונגען פון שלום אויף דער וועלט.

די באַלאַנסן פון די גרויסע קאָרפּאָריישאָנס ווערן אַלץ מער געשוואָלן, די באַראָנען פון דער אינדוסטריע און די פּרינצן פון האַנדל שאַרן אַריין ביליאָנען, און די לאַגע פון די, וואָס שאַפן די פאַרמעגנס, ווערט אַלץ ערגער. מיליאָנען אַרבעטער שקלאַפן פאַר אַ הונגער-לוין, מיליאָנען לעבן — לויט די באַריכטן פון דעם רעגירונגס-דעפּאַרטמענט פון אַרבעט — „נידעריגער פון דער ליניע פון אַנשטענדיגער עקזיסטענץ", מיליאָנען דרייען זיך אַרום אַרבעטס-לאָז און גייען אויס פון הונגער, נאָר די קרעמער ווילן פאַרשיטן די אויגן מיט זאַמד און זיי ווילן די הונגעריגע אָפּנאַרן מיט אַ טשאַריטי מאַלצייט און מיט די גלעקלאַך פון דער סאַלוויישאָן אַרמי.

די קרעמער רעדן ניט אומזיסט וועגן „מענטשן ליבע".

עס וואָלט געווען צום לאַכן, ווען עס וואָלט ניט געווען אַזוי טרויעריג!

* * *

אין דעם גרויסן דעפּאַרטמענט סטאָר איז אַ געדראַנג זיך ניט דורכצושטופּן, נאָר אַפילו אָט די אַלע צוזאַמענגעדריקטע מענטשן,

וואָס האָבן דאַכט זיך קיין צייט ניט זיך אַרומקוקן אַרום זיך, האָבן אַלע אָנגעשטעלט זייערע אויגן צו אַ טיש, אַרום וועלכן עס איז געשטאַנען זייער אַן אָרים געקליידעטע פרוי און דריי יונגע אינגלאַך. די פּאַרקויפערינס זענען אויך געבליבן שטיין אויף אַ מינוט און אַלע האָבן באַטראַכט דאָס בילד ווי די דריי אינגלאַך האָבן געקליבן פון צווישן דעם באַרג פּרויען-זאַקן, וואָס זענען געווען אָנגעוואָרפן אויפ'ן טיש, און האָבן אַלע מאָל געוויזן אַן אַנדער פּאָר דער אָרימער פרוי, וואָס איז, ווייזט אויס, געווען זייער מוטער.

צווישן די דריי אינגלאַך האָט זיך ספּעציעל געוואָרפן אין די אויגן דער קלענסטער, אַ בחור'ל מיט אַ קאָפּ רויטע האָר און מיט אַ גרויסער גערעטעניש פון שפּרענקלאַך אויפ'ן פּנים. ער איז אונטער-געשפּרונגען, ער האָט געפּאַטשט בראַוואָ, די אויגלאַך האָבן ביי אים געגלאַנצט פון פרייד:

—דיז וואָן, מאָדער, דיז וואָן — איטס פּריטי! (אָט די, מאַמע, אָט די, זע ווי שיין!)

— נאָ, טייק דיז וואָן (ניין, נעם אָט די פּאָר), — שלאָגט אים איבער דער עלטערער פון די אינגלאַך.

די פרוי שטייט אַ פאַרלאָרענע צווישן די דריי קינדער און ווייסט ניט וועמען פון זיי פריער צופרידנשטעלן. דערפאַר ווערט צווישן די קינדער אַ קריגערייַ און דער רויט-האָריגער פּאַרשוין צע-שרייט זיך:

— אַי געיוו מאָר דען יו, אַי געיוו פאָר ביטס. (איך האָב געגעבן מער, ווי דו; איך האָב געגעבן פופציג סענט).

— זאָל זיין גענוג, — בעט זיך ביי זיי די מוטער, און זי פּילט זיך נאָך מער פאַרלאָרן, ווען זי באַמערקט, אַז הונדערטער אויגן קוקן אויף איר. איר מאַנטל איז זיכער ניט פון דעם יאָרהונדערט און דאָס שטיקעלע היטעלע, וואָס זי טראָגט אויפ'ן קאָפּ, דאַרף גיכער אַריינגעשטעלט ווערן אין אַ מוזיי פון פאַרצייטיגע מאָדעס, איידער זיך געפינען אויף אַ פרויען-קאָפּ.

דער עולם אַרום ווערט געדיכטער און אַלע זענען נייגעריג צו זען ווי אַזוי די דריי קינדער, וואָס לעבן ערגעץ מסתמא אין אַ קעלער, וואָס ליידן גרויס נויט, האָבן באַשלאָסן דערפרייען די אָרימע

מאמע מיט אַ מתנה לכבוד קריסטמעס. זאָל די אָרימע פרוי כאָטש איינמאָל אין יאָר אָנטאָן אַ פּאָר זאָקן אויף אירע פיס, די קינדער ווילן כאָטש איינמאָל זאָל זייער אָרימע מאַמע האָבן עפּעס אַ שטיקל פאַרגעניגן.

טאָ קלינגט זשע העכער, גלעקלאַך, טאָ פינקלט העלער, קריסט־מעס ליכטלאַך, און באַרימט זיך מיט „מענטשן־ליבע"!

* * *

עס איז שאַ שטיל אין קאָלאָראַדאָ ספּרינגס. רואיק ליגט זיך דאָס שיינע, אויסגעפּוצטע שטעטעלע — איצט איז אויסער סעזאָן און קיין סך באַזוכער זענען דאָ איצט ניטאָ. די ברייטע גאַסן וואַרטן אויף די טוריסטן, וואָס קומען אַהער פון אַלע עקן לאַנד.

אויסגעפּוצט שטייען די קראָמען, גרייט זענען די האָטעלן צו באַגעגענען די, וואָס קומען אַהער זיך אויסרוען פון ניט־אַרבעטן.

— סאַראָ רייכטום דאָ איז אויף יעדן טריט, — זאָג איך צו מיין באַגלייטער, — סאַראָ לוקסוס דאָ איז אָנגעגרייט פאַר די רייכע.

— וואָס ווייסט איר, — זאָגט ער, — פון דעם, וואָס דאָ איז פאַר די רייכע צוגעגרייט! אָט וועלן מיר באַלד אומיסטן צופאָרן צו אַ האָטעל, וואָס איז איינער פון די רייכסטע אין דער וועלט, — וועט איר דעמאָלט זען וואָס רייכטום הייסט.

דער וועג לויפט דורך שניי־באַדעקטע פעלדער; פון דערווייטנס שפּיגלען זיך אין דער זון די הויכע ראָקי מאָונטיינס; דאָ און דאָרט שטייט אַ רחבות'דיגער פּאַלאַץ, און מיין באַגלייטער אינפאָרמירט מיר, אַז דאָ וואוינט די און די מיליאָנערשע; דאָ וואוינט דער און דער באַקאַנטער אינדוסטריאַליסט; דאָ וואוינט אין אַ פּאַלאַץ פון 40 צימערן אַ פרוי מיט דריי הינטלאַך; דאָ אין אַ פּאַלאַץ, וואָס האָט אָפּגעקאָסט דריי מיליאָן דאָלאַר, וואוינט אַן אלמנה מיט אַ קליין טעכטערל; דאָ וואוינט אין אַ פּאַלאַץ פון 60 צימערן אַן אַלטער בחור, וועלכער געפינט זיך מערסטנס אין פּאַריז און וועלכער קומט אַהער בלויז אויף אַ פּאָר חדשים אין יאָר; דאָ האָלט מען אין פאַרענדיגן אַ פּאַלאַץ פאַר אַ ניו־יאָרקער מאַגנאַט און מ'האָט פון איטאַליע געבראַכט קינסטלער, וועלכע וועלן באַזאָרגן די דעקאָראַציעס פון דער וואוינונג, און אַזוי נאָך און נאָך פּאַלאַצן און פּאַלאַצן און

רייכטום אָן א גרעניץ.

צווישן צוויי שורות בוימער לויפט דער וועג, וואָס ברענגט צו דעם האָטעל, אויף וועלכן עס איז טאַקע כדאי ספּעציעל צו קומען אַ קוק צו טאָן. אזא לוקסוס קען מען זיך ניט פאָרשטעלן, סיידן מ'זעט דאָס מיט די אייגענע אויגן. דאָ איז אַלץ באַזאָרגט פאַר די, ביי וועמען געלט שפּילט קיין ראָל ניט, אבי זיי קריגן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע.

לאַקייען אין באַגילדעטע ליווריען עפענען פאַר אייך די טירן און באַטש מ'זעט איר זענט ניט קיין קאַסטימער און אַז איר וועט דאָ גאָר ניט געבן צו לייזן, אַז איר זענט בלויז אַ באַבאָבאַכטער, וואָס איז געקומען אַ קוק טאָן און אָנעקגיין, פונדעסטוועגן שטייט מען גרייט אייך צו דינען און צו ווייזן אַלץ און צו ענטפערן אייך אויף אַלע אייערע פראַגן.

אַזוי איז דער אָנשטעל, אַזוי האַנדלט מען, ווייל מ'וויל ווייזן פאַר דער וועלט, אַז דאָ איז פאַר יעדן איינעם דאָ אַן העפלאַך וואָרט און אַז פאַר יעדן איינעם שטייט מען דאָ אויף די שפּיץ פינגער.

אַ גרוישלאָזער עלעווייטאָר, אין וועלכן עס איז אויסגעשפּרייט אַ טייערער טעפּיך, פירט אייך אַרויף אויף דעם אויבערשטן שטאָק, וואו עס געפינען זיך די „רעקריאיישאָן"-זאַלן. דאָ געפינט זיך אַ זאַל צום לעזן, אַ זאַל צו שפּילן קאַרטן, אַ זאַל צו פירן געשפּרעכן, אַ זאַל צו שפּילן גאָלף מיט אַ קינסטלאַכן גאָלף-פעלד, אַן אָפענער גאָרטן מיט פאָנטאַנען און מיט זעלטענע בלומען, אַ ווינטער-זאַל פאַר די, וואָס ווילן זיצן אַ פאַר שעה אין דער אַטמאָספערע פון אַ וואַרימען צימער פון אַ מיליאָנערסקער וואוינונג אין די קאַלטע קענעדער נעגנטן, אַ זון-פאַרלאָר, וואָס איז פאַרגאָסן מיט ליכט, און אַ זאַל מיט געשמאַקפול-אויסגעשטעלטע שרייב-טישלאַך אויף צו שרייבן בריוו.

די אַלע זאַלן זענען זייער רייך אויסגעשטאַטעט. יעדער זאַל איז מעבלירט אַזוי, אַז עס זאָל האַרמאָנירן מיט דעם צוועק, פאַר וועלכן דער צימער דאַרף באַנוצט ווערן.

אין דעם זאַל פאַר גאָלף-שפּילן זענען דאָ אַ סך פלאַנצן, די געפלאָכטענע ביינקלאַך און בלומען-טעפּ זענען געפאַרבט גרין און

דער גאַנצער צימער מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַלייע אין אַ פּאַרק. דער זון-באַגאָסענער זון-פּאַרלאָר איז אויסגעמעבלירט מיט זאַכן פון בלענדענדער ווייסקייט. אין יעדן זאַל איז דאָ עפּעס אַ באַזונדער חידוש — אָדער אַ זעלטענע קונסט-בילד, אָדער אַ טייערע שטיקל צירונג אונטער זיבן שלעסער און אונטער אַ גלעזערנער דעק, אָדער אַ זעלטענער טעפּיך, אָדער אַ פּאַרצייטיגער קאָסטבאַרער מלבוש אין אַ גלעזערנעם שראַנק.

די זאַלן זענען זייער הויך און די מענטשן קוקן דאָ אויס זייער נידעריג.

פון דעם האָזיגן פּראַכטפולן עטאַזש לאָזן מיר זיך אַראָפּ מיט די מראַמאָרנע טרעפּ דורך די קאָרידאָרן, וואָס זענען אויסגעפּוצט מיט קאָסטבאַרער מאָזאַאיק, צו דעם ווינקל פון דער געביידע, וואָס איז באַזאָרגט מיט אַ שווים-פּלאַץ. דאָ ווערט די וואַסער געטריבן דורך אַ מאַשין, וואָס רייניגט זי מיט פּיאָלעטן-שטראַלן און דערפאַר איז אין דעם גרויסן קאַכלנעם שווים-פּלאַץ די וואַסער אַזוי קלאָר, אַז עס דאַכט זיך, אַז דאָס איז ניט קיין וואַסער, נאָר אַז עס איז דאָ דורכגעצויגן אַ צודעק פון זייער אַ דינער זייד.

מיר גייען פאַרביי דעם רייך-אויסגעשטאַטעטן באַרבער-שאַפּ; מיר גייען פאַרביי לעבן דעם שיינעם צימער, וואו מ'פּרעסט די קליידער פון די רייכע געסט. מיר באַטראַכטן נאָכאַמאָל דעם רייכן אַריינגאַנג, וואָס איז אויסגעשטאַטעט אַזוי, אַז ער זאָל אויסדריקן דעם כאַראַקטער פון דעם גאַנצן פּאַלאַץ-האָטעל, און מיר גייען צוריק אין דער וועלט, וועלכע גרילצט מיט אירע געשרייען פון שלום און מענטשן-ליבע און וואו עס איז דאָ אַזוי פיל נויט און אַזוי פיל האַס.

אויף דעם וועג צוריק ווייזט מיר מיין באַגלייטער אָן אויף אַ שטיבל און זאָגט אַזוי: אָט דאָ איז ערשט די טעג פאָרגעקומען זייער אַן אינטערעסאַנטער פאַל. דאָ האָט געוואוינט אַן אַלטער מאַן, וועלכער האָט געהאַט אַ שטיקל פאַרמעגן און וואָס האָט זיין געלט געהיט ווי אַ הונט אַ ביין. ער איז קראַנק געוואָרן און מ'האָט אים צוגענומען אין האָספּיטאַל. ער איז פּאַראַליזירט געוואָרן אויף דעם דריטן טאָג פון זיין קראַנקהייט און ווען זיין פרוי איז געקומען אים באַזוכן, האָט די נוירס געוואָלט איר געבן אַ טרייסט, אַז עס איז

נאך מיט דעם אלטן ניט אזוי שלים.

— הי וויל בי אלרייט, — האט זי אנגעהויבן טרייסטן די פרוי פון דעם אלטן.

— אי וואנט נאט הי שוד בי אלרייט, — האט די אלטע זיך צעשריען, — אלד מען טו סיק, הים בעטער דאי.

זי האט אויך געהאט „מענטשן-ליבע“, זי איז אויך געווען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון קריסטמעס.

פונקט ווי אלע קרעמער און אלע געלט-זעק!

* * *

עס טאנצן פאר די אויגן די בילדער פון די שניי-באדעקטע בערג און די ברייטע גאסן אין דעם שטילן קאלאראדא-ספרינגס. עס טראגן זיך דורך פאר די אויגן די בילדער פון די זאלן אין דעם פאלאץ-האטעל. די ליבע שפילערין עריקא מאריני פארהגייט זיך אויף איר פידעלע אין דער זיסער מעלאדיע פון איר „וואלס סענטימענטאל“ און עס פאסט זיך אזוי אהער ניט אריין דער קלאנג פון די ווערטער, פון וועלכע דו קענסט זיך ניט באפרייען:

— אי וואנט נאט הי שוד בי אלרייט.

עס איז קריסטמעס באלד, עס ליגט אויף אלץ צעגאסן דער קריסטמעס-גייסט און אומעטום דאס זעלבע.

„פיס אן אוירט, גוד וויל טו מען“.

שפיל, ליבע עריקא מאריני, שפיל אויף דיין פידעלע, פארזיס כאטש דו אויף א מינוט די ביטערע ווירקלאכקייט!

* * *

צענדליגער שטונדן אין די באנען — מוז מען באגעגענען פארשידענערליי פארשוינען. עס גייט דורך א גאנצע גאלעריע פון זיי. אט זענען א פאר: מיט א צעבראשטשעטער ברוסט, מיט א צעשויבערטער קאפ האר וואלגערט זיך אריין אין וואגאן א גרויסער פארשוין. ער איז שכור, נאר ער ווייסט וואס ער רעדט. ער זעצט זיך צו לעבן מיר און דערציילט, אז ער ארבעט דא ניט ווייט מיט א גענג, וואס בויט א טונעל. ער דערציילט מיט שטאלץ, אז ער איז שוין 76 יאר אלט און ער איז נאך פונדעסטוועגן געזינטער פון א סך אינגערע.

— דאָס בעסטע אין לעבן איז אַ גוט ביסל בראַנפן, — זאָגט ער מיט אַ טשמאַק מיט די ליפּן, — אַ לחיים אַלע טאָג איז אַ חיות אין די ביינער.

דערווייל קלייבט זיך צוזאַמען אַן עולם אַרום אונז און דער אַלטער הויבט אָן דערציילן אַנעקדאָטן. דער עולם קייקלט זיך פון געלעכטער. ער דערציילט אויך, אַז ער איז באַשעפטיגט ביי צושטעלן צו די אינזשענירן בראַנפן און פּרויען, מ׳שיקט אים אויך אַ גאַנג אין דעם דערבייאיגן שטעטל, וואו ער דאַרף קויפן אַ פּעקל סיגאַרעטן, אויספּרעסן אַ קאָסטיום און אַזוי ווייטער. דער 76-יאָריגער אַלטער, וואָס איז געוואָרן אַ שיק-אינגל, שטשירעט מיט די פוילע ציין און דערציילט אַנעקדאָט נאָך אַנעקדאָט, נאָר מיט אַמאָל צעוויינט ער זיך און, טרייסלענדיג זיך מיט זיין גרויסן קערפּער, צערעוועט ער זיך ווי אַ געקוילעטער:

— אַ מכה מיר אין די זייטן, אויף וואָס איך גיב אָפּ מיינע אַלטע יאָרן? משקה צושטעלן צו די שנעקעס, און פּרויען זיי ברענגען ביינאַכט? אַלטער חזיר וואָס איך בין! אין מיטן גאָס דאַרף איך זיך אוועקלייגן און שטאַרבן. ווער דאַרף מיך האָבן אויף דער וועלט? אויף וואָס לעב איך דאָ? אַלטער שכור וואָס איך בין!

מ׳צערוקט זיך אַלע און מ׳וויל ניט שטיין נאָענט לעבן דעם אַלטן, וואָס שרייט אויס שכור׳ערהייט דאָס, וואָס דריקט אים אַלע מאָל און וואָס פאָדערט אַן ענטפער.

פאַרוואָס ווערט אַזוי אומזיניג דערנידעריגט און צעטראָטן אַ מענטש?

* * *

פּאָרט ווער פאַר פאַרגעניגן, פּאָרט ווער מיט קרובים יום-טוב צו פאַרברענגען און פּאָרט ווער ווייל צרות טרייבן אים.

עס זיצט לעבן מיר אַ יונגערמאַן און מיר צערעדן זיך — ער פּאָרט, ווייל מ׳האָט אים אין מיטן דער נאַכט אַרויסגערופן אויף שנעל צו קומען זיך זען מיט זיין אַלטן טאַטן, וועלכער איז קראַנק געוואָרן אויף דער „פּלו“.

— ווער ווייסט צי איך וועל אים נאָך טרעפן? — פרעגט ער זיך אַליין מיט אַ זיפץ.

ווייטער אַביסל אין וואַגאָן ציען צו מיין אויפמערקזאַמקייט צוויי פּאַסאַזשירן — אַן עלטערע פרוי און אַ מיטל־יאָריגער מאַן, וועלכער באַדינט די פרוי ווי אַ מאַמען. איך געפין אַן אויסרייד מיט זיי צו פאַרפירן אַ געשפּרעך. דער מאַן זאָגט מיר:

— אַי העוו מאַי בראָדער אין דים טריין. (מיין ברודער איז דאָ אויף דער באַן.)

איך פרעג אים, וואָס מיינט דאָס, אַז ער האָט זיין ברודער דאָ אויף דער באַן, ענטפערט ער, אַז דאָ, אין אַ פראַכט־וואַגאָן פירט ער זיין ברודער'ס קערפער. ער איז געשטאָרבן פון דער „פלו". די פרוי דאָ איז די מוטער. זיי פירן דעם טויטן אהיים פון אַ ווייטער שטאָט, וואו די קראַנקהייט האָט אים געכאַפּט.

אָט זיצט זיך שטיל אין אַ ווינקעלע אַ סלאַוו. איך מעג שווערן, אַז ער איז אַן אוקראַינער פּויער. אַמעריקע האָט ניט באַוויזן פון אים זיין אָפּשטאַמונג אָפּצומעקן. עס גייט צו אים צו דער קאָנ־דוקטאָר און לויט די ענטפערס, וואָס ער גיט, זע איך פון ווייטנס, אַז ער קען זיך ניט אויס'טענה'ן מיט דעם גראָב־בייכיגן קאָנדוקטאָר. איך זעץ זיך צו צו אים און ער דערפרייט זיך זייער, אַז אימיצער וויל וויסן וויפיל שטונדן ער פאָרט שוין, וויפיל יאָר ער איז שוין אין אַמעריקע, ביי וואָס ער איז באַשעפטיגט און וויפיל ער פאַר־דינט.

ער וואוינט אין בעיאָן, נוי דזשוירזי. דאָרט אַרבעט ער שוין 24 יאָר צייט אין אַ שטאָל־פאַבריק, און אין אַלע יאָרן האָט ער אויסער דער איצטיגער רייזע נאָך קיינמאָל פריער ניט געהאַט קיין געלעגנהייט ערגעץ צו פאָרן. איצט פאָרט ער פון אַ באַזוך ביי אַ ברודער אין שיקאַגאָ.

פאַרדינען פאַרדינט ער איינגאַנצן 36 סענט אַ שטונדע, און מיט דעם דאַרף ער אויסהאַלטן אַ פאַמיליע פון אַכט מענטשן.

— בעד, באַי־גאַלי, וועריִ בעד, נאָ מאַטש מאָני, באַי־גאַלי, — קלאָגט ער זיך. — וואָרק מאַטש, באַי־גאַלי, ענד מאָני נאָ מאַטש (אַ סך אַרבעט, נאָר באַצאָלט קריגט מען זייער ווייניג).

איך פרעג אים, ווי לעבט זיך זיין ברודער אין שיקאַגאָ. ענט־פערט ער אויף דער שפּראַך, וואָס אַמעריקע האָט אים אין די 24 יאָר

צייט געגעבן:

— וועדי מאטש בעד דעיר, אָ, וועדי מאטש. בעיאָן בעד, שיקאַגאָ מאָר מאַטש בעד, באַי-גאַלי. (דאָרט איז גאַנץ שלעכט. אין בעיאָן אין שלעכט, אין שיקאַגאָ איז נאָך פיל ערגער.)

ער באַמיט זיך מיר צו דערקלערן אויף דער מאָגערער שפּראַך זיינער, אַז אין בעיאָן איז צרות, נאָר צו די צרות פון שיקאַגאָ קומט עס ניט. און ער ווייסט ניט, אַז אַזוי איז אויך פאַר מיליאָנען אַרבעטער ניט נאָר אין בעיאָן און ניט נאָר אין שיקאַגאָ, נאָר אומעטום און אַפילו פאַר אַרבעטער, וואָס זענען דאָ געבוירענע, און וואָס האַלטן זיך פאַר גרעסערע יחסנים.

איך פרעג אים, ווי ער הייסט, און איך זאָג אים, אַז איך וועל שרייבן וועגן אונזער געשפּרעך; איך זאָג אים, אַז איך וועל דער-ציילן וועגן אים און וועגן זיין ברודער. ער זאָגט מיר, אַז מ׳רופט אים דזשים, און ער פאַרענדיגט:

— יעס, באַי-גאַלי, בעד — מאַטש בעד, באַי-גאַלי! (יאָ, עס איז ביטער, זייער ביטער, כ׳לעבן).

דזשים, דער שטאָל-אַרבעטער, זיצט לעבן מיר און דערציילט אויף זיין אומבאַהאָלפענער שפּראַך דעם ביטערן אמת, און אין דער זעלבער צייט הוידען זיך די טראַנספּאַראַנטן, און פון זייערע אויס-געצאַצקעטע און אויסגעגירלאַנדעטע אויפשריפטן, און פון די שויי-פענסטער, און פון די גלעקלאַך שרייט-אַרויס דער ליגן:

„פּיס אָן אוירט, גוד וויל טו מען“...

צווישן די קרבנות פון שווינדזוכט

יאָגט זיך דער אויטאָמאָביל איבער די גלאַנצנדיגע אַספאַלט־וועגן פון קאַליפאָרניע, און מיינע באַגלייטער האַלטן אין איין ספעקולירן, צי וועט מען אין לאָס אַנדזשעלעסער סאַניטאַריום קענען אַריינקומען, אָדער ניט.

אין שטאַט איז אַ מגפה פון אינפלוענציע. עס טראָגן זיך קלאַנגען, אַז די קראַנקהייט האָט אַוועקגעלייגט אַרום פופציג טויזנט מענטשן. עס איז ניטאָ קיין הויז, וואו עמיצער איז ניט קראַנק אויף דער „פלו". די שולן זענען פאַרמאַכט. עס זענען אויסגע־האַנגען געוואָרן וואָרנונגען, אַז מען זאָל צו קיין מיטינגען און אין די קירכן ניט גיין; מען זאָל זען אויסמיידן פלעצער, וואו עס זענען פאַרזאַמלט אַ סך מענטשן; מ'זאָל צודעקן דאָס מויל, ווען מ'הוסט; מ'זאָל זען העלפן, אַז די קראַנקהייט זאָל זיך ניט פאַרשפּרייטן נאָך מער, ווי ביז איצט.

די אָרטיגע צייטונגען פאָלגן נאָך די אָנגענומענע סיסטעם פון פאַרשווייגן יעדע זאַך, וואָס קען נאָך, חלילה, אָפּשרעקן דעם טוריסט. איר געפינט אין די צייטונגען אפילו קיין וואָרט ניט וועגן דעם, אַז אין שטאָט איז דאָ אַ מגפה. בלויז אין איין קליינער צייטונג איז געווען אין עטלאַכע שורות דערמאָנט, אַז די צאָל פון די „פלו"־קראַנקע פאַרגרעסערט זיך.

אַלס אַ פאַרזיכערונגס־מיטל האָט דער שווינדזוכט־סאַנאַטאָריום דערקלערט אַ שטרענגן קאַראַנטין, און קיין זייטיגע באַזוכער, אפילו די קרובים פון די קראַנקע, ווערן ניט אַריינגעלאָזן אויף דער טערי־טאָריע פון דעם וועלטל פון שווינדזיכטיגע.

— אפשר וועלן זיי פאַר אייך מאַכן אַן אויסנאַם, — טרייסטן מיך מיינע באַגלייטער, — זיי וועלן דאָך זיכער וועלן, אַז איר זאָלט דער וועלט דערציילן וועגן דעם סאַנאַטאָריום.

זיי האָבן קיין טעות ניט געהאַט — מ'האָט געמאַכט אַן אויסנאַם און מ'האָט מיר גערן געגעבן די מעגלאַכקייט זיך צו באַקענען מיט אַט-דעם וועלטל פון פאַרצווייפלונג און האָפנונג.

עס איז שוין געווען פאַרנאַכט-צו, ווען מיר זענען צוגעפאָרן צו די טויערן פון סאַנאַטאָריום. אויף דעם גרויסן הויף איז געווען שטיל. די פּאַציענטן זענען געווען אין זייערע וואוינונגען. און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז קיין לעבעדיגער מענטש איז דאָ אין ערגעץ ניטאָ. פּלוצלונג האָב איך דערהערט ווי עמיצער האָט אָנגערופן מיין נאָמען, און באַלד פון אַ צווייטער זייט הויף אויך דאָס זעלבע. אין אַ מינוט אַרום בין איך שוין געווען אַרומגערינגלט מיט עטלאַכע קראַנקע, וועלכע זענען אַהער געקומען פון ניו יאָרק צו פאַרלאַטען זייערע לונגען, וואָס זענען ביי דער אַרבעט צעלעכערט געוואָרן.

זיי האָבן זיך אַזוי דערפרייט מיט דער געלעגנהייט אָפּצונעמען אַ גרוס פון דעם קאַמף, וואָס איז זיי אַזוי נאָענט. עס איז געווען רירנד צו זען ווי אָט־די קרבנות פון דער גרויס־שטאָט, פילע פון וועלכע זענען זייער ערנסט-קראַנק, אינטערעסירן זיך אַזוי שטאַרק מיט יעדער איינצלהייט פון דעם גרויסן קאַמף, אין וועלכן זיי האָבן ניט לאַנג צוריק אַליין אָנטייל גענומען.

מיט לויכטנדיגע אויגן האָבן זיי גענומען זיך דערפרעגן וועגן יעדן באַזונדערן ווינקל פון דער באַוועגונג; וועגן דעם, וואָס עס מאַכט דער און דער טוער; וועגן דעם, וואָס עס הערט זיך אין דער „פרייהייט“; וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. זיי ווילן זיך אַליין פאַרטומלען מיט זייערע פראַגן און פאַרגעסן כאָטש אויף אַ מינוט זייער שווידערלאַכע אויספרעסנדיגע קראַנקהייט. אין זייערע בליאַסקענדיגע אויגן איז אָבער דאָ עפּעס אַזאַ אומנאַטיר־לאַכעס, די פאַרב אין זייערע באַקן איז עפּעס אַזוי פייערדיג-רויט, אַז דו קענסט אויף אַ מינוט ניט פאַרגעסן, אַז דאָ שטייען זייער ערנסטע קראַנקע.

איך ענטפער אויף זייערע פראַגן. איך ענטפער אַזוי, אַז אין מיין טאָן זאָל זיך ניט פילן דער ווייטאָג, וואָס האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ, און עס זאָל זיך ניט אָפּשפּיגלען אפילו קיין סימן פון דעם געפיל, וואָס פאָדערט אויסצושרייען אַ פלוך צו דער וועלט,

וואָס שאַפט אַזעלכע לײדן צוליב דעם, אַז געצײלטע זאָלן אויפ'ן חשבון פון ארבעטער־לעבנס זיך אָנשטאָפּן מיט גרויסע פּראָפיטן. איך געזעגן זיך מיט די קראַנקע און אײל זיך אין אָפיס פון דעם סופּער־אינטענדענט — אינגאַנצן איז מיר פאַרבליבן ניט מער ווי אַרום צוויי שעה צייט ביז מיין באַן וועט מיך אָפפירן ווייטער צו דער שטאָט ביי דעם „גאָלדענעם טויער" — צו סאַן־פראַנציסקאָ.

דער העפלאַכער דאָקטאָר פּאָלאַק, דער סופּעראינטענדענט פון סאַנאַטאָריום, האָט זיך גענומען גענוי און אויספירלאַך מיר דערציילן וועגן דער געשיכטע פון דעם האָספּיטאַל; וועגן דעם, ווי די קראַנקע ווערן דאָ באַהאַנדלט; וועגן דעם, ווי גרויס עס איז די שטערב־לאַכקייט; וועגן דער צאָל פון די, וואָס היילן זיך אויס און קערן זיך אום צוריק צו דער גרויסער וועלט.

איך נעם אים פאַרוואַרפן מיט פראַגן: וואָס איז דער סאָציאַ־לער באַשטאַנד פון די קראַנקע? קומען זיי מערסטנס פון גרויסע שטעט, אָדער פון קלענערע שטעטלאַך? ביי וועלכע ארבעטן זענען געווען באַשעפטיגט די מערסטע פון די קראַנקע? וואָס איז דער עלטער פון די פּאַציענטן? וואָס איז זייער געמיט־צושטאַנד? ווי לעבן זיי צווישן זיך? פילן זיי זיך ניט דערנידעריגט פון דעם, וואָס זיי זענען אין אַן אומזיסטן אַנשטאַלט?

דער דאָקטאָר ענטפערט מיר גערן אויף מיינע פראַגן. ער זעט צו וואָס איך ציל, און ער פאַרשטייט אויף וואָס איך פרעג זיך נאָך. ער גיט צו, אַז די מערסטע קראַנקע קומען פון די גרויסע שטעט, אַז די מערסטע זענען געווען באַשעפטיגט ביי שלעכט־באַצאָלטע ארבעטן, אַז די מערסטע זענען קראַנק אַלס אַ דירעקטער רעזולטאַט פון די ארבעטס־באַדינגונגען אונטער דער איצטיגער סיסטעם פון שווידערלאַכער עקספּלואַטאַציע. ער פרואווט מיך פאַרזיכערן, אַז אַלץ ווערט דאָ געטאָן, כדי די קראַנקע זאָלן ניט פילן, אַז זיי קריגן טשאַריטי; ער פאַרזיכערט מיך, אַז די באַהאַנדלונג איז זייער אַ פריינטלאַכע, און אַז אַלץ ווערט געטאָן צו מאַכן דאָס לעבן פון די קראַנקע אַזוי ליכטיג, ווי נאָר מעגלאַך. פאַר די, וואָס פילן זיך אַביסל שטאַרקער, זענען אָרגאַניזירט קלאַסן, וואו זיי קענען לערנען פאַרשידענע געגנשטאַנדן; עס איז דאָ אַ דרוקעריי, וואו געוועזענע

פּאַציענטן אַרבעטן איצט און פאַרדינען אויף זייער לעבן; עס ווערן אויך פון צייט צו צייט אָרגאַניזירט פאַרוויילונגען פאַר די קראַנקע.

— איר דאַרפט ניט פאַרגעסן, — רופט אויס דר. פּאָלאַק, — אַז איך אַליין בין געווען קראַנק אויף טובערקולאָז און איך ווייס, וואָס דער פּאַציענט פילט און לעבט איבער.

ער איז גרייט נאָך מער צו דערציילן וועגן דעם אַנשטאַלט, וואָס איז אים זייער טייער, נאָר איך באַדאַנק אים און בעט אים, ער זאָל מיר ווייזן די פאַרשידענע געביידעס פון דעם סאַנאַטאָריום, ווייל מיין צייט איז באַגרעניצט, און איך וויל ניט אָוועקפאָרן, איידער איך האָב געזען יעדע באַזונדערע געביידע און איידער איך האָב געזען וואו די קראַנקע עסן, וואו זיי שלאָפן, ווי זיי פאַרוויילן און ווי עס קוקט אויס דער גאַנצער סאַנאַטאָריום.

ער נעמט זיין הוט, און מיר גייען אַרויס אין הויף אַריין. עס איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט. נאָר ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען, אַרויסגייענדיג מיט דעם דאָקטאָר, האָב איך געטראָפן די פריער-דיגע באַקאַנטע נאָך אַלץ אויף דעם פּלאַץ, וואו איך האָב זיי איבער-געלאָזט. זיי האָבן געוואָלט נאָך אַמאָל אַ רעד-טאָן מיט אַ מענטשן, וואָס קומט פון דער ווייט; זיי האָבן געוואָלט נאָך אַמאָל פילן די באַרירונג מיט דער אויסערלאַבער גרויסער וועלט, וואו מ׳גייט, מ׳לויפט, מ׳לעבט און מ׳קעמפט.

צווישן זיי געפינט זיך אויך אַ חבר, וועלכער איז אין די טעג ערב די וואַלן אַראָפּ פון קראַנקן בעט און איז אַוועק צו רעדן אין די שטאָטישע גאַסן פאַר די קאַנדידאַטן פון אַרבעטער־קלאַס. אָפּט האָט ער פאַר זיינע רעדעס און טאַקע בשעת ער האָט די רעדעס געהאַלטן געצאָלט מיט נייע און נייע שטראָמען בלוט פון זיינע קראַנקע לונגען.

דער דאָקטאָר האָט גוטמוטיג זיי דערמאָנט, אַז עס וואָלט געווען בעסער, זיי זאָלן איצט ניט זיין אין דרויסן. נאָר ווען זיי האָבן אים דערקלערט, אַז דאָס האָבן זיי געוואַרט אויף מיר, האָט ער צו זיי אַ שמייכל געטאָן און איז מיט מיר אַוועק מיך באַקענען מיט זיין קעניגרייך.

מיר זענען געגאַנגען פון געביידע צו געביידע. דאָ זענען די

עס-צימערן, דאָ זענען די פּלעצער פאַר קראַנקע, וועלכע מוזן ליגן אין בעט, דאָ איז דער האָספּיטאַל, דאָ איז אַ דענטאַל-דעפּאַרטמענט, דאָ איז אַ לאָונדרי, דאָ איז די פּרויען-אָפּטיילונג דאָ וואוינען די נוירסעס און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער. אַלץ איז איינגעאָרדענט אויף דעם בעסטן אופן. נאָר דער דאָקטאָר פאַרזיכערט מיך, אַז מען דאַרף האָבן אַ סך אויסבעסערונגען — מ'דאַרף גרעסער מאַכן דעם האָספּיטאַל, מ'מוז פאַרגרעסערן דעם דענטאַל-דעפּאַרטמענט און נאָך, און נאָך אויסבעסערונגען.

איך געזעגן זיך מיט אים, באַדאַנק אים פאַר זיין פריינטלאַכער אויפנאַמע און פאַרזיכער אים, אַז איך וועל וועגן דעם סאַנאַטאָריום שרייבן.

* * *

איז דורכגעלאָפן אַ שטיקל צייט. דאָס אויג האָט זיך ניט געקענט זאַט-אָנקוקן אויף דער פּראַכט פון קאַליפאָרניע. עס זענען דורכגעלאָפן געשלענגלטע וועגן אַרום די בערג, וואָס ליגן צווישן סאַן-פראַנציסקאָ און פּעטאַלומאַ; עס האָט דאָס אויג זיך זאַט ניט געקענט אָנקוקן אויף דער שיינקייט פון די וואַסערן ביי דער „גאָלדן-געיט"; עס איז פאַר די אויגן פאַרבייגעגאַנגען דער גרויסער וואונדער פון זיין מיטאָג-צייט אין סאַקראַמענטאָ און שוין צוויי שעה שפּעטער געפינען זיך צווישן געדיכטע וועלדער, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט זעקס פוס שניי. און דאָס איז נאָך אַלץ געווען קאַליפאָרניע, נאָך אַלץ דאָס צויבער-ווינקל, וואָס פאַרמאָגט אַזוי פיל שיינקייט, אַז עס איז גאָר אוממעגלאַך אַלץ צו זען און אַלץ צו באַשרייבן.

האָט די באַן זיך דורכגעטראָגן דורך נעוואַדאַ, יוטאַ, קאָלאָראַדאָ, האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף דעם טענעסי פּעס, וואָס איז צען טויזנט פוס הויך, און האָט זיך אַריינגעשניטן אין די שמאָלע קאָרידאָרן צווישן די גראַניט-פעלזן פון די ריזיגע „ראָקי-מאָונטעינס"; איז די באַן שטיין געבליבן אין דעם ראָיעל-גאָרדזש צו געבן אַ געלעגנהייט די פּאַסאַזשירן צו באַטראַכטן די שיינקייט פון אָט-דעם ווינקל, פון וועלכן עס פאַרכאַפּט אַזש דער אָטעם.

עס איז אַוועק אַן אומפאַרגעסלאַכער טאָג צווישן די צעבוואַליעטע שניי-באַדעקטע בערג-הורבעס אַרום קאָלאָראַדאָ-ספּרינגס; עס

זענען פאַר דעם אויג דורכגעגאַנגען די וואונדער פון דעם „גאַרדן אָוו די גאָדס“, „סעווען פאָלס“ און „די קייוו אָוו די ווינדס“. יאָגט מיט אימפּעט זיך דער אויטאָמאָביל צוריק קיין דענווער. דער טאָג איז נאָך ניט פאַרענדיגט. היינט דאַרף מען נאָך אָפּשטאַטן אַ וויזיט אין דעם סאַנאַטאָריום פון דער דזשואיש קאָנסאָמפּטיוו רעליף סאָסייעטי. אויך דאָ איז אַ שטרענגער קאַראַנטין צוליב דער „פלו“ און אויך אַהער לאָזט מען איצט קיינעם ניט אַריין. נאָר פאַר אַ גאַסט האָט מען אויך דאָ געמאַכט אַן אויסנאַם און מ'האָט געשיקט אַן איינלאַדונג — קומען באַזוכן דעם סאַנאַטאָריום.

עס קלינגט דער טעלעפאָן, מ'רופט פון סאַנאַטאָריום — אַ פרוי, וואָס האָט שוין דעם טאָג צוויי מאָל טעלעפאָנירט, בעט מ'זאָל איר לאָזן ריידן צו מיר.

— ווען איר דאָ זיכער באַלד זיין? — פרעגט די פרויען־שטימע, — איך האָב געהערט, אַז איר פאָרט נאָך היינט אָוונט אַוועק. אויב איר וועט דאָ ניט קענען זיין באַלד, וועל איך קומען צו אייך זיך זען מיט אייך.

— ווי רופט מען אייך? — פרעג איך, — פאַרוואָס דאַרפט איר מיך אומבאַדינגט זען?

— איך וויל אייך מיין נאָמען ניט זאָגן, איר קענט מיך גוט. ווען איר דאָ זיין? — פרעגט די אומבאַקאַנטע שטימע, אין וועלכער ס'הערט זיך אַ ציטער.

איך פאַרזיכער איר, אַז אַזוי שנעל, ווי עס וועט קומען דער חבר, וועלכער דאַרף מיך צופירן צום סאַנאַטאָריום, וועל איך מיט אים קומען אַהין.

דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט און אין פאַרנאַכטיגן גרוי איז דער וועג, וואָס פירט פון דענווער צום סאַנאַטאָריום. געווען עפּעס אַזוי לאַנג, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז אַ זייער ווייטער מהלך, כאָטש דער סאַנאַטאָריום איז זייער נאָענט פון שטאָט.

— אָט־דאָ פאָרן מיר באַלד דורך די סעמעטערי, וואו דוד עדעלשטאַדט'ס קבר געפינט זיך, — אינפאָרמירט מיר מיין באַגלייטער.

— איר זאָלט זיך דאָרט אָפּשטעלן, — בעט איך אים, — איך

וויל צוגיין צום קבר.

ער פארשטייט ניט, פארוואס איך באשטיי אויף מיין פארלאנג, נאר פונדעסטוועגן גיט ער מיר נאך, און ער און די אנדערע צוויי חברים, וואס פארן מיט אונז, פאלגן מיר נאך אויף דעם וועג צום גרויסן אייזערנעם טויער. זיי פאלגן נאך מיין ביישפיל און אנט-בלויזן די קעפ ביי דער מצבה מיט דעם בילד פון דעם בלאסן לענג-לאכן געזיכט, וואס האט באלאנגט צו דעם פאעט, וועלכער איז אוועק פון דער וועלט יונגערהייט, און וועלכער האט דא, אויף די בערג פון קאלאראדא, הוסטנדיג מיט בלוט, ניט פארלוירן זיין גלויבן, אז דער אונטערדריקטער ארבעטער וועט סוף כל סוף אויפהויבן זיין קאפ, וועט אויסגלייכן זיין רוקן, וועט אראפוואַרפן פון זיך די קייטן פון שקלאפעריי און וועט אויפבויען א נייע וועלט.

אין דער טונקלקייט פון דער צופאלנדיגער נאכט דארף מען זיך אנשטרענגען צו קענען לייענען די ווערטער פון דעם פאעט'ס צוואה, וואס איז אויסגעקריצט אויף דער מצבה. נאר ווען דו לייענסט שוין איינמאל איבער די ווערטער און דעם פארלאנג, אז מען זאל דעם, וואס האט געזונגען פאר די ארימע און אונטערדרריקטע, איינ־וויקלען נאך זיין טויט אין א רויטער פאן, ווייזט זיך דיר אויס, אז די ווערטער האבן אנגעהויבן אדויסלויכטן פון דעם קאלטן שטיין, פונקט ווי מען וואלט דארט הינטער זיי ליכט אנגעצונדן.

„א, גוטער פריינט, ווען איך וועל שטארבן,
טראג צו מיין קבר אונזער פאן,
די פרייע פאן מיט די רויטע פארבן,
באשפריצט מיט בלוט פון ארבעטס־מאן.

און דארט אונטער דעם פלאג, דעם רויטן
זינגט מיר מיין ליד, מיין פרייע ליד,
מיין ליד אין קאמף, וואס קלינגט ווי קייטן,
פון דעם פארשקלאפטן קריסט און איד.

אויך אין מיין קבר וועל איך הערן
מיין פרייעס ליד, מיין שטורם ליד,

אונ דאָרט וועל איך פאַרגיסן טרערן
פאַר דעם פאַרשקלאַפטן קריסט און איד.

און ווען איך הער די שווערדן קלינגען
אין לעצטן קאַמף פון בלוט און שמערץ,
צום פאָלק וועל איך פון קבר זינגען
און וועל באַגייסטערן זיין האַרץ.״

מיין באַגלייטער דערמאָנט מיך, אז מיר דאַרפן נאָך זיין אין סאַנאַטאָריום. איך בויג אָן דעם קאָפּ און טרעט אָפּ פון דעם קבר, וואו עס ליגט אַ קרבן פון קאָנסאַמפּשאָן, און לאָז זיך אַרויס אויפ׳ן וועג צו דעם פּלאַץ, וואו עס זענען דאָ אַזוי פיל ליידנדיגע קרבנות פון דער זעלבער קראַנקהייט.

דער סאָשל-דירעקטאָר פון דעם סאַנאַטאָריום דערציילט מיר וועגן די פאַרוויילונגען, וואָס ווערן אָרגאַניזירט פאַר די קראַנקע. מ׳באַקענט מיך מיט די פאַרשידענע געביידעם פון דעם סאַנאַטאָריום. מ׳ווייזט מיר די גרויסע קראַפט-סטאַנציע, וואָס דער סאַנאַטאָריום פאַרמאָגט. מ׳פירט מיך אין דעם גרויסן עס-צימער, וואו די פּאַציענטן עסן. מ׳ווייזט מיר די קיך, וואו די שפּייזן פאַר די קראַנקע ווערן צוגעגרייט. דאָס אַלץ איז מיר זייער אינטערעסאַנט. דאָ זעט מען אַזוי פיל זאָרג פאַר דעם, אז די, וועמען די גרויסע שטעט און די פאַרברעכערישע סיסטעם פון עקספּלואַטאַציע האָבן צעלעכערט די לונגען, זאָלן — אויב נאָר מעגלאַך — קומען צוריק צו זיך.

איך באַטראַכט אַלץ מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, נאָר עס לאָזט ניט אָפּ דער נייגיר שוין שנעלער צו וויסן צו וועמען האָט באַלאַנגט אָט-די ציטערנדיגע פרויען-שטימע, וואָס האָט אַזוי דרינגענד געבעטן, אז איך זאָל קומען און זיך זעען מיט דער, צו וועמען די שטימע באַלאַנגט.

אין עס-צימער זענען נאָך אַרום אַ העלפט פון די טישן געווען באַזעצט. אַ סך פּאַציענטן האָבן אָפּגעגעסן שנעלער און זענען שוין אַוועק אין זייערע באַנגעלאָך. מיין אויג לויפט-אַרום איבער די געזיכטער פון די, וואָס געפינען זיך דאָ, נאָר איך זע ניט קיין

איין באקאנט געזיכט. מיין נייגיר שטייגט נאך מער — די מיסטע-ריע פון דער אומבאקאנטער שטימע הויבט-אן צו פאראינטריגירן. פון עס־צימער גייען מיר אריבער אין אוידיטאריום (סאלאריום — זאל פון זון, ווי זיי רופן דעם אוידיטאריום), וואו עס וועלן היינט געוויזן ווערן מואווי-בילדער, און וואו איך וועל דארפן האלטן א רעדע פאר די פאציענטן.

דער פריינטלאכער סאשעל-דירעקטאר האלט פונקט אין דער-ציילן עפעס א דעטאל פון דעם לעבן פון די קראנקע, ווען איך דערזע פלוצלונג א באקאנט געזיכט. זיינע ווערטער האקן זיך מיטאמאל אפ — ער האט דערקענט אויף מיר, אז מיין הארץ איז מיר איינ־געפאלן.

דער ערשטער אימפולס איז געווען אויסצושרייען:

— איז דאס מעגלאך, אז אויך דו ביסט שוין געפאלן א קרבן פון אט־דער שוידערלאכער קראנקהייט?!

עס האט זיך ניט געגלויבט, אז אט-די שיינע בלום, אט־דאס יונגע, שיינע געזיכט, אט-די יונגע, לעבעדיגע חבר׳טע, וועלכע איז ערשט געווען דער צענטער פון אזוי פיל יוגנטלאכער, ברויזנדיגער פרייד, אט-די שטיפערישע, לאכנדיגע, טאנצנדיגע און זינגענדיגע חבר׳טע איז שוין א קרבן פון טובערקולאז-ווערים, וואס צעטאטשען אירע לונגען.

נאר דער געשריי, וואס האט זיך געריסן פון הארצן, איז פון די ליפן ניט אראפ. די יונגע חבר׳טע איז מיט אן אראפגעלאזטן קאפ שוין געווען גאר נאענט.

— איר האט זיכער ניט דערווארט מ י ך דא צו טרעפן, — האט זי שטיל, ווי אין עפעס א שולדיגע, ארויסגעזאגט, דערלאנגענדיג מיר איר האנט. זי האט געוואוסט, ווי אומגלויבלאך עס וועט צו מיר אויסקוקן דאס, וואס זי געפינט זיך דא, און דערפאר האט זי אזוי באטאנט דאס ווארט „מיך".

זי האט מיר דערציילט, ווי אזוי זי איז קראנק געווארן, ווי אזוי זי האט קראנקערהייט נאך אלץ געארבעט אין שאפ, און ווי די דאקטוירים האבן איר ענדלאך דערציילט דעם אמת וועגן איר קראנקהייט.

דערווייל האָט דער גאַנצער עולם זיך שוין פאַרזאַמלט, און איך האָב געדאַרפט זיך שטעלן צו זיי ריידן.

פאַר די אויגן איז געשטאַנען דאָס געזיכט פון דער יונגער אַרבעטערין; אין די אויערן האָט געקלונגען איר ווענדונג: „איר האָט זיכער ניט דערוואַרט מיך דאָ צו טרעפן"; אַרום און אַרום זענען געווען אַזוי פיל נייגעריגע געזיכטער פון אַרבעטער, וועלכע האָבן, ווי מיין באַקאַנטע, אויך געוויס געהאַט צו דערציילן אַ געשיכטע פון נויט און פון שווערער פּראַצע און פון צעוויטאַגטע הערצער פון נאָענטע און ליבע, מיט וועמען מ'האָט זיך צעשיידט, איידער מ'איז אַהער געקומען. איך האָב דערפילט, אַז דאָ פאָדערן זיך עפּעס אַנדערע רייד, ניט אַזעלכע, ווי געוויינלאַך; נאָר גיי שריי אויס אין דער אַנוועזנהייט פון אָט־די אומגליקלאַכע דאָס, וואָס עס רייסט זיך ביי דיר פון הארצן אַרויס. ניין, דאָס קען מען דאָך ניט.

— טייערע, ליבע חברים, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, — האָב איך זיך צו זיי געווענדט, — איך בין ערשט דורכגעפאָרן דאָס גאַנצע לאַנד. איך וועל אייך פון דעם גרויסן לאַנד אַ גרוס אָפּגעבן.

עס האָבן אויפגעלויכטן די אויגן, אַלע האָבן מיט גרויס אינטערעס זיך צוגעהערט. און איך האָב זיי דערציילט וועגן דער פּראַכט פון אַמעריקע, מיט וועלכער אַזוי ווייניג פון אירע מיליאָנען איינוואוינער זענען באַקאַנט. איך האָב זיי געפירט איבער די צויבערווינקלען פון פלאָרידאַ; דערציילט זיי וועגן דעם יאַפּאַנעזישן גאָרטן אין סאַן־אַנטאָניאָ; וועגן די יאָרהונדערט־אַלטע מיסיאָנערישע האַלבצעשטערטע פּאַלאַצן־פעסטונגען, וועלכע מ'ווייזט איצט נייגעריגע טוריסטן פאַר אַ פּאָר גראָשן. איך האָב פּרובירט זיי איבערגעבן דאָס, וואָס מ'לעבט איבער, דורכשניידנדיג די גרויסע מדבריות פון אַריזאָנאַ, און איך האָב פּרובירט עפּענען פאַר זיי אַ בילד פון דער זון־באַגאָסענער סטאַנציע יומאַ, וואָס געפינט זיך אינמיטן פון די זאַמדיגע פּלאַכן, און וואו די גרויסע צעשוואומענע אינדיאַנערקעס זיצן מיט די פיס פאַרלייגט אונטער זיך און פאַרקויפן צו די פאַרבייפאָרער זייערע גלעזערנע צאַצקעס. איך האָב זיי דערציילט וועגן דער פּראַכט פון אַ זונען־אויפגאַנג, וואָס מ'זעט פון דעם מאַונט־

ווילסאָן אין קאַליפאָרניע — אַ פּראַכט, צוליב וועלכער עס לוינט זיך אָפּצוגעבן אַ האַלבע נאַכט שלאָף, און צוליב וועלכער עס לוינט זיך אַרויפצודראַפּען זיך די זיבן־טויזנט־פוסיגע הויכקייט. דעם זון-באַגאַסענעם אינזל קאַטאַלינאַ האָב איך זיי פאַרגעשטעלט און דערציילט זיי וועגן דעם אונטערוואַסער-גאָרטן, וואָס מ'זעט דאָרטן פון דעם שיפל, מיט דער גלעזערנער דעק. פון די וועגן קיין פעטאַלומאַ און פון „גאָלדן-געיט"-פּאַרק אין סאַן־פראַנציסקאָ האָב איך זיי דערציילט. וועגן דעם טעמפּל פון די מאָרמאָנען און וועגן דעם ריזיגן „סאָלט לעיק" האָב איך זיי איבערגעגעבן מיינע איינדרוקן און זיי דערציילט וועגן דעם, ווי דאָס האַרץ פילט זיך אָן מיט פרייד, און ווי דו ווערסט שיכור פון דער שיינקייט, וואָס דו זעסט אומעטום אין דער גרויסער, רייכער אַמעריקע.

נאָר דאָס איז דאָך בלויז איין זייט פון דעם מעדאַל. די צווייטע זייט איז שרייענדיגע נויט, נאַקעטע אָרימקייט, שווארצע אין די מיליאָנען, וואָס לעבן אין חורבות און וואָס שטאַרבן אויס ווי די פליגן; מעקסיקאַנער, וואָס לעבן ערגער, ווי אין שטאַלן; אַרבעטס-לאָזע און בעטלער אויף די גאַסן פון די גרויסע שטעט; שווידער-לאַכע סלאַמס, מיליאָנען אַרבעטער, וואָס פאַרצעווען פאַר אַ הונגער-לוין, — און דאָס אַלץ אין דעם רייכסטן לאַנד אין דער וועלט.

דעם אויספיר האָב איך דאָך שוין ניט געדאַרפט מאַכן; דעם ענטפער האָב איך שוין ניט געדאַרפט געבן, אַז פאַר די לעבנס פון די, וואָס זענען דאָ פאַרזאַמלט, איז פאַראַנטוואָרטלאַך אָט־דער משוגענער פּלאַנטער, אָט־דער צושטאַנד פון פאַרברעכערישע, שרייענדיגע קאָנ־טראַסטן. צו די, וואָס זענען אַליין געפאַלן קרבנות פון אָט-דעם משוגענעם פּלאַנטער, האָב איך דאָך שוין מער גאָרניט ניט געדאַרפט זאָגן. דאָס איז פאַר יעדן איינעם פון מיינע צוהערער געווען גאַנץ קלאָר. איך האָב זיך מיט זיי צעזעגנט, און אַזוי פיל אויפגעלויכטענע אויגן האָבן מיך מיט דאַנקבאַרקייט באַגלייט צום טיר...

ביים אַרויסגאַנג איז געשטאַנען מיין באַקאַנטע און האָט גע-וואַרט מיט מיר זיך צו געזעגענען. זי האָט מיר שטאַרק געדריקט די האַנט און באַדאַנקט פאַר מיינע רייד.

האָט זי געפילט, אַז איך האָב גערעדט אונטער דעם איינדרוק,

וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט איר אַנוועזנהייט דאָ? האָט זי געפילט, אַז די גאַנצע צייט, בשעת איך האָב געזוכט אַרויסצובריינגען די קאָנטראַסטן פון דעם לעבן אין דער רייכער אַמעריקע, האָב איך געהאַט אין זינען איר יונג לעבן, וואָס איז אַזוי אומ׳רחמנות׳דיג צעטראָטן געוואָרן?

דאַכט זיך, אַז זי האָט דאָס פאַרשטאַנען. די צוויי גרויסע טרערן, וואָס האָבן זיך אין אירע בליאַסקענדיגע אויגן באַוויזן, האָבן, דאַכט זיך, אויף דעם עדות געזאָגט.

— זייט געזונט, ליבע חבר׳טע, ווערט געזונט, — האָב איך געזאָגט. נאָר די ווערטער זענען ניט געווען גענוג אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָס עס האָט זיך געוואָלט זאָגן, און דאָס, וואָס עס האָט זיך געוואָלט אויסשרייען.

— דערלויבט מיר, חבר׳טע, אייך אַ קוש צו טאָן אייער האַנט,— האָב איך ווידער געזאָגט.

זי האָט ווידער אַמאָל, ווי ביי אירע ערשטע ווערטער, אַראָפּ־געלאָזט איר קאָפּ; צוויי גרויסע טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט אויף איר געזיכט און, זיך שטאַרקנדיג, האָט זי מיך באַגלייט מיט די ווערטער:

— זעצט פאַר דעם קאַמף, מיר דאַרפן קעמפן פאַר אונזער אידעאַל.

מיין באַגלייטער האָט אויפ׳ן הויף מיר נאָך געגעבן דערקלערונ־גען וועגן דעם, אַז די קראַנקע דאָ פירן־אָן זייער אייגענע קאָאָפּעראַ־טיווע קראָם, אַז דאָ איז דאָ אַ פּאָסט-אָפּיס אויפ׳ן נאָמען פון דעם באַליבטן, ניט לאַנג פאַרשטאָרבענעם דר. ספּיוואַק. ער האָט דער־ציילט נאָך אַ סך איינצלהייטן וועגן דעם סאַנאַטאָריום, נאָר איך האָב קוים זיך געקענט איינהערן, וואָס ער האָט צו מיר גערעדט. פאַר מיינע אויגן איז געשטאַנען דאָס געזיכט פון דער יונגער חבר׳טע, די צוויי בליאַסקענדיגע טרערן אין אירע אויגן, און אין מיינע אויערן האָבן געקלונגען אירע לעצטע ווערטער: „קעמפן פאַר אונזער אידעאַל“...

טראַך... טראַך... — קלאַפּן ריטמיש די רעדער פון דער באַן. אין דער געדיכטער פינסטערניש, דורך וועלכער עס טראָגט

זיך דער באַלויכטענער מאַנסטער, זענען אָפּגעמעקט די קאָנטורן פון די בערג און פון די שטעטלאַך, דורך וועלכע מיר לויפן פאַרביי, נאָר ווי אַ באַלויכטענע מיט טויזנטער ליכט, שטראַלט ארויס פון דער פינסטערניש די יונגע חבר׳טע און עס שיינען ארויס די צוויי בליאַס־קענדיגע טרערן אין אירע גרויסע אויגן, און אין דעם טאַקט פון די רעדער פלעכט זיך אריין דער עכאָ פון די ווערטער:

— קעמפן פאַר אונזער אידעאַל... קעמפן פאַר אונזער אידעאַל... טראַך... טראַך... קעמפן פאַר אונזער אידעאַל...

סאַנטאַ ראָזאַ און סאַנטאַ קאַטאַלינאַ.

סאַנטאַ ראָזאַ איז אַ גאַס; סאַנטאַ קאַטאַלינאַ איז אַן אינזל. צווישן זיי ליגט אַ שטח פֿון ארום אָנדערהאַלבן טויזנט מייל, נאָר עס דאַכט זיך, אַז זיי זענען גאָר ענג פֿאַרבונדן צווישן זיך. די גאַס געפֿינט זיך אין די קוואַרטאַלן פֿון דער מעקסיקאַנישער אָרימקייט אין סאַן-אַנטאָניאָ; דער אינזל געפֿינט זיך אין די וואַסערן פֿון פּאַסיפֿיק ביי די ברעגן פֿון קאַליפֿאָרניע.

גייט איר זעען די מערקווירדיגקייטן פֿון סאַן-אַנטאָניאָ, טאָרט איר ניט דורכלאָזן די סאַנטאַ ראָזאַ גאַס; פּאָרט איר זעען די מערקווירדיגקייטן פֿון דעם „גאָלדענעם שטאַט“, מוזט איר אומבאַ-דינגט זעען דעם סאַנטאַ קאַטאַלינאַ אינזל.

אין די אָפֿיציעלע פּאַמפֿלעטן פֿון די טשעמבערס אָוו קאָמערס, פֿון די טוריסטן-געזעלשאַפֿטן און אַזוי ווייטער וועט מען די סאַנטאַ ראָזאַ ניט דערמאָנען. דערפֿאַר אָבער בארימט מען זיך גאָר אַ סך מיט דער סאַנטאַ קאַטאַלינאַ. ביי די פֿאָלעס שלעפּט מען אייך ממש, ווען איר זענט אין קאַליפֿאָרניע, איר זאָלט פֿאָרן אַ קוק טאָן אויף דעם אינזל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פֿון דער „הייליגער קאַטאַלינאַ“. די גאַס אָבער, וואָס טראָגט דעם נאָמען פֿון דער „הייליגער ראָזאַ“, זוכט מען מיט אַלע מעגלאַכקייטן ניט צו דערמאָנען.

ווען אַלץ וועט מען אייך אין סאַן-אַנטאָניאָ דערמאָנען — ווען די אַלטע חורבות פֿון פֿאַרצייטיגע מיסיאָנערסקע געביידעס, וואָס איר קענט פֿאַר עטלאַכע גראָשנס באַטראַכטן, ווען דעם פּראַכטפֿולן סיוויק אודיטאָריום, מיט וועלכן סאַן-אַנטאָניאָ מעג זיך טאַקע בארימען, ווען דעם יאַפּאַנעזישן גאָרטן, וואָס איז אַ שטיקל צויבער-ווינקל, געמאַכט דורך מענטשישע הענט, ווען די „פֿאַבריקן“ פֿון טאַמאַלעס, וואו גאַנצע טעג שטייען פֿרויען און פּאַטשן קיכעלאַך, צוגרייטנדיג די קוקורוזע-לאַטקעס, וואָס זענען כמעט די

איינציגע שפייז פון דער אָרימקייט. זייט זיכער, אַז מ׳וועט אייך דערמאָנען גיין אַ קוק טאָן אויף די דאָזיגע נידעריגע קברים־שטיבלאַך, וואו עס איז אַלעמאָל אַ רויך דערשטיקט צו ווערן, און וואו פרויען, וואָס זענען דאָ גרוי געוואָרן פאַר דער צייט, און וואו יונגע מיידלאַך, וואָס טראָגן שוין צייכנס פון איינגעקאָרטשעטער אַלטקייט אין זייער געזיכט, שטייען לאַנגע שטונדן איינגעבויגן איבער די קלעצער, אויף וועלכע זיי קנעטן זייער קוקורוזע־מעל טייג. זייט זיכער, אַז מ׳וועט אייך אומבאַדינגט פירן אין דעם פּראַכטפול־אויסגעשטאַטעטן מעקסי־קאַנישן טעאַטער, אַז מ׳וועט אייך ווייזן די ניי־אויסגעברייטערטע קוואַרטאַלן פון סאַן־אַנטאָניאָ און מ׳וועט אייך דערציילן, אַז דאָ האָט מען אַרונטערגעריסן אַזוי פיל און אַזוי פיל הייזער, אַזוי פיל און אַזוי פיל קראָמען, אַז עס האָט אָפּגעקאָסט אַזוי פיל און אַזוי פיל געלט, נאָר וועגן סאַנטאַ ראָזאַ וועט מען זיך ניט איילן אייך דערמאָנען.

סאַנטאַ קאַטאַלינאַ לויבט מען אין הימל אַריין, סאַנטאַ ראָזאַ זוכט מען צו פאַרשווייגן.

וואָס איז דאָס פאַר אַן אונטערשיד צווישן זיי ביידן?
מיט וואָס האָט זיך איין „הייליגע" צו אַזאַ זכות דערדינט?
מיט וואָס האָט אַ צווייטע „הייליגע" זיך אַזוי פאַרשולדיגט?
גייט און גיט אַ קוק און איר וועט קריגן אייער ענטפער.

גראָם און שיין איז אויף דעם גרויסן דאַמפער, וואָס פאָרט פון לאָס אַנדזשעלעס צו דעם סאַנטאַ קאַטאַלינאַ אינזל. די שיף גליטשט זיך אַרויס פון דעם קינסטלאַכן קאַנאַל, וואָס שלענגלט זיך אַרום די ריזיגע האַפנס, און איר ווילט עס זאָל שוין וואָס גיכער אַנטשווינגן ווערן דער „גאַיד", וואָס דערציילט אייך אויף זיין גלייכגילטיג־קאַזיאָנעם לשון, אַז דאָ איז דער גרעסטער האַפן אין דער וועלט, אַז ער קאָסט אַזוי פיל און אַזוי פיל מיליאָנען, אַז פון דאַנען ווערט עקספּאָרטירט מער געהילץ, ווי פון וועלכן ניט איז אַנדער האַפן אין דער וועלט, אַז פון דאַנען ווערט יערלאַך עקספּאָרטירט אַזוי פיל און אַזוי פיל אויל, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

זאָל ער שוין אויפהערן — וואָס זשומעט ער דאָ?

די שיף גליטשט זיך אַריין אין די גרינע וואַסערן פון פּאַסיפיק,

וואָס מאַכן דעם איינדרוק פון צעשמאָלצן גלאָז. עס טראָגן זיך נאָך די טשאַטעס ים-פויגלען, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ אַט גאָר-גאָר נידעריג צום דעק און כאַפּן די אָפּגעשיילטע ניסלאַך, וואָס די פּאַסאַזשירן וואַרפן זיי צו. אַט גיט זיך די גאַנצע מחנה פויגלען אַ הויב, צעיאָגט זיך און דרייט זיך אין צירקלען און מאַכט אַלערליי קונצן אין דער לופט. די זון האָט אָנגעגליט די לופט, וואָס רירט זיך ניט; פון ווייטנס הוידען זיך שיפן-מאַנסטערס און די פּאַסאַזשירן קוקן דורך בינאָקלען און קוויקן זיך, ווען זיי גיט זיך איין צו דערזעען פון דער ווייט דעם נאָמען פון דעם ריז.

דער פּאַסיפיק איז איצט ניט שטורמיג, נאָר אינגאַנצן רואיג איז ער אויך ניט — ער בלאָזט זיך און סאַפּעט אונטער ווי אַ גיגאַנט, וואָס איז אַנטשלאָפן געוואָרן. די שיף וויגט זיך; אַט בויגט זי זיך צו ביז דעם סאַמע ראַנד פון דער צווייטער דעק און אַט בויגט זי זיך פּאַמעלאַך אַריבער ווייט, ווייט אויף צוריק.

פון ווייטנס שניידן זיך אַרויס די קאָנטורן פון פעלזן, און מיר דערנעענטערן זיך צו דעם קאַטאַלינאַ אינזל.

צווישן די פאַלדן פון די בערג, הויך אויף די שפּיצן פון די פעלזן, צוגעטוליעט צו די זייטן פון משופּע׳דיגע בערג זענען צעוואָרפן אַ צאָל פּאַלאַצן, וואָס זענען באַגאָסן מיט אַ בלענדענדער זילבער-ליכט, און צו וועלכער עס איז, דאַכט זיך, גאָר קיין צוטריט ניטאָ.

— אַט דאָרט איז טאָם מיקס׳עס הויז, — גיט פרייוויליג אינפאָרמאַציע אַ געזונטער, הויכער שיף-אַרבעטער, וועלכער נעמט זיך פאַרוואַרפן די שטריק, וואָס וועט די שיף צובינדן צום אייזערנעם סלופּ אין דעם האַפן.

— און וואו איז ריגלי׳ס הויז? — פרעגן די נייגעריגע פּאַסאַזשירן, וואָס ווילן שוין גיכער דערזעען דעם פּאַלאַץ פון דעם קעניג פון קיי-שפּיי, צו וועמען דער דאָזיגער אינזל באַלאַנגט.

דער באַרעדעוודיגער שיף-אַרבעטער ווייזט-אָן ריגלי׳ס גרויסע רויטע געביידע, וואָס איז באַהאַלטן צווישן די בערג, און ער דערקלערט אויך צו וועמען עס באַלאַנגען די אַנדערע ווייסע און ראָזעווע שטיבלאַך, וואָס זעען זיך פון ווייטנס אַרויס.

עס איז דעצעמבער. אין דער דאָזיגער צייט פון יאָר איז אויף

קאטאלינא זייער שטיל. קיין סך טוריסטן קומען ניט איצט אהער, ווייל דאָס איז ניט דער טוריסטן-סעזאָן אין קאליפאָרניע; די מערסטע געשעפטן אויף דעם אינזל זענען געשלאָסן, נאָר מיך אַרט עס ניט, פאַרקערט, איך בין נאָך גאָר צופרידן מיט דעם — איצט, ווען עס איז דאָ ניט אזוי טומלדיג, וועל איך בעסער קענען זיך ארומקוקן אויף דעם אין זון-איינגעטונקענעם אינזל. אזוי פיל זון איז, דאכט זיך, אין ערגעץ אין דער וועלט ניטאָ. עס דאכט זיך, אז ניט איין זון, נאָר צענדליגער זונען גיסן אהער זייערע ליכט-שטראַלן אויף אָט-דעם בארגיגן אינזל.

עס דערהערט זיך דאָס העווען פון אן עראָפּלאַן-מאָטאָר און ווי א ריזיגער פויגל דערנעענטערט זיך דער עראָפּלאַן, וואָס פירט פּאסאַזשירן פון לאָס אנדזשעלעס צו קאטאלינא און צוריק.

קיין סך צייט דאָ צו שטיין איז ניטאָ. עס פייפט עקשנות׳דיג דאָס פייפל פון דעם שיפל מיט דער גלעזערנער דעק און מ׳מוז זיך אונטעראיילן ניט צו פארשפעטיגן צו זען די וואונדער פון דעם אונטערוואסער-גאָרטן.

הויך ציען זיך די שטאמען פון די פלאנצן אונטער׳ן וואסער, און זייערע בלעטער גליטשן זיך דורך איבער דער גלעזערנער פלאך פון דעם שיפל; עס באווייזן זיך גאנצע מחנות פיש פון די משונה׳דיגסטע פאָרמען, און באלד באווייזט זיך דער טויכער מיט אן אָפן מויל; עס באווייזן זיך די פעלזן אונטער׳ן וואסער, און אויף זיי ליגן אויסגעצויגן די פיש, וואָס קוקן אוים ווי באנאנעס. דאָס פייפל גיט א פייף, און דאָס שיפל בלייבט שטיין — מ׳דארף ארויסגיין.

משופּע׳דיג לויפן די וועגן אין די בערג פון סאנטא קאטאלינא, און עס איז אזוי גוט דאָ צו שפאנען אלץ העכער און העכער, ארייננאָטעמען אין זיך די אומענדלאכע רחבות׳דיגקייט און פילן די אָנגענעמע ווארימקייט פון דער אָנגעגליטער לופט. ערשט, ווען מ׳קומט צו נאָענט צו די פאלאצן, קען מען זען וואָס דאָ איז פאר א רייכטום אנגעגרייט פאר די, וואָס קומען אמאָל אהער אויף עטלאכע וואָכן, פאר די, וואָס האָבן אין אנדערע טיילן פון לאנד אויך גענוג פאלאצן.

פון די שפּיצן בערג פון די חנ׳עוודיגע שטיבלאך קוקן אוים אזוי שפילעוודיג די וועגן, וואָס שלענגלען זיך און ווערן פארשוואונדן;

פון דער הויך און צווישן די פּאַלאַצן קוקט אויס אַזוי פאַר׳כשופ׳ט דאָס צעשמאָלצענע גלאָז פון דעם ריז־אָקעאַן און אין דער הויך דאָ איז אַזוי שטיל, אַז עס דאַכט זיך, אַז אַלץ איז פאַרגליווערט געוואָרן.

עס הערט זיך דער סיגנאַל, וואָס רופט צוריק צו דער שיף, צוריק צו דער טומלדיגער וועלט. פון די זייטן בערג קייקלען זיך אַראָפּ שטיקלאַך ערד און שטיינדלאַך, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייער אָנהאַלט, און דאָס שטילע געוויש, וואָס זיי מאַכן, שטרייכט נאָך מער אונטער די גרויסע שטילקייט, וואָס עס הערשט דאָ.

די שיף איז שוין גרייט אָפּצופאָרן; אויף דעם האַפן־בריק זיצן זעקס שפּילער און זיי באַגלייטן די געסט מיט מוזיק. ווען די שיף רירט זיך, הויבן זיך די מוזיקאַנטן אויף, און, גייענדיג, שפּילן זיי נאָך אַלץ. זיי קומען צו ביז דעם סאַמע ראַנד פון׳ם בריק און זיי הערן ניט אויף צו שפּילן אַ לאַנגע צייט. ווען זייערע טענער זענען שוין קוים דערהערבאַר, צעגיסט זיך פּלוצלונג דאָס שפּילן פון דער זעלבער מעלאָדיע פון ערגעץ דאָ גאָר נאָענט — דאָס האָט דער אָרקעסטער פון שיף אונטערגעכאַפּט דאָס שפּילן. אויף אַ מינוט האָבן זיך צונויפגעגאָסן די קלאַנגען פון ביידע אָרקעסטרען — די קוים־קוים דערגרייכנדיגע טענער פון דעם אָרקעסטער אויפ׳ן ברעג און די הויכע טענער פון דעם אָרקעסטער אויף דער שיף. ס׳איז דאָ עפּעס פאַרכאַפּנדיגס אין דעם צוזאַמענגום פון די צוויי כוואַליעס קלאַנגען.

די זון הויבט זיך אָן צו זעצן אויף דער צווייטער זייט פון קאַטאַלינאַ אינזל. זי איז איין שטיק פייער. בשעת איין טייל פון די בערג איז שוין אינגאַנצן איינגעהילט אין פאַרנאַכטיגן שאָטן, איז נאָך דער פייערדיגער קוגל אינגאַנצן ניט פאַרשוואונדן און ער צינדט נאָך אָן פלאַמען אין די פענסטער פון אַ סך פּאַלאַצן.

אַרום דער שיף דרייען זיך ווידער די טשאַטעס ים־פויגלען און פאַרהילכן די לופט מיט זייער קראַ... קראַ... קראַ...

די זון זעצט זיך אַלץ נידעריגער און אָט איז שוין פון איר געבליבן בלויז אַן אָנדענק אין די צעזייטע וואָלקנדלאַך, וואָס זענען געוואָרן פון דער נאָר־וואָס פאַרשוואונדענער זון רויט געפאַרבט.

די נאַכט פאַלט צו; דער ים בלאָזט זיך; די שיף הוידעט זיך;

מיר דערווייטערן זיך אלץ מער און מער פונ׳ם אינזל פון רייכטום און וואוילטאג און מיר גליטשן זיך שוין פארביי דעם קאנאל אויף דעם וועג צו לאס אנדזשעלעס מיט איר שיינקייט, מיט איר מיאוס-קייט, מיט איר רייכטום און מיט איר ארימקייט.

* * *

צו סאנטא קאטאלינא פארט מען בייטאג, צו סאנטא ראזא גייט מען ביינאכט.

עס איז אויך געווען אין דעצעמבער. א מילדער זומער-אוונט איז דעמאלט געווען. מיר און טויער זענען אפן אין סאן-אנטאניא. פון די ארימע שטיבלאך טראגט זיך די מוזיק פון גראמאפאנען. אין די הויפן, וואו עס דריקט זיך די ארימקייט אין קליינע קעמער-לאך, זיצן אלע אויף די פריזבעס, און עס איז א געמיש פון קולות. פרויען, קינדער, אלטע לייט — אלע גראגערן צוזאמען און אלע ווארפן זיך ווי היישעריקן אויף די פעדלערס, וואס קומען אהער מיט זייערע וועגעלאך מיט הייסע קעסלען זופ.

מיר גייען דורך דעם מארק-פלאץ, וואו מ׳שטעלט אוים אין אוונט טישן פאר דער ארימקייט צו קומען דא אפעסן א מאלצייט. מיר גייען אריין אלץ טיפער אין די קווארטאלן פון די ארימע קרעמ-לאך. עס איז דא טומלדיג. אין פראנט פון די קרעמלאך שטייען רעדלאך מעקסיקאנער; מ׳זיצט אויף דעם טראטואר; מ׳שטייט ביי די שוועלן. דא זענען, דאכט זיך, די קרעמלאך ניט צום לייזן, נאר צו האלטן שמועסן לעבן זיי.

מיר דרייען זיך גאס-איין און גאס-אוים, און מיין באגלייטער זאגט צו מיר:

— אט וועט איר באלד זעען אונזערע סינאריטאס.

פלוצלונג גיט מיך עמיצער א שלעפ ביים ארבל; איך קוק זיך ארום.

— מיסטער, די בעסט וויסקי, — זאגט צו מיר דער פארשוין, וואס האט מיך א צי געטאן פאר׳ן ארבל.

— גוד דזשין, — רופט אוים א צווייטער פארשוין, וואס האט זיך פון א שוועל אויפגעהויבן.

— ריל סטאף, מיסטער, טשיפ, ווערי טשיפ, — רופט א

דריטער. און באַלד ווערט אוממעגלאַך דורכצוגיין די גאַס. וואָס ווייטער באַפאַלט מען אַלץ מערער מיט פאַרשלאַגן צו קויפן בראַנפן. איך וויל זיך אַפטשעפען פון איינעם אַ געזונטן פאַרשוין, וואָס האָט מיט איין האַנט אָנגענומען מיין האַנט און מיט דער צווייטער דעם באַגלייטער׳ס האַנט, און איך זאָג אים, אַז מיר וועלן דאָ זיין צוריק אַביסל שפּעטער.

ער זאָגט אונז אָן, אַז מיר זאָלן, חלילה, אים ניט פאַרגעסן. מיר וועלן אים דאָ טרעפן, ווען מיר וועלן נאָר קומען — ער זיצט דאָ ביז שפּעט אין דער נאַכט.

— יו קען אָלוועיס געט מי היר, — שרייט ער אונז נאָך, — יו קען איזון עסק די קאָפּ ענד הי וויל טעל יו ווהער טו פיינד מי. (איר קענט אפילו פרעגן ביים פּאָליסמאַן, וועט ער אייך אָנווייזן וואו מיך צו געפינען.)

אויף אַ טרעפּל, ביים אַריינגאַנג צו אַנידעריג שטיבל, שטייט אַ מיידל מיט אָנגעפאַרבטע ליפּן און מיט אָנגעפאַרבטע באַקן און זי גיט אַ חוצפה׳דיגן וואונק און גיט אַביסל אָן עפן די טיר אין אַ צימער, וואָס איז באַלויכטן מיט אַ טונקל־רויטער ליכט.

— די ערשטע סינאָריטאַ, — זאָגט מיין באַגלייטער, — איצט ציילט וויפיל איר וועט דאָ באַלד זעען.

ביי די שוועלן, ביי די פענסטער, ביי יעדן אַריינגאַנג שטייען מיידלאַך און רופן קונים אויף זייער לייב. מאַטראָזן און סאָלדאַטן דרייען זיך אַרום און באַטראַכטן די סחורה.

פון די פענסטער בויגן זיך אַרויס מיידלאַך און וואַרפן אַנטקעגן:

— טו דאָלאַרס, טו דאָלאַרס.

דאָ זעט איר אַ מולאַטין און דאָ זעט איר אַ יענקישע טאָכטער; דאָ אַ פראַנצויזיש מיידל פון ניו אָרליענס און דאָ אַ קינד פון מעקסי־קאַנישער אָרימקייט.

פון ווייטנס זעט מען אַ געלאַף. פון אַ הויז טראָגן זיך ווילדע קולות, דורך די ברייט־צעעפנטע טירן וואַרפט מען עמיצן אַרויס. מיר ווילן צוקומען נאָענט צו דעם „שלאַכט־פעלד“, נאָר עס איז אוממעגלאַך. אַ צושויער דערקלערט אונז, אַז דאָ איז דאָס גרעסטע שאַנד־הויז אין סאַן־אַנטאָניאָ און דאָ שלאָגט מען זיך אָפט. עס

פליט דערווייל ארוים אין דרויסן נאך א פארשוין, ער קוקט אוים ווי אן אונטערגעשאסענער. באלד לויפט פון דארט ארוים א צע־שויבערט יונג מיידל און נאך איר יאגט זיך נאך אן עלטערע פרוי מיט א בעזים אין האנט.

די עלטערע פרוי איז די באלעבאסטע און דאס מיידל איז איינע פון אירע „קווארטיראנטקעס". עס איז שווער צו דערגיין די אורזאך פון דעם געשלעג, נאר אין דעם גערדאנג און אין דער שטופעניש היין און צוריק זענען מיר מיטאמאל צוגעשטופט געווארן צו דער סאמע סצענע פון געשלעג, און דאס מיידל מיט די צעשוי־בערטע האר איז א פאל געטאן אונטער דעם קלאפ פון דעם בעזים כמעט ביי מיינע פים.

זי האט מיט א קוויטש זיך א הויב געטאן און איך האב דערזען איר פנים. עס איז מיר אזש דורך א קעלט צו זעען אירע דער־שראקענע אויגן און איר צעעפנט מויל, נאר דאס בילד האט אוים־געקוקט נאך שרעקלאכער, ווייל איך האב דערזען א באקאנט פנים.

— וואו האב איך אט־דאס מיידל געזען? — האב איך זיך אנגעהויבן פרעגן, — וואו האב איך זי באגעגנט?

ענדלאך האב איך ארויסגערופן ביי מיר אין זכרון דעם ענטפער צו דער רעטעניש: אמאל, אין איינעם פון די גרעסטע זאלן אין ניו יארק, ביי א ווילדן קאנטעסט פון אויסדויער־טענץ (מאראטאן), וועלכן איך בין געגאנגען באאבאכטן, האב איך געזען דאס דאזיגע מיידל. זי האט זיך ארומגעשלעפט א האלב־טויטע מיט א בחור'ל, וועלכער איז טאקע דא אין טאנץ־זאל ארעסטירט געווארן אויף דער קלאגע פון עטלאכע גנבות. צוליב זכות־אבות — צוליב גוט־זאגונג פון גוטע פריינט, האט מען אים באפרייט אויף בעיל ביז נאך דעם טאנץ. איך האב זיך דערמאנט, ווי אזוי זי האט זיך דעמאלט געבעטן א האלב־פאר'חלש'טע, אז דאס בחור'ל זאל זי אפלאזן. זי וויל מער ניט קיין פרייזן, זי וויל מער ניט קיין קאנטעסטן, האט זי זיך געבעטן, זי וויל גיין שלאפן.

— א, טו סליפ, טו סליפ! — האט זי געזיפצט.

דאס בחור'ל האט איר עפעס אריינגערוימט אין אויער, דערנאך האט ער איר אנגעטראטן אויפ'ן פוס, ווען זי האט זיך א הוידע געטאן

מיט דער כונה אַוועקצופאַלן אויף דער ערד, און זיי האָבן זיך ווידער אַוועקגעלאָזט שאַרן איבער׳ן דיל אין דעם אומזיניגן, פאַרברעכערישן קאָנטעסט, וואָס האָט בלויז געקענט צוגעטראַכט ווערן אין דעם לאַנד, וואו דער גאָלדענער באָק איז אַלמעכטיג. איצט איז זי דאָ אין סאַן-אַנטאָניאַ, איצט איז זי אַ סינאָריטאַ אויף סאַנטאַ ראָזאַ סטריט.

די אַלטע האָט איר געגעבן אַ כמאַל מיט׳ן בעזים איבער׳ן פּנים און זי האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט.

מיר האָבן זיך אַרויסגערוקט פון דעם פאַרזאַמלטן המון; אין אַלע פענסטער זענען ווי פריער געשטאַנען די אָנגעפאַרבטע מיידלאַך און האָבן געררופן די פאַרבייגייער; די בראָנפן-פאַרקויפער האָבן געשלעפט ביי די אַרבל און זיך גערימט מיט זייער סחורה — אויף סאַנטאַ ראָזאַ איז געווען לעבעדיג.

* * *

סאַנטאַ קאַטאַלינאַ איז פאַרגאָסן מיט זון און דאָרט גיסט זיך פריידיגער געלעכטער; סאַנטאַ ראָזאַ איז פאַרזונקען אין שמוץ און דאָרט גיסט זיך בראָנפן און בלוט.

סאַנטאַ ראָזאַ און סאַנטאַ קאַטאַלינאַ זענען ביידע ענג פאַרבונדן —די גרויסע רייכע אַמעריקע האָט זיי ביידן באַשאַפן.

זיי זענען ביידע קינדער פון איין מאַמען.

אין דער שטאָט, וואָס איז אויפגעגעסן געוואָרן פון אירע פאָרשטעט.

דער אָוונט איז געווען אַ פרייער, און איך האָב אָנגענומען די איינלאַדונג פון עטלאַכע חברים צו גיין מיט זיי צו אַ לענין-מעמאָריאַל, וואָס אַ ברענטש פון אינדעפּענדענט ארבעטער רינג האָט אָרגאַניזירט. ביי דעם אָוונט האָט געדאַרפט ריידן דער פּראָפעסאָר ה. וו. דעינאַ, וועמעס יחוס מ'האָט אָנגעגעבן אלס לאָנגפעלאָ'ס אַן אייניקל. דער פּראָפעסאָר האָט זיך ערשט ניט לאַנג צוריקגעקערט פון אַ רייזע אין סאָוועטן-פאַרבאַנד און זיין טעמע דעם אָוונט איז געווען: „וואָס איך האָב געזען אין דעם לאַנד פון די סאָוועטן".

דעם אמת זאָגנדיג, האָב איך ניט דערוואַרט, אַז דעם פּראָפעסאָר זאָל זיך איינגעבן אָפּגעבן אַ גרוס, וואָס זאָל אַזוי לעבעדיג ארויסברענגען פאַר די פאַרזאַמלטע די דערגרייכונגען פון דער ערשטער ארבעטער-רעפּובליק. זאָל זיין, אַז ער איז אַ גרויסער פריינט פון דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, זאָל זיין, אַז ער איז באַגייסטערט פאַר דעם, וואָס ער האָט אונטער די הימלען פון דעם ארבעטער-לאַנד געזען. נאָר ווי וועט ער, אַ דערצויגענער אין אַמעריקאַנער רייכטום, אַן אויסגעווייקטער אין די טראַדיציעס פון אַקאַדעמישן לעבן פון אַן אוניווערזיטעט, וואו עס לערנען זיך די זינדלאַך פון די מיליאָנערן, און וואו דער גאַנצער טאָן איז אין דער ליניע פון גלאָריפיצירן קאַפּיטאַל, — ווי וועט ער קענען באַנעמען די גאַנצע טיפקייט פון דער דערגרייכונג פון דער ארבעטער-פויערשער מדינה?

ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב פון די ערשטע ווערטער פון דעם רעדנער דערפילט, אַז דאָ שטייט אַ מענטש, וועלכער האָט באַוויזן אַזוי טיף צו פאַרשטיין די היסטאָרישע באַדייטונג פון דער סאָוועטישער רעוואָלוציע און אירע עלף יאָר דערגרייכונגען, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן אויסגעטאָן פון זיין אַמאָליגער וועלט.

ער האָט פון זיך אָפּגעשיילט די גאַנצע קאָרע פון קליינבירגערלאַכע באַגריפן און האַפנונגען און האָט זיך דערהויבן צו דער הויכער שטופע פון אָנערקענען די פולסטע באַדייטונג פון דעם נייעם לעבנס-שטייגער פון דעם אַרבעטער-לאַנד. ער פאַרשטייט שוין דערפאַר אויך דעם אמת, אַז ניט קוקנדיג אויף אַלע שוועריגקייטן, וואָס דער סאָוועטן-פאַרבאַנד האָט נאָך דערווייל דורכצומאַכן — ווייל ער דאַרף בויען אַ סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט אין אַ קאַפּיטאַליסטישער אַרומ-רינגלונג — וועט ער פאָרט אַרויס דער זיגער, ווייל ער בויט פאַר דעם וואוילזיין פון אַלע זיינע מיליאָנען האָרעפּאַשניקעס.

— עס איז שווער, — דערציילט דער פּראָפעסאָר, — אין אָנהויב זיך צוגעוואוינען צו דעם, וואָס דו דערזעסט אין דעם סאָ-וועטן-פאַרבאַנד. אַלץ, וואָס דו זעסט דאָ פון אויבן, ליגט דאָרט פון אונטן. אַלץ, וואָס ס'איז דאָ אויף דעם סאַמע אונטן, איז דאָרט אויף דעם סאַמע אויבן-אָן. עס איז אַ פאַרקערטע וועלט, אַ מין משה-קאַפּויר, עטוואָס ענלאַך צו דעם, וואָס עס ווערט דערציילט אין דעם מעשה-ביכל פאַר קינדער: „עלים טרו עי לוקינג גלעס“. זי האָט געזען יעדע זאַך קאַפּויר. און פאַר דעם אויג פון איינעם, וואָס קומט פון אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, איז דאָ אויך אַלץ קאַפּויר. נאָר ווען מען הויבט-אָן זיך צוגעוואוינען, ווערט מיטאַמאָל קלאָר, אַז דאָ האָט זיך איינגעשטעלט אַן אָרדנונג, וואָס וועט דאַרפן דינען פאַר אַ ביישפּיל צו די אַרבעטער פון אַלע לענדער. ווען מ'קומט פון דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד אין אַנדערע לענדער, ווערט ערשט קלאָר, אַז די גאַנצע איבעריגע וועלט איז אַ קאַפּוירעדיגע וועלט.

פּראָפעסאָר דעינאַ וויקלט פאַנאַנדער איין בילד נאָך דעם צווייטן פון דעם לעבן אין דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, און עס באַקומט זיך אַ קאָלאָסאַלע פּאַנאָראַמע פון גרויסע דערגרייכונגען און פון אויפּטור-אונגען פאַר דעם וואוילזיין פון די אַרבעטנדיגע מאַסן, וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטש-הייט. ער דערציילט וועגן יעדן פראָנט באַזונדער, אויף וועלכן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד איז אויסגעקומען און עס קומט אים נאָך איצט אויך אויס צו פירן אַ קאַמף. ער דערציילט וועגן דעם העראָאישן קאַמף אויף דעם מיליטערישן פראָנט, וואו דער סאָוועטן-פאַרבאַנד

האט באזיגט די אינטערווענציע, די ווייסע גוואַרדיע, וואָס איז גע-שטיצט געוואָרן פון די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות פון אַלע לענדער. ער שטעלט זיך אָפּ אויף דעם עקאָנאָמישן פראָנט, אויף וועלכן דער סאָוועטן-פאַרבאַנד האָט צו פאַרצייכענען אַזעלכע באַדייטנדע אויפטו-אונגען, ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס עס איז אויסגעקומען די ירושה פון א חרוב'ער ווירטשאַפט אויפצושטעלן מיט די אייגענע כחות. ער דערציילט מיט באוואונדערונג די גרויסע אויפטואונגען אויף דעם דריטן, קולטורעלן פראָנט. אָנשטאָט דריי מיליאָן צייטונגס-לעזער פאַר דער מלחמה, ווערן איצט די סאָוועטישע צייטונגען פאַרשפּרייט אין צוועלף מיליאָן עקזעמפּליאַרן, וואָס עס מיינט, אַז לעזער זענען דאָ אפשר צוויי מאָל אַזוי פיל. דאָס מיינט אַ פאַרגרעסערונג אויף אכט הונדערט פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט דער פאַר־מלחמה צייט. די צאָל פון קינדער אין עלעמענטאַרע שולן דערגרייכט איצט ביז פופצן מיליאָן — דאָס איז אַ פאַרגרעסערונג אויף 500 פּראָצענט. אין דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד זענען אין דעם לעצטן יאָר פאַרקויפט געוואָרן 245 מיליאָן ביכער. דאָס איז 24 מאָל מער ווי אין די פאַר־מלחמה יאָרן. אַנאַלפאַבעטיזם ווערט ליקווידירט, און עס איז שוין נאָענט דער טאָג, ווען אין דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד וועט ניט זיין קיין מאַן און פרוי, וואָס וועט ניט קענען לייענען.

פּראָפעסאָר דעינאַ ווייזט אויך אָן אויף דעם, אַז אפילו די, וואָס קענען ניט לייענען און שרייבן, ווערן אויך ניט פאַרנאַכלעסיגט אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. צו זיי רעדט די מאַווי, די ראַדיאָ, די אָפּטע לעקציעס און דיסקוסיעס. און הלואי וואָלטן אַ סך פון די, וואָס קענען לייענען און שרייבן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער, אַזוי גוט זיך געקענט פאַנאַנדערקלייבן אין וויכטיגע פּאָליטישע פראַגן, ווי עס קלייבן זיך אין די פראַגן פאַנאַנדער אַ סך פון די אַנאַלפאַבעטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָלט די געשיכטע פון דער וועלט זיך איצט אַנדערש געשריבן.

זייער אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד האָט דער פּראָפעסאָר דעינאַ דערציילט וועגן אַ צוזאַמענשטויס, וואָס ער האָט די טעג געהאַט ביי אַ צוזאַמענפאָר פון פרויען אין ניו-ענגלאַנד. מ'האָט אים איינ-געלאַדן צו רעדן ביי דעם צוזאַמענפאָר און דאָרט האָט מען אים

פאַרשאָטן מיט פראַגן וועגן אַנטוואָפנונג און וועגן געגנערשאַפט צום אימפּעריאַליזם. איינע פון די דעלעגאַטקעס האָט אים געפרעגט, צי דענקט ער, אַז די סאָוועטן-רעגירונג מיינט טאַקע מיט אַן אמת איר פאָדערונג פאַר אַנטוואָפנונג. ער האָט געענטפערט, אַז זיכער מיינט די סאָוועטן-רעגירונג דאָס ערנסט. די דעלעגאַטקע איז אויפגעבראַכט געוואָרן און אין איר צאָרן האָט זי אויסגעזאָגט דאָס, וואָס אַלע מיליטאַריסטן ווילן געוויינטלאַך באַהאַלטן. זי האָט אויסגעשריען:

— דענקט איר ניט, אַז דער סאָוועטן-רעגירונג לוינט זיך אַנטוואָפנונג, ווייל זי פירט פּראָפּאַגאַנדע, וואָס אַפּעלירט צו די מאַסן? אויב די אַלע לענדער זאָלן זיך אַנטוואָפנען, מיט וואָס וועלן זיי זיך באַשיצן געגן זייערע אַרבעטער-מאַסן, אויף וועלכע די פּראָפּאַגאַנדע פון די סאָוועטן וועט האָבן אַ ווירקונג?

זי האָט אָפן צוגעגעבן דאָס, וואָס די אַלע מיליטאַריסטן האָבן אין זינען — אַז די אַרמייען דאַרף מען האָבן סיי צו זיין גרייט פאַר אימפּעריאַליסטישע מלחמות, וואָס זענען אונטער דעם קאַפּיטאַליזם אומפאַרמיידלאַך, סיי געגן די אַרבעטער-מאַסן אין דער היים, כדי צו דערשטיקן זייער יעדן פאַרזוך זיך צו באַפרייען פון דער סיסטעם פון עקספּלואַטאַציע און פון מלחמות.

איך בין געווען זייער דאַנקבאַר די חברים פאַר דעם, וואָס זיי האָבן מיך צוגערעדט צו גיין צו דער לעקציע און דערפאַר האָב איך געמוזט זיך אויך לאָזן צורעדן דעם צווייטן אָוונט צו גיין צו אַ פאָרשטעלונג אין דעם באָסטאָנער אידישן טעאַטער.

זאָגן, אַז איך האָב געהאַט זייער שטאַרק חשק צו גיין אַהין, קען איך ניט. עס האָט עפּעס ניט זייער שטאַרק געצויגן אין אַ פּראָוויניציעלן אידישן טעאַטער. די ניו יאָרקער פינטעלע-איד-שטאַלן זענען דאָך אַזוי אָפּשיילאַך, די סעקאָנד עוועניו „אוי-ווײ-רעבעניו"-לידלאַך זענען דאָך אַזוי פּאַסקודנע. וואָס-זשע קען מען שוין דערוואַרטן פון דער פּראָווינץ?

מ'האָט געשפּילט איינע פון די באַרימטע סעקאָנד עוועניו מאַכערייקעס, וואָס מ'פרעגט אויף זיי: „די קראַפט פון יוגנט" מיט אַן אומבאַקאַנטן אין אַ סטאַר-ראָל. איך מוז מודה זיין, אַז איך בין געווען אָנגענעם איבעררעאַשט, סיי פון'ם שפּילן פון'ם אומבאַקאַנטן,

ווען איך האב געזען אויף דער בינע צום ערשטן מאל, און סיי פון דעם שפילן פון די איבעריגע ארטיסטן.

* * *

איך האב שוין לאנג געהאט חשק זיך אריינצוקאפן אין דעם מוזעאום פון דעם הארווארד אוניווערזיטעט אין קעמברידזש און דארט פארברענגען א פאר שעה צייט, נאר עס איז קיינמאל ניט אויסגעקומען, זייענדיג אין באסטאן, דעם דאזיגן פארלאנג אויסצופירן. איצט האב איך באשלאסן מער ניט אפצולייגן און איך בין באלד געווען אין דעם קעניגרייך פונ׳ם אוניווערזיטעט פאר רייכע זינדלאך.

דער מוזעאום איז א גאנץ רייכער, און א פאר שעה צייט גייען דארט אוועק אומבאמערקטערהייט. ספעציעל ווילט זיך ניט אפרייסן פון דער אפטיילונג פון די געגלייזטע בלומען.

ארויסגייענדיג אויף דעם גרויסן הויף, וואס האט זיך געשפיגלט אין דער זון מיט זיין שניי-צודעק, באטראכטנדיג די גרויסע צאל אלטע און נייע געביידעס, וואו עס לערנט זיך די גאלדענע יוגנט, האט זיך אינסטינקטיוו ארויסגעריסן די באמערקונג:

— וויפיל ארבעטער-קינדער וואלטן דא געקענט קריגן א נויטיגע בילדונג אנשטאט די פוסט־און־פאסניקעס, וואס קומען אהער צו פארן אין זייערע לימוזינס!

די באמערקונג האט פאראורזאכט א געשפרעך וועגן קינדערארבעט, און אין פארבינדונג מיט דעם האבן די חברים, וואס זענען מיט מיר געגאנגען, דערמאנט דעם באסטאנער מעיאר׳ס פארבאט אויף יהודה מנוחינ׳ס קאנצערט. דער מעיאר האט ניט געוואלט, אז די גאנצע וועלט זאל זען ווי א קינד ארבעט, נעבאך, אין זיין שטאט. אזוי רעדנדיג, האבן מיר באמערקט ווי א קליין אינגל שלעפט א שליטעלע, אנגעפאקעוועט מיט שפענער. דאס קינד האט זיך אנגעשטרענגט מיט אלע כחות צו שלעפן די שווערע משא, נאר אט איז דער שליטן געבליבן שטיין לעבן א שטיק אפגערייניגטן וועג, וואו עס איז ניט געווען קיין זכר פון שניי. דאס אינגל האט אין פארצווייפלונג געמאכט א פויסטל און האט עפעס ארויסגעברומט א פלוך, דערנאך איז ער געפאלן אויף אן המצאה — ער האט

גענומען הויפּנס שניי און האָט זיי געוואָרפן אויף דעם אָפּגערייניגטן וועג, כדי צו מאַכן אַ שטיקל שניי-וועג פאַר זיין שליטעלע.

— זיין קריוודע נעמט דער מעיאָר זיך ניט אָן, — האָבן די חברים מיט צאָרן באַמערקט, — ער איז זיך געגאַנגען אָננעמען די קריוודע פון דעם שפּילער, וואָס האָט מיט זיין זעכציג-טויזנט-דאָלאַרדיגן פידעלע געדאַרפט אויפטרעטן אין אַ גרויסן ליכטיגן זאַל, קריגן אַ באַגייסטערטע אויפנאַמע און באַשאָטן ווערן מיט בלומען.

— אַזוי ציען זיך די קאָנטראַסטן אין אונזער וועלטל; די, וואָס ווילן זיך ניט לערנען, — די גייען אין אוניווערזיטעטן; די, וואָס וואָלטן וועלן לערנען, — די האָבן אַהין ניט קיין צוטריט. אויף דעם קינד, וואָס רייסט זיך אונטער מיט דעם שליטן שפּענער, — אויף דעם קינד קוקט זיך קיינער ניט אום, נאָר אויף דעם שפּילער, וואָס האָט אַ גייסטיגן גענוס פון זיין קונסט, — אויף אים איז מען זיך כלומר'שט מרחם.

די רייכע זינדלאַך אין האַרוואַרד זענען גרויסע ליבהאָבער פון שאָקאָלאַד און זיי האַלטן אין איין שלעפּן פון די קעשענעס די זיסע מאכלים. אין באַן, אויפ'ן וועג צוריק, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו ריידן מיט צוויי פון אָט-די שאָקאָלאַד-עסערס, און עס האָט זיך דערמאָנט, וואָס רעינא האָט פריער מיט אַן אָוונט געזאָגט, אַז אַנאַלפאַבעטיזם מיינט נאָך ניט אומוויסנהייט, פונקט ווי גיין אין אַן אוניווערזיטעט מיינט נאָך ניט זיין אינטעליגענט. די האַרוואַרד סטודענטן האָבן עס גלענצנדיג באַשטעטיגט. אַזאַ אומוויסנהייט, אַזאַ פולשטענדיגע ניט-באַקאַנטשאַפט מיט דעם, וואָס עס קומט-פאָר אויף דער וועלט, איז שווער זיך פאָרצושטעלן. אין די פיר ווענט פון זייער קלאַס-צימער וועלן אָט-די סטודענטן נאָך אפשר ווי-ניט-איז דורכקריכן ביי אַן עקזאַמען, נאָר ווען זיי קומט אויס צו ענטפערן אויף דעם, וואָס דענקען זיי וועגן דער פראַגע פון שלום און פון קריג, וועגן באַוואָפנונג און אָנטוואָפנונג, וועגן אַרבעטסלאָזיגקייט און קינדער-אַרבעט, וועגן באַביטיזם און וועגן קולטור, — דאָ ווייזן זיי אַרויס אַ פולשטענדיגע אומוויסנהייט און אומבאַהאָלפנקייט.

אין קאָנטראַסט צו אָט-די שאָקאָלאַד-עסער שטייט פאַר די

אויגן דאָס בילד פון דעם דאַרן בחור׳ל, וועלכער האָט מיט אַ ציטערנדיגער שטימע זיך געווענדעט:

— קען יו גיוו מי די פּרייז אָף עי קאַפּי? (קענט איר מיר געבן אַ פּאָר סענט צו קויפן אַ טעפּל קאַווע?)

מיט וואָס פאַר אַן אַפּעטיט ער האָט געגעסן דעם העם-סענד־וויטש, וואָס איך האָב אים געקויפט, און ווי עס האָבן געציטערט זיינע הענט, וועלכע האָבן זיך שוין ניט צוגערירט צו קיין שפּייז באַלד צוויי טעג צייט. ער איז אַ באָסטאָנער — טאַקע פון דער שטאָט, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ „גוטהארציגן" מעיאָר, וואָס זאָרגט זיך, אַז מנוחין זאָל ניט שפּילן, ער האָט געאַרבעט ביי פאַרשידענע אַרבעטן, איצט האָט ער זיין אַרבעט פאַרלאָרן, קיין נאָענטע האָט ער ניט, קומט אים אויס כאָטש אין וואַסער זיך צו וואַרפן.

— דאָס איינציגע, וואָס איך קען איצט טאָן, — זאָגט ער, — איז ווערן אַ סאָלדאַט. — דערמאָנט וועט אים שוין טרייבן, ער האָט ניט קיין אויסוועג.

אין דער שטאָט, וואָס איז פאַרלאָדן געוואָרן צווישן אירע פאַר־שטעט, אין באָסטאָן, וואָס איז פאַרלאָרן געוואָרן צווישן אירע ראָקסבורים, ריטשמאָנדס, מאָלדענס, דאָרטשעסטערס, ווינטראָפּס, ברוקלאַינס, מעטאַפּאַנס, טשעלסים, פּיבאָדים, קעמברידזשעס, רע־ווירס און אַזוי ווייטער, דרייען זיך אַרום די בחורים׳לאַך, וואָס שלעפּן אַ גאַנצן טאָג שאָקאָלאַד פון די קעשענעס, און עס דרייען זיך אַרום די הונגעריגע, וואָס בעטן מיט אַ ציטערנדיגער שטימע, אַז אַ פאַרבייגייער זאָל זיי קויפן אַ טעפּל קאַווע.

באָסטאָן, מעגסט שטאָלץ זיין מיט דעם, וואָס דו קענסט ווייזן דער וועלט!

טויטער גלח באַוויזט נסים אין מאַסאַטשוזעטס.

העכער הונדערט יאָר נאָך דער דערפינדונג פון דער דאַמפ־מאַשין, נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט פון דעם עלעקטרישן לאָמפּ, נאָך אַ פערטל יאָרהונדערט פון דעם אויטאָמאָביל, נאָך אַ צענדליג יאָר פון דעם שטאָלענעם פויגל, וואָס טראָגט זיך אַריבער פון ניו יאָרק קיין פּאַריז אין אַ מעת־לעת, אין דער ערא פון ראַדיאָ און טעלעוויזיע, אין דעם יאָר, ווען אויף אַ זעקסטל חלק פון דער וועלט ווערן די קירכן־גלאָקן פאַרשטומט, — אין דעם זעלבן יאָר באַוויזט אַ טויטער גלח נסים אין מאַסאַטשוזעטס.

מאַסאַטשוזעטס, צו דיין גלאָרי איז גאָר קיין סוף ניטאָ!

אַט ערשט האָסטו זיך קונא שם געווען מיט דעם שוואַרצן קאַפּיטל פון דעם שווידערלאַכסטן פאַרברעכן — די דערמאָרדונג פון סאַקאָ און וואַנזעטי — און אַט קלינגט שוין ווידער ווייט און ברייט דיין נאָמען אין פאַרבינדונג מיט דעם גלח, וואָס באַוויזט נסים.

געלעבט האָט דער גלח אויף דער זינדיגער ערד ניט מער ווי 25 יאָר, טויט איז ער שוין 60 יאָר, נאָר די וועלט האָט גאָר ניט געוואוסט, אַז זי דאַרף ניט זאָרגן, אַז זי דאַרף זיך ניט שרעקן פאַר קיין שום עפּידעמיעס, אַז זי דאַרף ניט האָבן קיין דאָקטוירים און קיין פּראָפעסאָרן — אין מאַלדען, מאַסאַטשוזעטס, ליגט אונטער אַ בער־געלע ערד דער גרויסער בעל־נס, וואָס קען היילן פון אַלע קראַנק־הייטן, וואָס קען באַזאָרגן מיט פּרנסה, וואָס קען העלפן צו שלום־בית, וואָס קען מאַכן פון קרום גלייך, וואָס קען באַווייזן נסים איבער נסים.

ווער ווייסט ווי די וועלט וואָלט אויסגעקוקט, ווען מ׳דערוויסט זיך פריער פון רעווערענד פּעטריק פּאוער און פון זיין „פּאוער“ (קראַפט)!

זאָגט ניט, אַז מיר לעבן אין אַ ציוויליזירטער וועלט און אַז איצט איז ניט מעגלאָך צו טרייבן הונדערטער טויזנטער מענטשן

צו וואנזין און צו אבערגלויבענישן. זאגט ניט, אז אין דעם לאנד פון "אלגעמיינער בילדונג" איז ניט מעגלאך, אז קינד און קייט זאלן לויפן אויף דעם קבר פון א טויטן און שטיין גאנצע טעג מיט אויס־געסאלאפעטע אויגן, דערוואַרטנדיג, אז דער טויטער זאל א נס באווייזן.

איר דארפט זיין אין מאסאטשוזעטס, איר דארפט רעדן מיט די דאַרטיגע איינוואוינער, איר דארפט זיך באקענען מיט דעם, וואס עס האט זיך אפגעטאן אין די לעצטע חדשים ארום און אויף דעם קאטוילישן בית-עולם אין מאלדען, אז איר זאלט פארשטיין ווי שטארק עס זענען אין אונזער וועלטל די כחות פון פינסטערניש. איר דארפט אריינגיין אין דער באסטאנער גרויסער ביבליאטעק און איבערבלעטערן די צייטונגען און זען מיט וואס פאר א געשיקטער, זשולי־קעוואטער אומשולדיגקייט די דאזיגע קאפיטאליסטישע אגענטורן האבן כלומר׳שט ניט אגיטירט פאר דעם, אז דער "מיראקל פריסט" (דער גלח, וואס ווייזט נסים) איז טאקע א בעל-מופת. איר מוזט רעדן מיט די דארטיגע איינוואוינער, כדי איר זאלט פארשטיין ווי אזוי עס ווערט אין אונזער געזעלשאפט געשאפן א מאסן-פסיכאז. איר דארפט דאס אלץ גענוי באטראכטן, כדי עס זאל פאר אייך נאך מער ווי אלע מאל קלאר ווערן דער אמת פון דעם, אז רעליגיע איז אפיום פאר די מאסן און אז די הערשער מוזן דעם דאזיגן אפיום זייער־זייער שטארק האבן פאר די שקלאפן.

דערציילן "אומפארטייאישע" קעפ אין צייטונגען:

"פרוי געקומען אזש פון טאלידא."

"באריכטן פון טיילווייזע היילונגען."

"קארדינאל אקאנער איז געקומען תפלה טאן ביים קבר."

"35,000 שטייען טאג און נאכט און באוואכן דעם "שריין" (מקום קדוש)."

"קאליקעס און בלינדע קומען זוכן א רעטונג פאר זיך."

"ווייב פון נייַדערוויילטן מעיאר ביים הייליגן קבר."

"צאל פון באזוכער אין מאלדען דערגרייכט ביז הונ־דערט טויזנט."

„ניי־דערוויילטער מעיאָר קורלי קומט מיט זיין פרוי און בויגט זיין קאָפּ אין עניות׳דיגער תפלה ביים קבר פון בעל־נס."

„200,000 שטייען אין גאַס־רעגן ביים קבר פון רעווערענד פּעטריק פּאוער."

„קריפּל לאָזט איבער זייגע קוליעס און גייט אוועק אַ געזונטער און אַ פריילאַכער אַהיים."

„אידן, כינעזער, יאַפּאַנעזער אויף דעם קבר פון גלח, וואָס וויזט וואונדער."

און אַזוי נאָך און נאָך און נאָך.

מ׳האָט ניט געדאַרפט געבן אָפיציעל די סאַנקציע צו דעם פינסטערן פאַנאַטיזם, מ׳האָט בלויז „אומשולדיג" באַריכטעט וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר. מ׳האָט ביי דעם באַביט אָנגעצויגן די נערוון און מ׳האָט אים טאָג נאָך טאָג אונטערגעטראָגן אַ נייע פּאָרציע פון נסים; מ׳האָט אים אַזוי אויפגעשרויפט, אַז ער האָט ניט געוואוסט אויף וואָסער וועלט ער איז.

עס איז דערגרייכט געוואָרן דער ציל — אַלע וועגן, וואָס פירן קיין מאַלדען, זענען פאַרפּלייצט געוואָרן מיט קאַליקעס. אויף דעם קבר פונ׳ם פלוצלונג באַרימט געוואָרענעם פּעטריק פּאוער האָט מען געוואָרפן גאָלד און זילבער און צירונג. די קירכע, וואָס האָט אויפזיכט אויף דער דאָזיגער סעמעטערי, האָט אריינגעקראָגן פיל טויזנטער. פרויען זענען אריינגעפאַלן אין היסטעריקע; קינדער זענען דערשראָקענע געלעגן אין בלאָטע ביים קבר, ווייל זייערע מאַמעס האָבן זיי געזאָגט, אַז דער בעל־נס וועט זיי דערפאַר באַזאָרגן אויף זייער גאַנצן לעבן; צענדליגער טויזנטער האָבן זיך געשעצט גליקלאַך, ווען זיי האָבן געקענט צוקומען נאָענט און פּאַקן אַביסל בלאָטע פון דעם בערגל אויף דעם קבר און זיך מיט דעם באַשמירן די וואונדן אויף זייערע לייבער.

ביינאַכט האָבן די וועכטער געדאַרפט ברענגען צופירן פרישע ערד אויף דעם קבר, כדי עס זאָל זיין מאָרגן פאַר דעם עולם וואָס צו שלעפּן.

אין רעגנדיגע טעג האָבן מעטשן זיך בוכשטעבלאַך געוואַלגערט

אין בלאטע. דער וואנזין האט פארכאפט די פרומע קאטויליקן, ביי וועמען דער גלח פעטריק איז געווען אן אייגענער, און אויך גלויביגע פון אלע אנדערע דענאמינאציעס. עס איז אויך געקומען אהער דער שוחט מיט זיין קראנקער טאכטער; עס איז געקומען אהער דער חזן מיט זיין פאראליזירטער אידענע; עס איז געקומען דער כינעזער, וואס איז געווען צעפוילט פון אפיום.

ווער פון דער צעפוילטער וועלט איז אהער ניט געקומען?

עס האט זיך אויפגעעפנט דער פארהאנג און עס האט זיך ארויס־געוויזן א בילד פון אזא העסלאכער פינסטערניש, אז עס האט זיך גאר ניט געקענט גלויבן, אז דאס איז מעגלאך.

— גלויבסטו טאקע, אז א טויטער, וואס ליגט שוין זעכציג יאר אונטער דער ערד, פון וועמען עס איז שוין מסתמא קיין זכר ניטא, קען פאראורזאכן ,אז קראנקע זאלן געזונט ווערן דורך דעם, וואס זיי וועלן דאס בערגעלע ערד אויף זיין קבר א קוש טאן? — פרעג איך ביי א יונג קאטוילישע מיידל, וואס איז געקומען צו איר אידישער חבר'טע אין הויז.

— אז גאט וויל, איז אלץ מעגלאך, — ענטפערט זי מיט א טעמפן בליק אין די אויגן.

— ווייסטו פון עמיצן, וואס איז טאקע אויסגעהיילט געווארן?

— אלע, וואס האבן גלויבן, זענען געהיילט געווארן, — ענט־פערט זי.

— ווייסטו פון עמיצן, וואס איז געהיילט געווארן? — באשטיי איך אויף מיין פראגע.

— איך וויים ניט, נאר די צייטונגען האבן געבראכט געגוג ביישפילן, — ענטפערט זי.

זי איז א קינד פון „מעין סטריט". אויף „מעין סטריט" טאר מען ניט גיין נעגן כלל — אלע זאגן „בים", מוזט איר ענטפערן „באם". קיינער האט ניט געוואגט ארויסקומען און פרעגן פון וואנען האט זיך די גאנצע געשיכטע אנגעהויבן. ווער וועט וואגן צו שטעלן אונטער א פראגע־צייכן די רייד פון עפעס א פסיכאפאטישער אלטער מומיע, וואס איז ארומגעקראכן צווישן די קברים און וואס האט באשלאסן, אז איר קאפ־ווייטאג איז פארשוואונדן אין דעם מאמענט,

ווען זי איז געשטאַנען לעבן קבר פון דעם גלח פּעטריק. ניט אַנדערש, ער איז אַ בעל-מופת.

ווער וועט שטעלן פראַגן, ווער וועט זיך שטעלן דאַגעגן אַזעלכע שטות׳עריי׳ען? פאַר רעדן דאַגעגן וועט איר גוט ניט אָפּשניידן. קיינער וועט ניט וואַגן אַרויסגיין אויף „מעין סטריט" און זאָגן, אַז די גאַנצע געשיכטע מיט דעם בעל-נס איז געווען ניט מער ווי אַן ענין פאַר גוטע געשעפטן, ווייל אויב די קראַנקע זענען ניט געהאָלפן געוואָרן, זענען אָבער די כלי-קודש אַרום דעם בעל-נס זייער און זייער געהאָלפן געוואָרן.

איצט האָט דער קאַרדינאַל דערקלערט, אַז די קאַטוילישע קירכע דאַרף גענוי אונטערזוכן און פעסטשטעלן די גרויס פון דער קראַפט פון דעם מאָלדענער בעל-מופת. „מעין סטריט" האָט עס אָנגענומען פאַר גוט געלט און וואַרט איצט אויף דער אַנטשיידונג פון דער קירכע. נאָר דער גאַנצער ציניזם פון דער געשיכטע ווערט נאָך גרעסער דורך דעם, וואָס די „אונטערזוכונג" מוז געמאַכט ווערן ניט ווילנדיג — שולדיג איז אין דעם אַ פלינק אידל פון שיקאַגאָ, וואָס האָט קאַליע געמאַכט דעם גאַנצן ענין מיט די נסים אין מאָלדען, מאַסאַטשוזעטס.

דער פאַרשוין, סעמועל קאָהן, איז געקומען אויף דער סעמעטערי אויף קוליעס. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט און האָט, ווי אַלע, תפילה געטאָן. דערנאָך האָט ער אויסגעשריען:

— איך בין געראַטעוועט! איך בין אויסגעהיילט! מענטשן, זעט, זעט, איך קען שוין גיין!

מ׳האָט אים אַרומגערינגלט און מ׳האָט אים באַגריסט; היסטע-רישע פרויען האָבן אים געקושט; אַלטע ווייבער האָבן ביי אים געבעטן אַ שטיקל פון די באַנדאַזשן אויף זיינע פיס אַלס אָנדענק פון דעם וואונדער, וואָס זיי האָבן בייגעוואוינט.

מיט אַ נעבעכדיגער מינע האָט דער פלינקער בחור דערציילט, אַז איצט בלייבט אים בלויז איין זאָרג — ער האָט ניט מיט וואָס צו פאָרן אהיים. עס האָבן זיך באַוויזן הענט מיט פאַפיר-געלט — יעדער איינער האָט געוואָלט זיין דער, וואָס וועט דעם פאַרשוין מער

הילף דערלאנגען. עפעס א קלייניגקייט — העלפן דעם, וואס איז פון דעם היילינגן רעווערענד פעטריק פאוער געהאלפן געווארן!

איז דעם בחור געפעלן געווארן די שפיל, און אויף מארגן האט ער ווידער אמאל דורכגעפירט די זעלבע חתונה. נאר דא האט שוין א פאליסמאן זיך אריינגעמישט, מ'האט דעם בחור ארעסטירט, מ'האט אראפגענומען זיינע באנדאזשן און מ'האט דערזען, אז ער איז געבענטשט מיט די זעלבע פיס, וואס העלפן ניט איין גענגסטער אין שיקאגא זיך אפטראגן אין צייט. דער סקאנדאל מיט דעם שווינדל איז ארויסגעקומען אין דער עפנטלאכקייט. דער עולם האט אנגעהויבן מורמלען, און מ'האט דעמאלט באשלאסן אויף א צייט צוצומאכן די סעמעטערי און „אונטערזוכן" די וואונדער-קראפט פון דעם גלח.



איצט איז שוין דער טומל מיט דעם שווינדל פארגעסן געווארן, און מ'עפנט די טעג ווידער אויף די סעמעטערי. די געשעפטן וועלן ווידער אוועק גוט — ווידער וועלן קומען טויזנטער זיך וואלגערן אין בלאטע און ארויסקוקן אויף דער הילף פון דעם בעל-נס; ווידער וועט דאס בערגל אויף דעם קבר באדעקט ווערן מיט גאלד און מיט צירונג.

ביזנעס איז ביזנעס — די באסטאנער קרעמער זענען ניט מחויב צו גיין אויפקלערן די באפעלקערונג און איר באוויזן, ווי שווידערלאך פינסטער און פאנאטיש מ'דארף זיין צו גלויבן, אז עס זענען דא

נסים אויף דער וועלט און אַז אַ קאַליקע מיט צעדרייטע פיס קען ווערן געזונט, אויב ער וועט זיך אויסשמירן אין דער בלאָטע פון דעם קבר פון אַ טויטן גלח.

ווארשיינלאך גלויבן די קרעמער אַליין אויך, נאָר אויב זיי גלויבן אפילו ניט, זענען זיי דאָך אָבער ניט מחויב צו גיין וועגן דעם פויקן אין די טאַצן — זיי דאַרפן געדענקען, אַז ביזנעס איז איבער אַלעס. פאַרקויפן זיי אין זייערע קראָמען אָט-דעם מעדאַל, וואָס ווערט דאָ געבראַכט — גיסן זיי אַרויף נאָך אַביסעלע אויל אויף דעם פייער, העלפן זיי מיט אין דער אַרבעט, וואָס עס טוען די צייטונגען, וואָס עס טוען די גלחים, וואָס עס טוען די לערער אין די שולן, וואָס עס טוען אַלע פרומע און גוטע ציוויליזירטע לייט — זיי העלפן אָנהאַלטן די פינסטערניש.

מאַסאַטשוזעטס, מעגסט שטאָלצירן מיט דיין ציוויליזאַציע!

פולער און לאָועל, דינט נאָך געטרייער דעם קאַפּיטאַליזם, באַגייט נאָך גרעסערע פאַרברעכנס אין זיינע אינטערעסן. עס איז אַלץ כדאי — איר באַשיצט דאָך די ציוויליזאַציע פון מאָלדען און די קראַפט פון דעם טויטן גלח, וואָס באַוויזט וואונדער.

דאָקטוירים פעדלען מיט אָפּיום.

אינדערפרי — א שיינער פרילינג־טאָג; בייטאָג — פּלוצלונג שווערע וואָלקנס און אַ שטורם־ווינט, וואָס רייסט די דעכער, שלייפערט שילדן, פאַרכאַפּט דעם אָטעם, דרייט אַ שניי־קאַראַהאָד און פאַרבלענדט די אויגן. עס איז נאָך כמעט האַלבער טאָג, אָבער עס ברענען שוין די עלעקטרישע לאַמטערנעס אויף די גאַסן; זיי הוידען זייערע ריזיגע פאַרצעלייענע טעפּ און לעשן זיך און צינדן זיך און פאַרוואַנדלען די מיליאָנען טאַנצנדיגע שנייעלאַך אין מחנות ווייסע שמעטערלינגען. זעלטן ווען עס באַווייזט זיך אין גאַס אַ דורכגייער. ער נורעט זיך אין זיין מאַנטל; טוליעט זיך נעענטער צו די ווענט; בויגט זיך צוזאַמען, כדי דער ווינט זאָל אים ניט בייקומען און זאָל אים ניט פאַרשלעפּן אויף צוריק. ווען עס פאַלט־צו די נאַכט, ווערן די גאַסן כמעט אינגאַנצן פּוסט. די גרויסע שטאָט איז ווי פּלוצלונג אויסגעשטאָרבן, און די גרויסע געביידעס קוקן אַרויס פון צווישן די בערג שניי, ווי מצבות אויף אַ בית־עולם.

וואָלטן ניט געברענט דאָ און דאָרט פייערלאַך, וואָס מ'זעט קוים אַרויס צוליב דער בלענדנדיגער זאַווערוכע, וואָלט מען זיכער געקענט מיינען, אַז דאָ ליגט טאַקע אַ שטאָט, וואו אַלע זענען שוין לאַנג־לאַנג אויסגעשטאָרבן.

און ווייל דער ווינט בושעוועט אַזוי, טאַנצט, שפּרינגט, פייפט און שרעקט אַלעמען, ווייל אַלע לויפן וואָס־שנעלער זיך צו באַהאַלטן אונטער אַ דאַך, ווייל אַלע ווענן זענען פאַרשאָטן, ווייל עס זענען אויסגעוואַקסן גאַנצע הורבעס פון'ם טיפן שניי, — ווילט זיך דווקא אַרויסגיין אין גאַס, שפּאַנען קעגן ווינט, אויסטרעטן אַ נייעם וועג, אַריינאָטעמען די לופט, וואָס איז פון שניי אָפּגעפרישט געוואָרן, זיך דערפילן אַזוי לייכט ווי די ווייסע שמעטערלינגען, וואָס דרייען

זיך און טאַנצן און בליאַסקען מיט אַלערליי קאָלירן אַרום די רויטלאַך־בלויע פייערן פון די עלעקטרישע לאַמטערנעס.

— קומט, ווער וויל כאַפּן אַ שפּאַציר? — פרעג איך.

די חברים נעמען־אָן דעם פאָרשלאַג. פרייליך פאַרלאָזט מען די וואַרימע שטוב און מ׳לאָזט זיך אַרויס מיט אַ געלעכטער איבער די גאַסן, וואו מ׳זעט ניט קיין לעבעדיגן נפש. איינער בויגט זיך אָן, גיט אַ גלעט דעם פרישן ווייסן שניי; דער שניי בעט זיך, מ׳זאָל מיט אים אַ שפּיל־טאָן. און אין אַ מינוט ווערט די גאַס פאַרוואַנדלט אין אַ שלאַכט־פעלד. עס הילכט געלעכטער; עס קלינגען פרייליכע אויסרופן; חברה שפּרינגט, דרייט זיך, בויגט זיך, היט זיך איין און היט זיך ניט אויס פון די שניי־באַמבעס. מ׳קריגט שניי־קוילן און מ׳צילט זיך צו טרעפן. אַלע זענען פון קאָפּ ביז די פיס פאַרדעקט מיט שניי, און עס קוקט אויס ווי עפּעס ניי־מאָדנע ווייסע באַשעפע־נישן טאַנצן דאָ אויס אין דער נאַכט אַ הימן צו דעם נייעם ווייסן קעניגרייך.

אָפּגעשפּילט, פאַרמאַטערט, פאַרסאַפּעט — ווערט די חברה צוריק אויס קינדער און זיי גייען פאַרוויז ווייטער קעגן ווינט און איבער די הורבעס. אַ מינוט שווייגט מען, אָבער עס בעט זיך צו רעדן און צו זאָגן, וואָס מ׳פילט.

— קוקט עס ניט אויס ווי די גאַנצע שטאָט וואָלט אויסגע־שטאָרבן און ווי אין אַט־די אַלע הייזער וואָלטן געווען בלויז טויטע? — זאָג איך צו מיין באַגלייטערין.

— יאָ, — ענטפערט די חבר׳טע, — אין די מערסטע הייזער זענען טאַקע בלויז טויטע, נאָר זיי זענען ניט אינגאַנצן טויט. דאָס זענען לעבעדיגע מתים, וואָס שלעפּן זיך אַרום איבער דער וועלט און וואָס ווייסן ניט, אַז זיי זענען טויט; צעבראָכענע שאַרבנס, וואָס זענען קרבנות פון אונזער משוגע׳נער פאַרברעכערישער וועלט.

— ווען איר ווייסט, — זעצט זי פאָר מיט צאָרן אין איר שטימע, — וויפיל עס קומט אויס אין אונזער אַרבעט צוצוקוקן אומגליקן, אויף וויפיל העסלאַכקייטן פון אונזער וועלטל עס קומט אויס זיך אָנצושטויסן, וואָלט איר דערשטוינט געוואָרן.

די חבר׳טע איז אַ דאָקטאָר, זי אַרבעט אין אַ שפּיטאָל, וואו

עס קומען מערסטנס ערימע פאציענטן; זי האט א סך צו דערציילן פון דער ביטערערווירקלאכקייט, מיט וועלכער איר קומט זיך אויס צוזאמענצושטויסן.

אלע מאל האט זי גענוג צו דערציילן וועגן דעם ווי שווער עס איז צוצוקוקן, וואס פאר א פרייז אטדי אלע אויסגעדארטע, מיט־בלוט־שפייענדיגע ארבעטער און ארבעטערינס צאלן פאר דעם לוקסוס, וואס ס'האבן די געציילטע. זי רעדט מיט ביטערקייט וועגן דעם, וואס פאר א חוזק עס איז צו זאגן אן ארבעטער, וואס ווערט אויפ־געפרעסן פון די טובערקולאז־באצילן, אז ער דארף פרישע לופט, זון־שיין, גוטע שפייז, רו און אז ער טאר ניט האבן קיין זארגן.

— עס ווילט זיך אמאל אנטלויפן פון זיך אליין און זיך ניט באטייליגן אין אט־דעם שווינדל פון כלומר'שטדיגער הילף פאר די ליידנדיגע, — זאגט די חבר'טע.

אבער ניט אפט רעדט זי, מערסטנס שטיקט זי אין זיך איר שרייענדיגן צארן.

ווי עס ווייזט אויס, האט דער שפאציר אין אט־דער שטורמדיגער נאכט געווירקט אויף איר אזוי, אז עס האט זיך איר אויך פארוואלט רעדן, און עס איז געווען זיכער, אז אנהויבנדיג רעדן וועגן די אומ־גליקן, וואס איר קומט אויס צוצוקוקן אלע טאג, וועט זי עפעס זייער וויכטיגעס איצט דערציילן.

צוצורעדן איר איז ניט געווען נויטיג, אז זי האט שוין אנגעהויבן צו דערציילן, וועט זי שוין, מסתמא, איבערגעבן אן עפיזאד, וואס דריקט איר שטארק און וועגן וועלכן זי מוז רעדן. און זי האט דער־ציילט אזוי:

— אט איז מיר די לעצטע עטלאכע וואכן אויסגעקומען זיך אנצושטויסן אויף א פאל, וואס האט מיך אינגאנצן צעטרייסלט. איך האב וועגן דעם פריער אויך געוואוסט, אבער דא איז עס געקומען אזוי נאענט און עס איז געווען אזוי שרעקלאך צוצוקוקן ווי לעבעדיגע מענטשן ווערן פארוואנדלט אין שמאטעס צוליב עטלאכע גראשנס, וואס אן אפעריסט וויל פון זיי ארויספאמפען. אבער איך וועל בעסער איבערגעבן אלץ מיט א טאלק, — האט זי זיך אליין איבער־געשלאגן און זי האט דערציילט א קורצע שוידערלאכע געשיכטע.

א יונגע פרוי, א מוטער פון פיר קינדער, האָט א לאַנגע צייט געליטן פון שטאַרקע קאָפּווייטאָגן. ס'איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אז זי האָט פאַרלאָרן איר שלאָף און זי האָט זיך קיין פלאַץ ניט געקענט געפינען. האָט איר א שכנה אַן עצה געגעבן, אז זי זאָל צוגיין צו א געוויסן דאָקטאָר, וואָס וועט איר העלפן.

דער דאָקטאָר האָט איר „געהאָלפן" — ער האָט איר געגעבן א דאָזע אָפּיום; דער ווייטאָג איז פאַרלייכטערט געוואָרן. דעם צווייטן טאָג האָט דער דאָקטאָר געגעבן דער אומגליקלאַכער פרוי א גרעסערע דאָזע אָפּיום, און אין עטלאַכע טעג אַרום איז די קראַנקע פרוי געוואָרן א ליידנשאַפטלאַכער קרבן פון דעם אָפּיום-סם און זי האָט זיך געוואַלגערט ביי דעם דאָקטאָר'ס פיס און גע'חלש'ט פאַר אים, אז ער זאָל איר געבן וואָס-מער און וואָס-מער פון דעם סם, וואָס האָט פון איר געמאַכט אוים מענטש, וואָס האָט ביי די פיר קינדער צוגענומען זייער מוטער און וואָס האָט דעם אומגליקלאַכן פאָטער רואינירט, ווייל פון זיינע מאָגערע פאַרדינסטן האָט דער דאָזיגער אַרבעטער געדאַרפט אָפּגעבן דער פרוי 25 דאָלאַר א וואָך אויף „מעדיצין".

דער אומגליקלאַכער האָט ניט געוואוסט, אז די 25 דאָלאַר גייען ניט פאַר מעדיצין, נאָר פאַר סם. דער שאַרלאַטאַן, דער דאָקטאָר, האָט שוין דער פרוי מער ניט געגעבן קיין צעטעלאַך אין קיין אַפּטייק, נאָר פון זיין אייגענער שאַפע האָט ער אַלע מאָל, נאָכדעם ווי זי האָט זיך געגעבן אַנגעווייגט, איר דערלאַנגט די „רפואה" און געריסן פון איר אַלץ-מער און מער די הויט. ער איז געווען א שותף אין אַן „אָפּיום-רינג". דער דאָקטאָר האָט געמאַכט יד-אחת מיט קאָנ־טראַ-באַנדיסטן און זשוליקעס צו העלפן זיי פאַרקויפן אָפּיום און צו שאַפן פאַר זיי קונדן.

— ער איז ניט איינער, — האָט די חבר'טע פאַרענדיגט, — אזעלכע דאָקטוירים זענען דאָ צענדליגער; אַנדערע שווינדלען ווי דער דאָקטאָר און אַנדערע ווידער שווינדלען אויף אַן אַנדער אופן; און הונדערטער אָרימע אַרבעטער ווערן אומגליקלאַך און שלעפן זיך אַרום האַלב-טויטע איבער דער וועלט, און קיינער נעמט זיך פאַר זיי ניט אָן.

עס איז דאָך ניט דער איינציגער שווינדל, וואָס ווערט געגן זיי באַגאַנגען.

— אָך, ווען איר ווייסט ווי שווער עס איז צוצוזען אַט דאָס אַלץ אין דער ווירקלאַכקייט; עס איז אַזאַ שרייענדיגע אָנקלאַגע געגן אונזער געזעלשאַפט!

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. דער שניי האָט נאָך אַלץ זיך געדרייט, דער ווינט האָט נאָך אַלץ געוואָיעט, אָבער עס איז ניט געבליבן די פריערדיגע מונטערע שטימונג. אַלץ איז מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי שווער. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער הימל האָט זיך גאָר־גאָר נידעריג אַראָפּגעלאָזט און וועט באַלד צודריקן אַלץ און אַלעמען.

אין אַ גומענער שטאָט.

שוין אַוועק די יאָרן, ווען די חברים אין דער פּראָווינץ פּלעגן זיך נעמען באַרימען פאַר אַ באַזוכער, אַז זיי האָבן אַ נייעם סיטי-האָל, צוויי נייע מואווי-טעאַטערס, אָדער נאָך אַזעלכע חידושים, וואָס זענען ביים פּראָווינציאַל געווען אַ גאַנצער שטאָלץ.

איצט, אַז איר קומט אין אַ פּראָווינץ-שטאָט, דערציילן אייך באַלד די חברים ווי עס לעבן די אַרבעטער אין דער אָרטיגער פאַבריק, וואָ סאיז געוויינלאך דער הויפּט-מקור פון חיונה פאַר'ן גאַנצן שטעטל. אין איין פּלאַץ איז'ס אַ שיך־פאַבריק, אין אַ צווייטן זענען דאָס אַ צאָל מאַשין-פאַבריקן, אין אַ דריטן — פאַבריקן פון שלעסער און אין אַן אַנדער פּלאַץ — פאַבריקן פון גלאָזוואַרג, און אַזוי ווייטער.

די חברים ווילן, איר זאָלט אַלץ זען, אַלץ באַשרייבן. זיי פילן, אַז ווען דעם לעבן פון די האַרעפּאַשניקעס אין די פאַבריקן פון די פּראָווינץ-שטעט דערציילט מען אַזוי זעלטן און מען ווייסט אַזוי ווייניג.

די חברים ווילן, איר זאָלט זען אַלץ, וואָס ס'איז מעגלאך צו זען; איר זאָלט קומען פּנים אל פּנים מיט די, וואָס ווערן אויס־געריסן אין די פאַרשידענע אינדוסטריען, וואָס זענען צעוואָרפן איבער אַלע שטעט און שטעטלאך פון לאַנד.

אין שיקאַגאָ רעדט מען אייך צו און מ'פּירט אייך זען די ריזיגע „סטאָק-יאַרדס“; אין דעטראָיט מוזט איר גיין זען דעם גיהנום, וואו „מ'באַקט“ אויטאָמאָבילן; אין פּענסילווייניע — אַ מאַין; אין קענזעס — אַ מאַשין-שאַפּ; אין מילוואָקי — אַ שיך-פאַבריק; אין אַטלאַנטאַ — אַ טעקסטיל־מיל; אין אַנדערע שטעט דאַרף מען זען אַנדערע אונטערנעמונגען, און אין עקראָן מוז מען זען די גומע־פאַבריקן, ווייל עקראָן איז באַרימט אַלס די גומע-שטאָט.

גרויס איז די צאָל פון אירע פאַבריקן, און ריזיג גרויס זענען

זייערע געביידעס, וואו צענדליגער טויזנטער ארבעטער און ארבע-טערינס וואשן, ציען, קייקלען, קנעטן, בויגן, שניידן, פלעכטן דאס גומענע טייג און פארוואנדלען די גרויסע קלעפּיגע מאסע אין טויזנ-טער פארשידנארטיגע ארטיקלען.

— איר מוזט זען די גומע-פאבריקן, — זאגן די חברים, — איר מוזט זען, אונטער וועלכע באדינגונגען עס קומט דארט אויס צו ארבעטן.

דערציילט א חבר ווי ער איז באגליקט געווארן און מ׳האט אים אריינגענומען אין איינער פון די ריזיגע פעקטארים. זעקס מאנאטן פריער געהונגערט, אפגעקלאפּט אלע שוועלן, זוכנדיג ארבעט. און עס איז געווען אזא פרייד ערגעץ צו קריגן א בעלן אויף די אייגענע הענט, אז קיין לוין איז ניט געווען צו-קליין — אבי האבן א שטיקל ברויט. געדארפט אבער דורכמאכן א מעדיצינישע אונטערזוכונג. דער שקלאף, וואס קומט פארקויפן זיינע הענט, מוז פיזיש זיין פולקאם. האט ער אבער דעם עקזאמען ניט אויסגעהאלטן און ער האט זיך שוין גענומען זארגן, אז עס וועט אים ווידער אויסקומען צו הונגערן. עס האט זיך אויסגעדרייט אנדערש. מ׳האט אים גנע-דיגסט דערלויבט ארבעטן, כאטש ער האט דעם עקזאמען ניט אויס-געהאלטן, מיט איין קליינער דערקלערונג, אז ער וועט קריגן מיט 26 סענט א שטונדע ביליגער ווי די איבעריגע ארבעטער.

— האט מען געמוזט אנבויגן דעם קאפּ און דאס אראפּ-שלינגען, — דערציילט דער חבר.

דערווייל פאלט אים זיין פרוי אריין אין די רייד און הויבט-אן צו דערציילן איר געשיכטע: אנגעהויבן ארבעטן צו 14 יאר אויף דער פאבריק; געקראגן די ריזיגע סומע פון 16 סענט א שטונדע; זיך ארויפגעארבעט נאך 12 יאר ארבעט צו 35 סענט א שטונדע; חתונה געהאט — ארויס פון איין שקלאפעריי און אריין אין דער צווייטער.

— גייט, זעט די גומע-פאבריק, — פארענדיגט זי איר גע-שיכטע, — עס איז כדאי דאס צו זען.

עס ליגן גאנצע בערג גומע, געשניטן אין פיר-קאנטיגע שטיקער. ריזיגע מאשינען כאפּן אריין אט-די גומע-קישנס און צעקנעטן זיי,

וואַשן פון זיי אַרוים יעדעס פּיצל פּסולת; אַנדערע מאַשינען שלעפּן אַריין דאָס פרישע טייג, צעפּרעסן עס ווי דינע לייַלעכער, וויקלען עס אויס אין אומענדלאַך-לאַנגע, ברייטע פּאַסן, וואָס ווערן צעשניטן אויף גרויסע און קליינע שטיקער, פון וועלכע מ'מאַכט אַרום פינף-און-צוואַנציק טויזנט פאַרשידענע אַרטיקלען, ווי: אויטאָמאָביל-שינעס, גומענע קישקעס, קאַלאָשן, שטיוול, מעדיצינישע אַרטיקלען, ברייטע און שמאָלע רימענס פאַר מאַשינען, באָד-טשעפּיקעס, טיילן פאַר ראַדיאָ, טיילן פאַר עראָפּלאַנען און טויזנטער אַנדערע זאַכן.

מ'פירט אייך פון איין פאַבריק-אָפּטיילונג צו דער צווייטער. מ'באַרימט זיך פאַר אייך מיט דער ריזיגער גרויס פון די פאַבריקן, מיט די מיילן גאַנצע קאַטאַקאָמבעס אונטער דער ערד, מיט די קאָרידאָרן, וואָס לויפן אין אַלע ריכטונגען, איבער וועלכע עס טראָגן זיך די קליינע וואַגאָנדלאַך מיט סחורה.

מ'באַרימט זיך פאַר אייך מיט דעם ריזיגן וואוקס פון דער גומע-אינדוסטריע, וואָס פאַרנעמט איצט אַזאַ וויכטיגן פּלאַץ. מ'דער-ציילט אייך וועגן דער גרויסער קראַפט פון די מאָנסטער-מאַשינען, וואָס באַזאָרגן די פאַבריקן מיט עלעקטרישער קראַפט. מ'גיט זיך אַ באַרים מיט די מאָדערנע איינריכטונגען, וואָס די פאַבריקן פאַרמאָגן. מ'גיט אַ שטאָלציר מיט די „טובות", וואָס מ'טוט די אַרבעטער — מ'פאַרזאָרגט זיי מיט אומזיסטע דאָקטוירים, מיט אַ קאַפעטעריע, מיט אַ פּלאַץ פאַר גימנאַסטישע איבונגען און מיט נאָך ענלאַכע גליקן.

מ'דערציילט אָבער גאָר ניט וועגן דעם, וואָס ס'זענען די פאַר-דינסטן פון די אַרבעטער אין אָט-די פאַבריקן, וואָס ברענגען אַריין זייערע באַלעבאַטים ריזיגע מיליאָנען פּראָפיטן.

אַלץ איז שיין און פיין. אָבער פאַרוואָס יאָגט מען דאָ אַזוי אַרוים די נשמה? וואָס פאַר אַ טייוול שטייט עס דאָ איבער די קעפּ פון די מענטשן און שרייט אָן אויפהער: שנעלער, שנעלער, שנעלער, שטעלט זיך ניט אָפּ!...

אָט איז אַ צימער, וואו מען מאַכט גומענע שיך. אין דער ערשטער מינוט גלויבט זיך גאָר ניט, אַז דאָ שטייען לעבעדיגע מענטשן. עס מישן זיך צוזאַמען די טישן, די לאַנגע פּאָליצעס און די טויזנט אַרבעטער, וואָס שטייען אין גלייכע רייען אַרום די טישן.

בליץ-שנעל באַוועגן זיך הענט; אַלע מאָל, יעדע מינוט, די זעלבע באַוועגונג — אַ כאַפּ אַ פּאַרמע, אַ וויקל געטאָן ארום איר אַ שטיק גומע, אַ דריי געטאָן די פּאַרמע אויף צוריק, צוגעקלעפּט ארום אים נאָך אַ שטיק גומע, אַ דריי געטאָן ארום דער פּאַרמע נאָך אַ פּאַס, אָנגעטאָן אויף דער פּאַרמע די אויבערשטע טייל פון שוך ווי מ'טוט אָן אַ מאַנטעלע, אַ כאַפּ געטאָן אַ קיילאַכדיג שטעקעלע אין האַנט, צוגעפּרעסט וואו מ'דאַרף, אַ דריי די פּאַרמע אויף צוריק, אַ העפטיגער שלעפּ — די פּאַרמע איז באַפרייט, און אַ „פּריש-גאַבעקענער" שוך הענגט שוין אויף אַ פּלעקל.

און ווידער גייען פלינק די הענט, ווידער די זעלבע אָפּעראַציע. עס איז, דאַכט זיך, ניטאָ קיין צייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. עס גיסט אַ שווייס פון פּנים. די מוסקלען אויף די נאַקעטע הענט ציטערן פון אָנשטרענגונג, די אויגן קוקן אין איין ריכטונג, און מ'יאָגט און מ'יאָגט, און מ'קוקט זיך ניט אום איינער אויף'ן צווייטן, פּונקט ווי עס וואָלט געווען אַ געפאַר, אַז אָט גייט די וועלט אונטער, טאָמער וועט, חלילה, זיין מיט עטלאַכע הונדערט פּאָר שיך ווייניגער.

עס שטייט אַ מיידל ביי אַ ווערקשטאַט; אַן אומענדלאַך-לאַנגער פּאַס גומע ציט זיך פאַרביי איר. זי האָט איין אַרבעט צו טאָן — נעמען אַ שטיקל גומע פון אַ דריי-קאַנטיגער פּאַרמע און אַ קלעפּ טאָן עס אין אַן אָנגעצייכנטן פּונקט אויף דעם ליילאַך, וואָס ציט זיך אָן אַ סוף. זי איז ווי אַן אויטאָמאַט —אַ נעם דאָס שטיקל גומע, אַ קלעפּ עס צו און ווידער און ווידער צום טויזנטסטן מאָל די זעלבע באַוועגונג.

עס ברעכט איר דער רוקן; עס קלעפּן זיך די אויגן; עס טוט וויי די האַנט; עס איז שווער אין קאָפּ; אָבער מ'טאָר אויף קיין מינוט זיך ניט אָפּשטעלן; מ'טאָר קיין אויגנבליק ניט פאַרזען. עס ציט זיך און ציט זיך אומענדלאַך דער פּאַס, און מ'דאַרף אַהין אַריינ־פּלעכטן, אַריינקלעפּן און מיטשיקן די אייגענע יוגנט, דעם מאַרך פון די ביינער, דעם גלאַנץ פון די אויגן, דעם ווילן צום לעבן, — אַלץ, אַלץ דאַרף מען אָפּגעבן, כדי עס זאָלן זיך אויסבאַקן די גייאינקע שינעס פאַר די מיליאָנען אויטאָמאָבילן, די גומענע שיכלאַך, וואָס זאָלן פאַרהיטן די פיסלאַך פון די רייכע דאַמען, זיי זאָלן, חלילה, ניט

פאַרקילט און ניט פאַרגעצט ווערן, און די שיינע באַד־מיצלאַך זאָלן זיין ווי מ׳דאַרף. ווען זומער וועט קומען און די רייכע דאַמען וועלן זיך אַ לאָז טאָן צו די ים־ברעגן, זאָלן זיי קענען זיך חנ׳דלען פאַר זייערע פאַרערער מיט די געצאַצקעטע טשיפּיקלאַך אויף זייערע קעפּעלאַך.

עס דרייען זיך רעדער; עס ציען זיך פּאַסן; עס פליען הענט; עס ברעכן זיך רוקנס; מיט משוגענעם אימפּעט וואַקסן אויס בערג גומענע זאַכן; אין משוגענעם אימפּעט ווערן טויזנטער מענטשן פאַרוואַנדלט אין מאַשינען — —מענטשן־אויטאָמאַטן, אָן לייב און אָן לעבן.

גרויס די פּראָפיטן; ריזיג די געביידעס; גראַם די הויפן און קאַנטאָרן; פרייד אויף די פּנים׳ער פון די פאַרוואַלטער און פון די באַלעבאַטים — חושך אין די פּנים׳ער פון די פאַריאָגטע, אויסגע־מאַטערטע אַרבעטער. אין טייג פון דער גומע האָט מען זייער לעבן אַריינגעקנאָטן.

דער אומגליקלאַכער, וואָס האָט אויגן און טאָר ניט זען.

דער דע־לוקס „באָס" טראָגט זיך מיט אימפּעט איבער די אַספאַלט־וועגן, וואָס שלענגלען זיך באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַרויף דורך פּעלדער, וועלדער און שטעטלאַך.

אויפ'ן הימל קיין וואָלקנדל; די זון האָט דעם גאַנצן געגנט, אויף ווי ווייט דאָס אויג כאַפּט, פאַרגאָסן מיט אַ ים שיין, און פון אַלע ווינקלען פּילט זיך דער פרייידיגער געשריי: פּרילינג איז גע־קומען!

עס איז דאָ דער אָנזאָג פון פּרילינג אין דעם טייכל, וואָס האָט זיך שוין באַפרייט פון די לעצטע רעשטלאַך פון דעם אייז; עס איז דאָ דער אָנזאָג אין די קנאָספּן, וואָס באַדעקן שוין די ביימער; עס איז דאָ דער אָנזאָג אין דער לופט, וואָס שמעקט מיט אַזאַ מאָדנער פרישקייט.

עס שטופּן זיך אוועק מיט אַ זייט, ווי מחותנת'טעס, וואָס טאַנצן אויף אַ דאָרפישער חתונה, די שטיבלאַך, וואָס שטייען ביים זיים וועג; עס גיט אַ פאַרבלענד די אויגן אַן אָנקומענדער „באָס" מיט דער שיין פון דער זון, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם געשלי־פענעם גלאָז פון זיינע ברייטע פענסטער; עס לויפט פאַרביי אַ וועלדל, וואָס האָט זיך שקאָצ'ש צעוואָרפן אויף אַ שפּיץ פון אַ הויכן באַרג. אָט באַווייזט זיך אַ שול־געביידע, וואָס האָט אָנגעצונדן אירע אַלע פענסטער קעגן דער שיין פון דער זון און שפּיגלט מיט זיי ווי מיט טייערע שטיינער; עס דרייט זיך אוועק און פאַרשווינדט דער קאַראַהאָד, וואָס קינדער גייען אויפ'ן שול־הויף. אויפ'ן מיטן וועג גייען צוויי חבר'טעס, איינע גייט פאָראויס און די צווייטע גייט הינטערוויילעכס. דער „באָס" גיט אַ פלי פאַרביי זיי און עס גיט אַ שווינדל אין די אויגן, און עס איז אוממעגלאַך צו באַשטימען אין

וועלכער ריכטונג די צוויי מיידלאַך גייען, און עס ווייזט זיך אויס, אַז דאָס איז געווען איין פּנים, נאָר דער שנעל־לויפנדיגער „באָס“ האָט אים אויף צווייען צעטיילט, און סע לויפט נאָך לאַנג נאָך דער איינדרוק פון די צוויי פריילאַכע געזיכטער, וואָס זענען אַ שפּרונג געטאָן און זענען באַלד פאַרשוואונדן, — און אַלץ צוזאַמען זינגט די שירה פון דעם אַנקומענדיגן פרילינג, פון דער נאַטור, וואָס האָט דערוואַכט צו אַ ניי לעבן, צו נייע שפּראָצונגען, צו נייע וואונדער.

עס איז אַזוי גוט צו זיצן אויף דעם באַקוועמען שטול פון׳ם פראַכטפולן „באָס“ און צוצוקוקן אָט־די שיינקייט פון אַנהויב־פרילינג. עס ווילט זיך פאַרגעסן די ווייטע שטאָט מיט איר גערויש, מיט איר געלאַף, מיט דעם אומזיניגן לעבן, מיט דעם משוגענעם לוקסוס, מיט דער שרעקלאַכער נויט, מיט דעם טאָג־טעגלאַכן כאַפּ־לאַפּ, מיט דעם ביטערן קאַמף פון די, וואָס ווייסן ניט וואָס עס הייסט לופט, וואָס עס מיינט פרילינג.

עס ווילט זיך פאַרגעסן כאָטש אויף אַ מאָמענט וועגן דעם גאַנצן וואַנזין, וואָס הייסט שטאָט־לעבן. אָבער עס לאָזט זיך ניט פאַרגעסן. דוקא דאָ בעט זיך אַלס קאָנטראַסט די דערינערונג פון דער שטאָט, פון די סלאָמס, פון די פינסטערע טענעמענטס, פון די שמוציגע גאַסן, פון די אָפּגעריסענע קינדער, וואָס שפּילן אין רינ־שטאָק, פון די וועש־שטריק, וואָס פאַרהענגען די ווענט פון די אָרימע קוואַרטאַלן, פון די אַרבעטער, וואָס גייען אויף דער פּיקעט־לאַין, פון די אַנפאַלן, וואָס ווערן אויף זיי געמאַכט, פון דעם געשריי פון די ציימונגס־פאַרקויפער, וואָס ווייסן ניט, אַז זיי פאַרקויפן סם אין קליינע דאָזעס, פון דעם בריאזג פון די טראַמוואַיען, באַנען, אויטאָ־מאָבילן, פון דער הוזשעריי און פייפעריי, מיט וועלכע די גרויסע שטאָט פאַרשרייט דעם אומזין פון איר אומגעלומפּערטן לעבן.

אוממעגלאַך זיך צו באַפרייען פון די דאָזיגע בילדער. און ווייטער פרעגט דער געדאַנק: וואָס וועט אויסקומען צו טרעפן אין דעם נייעם פּלאַץ, וואוהין עס טראָגט דיך דער „באָס“? מיט וואָס פאַר אַ נייע סמנים פון מענטשישע ליידן וועט אויסקומען זיך אַנצו־שטויסן פּנים אל פּנים? וואָס פאַר אַ נייע צייכנס פון קאַמף, צרות, מאַטערניש וועט אויסקומען צו באַגעגענען? אפשר דאָ וועט זיין

אָן אויסנאַם? אפשר היינט אין אָט־דעם אָנהויב־פֿרילינג־טאָג וועט ניט אויסקומען צו זיין קיין עדות ווי אין דעם משוגעת פֿון אונזער משוגע׳נעם לעבנס־שטייגער ווערן אין צרות געקרייציגט אַזוי פֿיל מענטשן־קינדער?

עס איז אָבער ניט באַשערט געוועז דער טאָג זאָל זיין אָן אויסנאַם.

ניט מער ווי דריי שעה שפּעטער איז שוין געווען נאַכט. די רייזע אין „באָס“ איז שוין געווען אַ זאַך פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, און פֿאַר מיר איז געזעסן אַ מענטש, וואָס האָט דערציילט אין פּשוט׳ע ניט־געקינסטלטע ווערטער אַ געשיכטע פֿון אַזעלכע ליידן, וואָס מ׳דאַרף זיין שטאַרקער ווי אייזן זיי איבערצוטראָגן.

ער האָט דערציילט: געווען אין קליינעם „בונד“ אַמאָל; מיט לייב און לעבן זיך אָפּגעגעבן דעם קאַמף פֿאַר פֿרייהייט; געקראָגן געשפּאָלטן דעם קאָפּ; זיך אָפּגעוואַלגערט יאָרן אין טורמעס און ערשט דאָרט נאָך מער באַפֿעסטיגט געוואָרן אין דער זיכערהייט, אַז די מענטשהייט מוז איבערבויען איר לעבנס־שטייגער, אַז עס מוז איינגעפֿירט ווערן אַ נייע געזעלשאַפֿטלאַכע אָרדנונג. פֿאַרשטויסן געוואָרן פֿון לעבנס־שטראָם אַהער אין לאַנד; געברענט מיט דעם ברען פֿון קאַמף אין די יוניאָנס און דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַ גרויסער שטאָט. דער קאָפּ, וואָס די קאַזאַקן האָבן אַמאָל צעשפּאָלטן, האָט אָנגעהויבן צו געבן ווייטאָג און אָפּגערופֿן האָט זיך עס אויף די אויגן און זיי האָבן אָנגעהויבן ווערן שוואַכער און שוואַכער. געמוזט פֿאַרלאָזן די גרויסע שטאָט; פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן אין אַ קליינעם פּלאַץ; ניטאָ דאָ קיין גרויסער קרייז פֿון אייגענע, נאָענטע מענטשן. עס ווילט זיך אָבער זיין אין נאָענטער באַרירונג מיט דעם לעבן, וואָס קאָכט און ברויזט אין די גרויסע שטעט, מיט דעם גרויסן קאַמף, וואָס גייט־אָן אין דער גאַנצער וועלט, מיט דעם קאַמף, אין וועלכן די נאָענטע, די מיליאָנען חברים שטייען אין אַלע ווינקעלאַך פֿון דעם ערד־קוגל. עס ווילט זיך כאָטש דורך די באַריכטן איז דער פּרעסע קומען אין באַרירונג מיט אָט־די קעמפֿער און פֿון דער ווייטנס זיך פֿרייען מיט זייער פֿרייד און טיילן זייערע זאָרגן.

אָבער די אויגן זענען שוין גאָר שוואַך, עס איז שוין מער ניט מעגלאַך אפילו מיט די שטאַרקסטע גלעזער צו לעזן מער ווי א פאָר מינוט און אפילו דאָס פאַרבאָטן אים אויך די דאָקטוירים צו טאָן.

ווילט זיך דאָך פאָרט ויסן — מ׳קאָן דאָך דערשטיקט ווערן אין אָט־דעם שטעטל, וואו עס איז ניטאָ קיין געזעלשאַפטלאַך לעבן, וואו מענטשן האָבן ניט קיין אינטערעס צו קיין ערנסטער זאַך. עס ווילט זיך ויסן וואָס עס זאָגן די נאָענטע, די באַליבטע שרייבער און פירער; עס ווילט זיך ויסן וואָס עס זענען די לעצטע טאַטן פון די שונאים; עס ווערט צעריסן דער מוח פון אָט־דער געצוואונגענער אומוויסנהייט. און דער איינציגער, וואָס וואָלט געקענט פאַרבייטן אים די אויגן, — די פרוי, וואָס ער וואָלט וועלן זי זאָל פאַר אים זיין באַליבטע צייטונג לייענען, דאָס וואָרט פון זיינע באַליבטע שרייבער אים געבן, — זי איז פרעמד צו זיין וועלט. געבוירן געוואָרן דאָ, דערצויגן זיך אין אַן אַנדער אַטמאָספערע. זיין אינטערעס צו דער גרויסער וועלט, צו דעם גרויסן קאַמף, צו די גרויסע אידעאַלן, צו די אַרבעטער, צו זייערע פירער, זיין האַס צו זייערע פאַרפירער — דאָס אַלץ איז איר ניט פאַרשטענדלאַך, עס גייט איר ניט אָן און זי קען אים זיינע אויגן ניט פאַרבייטן.

ער איז געצוואונגען צו לעבן אין דער פינסטער, זיך באַנוגענען מיט ברעקלאַך נייעסן, וואָס פאַלן אַראָפּ פון צופעליגן געשפרעך.

— אין האַרצן ברענט אַ פייער און אָפט ווילט זיך נעמען אַ מעסער און אויסשטעכן אָט־די צוויי אויגן, וואָס ווילן מער ניט דינען, אָדער זיך אַליין דערשטעכן און פטור ווערן פון אָט־דעם גיהנום, וואָס ברענט אין דיר, — רופט ער אויס מיט פאַרצווייפלונג.

ער פאַרענדיגט זיין טראַגישע געשיכטע. ביי דער זייט זיצט די פרוי מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. פאַרשטייט זי כאָטש די שטילע טראַגעדיע פון אָט־דעם מענטשן, וואָס האָט אין זיינע פשוט׳ע רייד נאָר־וואָס דערציילט פון אַזאַ ים פון איבערמענטשלאַכע לײדן?

געשפּרעכן מיט מענטשן אין וועג.

אין אַ „באָס" דערנענטערט מען זיך עפּעס שנעלער איינעם צום צווייטן ווי אין אַ באַן. אין אַן אויטאָ-באָס איז אוממעגלאך אָפּצוזיצן שטונדן-לאַנג און ניט אויסרעדן אַ וואָרט מיט דעם שכן.

יאָגט זיך דער ריזיגער „באָס" אויף די שליאַכן פון טעקסאַס און מיין שכן דערציילט ווי שווער און ביטער עס איז דעם פאַרמער צוליב די לאַסטן, וואָס ער טראָגט אויף זיך. אויף זיין קאַרק זיצט דער טראָסט, ביי וועמען ער דאַרף קויפן זייַנע מאַשינען, דער תבואה-עלעוויטאָר און די באַנק נעמען אַראָפּ די סמעטענע און די באַן נעמט־צו פאַר פראַכט דאָס איבעריגע.

— עס ווערט אוממעגלאך צו לעבן, — קלאָגט זיך דער פאַרמער.

אויף זיין פּשוט'ן, פון ווינט פאַרברענטן געזיכט, איז דאָ אַזוי פיל אומבאַהאָלפנקייט, ווען ער זאָגט:

— עס איז שווער אָנצוהאַלטן דעם פאַרם און עס איז נאָך שווערער אים אַוועקצוואַרפן.

ער דערציילט אַ געשיכטע פון מאַטערניש, פון פּשוט'ער נויט, וואָס זיין פאַמיליע ליידט אָפּט. מיט אַ טאָן פון איינעם, וואָס האָט זיך פולשטענדיג אונטערוואָרפן זיין ביטערן שיקזאַל, דערציילט ער, אַז זיין פרוי איז געשטאָרבן אין קימפּעט, ווייל זי האָט צו-שווער געאַרבעט בשעת זי האָט געשוויינגערט. דער עלטערער זון איז גערירט פון זינען, און זיין פופצן־יאָריג מיידל פירט די באַלעבאַטישקייט.

— עס איז אַזוי ביטער, כאָטש לייג זיך אַוועק און שטאַרב אין מיטן וועג, — פאַרענדיגט ער.

ניט ווייט פון סאַן-אַנטאָניאָ גייט ער אַראָפּ, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום קייקלט זיך דער „באָס" שוין אויף די אַספאַלט-וועגן

פון דער רווישיגער שטאָט, דאָרט, וואו עס שטייען די באַנקען און קאַנטאָרן פון די, וואָס האַלטן דעם פאַרמער אונטער'ן יאָך.

* * *

ווען מיין שכנה האָט מיר דערציילט, אַז זי איז אַ לערערין אין אַ פּאַבליק-סקול, האָב איך איר געשטעלט עטלעכע פראַגן וועגן דעם, צי נעפינט זי אַ באַפרידיגונג אין איר אַרבעט, צי דענקט זי, אַז זי דערציט די קינדער, צי דענקט זי, אַז די קינדער האָבן ליב די שול, צי איז זי באַקאַנט מיט די מאָדערנע עקספּערימענטאַלע שולן.

דאָס יונגע מיידל, אַ טאָכטער פון שוועדישע אימיגראַנטן, וואָס פאַרשטייען קוים אַ וואָרט ענגליש, דאָס מיידל, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין איאָוואַ און איז נאָך ביז איצט קיינמאָל ניט אַרויס־געפאָרן פון די גרעניצן פון איר שטאָט, הויבט ניט אָן צו וויסן וואָס איז דאָס פאַר אַ זאַך — די עקספּערימענטאַלע שולן. זי גייט אין די פוסטריט פון די, וואָס האָבן מיט איר געלערנט. איר מאָטאָ איז : קינדער ווילן זיך ניט לערנען — מ'דאַרף קינדער האַלטן אין צאַם.

זי דערציילט, אַז זי האָט אַ קלאַס פון פינף-און-פערציג קינדער און זי האָט קיינמאָל ניט קיין געלעגנהייט צו געבן די קינדער אינ־דיווידועלע אויפמערקזאַמקייט. זי האָט ליב איר אַרבעט, נאָר זי פילט, אַז עפּעס איז דאָ ניט מיט אַלעמען — עס וואָלט געדאַרפט זיין אַנדערש, נאָר ווי אַזוי מען קען אויסבעסערן די שול ווייסט זי ניט.

עס איז פאַר איר אַ גרויסע איבערראַשונג, אַז מען קען האָבן אַ שול איינגאַנצן אָן דיסציפּלינאַרע מיטלען, איינגאַנצן אָן אויסצייכענונגען און אָן שטרענג־פאַרגעשריבענע פּראָגראַמען.

— אויב עס וועט ניט זיין קיין דיסציפּלין, וועלן דאָך די קינדער איינגאַנצן ניט קומען אין שול,—זאָגט זי מיט פאַרוואונדערונג.

— דאָס זעלבע פרעגן אויך אַלע טאַטעס און מאַמעס, וועלכע הערן פון די מאָדערנע שולן, נאָר זיי פאַרגעסן, אַז קינדער האָבן ליב צו שפּילן, אַז אין דער שפּיל לערנען די קינדער זייער אַ סך — זיי באַקענען זיך מיט די אייגנשאַפטן פון די אַרטיקלען, מיט וועלכע זיי אָפּערירן אין זייער שפּיל, זיי באַאָבאַכטן די דערוואַקסענע, כדי

צו קענען זיי אימיטירן אין זייער שפּיל, זיי לערנען זיך אויך דורך זייער שפּיל ווי אזוי אָפּצוהיטן געוויסע כּללים און אַ פּריוווילעגיע דיסציפּלין. ווען די שול ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פּלאַץ, וואו די קינדער קענען קריגן די בעסטע מעגלאַכקייט פריי צו שפּילן, ווען די דערציער ווייסן ווי אזוי צוצוגיין צו די קינדער און דורך שפּיל זיי באַקענען מיט דער וועלט, וואָס רינגלט זיי אַרום — די וועלט פון חיות, פלאַנצן, מאַטעריאַלן און אינסטרומענטן — דעמאָלט קען די שול ווערן פאַר זיי אַ פּלאַץ, וואו זיי ווערן דערצויגן און וואו זיי קענען צוגעגרייט ווערן צו פאַרנעמען אין לעבן זייער פּלאַץ אַלס געזונטע, נוצלאַכע מענטשן.

— אין אַזאַ שול איז שוין גיט נויטיג אָנצוהאַלטן קיין דיס־ציפּלין; פּונקט ווי קינדער איז שווער אָפּצורייסן פון שפּיל, אזוי וועט מען די קינדער פון אַזאַ שול מיט קיין שטעקן ניט קענען פאַרטרייבן.

מיין באַן־שוועסטער איז איבעראַשט. זי גיט צו, אַז זי האָט פון אַזאַ צוגאַנג צו דער פראַגע קיינמאָל ניט געהערט. זי שטימט צו, אַז די שול, ווי זי איז איצט, גיט די קינדער אַביסל תּורה אויף דעם שפּיץ מעסער, שטאָפּט זיי אָפּ אָן מיט אומנויטיגער אינפאָר־מאַציע און לאָזט זיי אַרויס אין דער וועלט רוי און ניט צוגעגרייט צום לעבן.

אַז אויף דער שול פאַלט אויך אַ גרויסע טייל שולד פאַר דער פאַרברעכן־מגפה, אַז אויף דער שול פאַלט אויך אַ גרויסער טייל שולד פאַר דעם, וואָס עס זענען אַנגעגרייט אזוי פיל לעזער פאַר דער נאַסן־פּרעסע, פאַר דעם, וואָס עס זענען דאָ אַזויפיל בויאַנעס, פאַר דעם, וואָס עס זענען דאָ אַזויפיל באַביטס, דאָס האָט שוין מיין שכנה געפּרואווט באַשטרייטן. זי האָט געהאַט אין זיך צו טיף איינגעפּלאַנצט דעם באַגריף, אַז דער איינציגער איז אַליין דער באַלעבאָס איבער זיינע אַלע האַנדלונגען, אַז זי זאָל לייכט קענען באַנעמען דעם צוגאַנג, אַז די האַנדלונגען פון יעדן איינעם זענען באַשטימט פון די אומשטענדן, צו וועלכע ער איז אונטערוואָרפן, און הענגען ניט אינגאַנצן אָפּ פון זיין פרייען ווילן.

וואָס וואָלט זי נאָך געזאָגט, ווען איך זאָל געוועזן אויפהויבן די

פראגע, אז פאר ארבעטער-קינדער איז די שול א סם, ווייל זי פלאנצט איין אין די קינדערשע הערצלאך שנאה צו דעם ארבעטער-סאמף און צו די פרייהייט-אידעאלן פון דעם ארבעטער-קלאס?

ווי האט זי געקענט באגרייפן פארוואס אין דעם סאוועטן-פארבאנד — אין דעם לאנד, וואו עס הערשן די ארבעטער — ווערט די קינדער-שול אוועקגעשטעלט אויף דער העכסטער הויך און פאר-וואס אין אמעריקע, וואס איז דאס רייכסטע לאנד אין דער וועלט, שטייט די פאלקס-שול אויף דער נידעריגסטער שטופע.

דאס שוועדישע מיידל פון אייאווא הויבט דאך ניט אן צו וויסן וואס עס הייסט קלאסן-הערשאפט און קלאסן-קולטור.

עס האבן זיך א יאג געטאן די פארשטעט פון קענזעס; די באן איז געבליבן שטיין; מיין שכנה איז אוועק זיך איבערזעצן אין א צווייטן צוג אויף דעם וועג צו איר אייאווא, וואו זי וועט ווייטער אויף א קאזיאנעם שטייגער דויבען אין די קעפ פון קליינע קינדער-לאך ספעלינג און אריפמעטיק און וואו מ'וועט ווי אלע מאל באנוצן א סטראפ און שטעלן אין ווינקל. איך בין געבליבן אין באן צו פארן ווייטער אויף מיין וועג צו דער פארוויכערטער סט. לואיס.

* * *

ווי אלעמאל אויף די גרויסע באן-סטאנציעס, איז דא געווארן זייער טומלדיג. פאסאזשירן זענען געקומען, באגאזש-טרעגער אין רויטע היטעלאך זענען געקומען אנגעלאדן ווי קעמלען און האבן אויף שנעל אויסגעלאדן פון זיך האנט-רענצלאך און גאלף-זעקלאך און שאכטלאך פון היטלען און אלערליי פעק. זיי האבן זיך געאיילט צו לויפן און ברענגען פעקלאך פון נאך עטלאכע פאסאזשירן. א גאנצע מחנה בחורים אין ווייסע פארטוכער האבן פארפלייצט דעם וואגאן און האבן אים פארהילכט מיט זייערע געשרייען:

— געט יור קאפי! סענדוויטשעס אף אל קיינדס! טשאקאלאד ענד פרוט! לייטעסט קענזעס ענד סט. לואיס פייפערס! פרעש אייז-קרים! (קויפט קאווע! סענדוויטשעס פון פארשידענע סארטן! שאקאלאד און פרוכט! די לעצטע צייטונגען פון קענזעס און סט. לואיס! פרישע מאראזשענע!)

די טירן זענען אלע געווען צעעפנט, די טעמפעראטור אין

וואַגאָן איז מיטאַמאָל געפאַלן פון דער פריערדיגער טראַפּישער היץ, וואָס האָט דאָ געהערשט, צו אַ ביטערער קעלט.

פרויען האָבן אויף שנעל געוויקלט זייערע קינדער אין מאַנטלען; אַן אַלטער מאַן איז זיך פאַרגאַנגען אין אַן אומענדלאָכן הוסט; אין דרויסן האָבן עטלאָכע אַרבעטער מיט האַמערס געקלאַפּט איבער די רעדער אונטער׳ן וואַגאָן, און אין דעם טומל האָט קיינער קיינעם ניט באַמערקט און קיינער האָט זיך אויף קיינעם ניט אַרומגעקוקט. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט, אַז אַלע זאָלן מיטאַמאָל אויסדרייען זייערע קעפּ צו אַ הויכן פאַרשוין, וועלכער איז געשטאַנען אינמיטן וואַגאָן און האָט געפּאַטשט אַ שוואַרצן באַגאַזש־טרעגער.

די פּאַסאַזשירן האָבן אָנגעקוואָלן פון דעם ספּעקטאַקל און עס האָט זיך געהערט פון פאַרשידענע ווינקלען:

— סוירוּוז הים ראַיט! (ער האָט עס כשר פאַרדינט!)

אין אָנהויב איז אין דעם גרויסן טומל ניט מעגלאַך געווען צו דערגיין קיין טאָלק, וואָס דאָ איז פאַרגעקומען, נאָר שפּעטער איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס האָט דער שוואַרצער דעם פאַרשוין אַ טראָט געטאָן אויפ׳ן פוס און דערפאַר האָט ער עס אַריינגעכאַפּט די פּעטש.

אַ דערשלאָגענער, מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ, אָן אַ וואָרט פון פּראָטעסט, האָט דער שוואַרצער זיך אַרויסגערוקט פון וואַגאָן און איז נאָך לאַנג באַגלייט געוואָרן פון די זידלערייען פון דעם הויכן פאַרשוין.

די באַן האָט זיך גערירט און דער שלעגער האָט זיך געזעצט לעבן אַ מאַן מיט אַזאַ גרויסן בויך, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז ניט אַנדערש ווי ער טראָגט דאָרט אַ פּויק באַהאַלטן אונטער זיינע מלבושים..

די צוויי האָבן געעפנט די רענצלאַך און מ׳האָט גענומען פון דאָרט שלעפּן פלעשלאַך. ווען זיי האָבן צו עטלאָכע מאָל געמאַכט לחיים, האָט דער הויכער פאַרשוין זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק איבער דעם וואַגאָן מכבד זיין אַלע פּאַסאַזשירן.

— טרינקט, — האָט ער זיך געבעטן, — טרינקט, איך האָב נאָך אַ פּאָר פלעשלאַך. טרינקט, מיין שיף־קאָמפּאַניע וועט באַצאָלן.
די בעסטאַרדס האָבן געמאַכט גענוג געלט — זיי האָבן ערשט

אוועקגע׳גנב׳עט א פּעטענט ביי זייערן א דעזיינער; ניש׳קשה, איך מעג ביי זיי אויך גנב׳ענען, טרינקט, טרינקט, איך האָב נאָך עטלאַכע פלעשלאַך.

— טרינקט, גאַרדעמעט!

זיינע אויסגעסלאָפּעטע אויגן האָבן שוין, דאַכט זיך, גאָר ניט געזען; ער איז געפאַלן פון די פיס און דאָס פלעשל האָט זיך אַלע מאָל ביי אים איבערגעדרייט אין האַנט מיט דעם מויל אַראָפּ און דער בראַנפן האָט זיך געגאָסן איבער׳ן דיל.

א שאָד וואָס די לערערין פון אייאָוואַ איז שוין דאָ ניט געווען — אָט וואָלט זי געזען א פּראָדוקט פון אַמעריקאַנער דערציאונג.

* * *

די פּולמאַן פּאָרטערס זענען אַלע ווי איינער ניט קיין באַ־רעדעוודיגע. עס איז מעגלאַך, אַז באַרעדעוודיג זענען זיי יאָ, נאָר מיט די פּאַסאַזשירן רעדן זיי זייער ווייניג. זאָל זיין אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס די מערסטע פּאַסאַזשירן קוקן אויף די פּאָרטערס פון אויבן אַראָפּ און טראַכטן אַפילו ניט פון זייער עקזיסטענץ, אָדער זאָל זיין, אַז די פּאָרטערס האָבן געקראָגן א קאַפּוליער אָנצוהערעניש, אַז זיי דאַרפן האַלטן מויל?

ווי די זאַך זאָל ניט זיין, די פּאָרטערס שווייגן. זיי מאַכן די בעטן, הענגען אויף די פאַרהאַנגלאַך, לעשן אוים די עלעקטרישע לאָמפּן, פּוצן אָפּ אַלעמענס שיך, טראָגן אַרוים דעם באַגאַזש און זאָגן אין זייער הכנעה׳דיגן טאָן דעם "טענק יו, סער", נאָר מער הערט מען פון זיי קיין וואָרט ניט.

איך האָב עטלאַכע מאָל געמאַכט א פּאַרזוך מיט די פּאָרטערס צו פאַרפירן א געשפּרעך, נאָר עס האָט זיך אַלע מאָל אויסגעלאָזט מיט דעם, וואָס אָדער דאָס גלעקל האָט דעם פּאָרטער אוועקגערופן, אָדער ער האָט אַזוי געגעבן ענטפערס אויף מיינע פראַגן מיט א האַלבן מויל, אַז דער געשפּרעך האָט זיך ניט געקלעפּט און האָט זיך איבער־געהאַקט ביים סאַמע אָנהויב.

איינמאָל אָבער איז מיר אויסגעקומען צו פאָרן אין א וואַגאָן, וואו א חוץ מיר איז קיינער ניט געווען — עס איז געווען א יום־טוב טאָג, אין גאַנצן באַן זענען געווען ווייניג מענטשן און גראד

אין מיין וואגאן איז קיינער ניט געווען. דער פּאָרטער האָט געמאַכט די בעט פאר מיר און האָט זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקל פון וואגאָן. איך האָב באַשלאָסן מיט אים צו פאַרפירן אַ געשפּרעך.

ער האָט צוגעשטימט, אַז עס איז שיין אין דרויסן, ער האָט צוגעשטימט אַז אין וואגאָן איז זייער הייס, ער האָט צוגעשטימט אַז מסתמא איז דער יום-טוב שולדיג אין דעם, וואָס אין וואגאָן איז אַ חוץ מיר קיינער ניטאָ. האָב איך געמיינט, אַז נאָך דעם אויס-טויש פון די דערמאָנטע פראַגן מעג איך זיך שוין ריזיקירן אים פרעגן וויפיל ער פאַרדינט, נאָר איך האָב זיך גענאַרט — איך האָב גלייך דערזען, אַז איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אייזערנער וואַנט.

צווישן אונז איז אוועק אַזאַ געשפּרעך:

— וויפיל פאַרדינסטו, ברודער?

— איך פאַרדין וויפיל עס מאַכט זיך.

— וואָס הייסט וויפיל עס מאַכט זיך, — פרעג איך, — איז נאָר ניטאָ קיין נאָרמע?

— עס ווענדט זיך וויפיל מייל מען פאָרט דורך אין דעם מאָנאַט.

— און וויפיל מייל פאָרסטו דורך אַ מאָנאַט?

— וויפיל עס קומט אויס.

— וויפיל קען אויסקומען?

— ווי עס מאַכט זיך, אַמאָל מער און אַמאָל ווייניגער.

אַזוי אַ ווערטער-געפּעכט, צו וועלכן עס האָט זיך ניט פאָראויס-געזען קיין סוף.

איך האָב זיך איינגע׳עקשנ׳ט און באַשלאָסן, אַז ער וועט מיר מוזן אָדער געבן אַן ענטפער, אָדער ער וועט מיר מוזן זאָגן, אַז ער וויל מיר ניט ענטפערן. איך בין באַשטאַנען ער זאָל מיר זאָגן, וואָס מיינט דאָס וויפיל מייל עס קומט אויס, — מיינט עס טויזנט, פינף טויזנט, צען טויזנט מייל?

נאָר ער איז געווען אַ האַרטער נוס, און ווי אַזוי איך זאָל ניט געווען דרייען די פראַגן, האָט ער אַלץ געהאַט אַ וועג ווי אויסצומיידן מיר ענטפערן דירעקט.

„וויפיל עס קומט אויס, וויפיל מען באַשטימט, וויפיל עס נעמט זיך אָן אויף דיין חלק, וויפיל דו כאַפּסט אַריין“ — דאָס זענען געווען

די איינציגע ענטפערס, וואָס איך האָב פון אים געקענט אַרויסקריגן. אפילו צו דערגיין וויפיל מ׳צאָלט פאַר אַ מייל, האָב איך אויך ניט געקענט. ווי אין דעם פריערדיגן פאַל, זענען דאָ אויך די ענטפערס געווען: „וויפיל עס קומט אויס לויט די מיילן, ניט אויף אַלע „ראַנס״ דאָס זעלבע, ניט אויף אַלע באַנען דאָס זעלבע״.

וויפיל־זשע פאָרט פאַרדינט אַ פולמאַן פּאָרטער? דאָס האָט מיין איינגע׳עקשנ׳טער שכן איבערגעלאָזט איך זאָל אַליין אויסגעפינען, און אפשר האָט ער געדיינקט, אַז עס איז גענוג צו זען זיין הכנעה׳דיגע האַלטונג צו פאַרשטיין, אַז די רייכע פולמאַן קאָמפּאַניע צאָלט אים אַ נישטיגן געהאַלט, אַ־ניט וואָלט ער זיך אַזוי ניט געבויגן אין דרייען און וואָלט אפשר אויך ניט מורא געהאַט צו ענטפערן, ווען מ׳שטעלט אים אַ פראַגע.

ליכט און שאָטן אין פּראָווינץ

פּראָווינץ צו פּראָווינץ איז נישט גלייך. אָפּט פּאָרט איר אריין אין א פּראָווינץ-שטאָט און עס גיט א שלאָג מיט אזוי פיל שימל, מיט דעם אמת'ן גייסט פון „מעין סטריט" און פון קליינשטעטלדיגן געמייזאכץ, אז עס ווערט אייך אזש פינסטער אין די אויגן. נאָר אָט פאָרט איר אריין אין א שטאָט, וואָס האָט ניט קיין גרעסערע באפעלקערונג ווי די ערשטע שטאָט, און דאָ איז שוין גאָר אַן אנדער לעבן. דער אונטערשייד ווענדט זיך אָן א סך אורזאכן, דער עיקר אין דעם, וואָסער סאָציאַלער שיכט לייגט ארויף זיין שטעמפּל אויף דעם לעבן.

אין איינינגע שטעט געפינט איר א פּאַרצווייגטע קולטורעלע טעטיגקייט: ארבעטער־קלובן, ארבעטער-מוזיקאַלישע אָרגאַניזאציעס, ארבעטער-קורסן, שולן פאַר ארבעטער-קינדער, פרויען־אָרגאַניזאציעס און נאָך און נאָך. עס אָטעמט דאָ מיט לעבן אויף יעדן קער: עס לעבט דער ברענטש פון דער פּראָטערנאַלער אָרגאַניזאציע, ס'איז לעבעדיג אין דעם „איקאָר", עס שלאָגט א שנעלער פּולס אין דעם קלוב, עס איז דאָ א ווירקזאַמער טייל פון דער פּארטיי און עס ברויזט מיט לעבן אין דעם לאָקאַל פון דער יוניאָן.

אין א צווייטער שטאָט איז טויט, אָפּגעלאָזנקייט, און אלע זענען פאַרנומען מיט קאָרטן-שפּיל.

דאָס קאָרטן-שפּיל אויף דער פּראָווינץ איז אַן אמת'ע קללה. מ'שפּילט „פון ליבע צו דער קונסט" און מ'שפּילט פאַר „הייליגע" צוועקן. מ'שפּילט אזוי זיך, ווייל מ'האָט ניט וואָס צו טאָן מיט זיך, אויב עס איז דאָ א פרייע שטונדע, און מ'שפּילט „פאַר א קראַנקן ברודער", „פאַר די ליידנדע אויף יענער זייט ים", „פאַר א נייעם טויער צום אָרטיגן בית־עולם", „פאַר פאַרהאַנגלאַך אין דעם קעלער־שטיבל פון דעם האָספּיטאַל" און פאַר נאָך און נאָך אזעלכע וואוילטעטיגקייטן.

עס שפּילן די טאַטעס און די מאַמעס און עס שפּילן די קינדער — קאָרטן גייען גאָר נישט אַראָפּ פון דעם טאָג-אָרדנונג.

און מערקווירדיג: דאָרט, וואו די טאַטעס און מאַמעס זענען געבענטשט מיט אידעאַלן, דאָרט וואו עס איז דאָ אַ טעטיגע באַוועגונג, דאָרט זענען די קינדער גאָר אַנדערע — זיי אינטערעסירן זיך מיט די קאַמפן פון די אַרבעטער אין דער גאַנצער וועלט, זיי אינטערעסירן זיך מיט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, זיי באַציען זיך קריטיש צו די מיליטאַריסטישע דרשות, וואָס מ׳טראָגט זיי אונטער אין זייער קאַזיאָנער שול, זיי טרוימען וועגן אויסוואַקסן קעמפער פאַר אַ בעסערער וועלט. דאָרט אָבער, וואו מ׳איז פאַרנומען מיט קאָרטן, דאָרטן ווייסן ניט די קינדער וואָס עס מיינט סאָוועטן-לאַנד, דאָרט אינטערעסירן זיי זיך בלויז מיט די ביליגע „חושאָוקעס“ אין די גאַסן-צייטונגען, דאָרט קייען זיי אַלע גאָס און דאָרט קרימען זיי כמעט אַלע נאָך די ביליגע וואָדעוויל-קאָמעדיאַנטן.

אַט זענען פיר שוועסטערלאַך אין עלטער פון 5 ביז 11 יאָר. מ׳מעלה-גירה׳ט אויף וואָס די וועלט שטייט. די קלענסטע ווייזט קונצן ווי די צירק-אַקראָבאַטן. אַ ניין-יאָריגע מיידעלע רייסט זיך צו ווייזן, אַז זי קאָן טאַנצן דזשעז-טענץ און די עלטסטע, די עלף-יאָריגע, וואַרט אומגעדולדיג צו ווייזן איר קונצן אויף דער פּיאַנאָ. בלויז די זיבן-יאָריגע האָט ניט קיין טאַלאַנטן. זי זיצט זיך גאַנץ שטיל און איז פאַרנומען מיט דער באַשיידענער אַרבעט פון ענטפערן וויפיל איז פינף מאָל אַכט און זיבן מאָל ניין.

— גלויבט מיר, עס קאָסט אָפּ גענוג בלוט אויסצוהאַלטן אַ טאַנץ-לערער און אַ מוזיק-לערער, — דערציילט די יונגע מוטער מיט אַ זיפץ, — ווער ווייס צי זיי וועלן זיך כאָטש עפּעס אויסלערנען?

די טענצערין קריגט ענדלאַך איר געלעגנהייט צו ווייזן וואָס זי קאָן. זי ציט אַרויף אַ פּאָר ספּעציעלע שיכלאַך און נעמט זיך אויסקלאַפּן ווי אויף אַ באַראַבאַן אַ טאַנץ פון דעם סאָרט, וואָס בחורים אין ברייטע פּלודערן מיט אַ היטעלע אויף אַ זייט טאַנצן אין די וואָדעוויל-טעאַטערס. דאָס קליינע גוף׳עלע איז שוין פאַרמאַטערט, נאָר עס רוט ניט.

— דו יו וואָנט טאָו-דענסינג? — פרעגט זי אויף גיך, און נאָך איידער זי קריגט אַן ענטפער, וואַרפט זי שוין אַראָפּ די שיכע-לאַך, טוט אָן אויף די שפּיץ־פינגער פון די פיס עפּעס אַזאַ זעקעלע, דערנאָך ציט זי אָרויף אַ פּאָר שיכלאַך מיט אייזנדלאַך ביי די שפּיץ-פּאַדעשוועס און עס גייט אַ סדרה פון דרייען זיך אויף די שפּיץ־פינגער.

קוקט די מוטער מיט דערוואַרטונג אין די אויגן, זי וויל שוין וויסן אַ מיינונג וועגן די טענץ פון דעם קינד. זי וויל וויסן, צי האָבן די טענץ אויסגענומען אַזוי ווי זיי נעמען אויס ביי אַלע קרובים. נאָר די אומדערמידלאַכע קליינע באַוואַיגט זיך נאָך אַלץ ניט און זי האָט שוין אַ נייעם פאָרשלאָג:

— דו יו וואָנט מי טו דענס עי סאָודערן דענס?

זאָל זיין אַ סאָודערן דענס — ערגער פון דעם, וואָס איז געווען ביז איצט, קען דאָך שוין ניט זיין.

צעטאַנצט זיך דאָס מיידעלע, און אָט זינגט זי שוין אויך:

„איף יו דאָנט לייק דאַרקיס האָממינג,
איף יו דאָנט לייק באַנדזשאָס סטראָממינג,
איף יו דאָנט לייק בראַון איייד גוירלס
סטעי אַוט, פּליעז סטעי אַוט אָוו די סאַוט!“

זי מאַכט העסלאַכע העוויות, זי ווינקט מיט די אויגעלאַך, זי טשמאָקעט מיט די ליפּעלאַך און עס ווערט אַזוי פּריקרע דאָס צו-צוקוקן, אַז ס'ווילט זיך אויסשרייען אַ פלוך צו דער פינסטערניש, וואָס מאַכט אַזוי אַ תל פון צאַרטע קינדערשע לעבנס.

די מוטער קוקט מיר אין די אויגן אַריין און וואַרט איך זאָל איר זאָגן מבינות אויף דעם טאַנצן פון איר טעכטערל. איך וויל זיך קאָנטראָלירן, נאָר איך קען ניט באַהאַלטן מיין אויפריכטיגע מיינונג:

— דאָס איז דער טייוול ווייסט וואָס, נאָר ניט קיין טאַנץ, — זאָג איך, — עס איז אַ פאַרברעכן צו פאַרדאַרבן דאָס קינד מיט אַזעלכע אַקראָבאַטישע העסלאַכקייטן.

פאַרטיק געוואָרן מיט די טענץ, האָט דאָס עלטערע מיידעלע זיך גענומען ווייזן, וואָס זי קען אויף דער פּיאַנאָ. זי האָט אויס-

געקלאַפּט מיט אַלע כחות, זי האָט געטאַנצט אויף דעם פּעראַל, זי האָט געוואָרפן מיט דעם קאָפּ און ס׳איז אַרויסגעקומען הזשעז פון העכסטן סאָרט.

— איך קען שפּילן אידישע זאַכן אויך, — זאָגט דאָס מיידעלע און לאָזט זיך טאַקע ניט בעטן און נעמט זיך שפּילן „דאָס תורה׳לע“.

— דאָס איז פּונקט אַזוי מוזיק, ווי דאָס שפּרינגען פון דעם צווייטן מיידעלע איז אַ טאַנץ, — זאָג איך דער מוטער, כאָטש איך ווייס, אַז אַזאַ מיינונג וועט איר זיכער שטאַרק קרענקען.

און די קינדער קייען ווייטער זייער גומי, דאָס קליינע מיידעלע קוליעט זיך ווידער ווי אין צירק און די עלטערן ציען פון זיך די קליי אויף צו לערנען די קינדער „קונסט“.

* * *

יאָגט זיך די באַן ווייטער צו מערב און אָט איז שוין אַ נייע שטאָט, נייע מענטשן, נייע צרות, און ווידער שימל, ווידער קליינ-שטעטלדיגקייט, ווידער נידערטרעכטיגע היפּאָקריטסטווע. ס׳איז ניט אַוועק קיין שעה נאָך דעם אָנקומען, ווי עס איז אויסגעקומען עטלאָכע מאָל הערן דאָס וואָרט „כאַריסטקע“.

— וואָס איז דאָס עפּעס ביי אייך פאַר אַ געשיכטע מיט אַ כאַריסטקע? — פרעג איך.

— דאָס איז עפּעס אַן אָנשיקעניש אויף אונז געקומען אַ תל צו מאַכן פון די מענער, — זאָגן די פרויען כלומר׳שט אין שפּאַס, נאָר מ׳זעט, אַז עס קרייגקט זיי זייער. די באַמערקונגען זענען ציניש, די אָנצוהערענישן העסלאַך און איך וויל וויסן ווי קומען אָט די קליינשטעטלדיקע צו כאַריסטקעס. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָ שפּילט אין אַ לאָקאַלן טעאַטער אַ ניו־יאָרקער מיידל און, אַזוי ווי זי האָט זיך אינטערעסירט צו טרעפן מיט אייגענע מענטשן, האָט זי זיך באַקאַנט מיט אַ פּאָר אָרטיגע לייט און זיי האָבן מיט איר אַ פּאָר מאָל דורכשפּאַצירט די גאַס. פון דעם האָט זיך גענומען די געשיכטע „כאַריסטקע“. איך הויב זיך אָן דערפרעגן און עס ציילגט זיך אַרויס, אַז דאָס איז אַ באַקאַנטע, באַגאַבטע טענצערין, זייער אַן אינטעליגענטע מיידל, זיכער מער אָנשטענדיג ווי די אַלע, וואָס ווינקען זיך איבער וועגן דער „כאַריסטקע“.

אין דער זעלבער שטאט א צווייטער פאל: ביי די ברעגן פון א גרויסן טייך זענען צעווארפן די ריזיגע געביידעס פון א פאבריק. עס ארבעטן דארט א פאר טויזנט מענטשן. אין איין שיינעם טאג איז אראפגעקומען א שטאב פון עפישענסי-אינזשענערן. די ארבעטער פון דער פאבריק האבן געמורמלט, אז עפעס גרייט זיך אויף זיי. עס איז אוועק א וואך נאך א וואך און מען האט קיין נייס ניט געהערט, נאר אט האבן די ארבעטער דערהערט, אז פיר הונדערט פון זיי וועלן ארויסגעווארפן ווערן אין גאס. מ'האט אין אנהויב ניט געגלויבט, מ'האט זיך געשראקן, נאר מ'האט זיך געטרייסט, אז ס'וועט נאך אפשר גאר ניט זיין. דער ביטערער אמת האט זיך אבער באלד ארויסגעוויזן — דער קלאנג איז ניט געווען קיין אומזיסטער — מ'האט ניט קיין פיר הונדערט, נאר פינף הונדערט ארבעטער ארויסגעווארפן אין גאס. צווישן די ארויסגעווארפענע זענען אויך געווען א פאר צענדליג פון די אפיס-אנגעשטעלטע, צווישן זיי א פרוי, א מוטער פון דריי קינדער. איר מאן איז טאקע אין דער זעלבער פאבריק דער׳הרג׳עט געווארן און זי האט געקראגן דארט ארבעט אין אפיס, כדי זי זאל קענען דערנערן אירע קינדער. צוליב דעם, וואס מ'האט איר געגעבן ארבעט, איז זי ניט באשטאנען אויף דעם, אז די קאמפאניע זאל איר מיט עטוואס פארגיטיגן פאר איר אומגעקומענעם שפייזער.

— וואו וועל איך זיך איצט אהינטאן? וואס וועל איך טאן מיט מיינע קינדער? — האט די פרוי געבראכן די הענט. זי האט געוואוסט, אז צווישן די עפישענסי-אינזשענערן איז דא איינער, וואס האט אין א געשפרעך מיט איר זיך ארויסגעוויזן פאר א סימפאטישן מענטשן. זי איז געקומען צו אים און מיט טרערן אין די אויגן האט זי זיך געבעטן ער זאל עטוואס טאן פאר איר.

דער יונגער מאן איז געזעסן בלאס ווי די וואנט און האט ניט געוואגט דער פרוי אין די אויגן א קוק צו טאן.

— וואס קען איך העלפן? — האט ער מיט א ציטערדיגער שטימע איר געזאגט, — איך בין דאך אליין א פארקויפטער צו א באלעבאס. וואס מ'הייסט מיר — דאס מוז איך טאן.

פלוצלונג האט ער זיך ווי אן עפעס דערמאנט, ער איז אויף-

געשפּרונגען פון זיין אָרט, האָט ארויסגענומען פון זיין קעשענע א טשעק און, שטאַמלענדיג, האָט ער מיט ציטערדיגע הענט דער־לאַנגט דער פרוי דעם טשעק.

— דאָס איז מיין געצאָלט פאַר צוויי וואָכן, זייט א גוטע און נעמט עס ביי מיר.

גרויסע טרערן האָבן זיך געקייקלט פון די אויגן פון דער פרוי און זי האָט קיין וואָרט ניט געקענט ארויסרעדן און האָט בלויז געשאָקלט מיט איר קאָפּ אויף ניין. דער יונגער מאַן איז געשטאַנען א פאַרלאָרענער מיט זיין אויסגעשטרעקטער האַנט, וואָס האָט זיך אומבאַהאָלפן אראָפּגעלאָזט, און ער האָט פאַרביסן די ליפּן, ווען די פרוי האָט מיט אן אראָפּגעבויגענעם קאָפּ גענומען פאַרלאָזן דעם צימער.

* * *

ווידער א נייע שטאָט און ווידער נייע צרות.

וואָס איז? וואָס האָט דאָ פּאַסירט?

הערט און געדענקט עס. געווען דאָ אן אוקזילערי פון פרויען ביי אן ארבעטער־רינג ברענטש. די אָרגאַניזאַציע פון די פרויען האָט געציילט ארום זעקס צענדליג מיטגלידער. מיט אַמאָל אן אומגליק — די שטאָט איז אַוועק כּאַדראָאַם, די אוקזילערי איז זיך צעפאַלן.

— אז עס איז באַשערט אן אומגליק — קומט ער אין שטוב אריין, — באַקלאָגן זיך די אָרטיגע ארבעטער־רינג מיטגלידער, — פּלוצלונג האָט זיך אויפגעהויבן א פראַגע און פון דער אוקזילערי איז גאָר ניט געבליבן.

— וואָס פאַר א פראַגע האָט זיך דאָס ביי אייך אויפגעהויבן? — וויל איך שוין וויסן. גאָר עפּעס איילט מען זיך ניט צו דערציילן דעם טשוואָק. ענדלאַך קומט מען ארויס מיט לשון און מען דער־ציילט, אז... אז די פראַגע פון א מקוה האָט דער׳הרג׳עט די אוקזי־לערי. מ׳האָט זיך געווענדעט צו דער אָרגאַניזאַציע זי זאָל שאַפן געלט אויף צו רעמאָנטירן די אָרטיגע מקוה. די מערסטע מיטגלידער זענען געווען פאַר דעם, בלויז א פּאָר פרויען זענען געווען דאַגעגן און עטלאַכע מיטגלידער פון דעם ברענטש האָבן דערקלערט, אז זיי וועלן בשום אופן ניט דערלאָזן, אז זייערע א געהלפס־אָרגאַניזאַציע

זאָל זיך נעמען שטיצן די מקוה. עס איז אוועק אַ סדרה רייסעריייען, די אוקזילערי איז אונטערגעגאַנגען און איך הערט דאָ בלויז איין זאַך: מקוה... מקוה... מקוה...

* * *

ווידער אַ נייע שטאָט, ווידער נייע פּנים׳ער, נאָר וואָס פאַר אַן אונטערשייד: עס טרעט אויף אַן אַרבעטער-כאָר; אים באַגלייט אַן אַרבעטער מאַנדאָלין-אָרקעסטער; די דעקאָראַציעס זענען געשמאַק-פול; אַלץ איז דאָ אויסגעשטאַטעט מיט טאַקט; אַלץ איז איינ-געאָרדנט זאָרגפעלטיג. דער כאָר און דער אָרקעסטער נעמען אויס, און דער שיינער זאַל איז פאַרהילכט מיט אַפּלאָדיסמענטן. די נעטע אַשערינס שטייען פאַרגאַפטע — אַזאַ ענטוזיאַזם האָבן זיי נאָך אין די פיר ווענט פון אָט דעם שטאָטישן זאַל ניט געזען.

עס לאָזט זיך אַראָפּ דער פאָרהאַנג און אַלע זיצן אין געשפּאַנטער דערוואַרטונג — באַלד קומט ערשט דער ריכטיגער קאָמפּאָט — דער כאָר וועט זינגען „קירכן-גלאָקן“.

עס הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג; די דעקאָראַציעס זענען געביטן; פון ווייטנס זעען זיך קלויסטער-געביידעס און גרויסע קלויסטער-גלאָקן. עס איז האַלב-טונקל. עס צעקלינגען זיך די גלאָקן; אין זיי פלעכט זיך אריין דאָס געזאַנג, וואָס שרייט אויס אַ פלוך צו די טענער פון פאַרשקלאַפונג; ס׳ווערט אָנגעשוואָלן דער צאָרן; עס וואַקסט די אומצופרידנהייט; דאָס געזאַנג צוזאַמען מיט דעם אַקאָמפּאַנימענט פון דעם מאַנדאָלין-אָרקעסטער פאַרוואַנדלט זיך אין אַ ברויזנדיגן ים, וואָס וועט זיך באַלד אַרויסרייסן פון די ברעגן און וועט די אַלטע וועלט מיט אירע אַלטע טענער פאַרטרינקען.

מיט אַמאָל הויבט אָן ווערן ליכטיגער אויף דער סצענע, גלייכ-צייטיג צעטראָגט זיך דער אָנזאָג פון אַ נייער צייט און פון אַ נייער ליד:

„איך האָב אַ נייעם גלאָק באַשאַפן
ניט צו שרעקן, נאָר צו וועקן
גאָר די וועלט פון אַלע עקן...“

די סצענע ווערט מיטאַמאָל פאַרגאָסן מיט אַ בלענדענדער ליכט

— די זון איז אויפגעגאַנגען; אַ נייער טאָג איז געקומען; עס קלינגען נייע לידער.

דער עולם איז עלעקטריזירט; עס הערט זיך ניט קיין שאָרך; מ'האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטן — עס איז אַ זעלטענער מאָמענט פון עקסטאַז. לאַנג, לאַנג דונערן די אַפּלאָדיסמענטן; דער גאַנצער עולם שפּרינגט אויף פון די פּלעצער צו באַגריסן די אַרבעטער-זינגער און די אַרבעטער-שפּילער.

דאָרט, וואו אַרבעטער גיבן דעם טאָן, — דאָרט איז דאָ לעבן, דאָרט איז דאָ קאַמף, דאָרט איז דאָ גייסט — דאָרט איז ניטאָ קיין צייט פאַר קאָרטן, דאָרט בויט זיך אַ קולטורעל לעבן.

קליוולאַנדער אַרבעטער, איר מעגט שטאָלצירן מיט דעם, וואָס איר האָט באַוויזן אויפצובויען.

די צוויי „קאַניטפאַרשטאַן", וואָס באַהערשן קליוולאַנד.

האָט איר אַמאָל געלייענט אין אַ קינדער-ביכל די מעשה „קאַניט-פאַרשטאַן" ?

עס דערציילט זיך אַזוי: אַמאָל איז געקומען אַ מאַן אין אַ פרעמדער שטאָט און ער האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַ שטומער צווישן די מענטשן, וועמעס שפּראַך ער האָט ניט פאַרשטאַנען. אַזוי גייענדיג גאַס־איין גאַס־אויס, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ חתונה־פּראָצעסיע. ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם בליאַסק פון די צירונגען, וואָס די מחותנים האָבן געטראָגן. האָט ער זיך געווענדעט צו דעם ערשטן פאַרבייגייער און האָט אים געפרעגט:

— ווער איז דאָס דער חתן ?

— קאַניטפאַרשטאַן, — האָט דער פאַרבייגייער אויף שנעל אָפּ-געענטפערט און איז אַוועק ווייטער.

דערנאָך האָט דער פרעמדער באַטראַכט אַ פּראַכטפולע געביידע, וואָס מ'האָט געהאַלטן אין פאַרענדיגן, און אויף דער פראַגע: וועמעס הויז דאָס איז ? האָט ער ווידער געקראָגן דעם זעלבן ענטפער: קאַניטפאַרשטאַן.

דאָס זעלבע האָט מען אים געענטפערט, ווען ער האָט באַטראַכט די ריזיגע שיפן, וואָס מ'האָט געהאַלטן אין אָנלאָדן; דעם זעלבן ענטפער האָט ער געקראָגן, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי די שוי-פענסטער פון די רייכסטע צירונג-קראָמען.

— דער קאַניטפאַרשטאַן מוז דאָס זיין דער ריכטיגער רייכער קערל, — האָט דער פרעמדער גערעדט צו זיך אַליין, — ווי עס קוקט אויס, איז ער דאָ דער גאַנצער באַלעבאָס.

נאָר גאָר ניט אין קיין מעשה-ביכל, נאָר טאַקע אין דער ווירק-לאַכער ווירקלאַכקייט ווידערהאָלט זיך די זעלבע מעשה ווען איר

פּאָרט אַרײַן אין קליוולאַנד. אַזוי שנעל, ווי איר גייט אַרײַן אין דער אַלטער געבײַדע פון דעם וואָקזאַל, זאָגט אײַך דער קליוולאַנדער אָן, אַז אָט-באַלד וועט שוין די שטאָט אויפגעריכט ווערן און אַלע באַנען וועלן אַרײַנקומען אין דעם נײַעם פּראַכטפולן יוניאָן סטיישאָן אין סאַמע האַרץ פון שטאָט. דאָס וועט זײַן שוין אײנמאָל אַ וואָקזאַל—אויפגעבויט האָבן אים די וואַן-סווייערינגענס, די באַרימטע צוויי ברידער, וואָס זענען איצט די באַלעבאַטים פון אַ טוצן פון די גרעסטע אַמעריקאַנער אײַזנבאַנען.

פּאָרט איר אַרײַן אין שטאָט און איר זעט ווי גאַנצע קוואַרטאַלן זענען פאַרבאַריקאַדירט — דאָרט צעוואָרפט מען הײַזער, מ'רײַסט אויף דעם ברוק, מ'שטעלט אויף געבײַדעס, וואָס ציען זיך אויף אַ סך בלאָק.

— דאָס בויט מען נײַע פּראַכט-סטאַנציעס, — אינפאָרמירט אײַך דער באַגלייטער, — די וואַן-סווערינגענס בויען דאָס.

עפנט איר אויף אַ צײַטונג און איר זעט ווי מיט שרײַענדיגע בוכשטאַבן דערציילט אַ באַנק וועגן די גלענצענדע געשעפטן, וואָס זי מאַכט. דערקלערט אײַך דער קליוולאַנדער, אַז אויך דאָס איז אַ געשעפט פון די וואַן-סווערינגענס. ער טײַטלט אוים מיט די פינגער די נעמען פון די באַנק-דירעקטאָרן, וואָס זענען אין דעם אַדווער-טייזמענט אָנגעגעבן. דער איז אַ פּרעזידענט פון אַזאַ און אַזאַ טראַסט — דאָס איז אַ טראַסט פון די וואַן-סווערינגענס ; דער איז אַ דירעקטאָר אין אַזאַ און אַזאַ קאָמפּאַניע — דאָס איז אַ קאָמפּאַניע, וואָס באַלאַנגט צו די וואַן-סווערינגענס ; דער איז איינער פון די דירעקטאָרן פון דעם יוניאָן-טערמינאַל — דאָס איז דאָך דער וואָק-זאַל, וואָס באַלאַנגט צו די וואַן-סווערינגענס. און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער.

אויף אַן אַנדער זײַט צײַטונג איז מיט אַלערליי צאַצקעס און מיט ריעל-עסטייט פּאָעזיע באַשריבן און באַזונגען אַ געגנט, וואָס טראָגט דעם נאָמען „שייקער הייטס", — דאָס איז אויך אַ געשעפט פון די וואַן-סווערינגענס.

איז די קליוולאַנדער צײַטונג פון עק ביז עק פאַרנומען מיט נײַעסן וועגן פּלענער צו באַזאָרגן די שטאָט מיט שנעלע טראַנס-

פּאַרטאַציע־מיטלען, אינפאָרמירט אייך דער קליוולאַנדער, אַז אויך דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן קיין אַנדערע, ווי וועגן די וואַן-סווערינגענס.

עס איז הימל און קליוולאַנד און וואַן-סווערינגענס.

אָט זענט איר גאָר אויסער'ן שטאָט און איר מיינט, אַז שוין — דאָ וועט מען די וואַן-סווערינגענס מער ניט דערמאָנען. גאָר עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. אינמיטן פעלד ווערן דורכגעשניטן גאַסן, עס ווערן געפּלאַנצט ביימער און ביי אַן איבערקרייץ פון וועגן ווערן אין פיר ווינקלען אויפגעשטעלט אַלץ־איינע פיר פּראַכטפולע האַלב־רונדע געביידעס, וואָס וועלן איינשליסן אַ סקווער מיט סטאַטועס און מיט פאָנטאַנען און מיט בלומען-בייטן.

דאָס וועט זיין דער צענטער פון דער נייער שטאָט, וואָס די וואַן-סווערינגענס בויען.

איז ווידער וואַן-סווערינגענס, ווידער קאַניטפּאַרשטאַן.

זענען מיר ווידער אין שטאָט און דאָרט, פאָרנדיג פאַרביי אַ בית-עולם, זאָגט מיין באַגלייטער: אָט דאָ וועט מען באַלד אַלע טויטע מטריח זיין און מ'וועט זיי אריבערפירן אויף אַן אַנדער פּלאַץ הינטער'ן שטאָט. דורך דער סעמעטערי וועלן דורכגיין די רעלסן, וואָס וועלן אריינפירן די באַנען אין שטאָט אריין צו דעם נייעם יוניאָן סטיישאָן. איז ווידער אַמאָל די וואַן־סווערינגענס.

שטייט אַ ריזיגער קוואַרטאַל ארומגעצוימט מיט ברעטער — דאָ וועלן גרויסע קראָמען אויפגעשטעלט ווערן, דאָ וועט געשאַפן ווערן מיטאַמאָל אַ נייער קאָלאָסאַלער „שאָפּינג-דיסטריקט" — גע־בויט ווערט דער דיסטריקט פון די וואַן־סווערינגענס.

געפינט זיך אין קליוולאַנד אַ סקווער, וואוהין עס קומען זיך צונויף כמעט אַלע טראַמווייען; פון דאָרט גייען אָפּ באַסעס אין אַלע ארומיגע שטעטלאַך; דאָס איז דאָס האַרץ פון שטאָט — דאָס איז „דער ים, וואוהין ס'לויפן אַלע טייכן"; אין פראָנט פון דעם סקווער שטייט טאַקע דער וואַן־סווערינגען-וואָקזאַל; דערציילט מען, אַז די וואַן-סווערינגענס האָבן שוין אַ פּלאַן ווי אַזוי דעם גאַנצן סקווער איבערצובויען. עס וועלן ארונטערגערים ווערן אַלע רעלסן, קיין טראַמוויי וועט אויף דעם סקווער ניט ארויפקומען, אַלע גאַסן-באַנען וועלן ארונטערפאָרן אונטער דעם סקווער — פאַר זיי

איז שוין אויך צוגעגרייט א פלאץ אונטער דעם יוניאן־סטיישאן, וואו אלע שטאטישע און אויסער־שטאטישע באנען וועלן זיך צוזאמענקומען.

איז דאך אבער דער פלאן פון דער גאנצער רעפיד טרענזיט סיסטעם פון די וואן־סווערינגענס נאך ניט גוטגעהייסן געווארן. ווי אזוי באזארגן זיי שוין פלאץ אין זייער וואקזאל? ווי אזוי האנדלען זיי פונקט ווי די זאך וואלט שוין געווען א געשליכטעטע?

לאכט מען אין קליוולאנד פון אזעלכע פראגן.

וואס די וואן־סווערינגענס ווילן, דאס פירן זיי אויס. איר גלויבט ניט? וועט מען אייך פירן און מ'וועט אייך איבערצייגן מיט פאקטן. אט איז א געגנט, וואס די וואן־סווערינגענס דארפן האבן פאר זייער באן־פראיעקט פאר דער שטאט. די אייגנטימער פון די הייזער וואלטן געפאדערט ריזיגע סומען פאר זייער „פראפערטי“. וואס־זשע טוט מען? מ'נעמט און מ'פארוואנדלט דעם גאנצן געגנט אין אזא זומפ, אז די איינוואוינער וועלן זיך פון דארט צעלויפן, קיין איינקונפט וועלן די אייגנטימער פון די הייזער ניט ארייגקריגן און זיי וועלן אפילו די טעקסעס ניט קענען באצאלן. סוף כל סוף וועלן זיי זייערע הייזער פארקויפן פאר א צענט־חלק פון זייער פריערדיגער ווערט, אדער זיי וועלן איגנאנצן זיי אוועקווארפן און די שטאט וועט זיי פארקויפן „פאר עי סאנג“.

ווער וועט זיי קריגן? איר פארשטייט דאך שוין אליין. ווידער „קאניטפארשטאן“!

בשעת אין שטאט זעלבסט שלעפט מען זיך מיט טראמווייען, וואס קריכן ווי טשערעפאכעס, קומט מען פון דער שייקער הייטס געגנט אין עלעקטרישע באנען, וואס לויפן ווי א בליץ. וועמעס באנען זענען דאס? איר דארפט גאר ניט פרעגן — איר קענט שוין אליין געבן דעם ענטפער.

קליוולאנד איז א גרויסע שטאט. די דאזיגע שטאט מיט אלץ, וואס זי פארמאגט, איז אונטער דעם קנאפל פון די וואן־סווערינגענס. אין זייער דירעקטן דינסט שטייען די, וואס פארוואלטן מיט דעם שיקזאל פון דער שטאט. אלץ, וואס די וואן־סווערינגענס ווילן פון דער שטאט ארויסקריגן, וועלן זיי אלע מאל קריגן. אט קוקט איר

אריין אין א באריכט פון א פראצעס, וואס האט זיך געצויגן א שטיק צייט, דערוויסט איך זיך, אז איינער פון די זיילן פון דער דעמאָ־קראטישער פארטיי, א פארשוין, וואס האט געטראגן דעם נאמען „וועטעראן קאונסילמאן“, דאס הייסט איינער, וואס איז שוין פון א סך יארן א שטאט־טאטע, איינער א דזשיימס מק׳גינטי, וועמען מ׳האט אויך גערופן „היימארקעט דזשימי“, האט געקראגן 3 פראצענט פון באטרעף פון דעם לאנד, וואס ער האט געהאלפן די וואן־סווערינ־גענס צו קריגן פאר זייער יוניאן סטיישאן.

די גאנצע שטאט־פארוואלטונג פון קליוולאנד איז צעפוילט און צעפרעסן פון כאבאר. וועגן דעם דארף מען דערציילן א גאנץ באַ־זונדער קאפיטל, נאר דא דארף דערמאנט ווערן, אז דער באלעבאס פון דער איצטיגער אדמיניסטראציע איז די מאשין, וואס ווערט קאנ־טראלירט פון די וואן־סווערינגענס.

ווער־זשע זענען עס די דאזיגע צוויי ברידער, וואס קעניגן אומ־געשטערט איבער קליוולאנד?

עכשט מיט א יאר צען־צוועלף צוריק זענען זיי געווען ניט קיין גאר רייכע ריעל־עסטייט לייט אין קליוולאנד. צו יענער צייט האבן זיי זיך א נעם געטאן צו האנדלען מיט אייזנבאן־אקציעס און אין פאר־לויף פון א קורצער צייט זענען זיי געווארן די אייגנטימער פון א גרויסער נעץ אייזנבאנען, וואס נעמט אריין די ניקל פלייט, די טאלידא, סט. לואיס ענד וועסטערן ריילראוד, די טשעסאפיק ענד אהייא, די ליהיי וועלי, די פער מארקעט, די באפאלא, ראטשעסטער ענד פיטסבורג, די לייק אירי ענד וועסטערן און נאך א צאל קלענערע ליניעס. זיי זענען איצט די גרעסטע באן־מאגנאטן אין לאנד און זיי פארמעסטן זיך דורך איינקויפן און קאנסאלידירן עקזיסטירנדיגע אייזנבאן־ליניעס צו ווערן די באלעבאטים פון אן אייזנבאן־נעץ איבער׳ן גאנצן לאנד. זייער פארמעגן ווערט געשאצט אין די הונדערטער מיליאנען און זיי זענען איצט צווישן די געציילטע, וואס זענען די אמת׳ע באלעבאטים פון דער גרויסער אמעריקע.

איך שלאג פאר מיין באגלייטער, אז מיר זאלן אריינגיין אין דער שטאטישער ביבליאטעק און דארט פרעגן וואס פאר א מאטעריאל האבן זיי אין זייער באזיץ וועגן דעם שטייגן פון די וואן־סווערינגענס.

ער צווייפלט, צי מיר וועלן דאָרט עפּעס געפינען. נאָר געדעכט בין איך געווען. וועגן די וואַן-סווערינגענס איז דאָ אין דער ביבליאָטעק א ספּעציעלע זאַמלונג פון מאַטעריאַלן.

עס גייט אַוועק א שעה נאָך א שעה און פאַר די אויגן וויקלט זיך פאַנאַנדער א בילד, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער סיסטעם, וואָס גיט א מעגלאַכקייט א צאָל עקספּלואַטאַטאָרן צו ווערן רייך איבער נאַכט, וואָס גיט א מעגלאַכקייט אויף דעם שוויים און בלוט פון מיליאָנען, וואָס פּראַצעווען פאַר א לעבן, אָנשאַרן פאַר-מעגנס פאַר א פּאָר באַראָנען. עס איז א סימבאָל פון דער סיסטעם, וואָס האָט געגעבן א מעגלאַכקייט אין צייט פון קריג אויף דעם חשבון פון דעם בלוטיגן וואַנזין צו שאַפן נייע צענדליגער טויזנטער מיליאָנערן.

אָט איז אין קורצן א סך הכל: אין דעם יאָר 1900 זענען די וואַן-סווערינגענס געווען די אייגנטימער פון שייקער הייטס, וואָס איז פון דער שטאָט געווען אָפּגעשאַצט אין דער סומע פון 240,000 דאָלאַר. דריי יאָר צוריק איז דאָס לאַנד שוין געווען געשאַצט אין דער סומע פון 29,000,000 דאָלאַר. אין דעם יאָר 1916 קויפן די וואַן-סווערינגענס איין זייערע ערשטע אייזנבאַן-אַקציעס, פאַר וועלכע זיי האָבן ניט מיט וואָס צו באַצאָלן. זיי גרינדן א האָלדינג-קאָמפּאַניע, פאַרקויפן שערס, קריגן אַריין א געניגנדע סומע געלט, מיט וועלכער צו באַצאָלן פאַר די געקויפטע אייזנבאַן-אַקציעס און פאַר זיך איבער-צולאָזן די מעגלאַכקייט צו קאָנטראָלירן די אייזנבאַן, וואָס פאַלט אַריין אין זייערע הענט. דערנאָך גייט אַוועק א גאַנג — אייזנבאַן-ליניעס ווערן אויפגעקויפט ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס א דריי-עטאַזשענדיג שטיבל, מ'ווערט רייכער פון טאָג צו טאָג. אין יאָר 1925, ביי א פאַרהער פאַר דער אינטערסטייט קאָמערס קאָמישאָן אין וואַשינגטאָן האָט מען איינעם פון די וואַן-סווערינגענס געפרעגט וויפיל ער קריגט יערלאַך אין געהאַלט פון דער ניקל פּלייט אייזנבאַן.

— איך ווייס נישט, — האָט ער געענטפערט, — אויב מיין זכרון דינט מיר ריכטיג, דיינק איך אז איך קריג די סומע פון 45,000 דאָלאַר א יאָר אַלס טשערמאַן פון דער באָרד אָוו דירעקטאָרס פון דער ניקל פּלייט.

ווי קומט ער צו געדיינקען עפּעס א נישטיגע פּינ־און-פּערציג

טויזנט דאָלאַר? ער איז דאָך ניט עפּעס קיין אייזנבאַן־אַרבעטער, וועמען מ'וועט שפּאַלטן די קאָפּ פאַר סטרייקן געגן אַ הונגער־לוין; ער איז דאָך עפּעס ניט קיין פאַרמער, פון וועלכן מ'דאַרף שינדן אַ פעל פאַר איבערפירן זיינע פּראָדוקטן אויף איינער פון די אייזנבאַנען, וואָס באַלאַנגען צו די וואַן־סווערינגענס — ער איז דאָך איינער פון די באַראָנען, וואָס זענען דערהויבן געוואָרן צו ווערן אַ טייל פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער פּלוטאָקראַטיע; ער איז דאָך איינער פון די צוויי קעניגן, וואָס הערשן איבער דער מיליאָניגער שטאָט קליוולאַנד ביי די ברעגן פון דעם לייק אירי.

* * *

אין צענטער פון שטאָט איז דאָ אַן אַלטער בית־עולם (אים האָבן די „קאָניטעפּאַרשטאַנס" נאָך ניט אָפּגעקויפט דערוויל) און דאָרט, האָט מען דערציילט, זענען באַגראָבן אינדיאַנער. אַלט זענען די מצבות אויף דער סעמעטערי. עס זענען דאָ שטיינער, וואָס טראָגן אויף זיך די דאַטומס פון די ערשטע יאָרן פון לעצטן יאָר־הונדערט. 87 יאָר צוריק איז דאָרט באַגראָבן געוואָרן אַן אינדיאַנישער טשיף און אויף זיין קבר האָט מען אַ גרויסן פלאַכן שטיין אוועקגעלייגט. אויף דעם שטיין האָט מען צווישן אַלערליי צאַצקעס אויפגעשריבן, אַז דאָ ליגט דזשעק אסעט, „דער שפּאַנענדיגער בער".

די וועכטער, וואָס דרייען זיך אַרום איבער דער סעמעטערי, דערציילן אַז יאָר־איין יאָר־אויס קומען זיך די אינדיאַנער אַהער צוזאַמען און זיי פירן דורך קאָלירפולע צערעמאָניעס אַרום דעם קבר פון זייער אַמאָליגן הויפּט. בשעת זיי דערציילן מיר דאָס, שרייב איך דערוויל אַראָפּ דעם אויפשריפט, וואָס איז אויף דעם שטיין.

— קלייבסט זיך אפשר אים שרייבן אַ בריוו? אפשר פאַרשרייבסטו זיין אַדרעס? — פרעגט איינער פון די, וואָס רייניגן די פרישע צוויטן, וואָס זענען אָנגעפאַלן אויף די קברים־בערגלאַך.

זיין מויל אָן ציין צעקרימט זיך אין אַ העסלאַכער גרימאַסע און זיין אָנגעשוואָלענער קערפּער צעטרייסלט זיך פון ספּאַזמעס פון געלעכטער.

— גיב בעסער אַכטונג, אַז דו זאָלסט זיך ניט אָנרירן אָן דעם שטיין, — זאָגט מיט אַ קלוגן שמייכל איינער פון די וועכטער, —

די אינדיאַנער האָבן אַן אַבערגלויבן, אַז אויב אַ ווייסער וועט אָנרירן אָט־דעם שטיין, וועט די וועלט אונטערגיין. דאָס איז ביי זיי אַ סימבאָל פון דעם, אַז קיינער טאָן ניט וואַגן צו אָנרירן דאָס פאַר־מעגן פון דעם טשיף און אַלץ, וואָס באַלאַנגט צו זיינע אונטערטאַנען.

קומען מענטשן און גייען אַוועק, און ווער עס האָט טאַקע מורא אָנצורירן דעם שטיין און ווער עס גיט אים יאָ אַ ריר-אָן, נאָר דער שטיין ליגט זיך דאָרט, וואו מ'האָט אים מיט 87 יאָר צוריק אַוועק-געלייגט. וועט אָבער די האַנט פון די „קאַניטפאַרשטאַנס“ אַהער גאָר ניט דערלאַנגען? וועלן זיי גאָר אַהער ניט צוקומען מיט זייערע פלענער פאַר דער שטאָט, איבער וועלכער זיי קעניגן?

אָרימער „שפאַנענדיגער בער“, די וואָן-סווערינגענס שפאַנען זייער שנעל — זיי שפאַנען אויף עלעקטריק, זיי שפאַנען אויף רעלסן, זיי שפאַנען מיט דער הילף פון הונדערטער מיליאָנען פאַרמעגנס, זיי שפאַנען מיט דער הילף פון פאַרקויפטע געזעץ-מאַכער, זיי שפאַנען מיט דער הילף פון אַ מעכטיגער פרעסע, וואָס שטייט זיי צו דינסט, זיי וועלן, מסתמא, אויך דיך ניט לאָזן ליגן רואיג אין דיין קבר — זיי וועלן זיכער אָנרירן דיין שטיין.

וועט דעמאָלט די וועלט אונטערגיין?

דאָס ווענדט זיך אָן דעם, צי די אַלע, איבער וועמען די וואָן-סווערינגענס הערשן, וועלן דערלאָזן, אַז דאָס מיאוס'ע וועלטל, וואו געציילטע קענען זיך אָנשטאָפּן אויף דעם חשבון פון דער מערהייט, וואָס ווערט אויסגעריסן, זאָל בלייבן ווי געווען.

פאָרט איר אַמאָל דורך ביי די ברעגן פון לייק אירי, שטעלט זיך אָפּ און גיט אַ קוק אויף דער שטאָט קליוולאַנד — אויף דער שטאָט פון די „קאַניטפאַרשטאַנס“. דערפרעגט זיך ווי דאָרט גע־וועלטיגן די צוויי וועלט-באַרימטע מאַגנאַטן, די צוויי אַלטע בחורים — די צוויי ברידער וואָן-סווערינגען.

גרעפט אין קליװלאַנד

אין אַמעריקע איז דאָך גרעפט גאָר ניט קיין נאָװינע, נאָר קליװלאַנד שנייַדט זיך, דאַכט זיך, צו קריגן דעם פּרייַז אויף דעם געביט.

אויב װעגן דער דאָזיקער שטאָט ביי די ברעגן פון לייק אירי קען מען זאָגן, אַז עס איז — הימל און ערד און װאַן-סװערינגענס, דאַרף מען אָבער אויך צוגעבן, אַז אין דער דאָזיקער שטאָט, װאו די װאַן-סװערינגענס הערשן, איז דאָ אַזאַ זומפּ פון קאָרופּציע, װאָס איז אַ זעלטנקייט אַפילו אין אַמעריקע.

שטיל און רואיג װאָלט געװען אין קליװלאַנד און די גרעפּטער װאָלטן זיך געזעסן אומגעשטערט אין זייערע װייכע שטולן, האָט געדאַרפט אויסברעכן אַ קאַמף צװישן אַ מעכטיגן געז-טראָסט (די איסט אָהייאָ געז-קאָמפּאַני) און די װאַן-סװערינגען אינטערעסן, צװישן די פּאָליטישנס פון דעם דעמאָקראַטישן לאַגער מיט די פּאָליטישנס פון דעם רעפּובליקאַנישן לאַגער, צװישן אַ געװעזענעם מעיאָר, איינעם דייװיס, און דעם איצטיגן סיטי-מענעדזשער, האָפּקינס, און אין דעם קאַמף האָט מען איינער אויף דעם צװייטן אויסגעזאָגט אַ סך זאַכן. די אַרויסגעבראַכטע פאַקטן דערציילן ניט בלויז װעגן איינצעלנע כאַבאַרניקעס, נאָר פון זיי קען מ׳זעליכט זען, אַז דאָ האָט מען צו טאָן מיט אַן אָרגאַניזירטער סיסטעם פון גרעפּט און קאָרופּציע.

קליװלאַנד װערט פאַרװאַלטעט פון אַ קערפּערשאַפט פון קאָונסילמען און פון אַ סיטי-מענעדזשער. לעצטנס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַװעגונג אָפּצושאַפן דעם אַמט פון אַ סיטי מענעדזשער און צוריק אײַנצושטעלן אַ מעיאָר אַלס דעם הויפּט פון דער שטאָט-פאַרװאַלטונג. דעם דאָזיגן קאַמף פירט אַ רייכער ריעל-עסטייט מאַן, דער פריערדערמאָנטער דייװיס, דער געװעזענער מעיאָר פון קליװלאַנד, דער זעלבער, װאָס האָט אין 1919 אַזוי ברוטאַל אָפּגעבראָכן די מאַי-

דעמאָנסטראַציע, וואָס ה׳ רוטענבערג האָט געפירט. ער שניידט זיך איצט אַ פּאָלע, אַז קיין סיטי־מענעדזשער טויג ניט און אַז מ׳דאַרף האָבן צוריק אַ מעיאָר. עס בייַנקט זיך אים ווידער צו דעם בייַנקל, וואָס ער האָט אַמאָל פאַרנומען. אים צו הילף קומט דער סטייט־אַטורני מילער, וועלכער באַלאַנגט ניט צו דערזעלבער פּאָליטישער מאַשין, צו וועלכער עס באַלאַנגען אַלע קאָונסיללייט. האָט מען זיך גענומען זוכען — און ווייט האָט מען ניט געדאַרפט גיין — און עס זענען אויפגעדעקט געוואָרן אַנצאָליגע פאַרברעכנס. דעם אויבן־אָן פאַרנעמען די גרעפט־סקאַנדאַלן ביים איינקויפן ריעל־עסטייט פאַר דער שטאָט. אין קליוולאַנד איז געוואָרן אַן אמת׳ע מגפה פון באַזאָרגן די שטאָט מיט „פּראָפּערטי“. וואו מ׳גייט און וואו מען שטייט געפינט מען אַ שטיקל ריעל־עסטייט, וואָס די שטאָט האָט אָפּגעקויפט. ביי אָט די געשעפטלאַך האָבן אַ סך פון די, וואָס זענען געזעסן ביי דער שיסל, אָפּגעלעקט אַ ביינדל. אַ צאָל קאָונסיל־מען זענען שוין אוועק אין פּריזאָן צוליב די גרעפט־געשעפטן, אַ צאָל שטייען אונטער קלאַגן און לצים פּרעגן: וואו איז מיט אַן אמת די שטאָט־פאַרוואַלטונג? — איז זי אין פּריזאָן, אָדער איז זי אין סיטי האָל?

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער גאַנצער טומל מיט די אונטערזוכונגען און מיט די פּריזאָן־שטראָפן באַצוועקן גאָרניט אויסצוראָטן די סיסטעם פון קאָרופּציע — די סיסטעם ווערט גאָרניט אָנגערירט, נאָר דעם אָנשטעלע מאַכט מען, אַז מ׳האַלט אין איין רייניגן. אָט־אָט, און פון די גרעפטער וועט קיין זכר ניט בלייבן.

ווען אין שטאָט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מ׳אונטער־זוכט די שיינע מעשים פון די קאָונסילמען, האָט מען אָנגעהויבן קומען צו דעם סטייט־אַטורני און אין רעדאַקציע פון די צייטונגען מיט קלאַגען און מיט אומצאָליגע געשיכטעס פון כאַבאַר. צוליב אַ רייסעריי אין דער רויבער־משפחה האָט מען אַביסעלע אונטער געהויבן דעם פאַרהאַנג, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם זומפּ.

איז געקומען אַ פרוי און האָט דערציילט, אַז מ׳האָט ביי איר גענומען עטלאַכע הונדערט דאָלאַר מיט אַ צוזאָג, אַז זי וועט קריגן אַ שטעלע אין אַ שטאָטישער באָד. דעם דזשאָב האָט זי טאַקע

געקראָגן, נאָר אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מען איר געגעבן דעם וועג און מ׳האָט אָנגעשטעלט אַ צווייטע, ביי וועמען מ׳האָט, ווייזט אויס, אויך גענומען „קאָמישאָן“.

איז געקומען אַ מאַן און האָט דערציילט, אַז אין פאַרלויף פון לאַנגע מאָנאַטן האָט ער געהאַלטן אין איין בעטן אַ דערלויבניש פאַר אַ טאַנץ־זאַל, נאָר אומעטום האָט ער אָנגעטראָפן טויבע אויערן — מ׳האָט אים אַרומגעשיקט פון איין טשינאָווניק צו דעם צווייטן און ער האָט שוין אָנגעהויבן איינצוזען, אַז קיין פּערמיט וועט ער ניט קריגן. איינמאָל צערעדט ער זיך מיט זיינעם אַ באַקאַנטן און דערציילט אים וועגן זיינע צרות מיט קריגן די דערלויבנשי. זאָגט אים זיין באַקאַנטער:

— נאָר דו, ווי קענסטו קריגן די דערלויבניש, אַז דו האָסט ניט באַצאָלט וועמען מ׳דאַרף? אַז מ׳שמירט ניט — פאָרט מען ניט, ברודערל!

דער דערפאַרענער האָט אָנגעוויזן צו וועמען זיך צו ווענדן; ער האָט געגעבן דעם אַדרעס פון אַ לאַיער, וואָס האָט אַ בשותפות׳דיגן קאָנטאָר מיט איינעם, וואָס איז אַ זייל אין שטאָט־קאָונסיל, דער מאַן האָט איינגעצאָלט עטלאַכע הונדערט דאָלאַר און אין 24 שעה צייט האָט ער געקראָגן די דערלויבניש און האָט זיך געשטעלט בויען דעם טאַנץ־זאַל.

נאָר די אַלע כאַבאַר־געשיכטעס זענען געווען אַ קלייניגקייט אין פאַרגלייך מיט דער סיסטעמאַטישער גרעפט־ביזנעס, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן אין פאַרבינדונג מיט דעם איינקויפן פון ריעל־עסטייט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קאָונסיללייט זענען געווען גאָר שטאַרק באַזאָרגט וועגן דעם, אַז די שטאָט זאָל ווערן די אייגנטימערין פון וואָס־מער „פּראָפּערטי“ — פון דעם האָבן די קאָונסיללייט געמאַכט גאַנץ פיינע פאַרמעגנס, וואָס שטייגן אין די הונדערטער טויזנטער.

אין פאַרלויף פון צוויי חדשים צייט זענען דורכגעגאַנגען דורכ׳ן געריכט די קאָונסיללייט: סקולי, גיבבאָנס, ספּראָסטי, פּאַטטער און אַ גאַנצע כאַפּטע אַרויסהעלפער זייערע און עס זעט זיך גאָר ניט קיין גרעניץ צו דער צאָל פון די שולדיגע אין די גרעפט־געשעפטן.

אין דעם צעטל גייט ניט אריין דזשיימס מק׳גינט, דער וועטע־ראַן-קאָונסילמען, וועלכער איז באַזונדער פאַר׳משפט געוואָרן פאַר כאַבאַר-געשעפטן אין פאַרבינדונג מיט דעם לאַנד, וואָס די וואָן-סעווערינגס האָבן איינגעקויפט פאַר זייער יוניאָן-סטיישאָן.

סקולי, גיבבאָנס און ספּראַסטי האָבן גלייך רעזיגנירט, נאָר פּאַטטער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו רעזיגנירן אפילו נאָכדעם, ווי די גרענד-דזשורי האָט אים אינדאַיטעט.

ביי די אונטערזוכונגען און געריכט-פאַרהערן זענען פאָרגעקומען איינציגע זייער כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן: ווען מ׳האָט דעם סיטי-מענעדזשער גענומען אויספרעגן פאַרוואָס ער האָט דערלויבט, אַז מ׳זאָל פאַר געוויסע שטיקער לאַנד באַצאָלן פיל מער, ווי זיי האָבן די ווערט, האָט ער געענטפערט, אַז ער ווייסט ניט גענוי די ווערט פון די דאָזיגע „פּראָפּערטיס“. ער, וואָס איז דער פּרעזידענט פון דער בעלט און טוירמינאַל ריעלטי קאָמפּאַני, דער פּרעזידענט פון דער קאָזאַד ריעלטי קאָמפּאַני און דער פּרעזידענט פון דער דזשאַנק-שאָן ריעלטי קאָמפּאַני, — ער האָט פּלוצלונג אויפגעהערט צו וויסן די ווערט פון אַ קליוולאַנדער שטיקל לאַנד.

די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי ראַטעווען די קאַנטרי און אַז זיי העלפן טאַקע אויסראַמען די גרעפטערס. מ׳שרייבט עדיטאָריעלס און מ׳אַפּעלירט צו דער עפנט-לאַכקייט צו העלפן איינשטעלן אַן ערלאַכע שטאָט-פאַרוואַלטונג, כאָטש מען ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַלץ וועט בלייבן ווי געווען.

דאָס אינטערעסאַנטסטע ביי די אונטערזוכונגען און געריכטס־פאַרהערן איז דער פאַקט, וואָס די אָנגעקלאָגטע נעמען אַלע אַן אַ מויל מיט וואַסער און קיינער וויל קיין זאַך ניט אויסזאָגן.

איך גייט אריין אין אָפּיס פון דעם קליוולאַנדער „פּלעין דילער“ און איך הויבט-אָן בלעטערן צייטונגען פאַר די לעצטע פאַר חדשים; אָט איז די צייטונג פון דעם 9טן מערץ, אויף דער ערשטער זייט איז אַ דריי-קאָלומדיג בילד פון דעם קאָונסילמען סקולי מיט זיין זון, וואָס האָט אים ארויסגעהאָלפן אין זיינע געשעפטן. איבער דער גאַנצער לענג פון דער צייטונג אַ ריזיגע קאָפּ: „ווילן ניט אויס-זאָגן ווער עס האָט געקראָגן די 30,000 דאָלאַר“. אַן אונטער-קאָפּ

דערציילט, אַז סקולי דערקלערט זיך שולדיג, נאָר אַלע גרעפט-סודות וועט ער מיטנעמען מיט זיך אין פּריזאָן אַריין.

אין דעם זעלבן נומער ווערט דערציילט, אַז עס הויבט זיך אָן אַן אונטערזוכונג וועגן 47 טויזנט דאָלאַר כאַבאַר, וואָס איינער אַ ביעלאַנסקי האָט געגעבן פאַר דעם, וואָס מ'האָט ביי אים אָפּגעקויפט אַ שטיקל לאַנד. אין זעלבן נומער אַ גרויסע קאָפּ: „וואַן-סווערינ־גענס שטרעבן אַריינצוקריגן אַלע שטאָטישע פּאַרקער־מיטלען". אין זעלבן נומער אַן עדיטאָריעל וועגן דעם קאָונסילמאַן סקולי, וועלכער איז אַוועק אין דזשייל, און אַן עדיטאָריעל וועגן די וואַן-סווערינגענס. עס איז ווידער אַמאָל — קליוולאַנד, וואַן-סווערינגען, וואַן-סווערינגען און קליוולאַנד, און גרעפט איבער אַלעס.

אָט איז אַ נומער צייטונג פון אַן אַנדער טאָג. דאָרט דער־ציילט זיך ווי איינער מעק, אַ שותּף פון דעם קאָונסילמען ספּראַטסי, האָט איינגעקויפט „פּראָפּערטי" פאַר דער שטאָט. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אויסברייטערן פּוירשינג עוועניו. די שטאָט האָט פאַר דעם צוועק געדאַרפט קריגן צו צען פוס פון דער גאַנצער לענג פון דער גאַס. האָט דער דאָזיגער מעק זיך אַרויסגעלאָזט איינקויפן אַלע הייזער אויף דער זייט גאַס און ער האָט פאַר דער „פּראָפּערטי" געצאָלט ווייניגער ווי ער האָט געקראָגן פאַר די צען־פוסיגע פּאַסן ערד, וואָס ער האָט דער שטאָט פאַרקויפט. די געשעפטלאַך זענען געטאָן געוואָרן אין שותּפות מיט עטלאַכע פון די שטאָט-טאַטעס. אינטערעסאַנט איז אויך ווי אַזוי דער דאָזיגער מעק האָט מיט סטראַשונקעס געצוואונגען אַ טייל פון די אייגנטימער אים צו פאַר־קויפן זייערע הייזער.

אָט איז אַ נומער פון דער „קליוולאַנד ניוס" פון דעם 9טן אַפּריל. אויף דער גאַנצער ברייט פון דער צייטונג אַ קאָפּ: „נאָך אינדוסט־מענטס וועלן אַרויסגעגעבן ווערן אין פאַרבינדונג מיט די ריעל־עסטייט גרעפט-געשעפטן". אונטער אַ באַזונדער קאָפּ: „מ'ווייסט שוין וואו עטוואָטער באַהאַלט זיך". דאָס איז אין פאַרבינדונג מיט נאָך אַ שווינדל ביים איינקויפן לאַנד פאַר אַ שפּיל־פּלאַץ פאַר קינדער.

עס איז גאָר ניטאָ קיין סוף צו די גרעפט-געשעפטן ; נאָר ניט

קוקנדיג אויף דעם גאנצן טומל, וועט קיין זאך ניט געענדערט ווערן. א פאר גרעפטער וועלן אפשר זיצן אביסל, נאר דאס וועט ניט בייטן די סיסטעם, ווייל די קאפיטאליסטישע פאליטישע מאשינען מוזן שטיצן זייערע מענטשן און מוזן זיי צושארן לייכטע פארדינסטלאך. ווייל די כאבארניקעס זענען מעכטיג און רייך, ווייל די, וואס זענען געכאפט געווארן, און די, וואס שרייען: „כאפט א גנב", זענען אלע פון דעם זעלבן שניט. אנדערש איז שוין גאר, ווען עס קומט צו די גראשנדיגע פארברעכער, צו די, וועלכע איבערטרעטן די געזעצן פאר נויט, צו די, וואס פארטשעפען זיך מיט'ן געזעץ צוליב קלייניג־קייטן, — פאר זיי איז שוין די גערעכטיגקייט־מיל אין פולן גאנג און זיי ווערן שנעל צעמאלן.

אט איז א באריכט אין דער „קליוולאנד פרעס" פון דעם 9טן אפריל: „רעפארטערקע געפינט אויס, אז 59 ארעסטאנטקעס ווערן געהאלטן אין קעמערלאך, וואס זענען באשטימט געווארן בלויז פאר 16 ארעסטאנטן." דערציילט די רעפארטערקע וועגן דעם שוידער־לאכן שמוץ און ענגשאפט אין דעם קאונטי־דזשייל: „די ארעס־טאנטקעס זענען פארלייזיגט, די קאמערן זענען פארפעסטעט פון ראצן און פון אינזעקטן."

נאר וועמען גייען־אן די ליידן פון די ארימע פארברעכערינס? זיי זענען דאך ניט קיין פאליטישנס, וואס פארוואלטן מיט א ריזי־גער שטאט און זיי האבן דאך ניט גע'גנב'עט קיין הונדערטער טויזנטער דאלארס, נאר בלויז גראשנס.

אין אַן עראָפּלאַן פון קליוולאַנד קיין דעטראָיט.

מאַכן אַ פּאָר באַגייסטערטע חברים אַ פֿאָרשלאָג:

— מיר וועלן אייך געבן אַ „טריט“. אָנשטאָט דעם איר זאָלט פאָרן מיט דער באַן אַ שעה פיר־פינף און צעדרייען דעם גאַנצן טאָג, פליט פון דאַנען קיין דעטראָיט אינדערפרי — עס נעמט בלויז 55 מינוט צייט.

דער פּלאַן געפעלט מיר און איך נעם אים אָן. טאַקע פאַרוואָס ניט? אי צייט שפּאָרן, אי קריגן אַ געלעגנהייט צו פאַרזוכן דעם טעם פון אַ רייזע „העכער פון דעכער“.

נאָר דאַ כאַפּן זיך די חברים, אַז זיי באַגייען אפשר אַן עולה — זיי שטעלן מיין לעבן אין געפאַר. הויבן זיך שוין אייניגע אָן צו בעטן, אַז איך זאָל ניט פאָרן, נאָר איך באַשטיי, אַז דער פאָרגע־שלאָגענער פּלאַן זאָל ניט געענדערט ווערן.

עס איז אַוועק די נאַכט. אַ ליכטיגער, זוניגער טאָג מאַכט נאָך זיסער די דערוואַרטונג פון דער רייזע דורך דער לופט.

— ווען זשע פליט מען אָפּ?

עס גלויבט זיך ניט, אַז דאָס איז טאַקע ערנסט, אַז עס האַלט טאַקע דערביי.

די חברים אַרום פילן אויך דאָס זעלבע און זיי שפּאַסן:

— קומט, וועלן מיר שוין בעסער צופאָרן צום דיפּאָ, שעמט זיך ניט, איר קענט נאָך האָבן חרטה. מיר וועלן צוריקרופן אונזער אָנבאָט פון דעם „טריט“.

זיי זיצן אַרום מיר און פאָלגן נאָך יעדע באַוועגונג, ווען איך נעם דעם טעלעפאָן אין האַנט.

— מעין 7650?

און אַ דינינק שטימעלע ענטפערט:

— טי עי סי (טאָמסאָן טראַנזאַטיקאַל קאָרפּאָריישאַן) — די טאָמסאָן קאָרפּאָראַציע פאַר לופטפליערײַ.

— ווען פליט מען ביי אייך קיין דעטראָיט?

— די נעקסטע מאַשין פאַרלאָזט 12:30 — ענטפערט דאָס דינינקע שטימעלע.

עס איז צייט צו גיין. די חברים זעען, אַז דאָס איז ניט מער קיין שפּאַס. נאָר אויב יאָ אַזוי, איז דאָך דאָס טאַקע אַ גאַנצער יום-טוב — מ'דאַרף גיין דעם חבר באַגלייטן. נעמט מען מיט אַפילו קינדער, זאָלן זיי אויך דעם מאָמענט געדענקען. נאָר גלויבן גלויבט מען נאָך אַלץ ניט, אַז עס וועט טאַקע מיט אַן אמת „קומען צו דעם".

שוין ביים אַריינגאַנג צום „עיר-פּאָרט" פרעגט אַ חבר צום צענטן מאָל:

— און אפשר גאָר צופאָרן צום וואָקזאַל?

אָט שטייט מיט אויסגעשפּרייטע פליגל דער פויגל, וואָס וועט מיך אַריבערטראָגן קיין דעטראָיט.

באַצאָלט פאַר אַ טיקעט; מיין באַגאַזש ליגט שוין אין דער „מאַשין"; מ'באַדאַרף שוין באַלד פאָרן.

— אנו, לאָמיך אייך אינטערוויואירן, — זאָגט איינער, אַ שטענדיג-לאַכנדיגער חבר, — זאָגט אונז וואָס פילט מען איידער מ'פליט אַוועק דאָס ערשטע מאָל אין הימל אריין?

— זאָגט טאַקע, — כאַפּט אונטער אַ צווייטער חבר.

— גאָרניט, קיין באַזונדער געפיל, חברים, מ'טראַכט נאָר, אַז עס איז נאָך דאָ אַ מינוט און מ'דאַרף שוין גיין.

— באַשרייבט וואָס עס טוט זיך אין די הויכע מקומות, — זאָגן-אָן די חברים.

— און אין יענע וועלטן, — ענטפער איך.

— איר זעט, — כאַפּט אונטער אַ חבר, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען אַ שווייגנדיגער, — איר טראַכט פאָרט פון געפאַר.

— ניט געזאָרגט, חברים, איך האָב ניט קיין מינדסטן געפיל פון שרעק.

— גוד באַי! גוד באַי! גוד באַי!

ווי פשוט דאָס איז: מ'שטעלט-צו אַ לייטערל מיט דריי

טרעפּלאַך, גייסט אַריין אין אַ שטיבעלע, וואו עס זענען דאָ זעקס פּלעצער, זעצסט זיך אַוועק אין אַ באַקוועם געבעטן שטול ביי אַ פענסטער און דו פילסט פּונקט ווי אין אַ „באַס".

נאָר איין שטריך האָט דערמאָנט, אַז דאָס איז ניט ווי אַלע רייזעס.

ביים אַריינגיין אין דער פּלי־מאַשין האָט אַן אָנגעשטעלטער פון דער קאָמפּאַניע דערלאַנגט יעדן פּאַסאַזשיר אַ פּעקעלע אין האַנט און האָט יעדן איינעם געוואונטשן אַ גליקלאַכע רייזע.

עס גיט עפּעס אַ צופּ ביים האַרצן. זיין ווינשעוואַניע דערמאָנט, אַז עס איז דאָ אַ מעגלאַכע געפאַר; עס דערמאָנט, אַז מ'גייט אויף אַ ריזיקע.

דאָס טירל פאַרמאַכט זיך, די „מאַשין" גיט זיך אַ וויג, זי פּאָרט אָפּ אַ פּאָר צענדליג שפּאַן איבער אַ הילצערנעם טראָטואַר און אָט איז זי שוין אין וואַסער. באַלד פאַרשנעלערט זיך דאָס ריטמישע קלאַפּן פון'ם מאָטאָר, דער לעיק אירי שטעלט זיך דאַגעגן און באַגיסט די פּלי־מאַשין מיט אַ זילבערנעם שפּריץ, אין וועלכן ס'פאַרמירט זיך נעגן דער זון אַ רעגנבויגן, וואָס טאַנצט נאָך אונזער קאַטשקע, וועלכע שניידט זיך אין וואַסער אַ וועג.

נאָר אָט איז אויס זילבערנער שפּריץ, אויס רעגנבויגן, אויס קאַטשקע — מיר זענען שוין העכער פון וואַסער־פלאַך. אָט אַ פוס צוואַנציג, אָט נאָך העכער און אָט טראָגן מיר זיך שוין הויך, הויך איבער ליכט־טורעמס, און אָט קוקן שוין אונטן גרויסע באַרזשעס אויס ווי קינדער־צאַצקעס.

אונזער פּלי־מאַשין וואַרפט פון זיך אַ שאָטן, וואָס לויפט אונז אַ גאַנצן וועג נאָך און וואָס גליטשט זיך איבער'ן וואַסער ווי אַ וואונדערבאַרער פויגל מיט אויסגעשפּרייטע פליגל. אונטער אונז ליגט די פּראַכטפולע אומענדלאַכע בלויקייט פון דעם לעיק אירי.

עס איז שוין ניטאָ קיין זכר פון קיין לאַנד. עס איז הימל און לופט און וואַסער.

נאָר וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדנע געפיל פון זיכערקייט? ווי אַזוי שאַפט זיך אָט־דער באַגריף, אַז די מאַשין טראָגט זיך איבער אַ סאָלידן בריק, אויף וועלכן זי איז פולשטענדיג געזיכערט?

איך פרעג ביי מיינע דריי מיטרייזנדע און זיי זאָגן, אַז זיי האָבן אויך דאָס זעלבע געפיל.

דערווייל פאַרשנעלערט דער מאָטאָר זיין אימפּעט און מיר פליען שוין מיט דער שנעלקייט פון העכער 100 מייל א שעה.

— אויב אזוי, אויב דאָס הייסט פליען, — טאָ איז דאָך גאָר ניטאָ וואָס מורא צו האָבן, — רעדט מען צווישן זיך. נאָר אָט גיט זיך די מאַשין א הויב־אויף אויף א צוועלף הונדערט פוס, אָט גיט זי מיטאַמאָל א פאַל אויף א פּאָר צענדליג פוס און אין אַלע בליאַסקענדיגע אויגן באַווייזט זיך א שרעק און די האַנט זוכט אינסטינקטיוו זיך אָן עפּעס אָנצוכאַפּן.

פאַר די אויגן שוועבן דורך צוויי ליבע געשטאַלטן ; דערפילסט די האָר פון קאָפּ.

די מאַשין הויבט־אָן זיך צו וויגן ; עס ווערט גאָר, גאָר קאַלעמוטנע אויף׳ן הארצן. פּרואווסט זיך אליין בארואיגן : עס איז זיכער קיין געפאַר ניטא. וואָס עפּעס פּלוצלונג זאָל פּאַסירן אַן אומגליק ? אזוי פיל מענטשן פליען, קיין אומגליק פּאַסירט מיט זיי ניט — פאַרוואָס עפּעס איצט דוקא אַן אומגליק ? נאָר פונדעסט־וועגן וואָלט געווען בעסער עס זאָלן שוין אריבער די 55 מינוט. עס איז נאָך אָבער גאָר קיין צייט ניט אוועק. בסך־הכל פליען מיר ערשט 12 מינוט, אָבי יעדער איינער האָט געמיינט, אַז מיר פליען שוין מער ווי א האַלבע שעה.

מיר טראָגן זיך שוין איבער דעם לעיק „סעינט קלעיר". אָט באַווייזט זיך שוין לאַנד — מיר פליען איבער קאַנאַדע. עס איז א וואונדערבאַר בילד : א גרויסער געקעסטלטער טישטוך שפּרייט זיך ווייט, ווייט, אונטן. דאָ און דאָרט שטייט א שטיבעלע — א קעס־טעלע ; דאָ און דאָרט ציט זיך ווי א שנור א וועג ; עס פויזעט אַן אויטאָמאָביל — א שפּילכעצל ; עס טוליען זיך עטלאַכע ביימעלאַך אויף א שטיקעלע פליכעוואַטן פעלד ; עס פּאַשן זיך בהמה׳לאַך פיטשינקע.

די מאַשין גייט אַלץ העכער און מיטאַמאָל פאַרגעסטו צו קוקן און זען וואָס עס טוט זיך ארום דיר — די מאַשין גייט אזא טאַנץ, פון וועלכן דו פילסט, אַז דיין האַרץ זינקט ביי דיר. נאָר אָט איז

שוין דער דעטראָיט ריווער. די מאַשין לאָזט זיך אַראָפּ אויפ׳ן וואַסער; עס ווערט ווידער אַ זילבערנער שפּריץ; ווידער טאַנצט נאָך אַ שיינער רעגנבויגן; אַט זענען מיר שוין ווידער אויף אַ היל־צערנעם טראָטואַר — מיר זענען געקומען.

איך גיי אַרויס און באַטראַכט די מאַשינקע מיט דעם נומער „ען סי 7770“ און עס גלויבט זיך קוים, אַז אַט ערשט האָט זיך אָט־די באַשעפעניש, וואָס דער מענטש האָט אַרויסגערופן צום לעבן, זיך געשניטן אַ וועג הונדערטער פוס אין דער הויך.

איך עפן ערשט איצט אויף דאָס פּעקעלע, וואָס די קאָמפּאַניע האָט מיר פּרעזענטירט ביים אָפּפאָרן, און איך געפין דאָ צוויי שטיק־לאָך טשואינג־גאָם און אַ ביכעלע, וואָס דערציילט מיר, אַז די מאַשינקע, אויף וועלכער איך בין געפלויגן, איז אַן „עמפיביען“ — דאָס מיינט אַ לופט־מאַשין, וואָס קען לאַנדן סיי אויף דער יבשה, סיי אויף דעם וואַסער.

קוק איך נאָכאַמאָל אויף „מיין“ „עמפיביען“ און איך טראַכט: שטאָלענער פויגל, וואָס פאַר אַ קלאָרער באַווייז דו ביסט פון דעם, ווי הויך דער מענטש האָט זיך דערהויבן, נאָר וויפיל מאָרד און פאַרוויסטונג דו וועסט נאָך פאַראורזאַכן אין די מלחמות, וואָס מענטשן וועלן מיט דיין הילף פירן צוליב דעם דורשט צו הערשן און צו רויבן.

עס קומט אַרויף אויף דעם זין דער פויגל, וואָס איז גאָר פון אַ נייעם מין און וואָס טראָגט זיך אהער פון דעם פּאַסיפיק — דער שטאָלענער פויגל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „לאַנד פון סאָוועטן“.

עס פליט אַ פויגל ניט פאַר רויב; עס פליט אַן אָנזאָג פון אַ נייער צייט! צום ווידערזען, „מיין“ „עמפיביען“, — דיר שטייט פאַר אַ גרויסע צוקונפט. סוף כל סוף וועלן די קעמפנדיגע אַרבעטער באַזאָרגן, אַז אויך דאָ אין לאַנד און אומעטום זאָלסטו און אַלע שטאָלענע פויגלען טראָגן הויך בלויז די פאָן פון פרידן, ווייל אונטן, אויף דער ערד, וועט פלאַטערן די פאָן פון באַפרייטער אַרבעט, פון אַ וועלט אָן אונטערדריקונג.

ווי אַ רייזע אין דער הויך דערהויבט דאָס דיין געמיט...

אין פאָרד׳ס גיהנום.

אין האַרץ פון דעטראָיט, אויף אַ ברייטער, שיינער גאַס, שטייט אַ געביידע פון רויטע ציגל; אין פראָנט פון דער געביידע ציט זיך אַ פרייער פלאַץ, באַוואַקסן מיט גראָז; אין אַלע זייטן לויפן סטעזש־קעס און איינע פון זיי פירט צו אַ טיר מיט אַ שילד, וואָס טראָגט דעם אויפשריפט: „אַריינגאַנג פאַר באַזוכער״ — מיר שטייען ביים אַריינגאַנג צו פאָרד׳ס אויטאָמאָביל־פאַבריק.

אין דעם גראַמען, ליכטיגן צימער מיט דער גרויסער צאָל ווייך־געבעטע פאָטער־שטולן פילט זיך עפּעס ניט, אַז דו שטייסט אויפ׳ן שוועל פון איינער פון די גרעסטע פאַבריקן אין דער וועלט, אַז דאָ נאָר נאָענט קאָכט און זידט ווי אין אַ קעסל און פופציג טויזנט מענטשן ברענען און בראָטן זיך דאָ ביי טאָג און ביי נאַכט און האָרעווען צו קריגן פאַר זיך אַ שטיקל ברויט און פאַר פאָרד׳ן הונדערטער מיליאָנען אַ יאָר.

די לאַנגע טישן אינמיטן צימער זענען באַדעקט מיט בערג „ליטעראַטור״, וואָס דערציילט די גרויסקייט פון פאָרד׳ס עשירות; דערציילט וועגן וואוקס פון זיין אויטאָמאָביל־פאַבריק און וועגן דעם, אַז דאָ באַלד אונטער׳ן זעלבן דאַך, וואָס דעקט־צו הונדערט־און־אַכציג אַקער לאַנד, געפינט זיך אייגנטלאַך ניט איין פאַבריק, נאָר טויזנטער פאַבריקן. דאָ מאַכט מען גלאָז, דאָ שמעלצט מען אייזן, דאָ גיסט מען בליי, דאָ מאַכט מען קינסטלאַך לעדער, מ׳פאַבריצירט דאָ די קלענסטע שרייפלאַך און פון דאנען גייען אַרויס גרויסע טראַקטאָרס און מיליאָנען פאָרדלאַך, וואָס פאַרפלייצן די וועלט.

7,400 פאָרדלאַך ווערן אָפּגעבאַקן טעגלאַך און העכער צוויי מיליאָן ווערן פאַרטיג אַ יאָר.

עס קומט אַריין דער „גאַיד״ (דער פירער) און הייסט אַלע באַזוכער זיך אויסשטעלן אין ריי און גיין נאָך אים. דער „גאַיד״

איז א בלאָסער, דאַרער בחור, אָן א פונק פון לעבן אין די אויגן. די גאַנצע מעשה מיט פאָרד'ס וואונדער־פאַבריק האָט אים שוין לאַנג־לאַנג דערעסן און ער טוט זיין אַרבעט אָן אינטערעס; ער שעלט, מסתמא, טיף אין האַרצן מיט די ביטערסטע קללות די אַלע „קרענקס“, וואָס קומען אַהער טאָג־איין, טאָג־אויס.

ניט איינמאָל שטעלט ער זיך, מסתמא, די פראַגע: — פון וואַנען נעמען זיי זיך אַזוי פיל, — דער טייוול זאָל זיי ווויסן, — עס שעפּט זיך גאָר ניט אויס, נאָר מ'קומט און מ'קומט און מ'קומט. פון וואַנען קומען זיי אַלע? אַ פּאַהיבעל אויף זיי!

ער מוז פאַרדינען זיין שטיקל ברויט. גייט ער ווייטער אָן אויס־געמאַטערטער און א פאַרצאָרנטער און שרייט אויף דער העכסטער אָקטאַווע שוין צום הונדערטסטן מאָל דעם טאָג: „אַלע זאָלן נאָכגיין נאָך מיר!“

זיין באַפעל מוז מען פאָלגן, ווייל מ'קאָן אָן א וועג־ווייזער פאַרבלאָנדזשען אין דעם גרויסן לאַבירינט פון דעם קעניגרייך פון העגרי פאָרד דעם ערשטן.

פון דרויסן וואָלט גאָר קיינער זיך ניט געקענט פאָרשטעלן ווי ריזיג־גרויס די אויטאָמאָביל־פאַבריק האָט זיך אויסגעשפּרייט; ערשט ווען איר הויבט־אָן צו שפּאַנען פון אָפּטיילונג צו אָפּטיילונג, דערזעט איר, אַז דאָ איז איינגעשלאָסן אונטער איין דאַך א גאַנצע שטאָט.

דאָס ערשטע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, איז די אַפּאַטיע און אויסגעמאַטערטקייט, וואָס איר לייענט אין די געזיכטער פון די גרויסע מחנות פון די טויזנטער אַרבעטער, וואָס געפינען זיך דאָ; ס'מאַכט דעם איינדרוק ניט פון קיין פאַבריק, נאָר פון א שלאַכט־פעלד, וואו א ריזיגע אַרמיי, וואָס איז שוין אויסגעמאַטערט פון פריערדיגע שלאַכטן, איז פאַרנומען מיט אָנלאָדן קאַנאָנען, מיט גראָבן טראַנשייען, מיט פאַרברייטונגען פאַר נייע שלאַכטן.

און עס דונערט און עס קנאַלט ווי אויף א שלאַכט־פעלד. ריזיגע הויב־מאַשינען גליטשן זיך אויף לאַנגע בריקן אין דער גאַנצער לענג פון'ם ערשטן צימער, וואוהין דער וועג־ווייזער האָט אייך געבראַכט.

ווי כשוף־פינגער פון א ריזיגער האַנט גיבן זיי א כאַפּ א פּאַס מיט שטאָלענע רעלסן און אַנטלויפן מיט זיי ערגעץ ווייט צום צווייטן עק פון דער געביידע. עס בריאַזגען די קייטן, אויף וועלכע עס הענגען די הויב־מאַשינען, עס קרעכצן די בריקן, קייקלענדיג זיך אויף זייערע קליינע רעדלאַך, און ביי דער זייט דונערט מיט א טעמפּן קנאַל א גיגאַנטישע מאַשין מיט צענדליגער טויזנטער וואָלן, וואָס זי שליידערט פון זיך הין און צוריק מיט דער פּינקטלאַכקייט פון א זייגער.

אַט ציט זיך א לאַנגע שמאָלע אָפּטיילונג. די מאַשינען דאָ בליאַסקען מיט זייער שטאָלענער נייקייט. זיי זענען איינגעטיילט אויף גרעסערע און קלענערע טייוואַלים, און עס ווייזט זיך אויס, אַז צווישן זיי גייט־אָן א ווילדער געיעג ווער וועמען וועט כאַפּן.

די גרויסע מאַשינען קייקלען שווער זייערע גיגאַנטישע רעדער און רעווען, און הודזשען, און סקריפּען, און שרייען, און די קלענערע און די גאָר קליינע מאַשינקעס דרייען זייערע רעדלאַך שנעל־שנעל. עס ווייזט זיך אויס, אַז אַלע שרייען אין איין קול: יאָגט!... יאָגט!... יאָגט!... פּרוּאווט דעריאָגן אונז!...

און צווישן שטאָל און אייזן, צווישן געפּילדער פון רעדער, צווישן וואַלד און פּאַסן ווערט לאַנגזאַם צעמאָלן דער מענטש.

ער ווערט אַליין א טייל פון דער מאַשין און ער באַוועגט זיך אַזוי מעכאַניש, אַזוי טעמפּ; ס'איז ביי אים ניטאָ קיין טראָפּן בלוט אין פּנים, קיין סימן פון לעבן אין די אויגן; ער איז א מאַשין, און קיין מאַשין טראַכט ניט, פילט ניט, אינטערעסירט זיך מיט גאָר ניט און קען גאָר ניט וויסן.

כדי די מענטשן־מאַשינען זאָלן בעסער, פּינקטלאַכער און מער מאַשינאַווע טאָן זייער אַרבעט, האָט מען צוגעטראַכט א וויסנשאַפט־לאַכן פּלאַן פון אַרבעט — פאָרד האָט איינגעפירט די באַרימטע „בעלט“.

עס ציען זיך לאַנגע פּאַסן און אויף זיי שטעלט מען אַוועק א שטאָלענע ראַם; פון ביידע זייטן שטייען לאַנגע שורות אַרבעטער און יעדער איינער דאַרף צולייגן א האַנט: איינער דאַרף אַריינ־שרויפן א שרייפל; א צווייטער דאַרף אַריינקלאַפּן א פּלעקל; א

דריטער דארף אַנטאָן א רעדל; א פערטער דארף ארויפוואַרפן א מאַד גארד; א פינפטער דארף אַנטאָן דעם רעדיעיטאָר. די פּאַסן ציען זיך און די ראָם, וואָס מ׳האָט ערשט מיט פינף מינוט צוריק ארויפגעלייגט אויף די פּאַסן, איז שוין איצט א פארטיגער אויטאָ־מאָביל.

יעדער איינער דארף טאָן זיין ארבעט פּינקטלאַך און שנעל, און יעדער איינער דארף טאָר איין און די זעלבע ארבעט טויזנטער מאָל דעם זעלבן טאָג.

אָט האָט די ראָם אָנגעהויבן איר רייזע; עס שטייט א הויכער מאַן, וואָס זיין אויפגאַבע איז ארויפצוואַרפן א געז-טענק; דער ארבעטער אויף דער צווייטער זייט פּאַס דארף אויף שנעל געבן א שרויף-צו דעם טענק. די פּאַסן האָבן האָבן די ראָם אַוועקגע-טראָגן און האָבן שוין אונטערגעבראַכט אַן אַנדער ראָם, און ווידער דארף דער הויכער מאַן א כאַפּ טאָן א געז-טענק, אים אַוועקלייגן אויף זיין פּלאַץ, און דער ארבעטער אויף דער צווייטער זייט גיט אים אויף שנעל א שרויף-צו. אזוי אָן אויפהער ציען זיך די ראַמען און די צוויי ארבעטער האַלטן אין איין ווידערהאָלן זייערע אָפּעראַציעס. עס שווינדלט אין די אויגן; עס מישט זיך אַלץ צונויף אין איין קנויל; ס׳ווערט א קאַשע אין מארך; נאָר די הענט דארפן נאָכ-אַמאָל און ווידעראַמאָל טאָן איינס און דאָס זעלבע.

די ראָם מיט דעם טענק האָבן זיך אַוועקגעגליטשט אביסל ווייטער, און דאָרט שטייען צוויי מענטשן, וואָס גיבן א כאַפּ דאָס פוס-ברעט פון אויטאָמאָביל מיט אזא אימפּעט, פּונקט ווי עס וואָלט זיי געגאַנגען אין לעבן, און שרויפן עס שנעל צו. די ראָם גליטשט זיך ווייטער און אויף יעדן טראָט שטייען משרתים גרייט צו טאָן דער ראָם איר רעכט. עס וואַקסן אויס אַלץ מער נייע טיילן; אָט האָט זי זיך שוין אָנגעקליידט מיט א „טאָפּ“; מ׳האָט שוין אויף שנעל אויספּרובירט די ברייקס (טאָרמאָזן); דער מאָטאָר איז שוין גרייט צו טאָן זיין ארבעט; עס צינדן זיך אָן די לאָמטערנס, עפּעס שרויפט נאָך עמיצער אריין דאָס לעצטע שרייפל, א בחור׳ל זעצט זיך אריין אין דער „קאַטערינקע“ און היידאַ אַוועק מיט נאָך א נייעם פּאָרדל ערגעץ אין די גרויסע סקלאַדן אריין.

שטיל, געשעפטסמעסיג טוען די אַרבעטער זייער פליכט; ערשטנס, וואָלט מען דאָ סיי־ווי ניט הערן, וואָס זיי וואָלטן זאָגן; צווייטנס, זענען זיי אויטאָמאַטן, ניט קיין רעדנער.

פינף מינוט פריער האָט מען אויף די פּאַסן אַרויפגעלייגט אַ שטאָלענע ראָם און אין פינף מינוט צייט איז פאַר אייערע אויגן אָפּגעבאַקן געוואָרן אַ פּאַרדל.

די הונדערטער אַרבעטער פון ביידע זייטן פּאַסן האָבן געטריי געטאָן זייער אַרבעט, כדי דאָס פּאַרדל זאָל אַזוי שנעל אָפּגעבאַקן ווערן; די בליאַסקענדע מאַשינקע, וואָס איז נאָר־וואָס אָפּגעפּירט געוואָרן אין סקלאַד אַריין, האָט אויך מיטגעטראָגן אַ שטיק פון דעם לעבן פון די, וואָס ווערן לאַנגזאַם פאַרצערט אין דעם גיהנום.

ווידער אַן אָפּטיילונג און ווידער ציען זיך פּאַסן; דאָ גרייט מען צו די בעטערים. און ווידער שטייען מענטשן און טוען מעכאַניש איין און די זעלבע זאַך טויזנטער מאָל אַ טאָג, און ווידער זוכט איר ביי די מענטשן אין די אויגן אַ פונק פון לעבן און איר געפינט ניט. פאַר דעם פונק, וואָס די עלעקטרישע באַטעריע דאַרף האָבן, באַצאָלן די מענטשן מיט די לעצטע פונקען פון זייער לעבן.

אָט איז די אָפּטיילונג, וואו מ׳מאַכט שרייפלאַך, רעדלאַך און טויזנטער פון די קליינע טיילן פון אַ פּאַרד־אויטאָמאָביל, מיט וואָס מ׳דאַרף באַזאָרגן די, ביי וועמען די פּאַרדלאַך זענען קאַליע געוואָרן.

ביי די גרויסע שמעלץ־אויוונס שטייען געזונטע, ברייטביינער־דיגע נעגערס, זיי אַרבעטן לאַנגזאַם און ריטמיש; אַ בויג — און אַ כאַפּ אַ זשמעניע מעטאַל — אַ הויב — און אַ שליידער אין אויוון אַריין, און ווידער זיך אָנגעבויגן, און ווידער זיך אויפגעהויבן און אַזוי אָן אויפהער אין משך פון לאַנגע שטונדן.

ניט אַלע אָפּטיילונגען לאָזט מען אייך זען ביי פּאָרד׳ן. אין דער אָפּטיילונג, וואו מ׳פאַרבט די אויטאָמאָבילן, וואו אַרבעטער פאַר־סמ׳ען זיך מיט דעם בליי פון דער פאַרב, וועט מען קיין באַזוכער ניט אַריינפירן. אין דער אָפּטיילונג, וואו מ׳מאַכט די געבעטע, ווייכע געזעסן פאַר די אויטאָמאָבילן, וועט מען אייך אויך ניט פירן —דאָרט, זאָגט מען, קען קיין אַרבעטער מער ווי זעקס חדשים ניט אויסהאַלטן. ער מוז קראַנק ווערן אויף קאָנסאָמפּשאָן.

אינמיטן פאבריק לויפט-דורך אן אייזנבאן-וועג; טראָגט זיך אריין מיט א הוכזשעריי א פראכט-צוג, באלד וועט ער ווערן אָנגע־פאקט מיט נייע פאָרדלאך און מיט קאסטנס פון פאָרד-מאשין-טיילן.; ער וועט די נייע, בליאסקענדיגע פאָרדלאך צעפירן אין אלע עקן פון דער וועלט. וועט ער אָבער צעפירן אין דער וועלט אויך די נייס, אז דער בליאסק און גלאנץ פון די פאָרדלאך זענען געקויפט מיט דעם לעצטן טראָפּן בלוט פון געזיכט פון די טויזנטער ארבעטער, וואָס שפרייזן ארום ווי מתים אונטער דעם דאך פון דעם גיהנום, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דער פאָרד אויטאָמאָביל-פאבריק?

וועט ער אויך צעטראָגן די נייס, אז אין די מיליאָנען אויטאָמאָ־בילן זענען ארייגעשמאָלצן געוואָרן הונדערטער טויזנטער לעבנס, וואָס זענען דאָ בא די מאשינען צעטראָטן געוואָרן?

מ׳קוילעט אָקסן אין שיקאַגאָ.

זיין אין שיקאַגאָ און ניט זען די סטאָק־יאַרדס, הייסט פאַרפעלן צו זען אַ פּלאַץ, וואָס האָט, דאַכט זיך, ניט קיין גלייכן צו זיך אין דער וועלט.

נאָך פונדערווייטנס דערפילט איר זיך, אַז איר דערנענטערט זיך צו דעם באַרימטן קוואַרטאַל פון די גרעסטע שלאַכט־הייזער אין דער וועלט. דער געשטאַנק ווערט וואָס אַ מינוט אַלץ־גרעסער און איר מייזט צוהאַלטן אייער נאָז. וואָס־נענטער איר קומט צו די סטאָק־יאַרדס, אַלץ שמוציגער און אָפּגעלאָזענער זענען די גאַסן, דורך וועלכע דער טראַמוואַי פירט אייך צו די גרויסע פליישׂ־פאַבריקן. אַזאַ אָפּגעלאָזנקט, אַזאַ אָרימקייט, אַזעלכע חורבות קען מען בלויז געפינען אין די געטאָס פון די שוואַרצע אין דער סאַוט און ביי דער מעקסיקאַנער אָרימקייט אין טעקסאַס און אין קאַלי־פאָרניע.

ענדלאַך זענט איר שוין ביים אַריינגאַנג צו איינער פון די גע־ביידעס, וואָס טראָגט אויף זיך אַ ריזיגן גאָלדענעם אויפשריפט פון אַ וועלט־באַקאַנטער פליישׂ־פירמע. מ׳באַגעגנט אייך מיט אַ שמייכל און מ׳בעט אייך וואַרטן ביז עס וועט זיך אָנזאַמלען אַ גענוג גרויסע צאָל באַזוכער, און דעמאָלט וועט מען אייך געבן אַ באַגלייטער און מ׳וועט אייך ווייזן דאָס קעניגרייך פון בלוט און פון פליישׂ.

דער באַגלייטער גייט פאָראויס און רופט־אויס די נעמען פון די דעפּאַרטמענטס און די צאָל פון די בהמות און פון די קעלבער און פון די חזירים, וואָס ווערן דאָ יערלאַך אויסגעקוילעט.

זיינע רייד זענען מעכאַנישע — ער האָט שוין צום וויפילטן מאָל ווידערהאָלט איינע און די זעלבע ווערטער:

— אין די לעצטע צען יאָר האָבן מיר פאַרגרעסערט פופציג־פאַך די צאָל פון קעלבער, וואָס ווערן דאָ געקוילעט. בהמות ווערן דאָ

איצט געקוילעט יעדן יאָר מער, וויפיל עס עסט-אויף דער גאַנצער געגנט פון שיקאַגאָ ביז׳ן פּאַסיפיק. מיר קוילען דאָ מער חזירים אין אַ טאָג, וויפיל שיקאַגאָ עסט-אויף אין דריי חדשים.

געקוילעט... געקוילעט... געקוילעט... — קענסט ניט האָבן קיין צווייפל, אַז דו געפינסט זיך אין דעם גרעסטן שלאַכט-הויז אין דער וועלט.

מיר גייען איבער בריקלאַך, וואָס זענען אַריבערגעוואָרפן איבער דער לענג און איבער דער ברייט פון די אומענדלאַכע פעלדער, וואָס זענען מיט פאַרקאַנעם צעטיילט אויף באַזונדערע שטייגן. עס מוקען בהמות; עס רעווען אָקסן; עס כרוקען חזירים; עס מעקען באַראַנטשיקלאַך; עס איז אַזאַ געפילדער און געמיש פון קלאַנגען, אַז דו ווייסט ניט אויף וואָסער וועלט דו ביסט.

צווישן די שטייגן גייען אַרום און פאָרן אַרום אויף פערד פאַרשדינענע אין לאַנגע שטיוול און מיט לאַנגע בייטשן אין די הענט — דאָס זענען די טרייבערס, וואָס סאָרטירן אויס די פי און באַשטימען וואָסערע בהמות און וואָסערע אָקסן זאָלן גיין זייער לעצטן וועג און וואָסערע מ׳דאַרף נאָך האַלטן אין שטייג אָדער גאָר אַוועקשיקן אויף אַן אַנדער מאַרק.

די פאַרשוינען אין די לאַנגע שטיוול פייפן איינער צום צווייטן; זיי קנאַקן מיט די בייטשן; זיי שרייען אויף באַנומענע קולות. עס מישן זיך אויס די מענטשישע שטימען מיט דעם רעווען פון די אָקסן און עס פלעכט זיך אריין אַ פייפעריי פון אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס לאָזט פון זיך הערן, אַז ער איז ערגעץ דאָ דערביי. פאַרשמייעטע לויפן אַרום די ספּעקולאַנטן, וואָס קויפן און פאַרקויפן פי. עס שפּאַנען די ברייט-פלייציגע אויפזעער, וואָס שלעפּן גרויסע פּעק מיט היי און טיילן אויס פאַרציעס אין די פאַרשידענע קאָריטעס.

דאָ איז דאָס קעניגרייך פון לעבעדיג פלייש. פון דאַנען גייען מיר אין דעם קעניגרייך פון טויטן פלייש.

דער וועג-ווייזער דערקלערט אונז, אַז ער וועט מיט אונז גיין ביז דער לעצטער געביידע פון דער ריזיגער פלייש-קאָמפּאַניע און פון דאָרט וועלן מיר גיין ביז מיר וועלן דורך די אינווייניגסטע געביידעס

דורכגיין דאָס גאַנצע קעניגרייך און צוריק אַרויסקומען אין דעם פּלאַץ, פון וואַנען מיר האָבן אָנגעהויבן אונזער מאַרשרוט.

מיר קומען־צו צו אַ ברייטן טויער אין אַן אַלטער, אָפּגעקאַלופּע־טער רויטער געביידע. דער וועגווייזער גיט אַן עפן דעם טויער און לאָזט אונז גיין פאַראויס. עס גיט עפּעס אַ פאַרכאַפּ אין האַלז; אַ מאָדנער גערוך פאַרטשאַדעט אייך און איר ווייסט ניט אויף אַ מינוט וואָס אין דעם ריזיגן שטאַל קומט פאָר. דאָס האָט דער גערוך פון בלוט אַזוי געווירקט. די שטימע פון דעם באַגלייטער וועקט אייך אויף פון אַ מאָמענטאַנעם הינערפלעט:

— מיר זענען איצט אין דער געביידע נומער איינס, וואו מען קוילעט די חזירים.

עפּעס רעדט ער נאָך, נאָר מער הערט איר שוין ניט, מער זעט איר שוין ניט. בלויז אויף אַ מינוט האָט פאַר די אויגן אַ לויף געטאָן אַ בילד פון אַ חזיר, וואָס איז דורך אַ שמאָלן אַריינגאַנג אַריינגע־שטופּט געוואָרן פון ערגעץ. איר זעט ווי ער איז פאַרפּענטעט ביי איין פוס; אַ ריזיגע הויב־מאַשין גיט אים אַ טראָג און בשעת ער הוידעט זיך אַזוי אַ געפּענטעטער, טראָגט ער זיך פאַרביי אַ ריזיגן נעגער, וועלכן איר האָט פריער ניט באַמערקט. מיט אַ ריזיגן מעסער אין האַנט שטייט דער דאָזיגער „שוחט“ אָנגעגרייט און ווען דער חזיר גיט זיך אַ שוואונג לעבן אים, גיט אַ בליאַסק דאָס מעסער; דער חזיר ווערט איבערגעשניטן אין דער לענג ביים האַלז; עס גיט זיך אַ גאָס אַ שטראָם רויט־ברוינלאַך בלוט; עס צעטראָגט זיך אַ שוידערלאַך כרוקען, און שוין הוידעט זיך אַ פרישער חזיר, און שוין גיסט זיך אַ פרישער שטראָם, און שוין פאַרהילכט אַן אַנדער פאַר־צווייפלטער קוויטש.

דער קוילער מיט דעם מעסער אין האַנט איז באַגאָסן מיט בלוט פון קאָפּ ביז די פיס.

ביסט פאַרטשאַדעט פון דעם גערוך פון בלוט; ביסט פאַרטויבט פון דעם רעווען; ביסט צעטרייסלט פון דעם בילד פון די צעהוידעטע קערפּערס און פון די שטראָמען בלוט — ווילסט וואָס־שנעלער פון דאַנען אַנטלויפן. עס איז דערפאַר אַ פאַרלייכטערונג, ווען דו הערסט די שטימע פון דעם וועג־ווייזער:

— פון דאנען גייען מיר אין דער געביידע נומער צוויי, וואו מ'צעשניידט די חזירים.

נאר עס איז לייכט צו זאגן: מיר גייען. עס איז ניט אזוי לייכט דאס צו טאן.

אין איין ווינקל שטייט א מאן און האלט זיך פאר'ן קאפ און ברעכט מיט דער גרינער גאל. אין א צווייטן ווינקל שטייט א פרוי לעבן א יונג מיידל און טראגט איר צו וואסער צום מויל — דאס יונגע מיידל איז געפאלן אין חלשות.

ענדלאך איז די גרופע צוריק צונויפגעזאמלט און מ'גייט-נאך נאך דעם פירער.

די קאמפאניע ווייסט גוט אירע געשעפטן און זי וויל ניט, אז דער דערשיטערנדיגער איינדרוק, וואס די געביידע נומער איינס האט געמאכט, זאל אויף לאנג פארבלייבן — דאס קען נאך שעדיגן די געשעפטן. האט מען דערפאר זייער געשיקט אויסגעפלאכטן א באלקאן ארום דער געביידע נומער איינס, און אנשטאט צו פירן די באזוכער צום צווייטן עטאזש דורך אן אינווייניגסטן טרעפ, האט מען פאר זיי דאס דאזיגע בריקל פארזארגט, אז בשעת זיי גייען ארויס אויף דער פרישער לופט, גייט זיי אביסל ארויס דער טשאד פון קאפ און זיי זענען גרייט צו גיין ווייטער און באטראכטן די אינדוסטריע פון פלייש.

דער מיטל איז א געלונגענער. אויף דער פרישער לופט דער-פילסטו זיך באלד ווי א נייער מענטש, דיר דאכט זיך אויס, אז דא איז אזוי שטיל, כאטש מאן צו זייען, און אז די לופט איז דא וואונדערבאר גוט.

א דערפרישטער קומט מען אריין אין א ריזיגן צימער, וואס האט גרויסע ברייטע פענסטער פון אלע פיר זייטן. דא שטייען גרויסע טישן און אויף זיי לייגט מען ארויף די אפגעשונדענע חזירים און מ'צעשניידט זיי און מ'צעשיקט אין פארשידענע ריכ-טונגען די באזונדערע טיילן: דעם קאפ אין איין ריכטונג, די פיס אין אן אנדער ריכטונג און די אינעווייניגסטע טיילן אין א דריטער ריכטונג.

דא ארבעטן מענער אין ברייטע לעדערנע פארטוכער; די פאר-

טוכער זענען אויך פאַרפלעקט אין בלוט, נאָר עס איז שוין מער ניטאָ דער שווערער איינדרוק פון די שטראָמען בלוט, וואָס דו האָסט געזען מיט אַ שטאָק נידעריגער.

אויף דעם דריטן שטאָק איז שוין דאָס חזיר־פלייש אויסגעוואַשן און אויסגעפּוצט. די אויסגעליידיגטע קערפּערס מאַכן דעם איינדרוק פון אויסגעליידיגטע און צעשפּאָלטענע שטאַמען פון בוימער.

דאָ איז לופטיג און ליכטיג, נאָר עפּעס אַ טערפּקע גערוך פון עסיג פאַרכאַפּט דאָ דעם אָטעם. דאָס איז, ווייזט אויס, דער רע־זולטאַט פון געוויסע כעמישע שטאָפן, וואָס ווערן דאָ באַנוצט, כדי צו פּרעזערווירן דאָס חזיר־פלייש אויף יאָרן.

דורך אַ געדרייטן און איבערגעפּלאָנטערטן וועג לאָזן מיר זיך אַראָפּ אין אַ האַלב־פינסטערן הויף, וואָס איז אַריינגעשפּאַרט צווישן צוויי געביידעס, און אָט זענען מיר שוין אין דער געביידע, וואו מ׳קוילעט קעלבער. ווידער דער זעלבער פּראָצעס ווי מיט די חזירים, ווידער אַמאָל אַ געפּילדער און ווידער אַמאָל בלוט.

דורך געדרייטע קאָרידאָרן, דורך טרעפּ אַרויף און אַראָפּ פירט מען אונז ענדלאַך אַריין אין דער געביידע, וואו עס קומט פאָר די גרעסטע אויסשלאַכטונג — דאָרט, וואו מ׳קוילעט די אָקסן.

ווי אַזוי אַ מענטש קען דאָ אויסשטיין עטלאַכע טעג און ניט אַראָפּ פון זינען, איז די גרעסטע רעטעניש. דאָ איז אַזאַ געפּילדער, אַזאַ געשטאַנק, אַז דו ווייסט ניט וואָס מיט דיר קומט פאָר.

די אָקסן ראַנגלען זיך און לאָזן זיך ניט אַריינשטופּן אין דער ענגער שטייג, וואו ביי אַ זייט שטייט אַ גיגאַנט מיט אַ דובינע אין האַנט און וואַרט אויף זיין קרבן. אַ טראַך מיט דער דובינע איבער׳ן קאָפּ — און דער אָקס איז אַ פּריטשמעלעטער. אַ טראַך מיט דער דובינע — און דער אָקס איז שוין אומבאַהאָלפן.

עפּעס אַן אינסטינקט זאָגט זיי אונטער, אַז זיי ווערן געפירט צו דער שחיטה, און — ווי זיי ראַנגלען זיך דאָס דאָ!

עס איז אַ משוגעים־הויז, אַ גיהנום.

דאָס רעווען צעטרייסלט די געביידע. די דובינע קראַכט אי־בער די קעפּ מיט אַ טעמפּן קלאַפּ.

די פּריטשמעלעטע אָקסן ציט מען אַרויף אויף אַ קייט און

מ׳טאסקעט זיי אוועק צום מעסער פון קוילער; און ערשט דא הויבט זיך אן אזא רעווען, אז דו מוזט פארשטאפן די אויערן. בלוט גיסט זיך דא טייכנווייז.

פון די אלע געביידעס, וואס זענען פול מיט געפילדער און מיט בלוט, פירט מען אריין אין די געביידעס, וואו מען פאקעטעוו פלייש אין שאכטלאך. דא זיצן מיידלאך אין ווייסע טשעפיקלאך און אין ווייסע פארטוכער, און אלץ איז אזוי אויסגערעכנט, אז עס זאל מאכן דעם איינדרוק פון זויבערקייט און פון זארג פאר דעם געזונט פון די קונדן. מ׳ווייזט די פאראדנע צימערן, נאר מ׳ווייזט ניט די אפּ-טיילונגען, וואו מ׳ארבעט אונטער די שוידערלאכסטע אומסאניטארע באדינגונגען — דארט, וואו ביי די ארבעטער קריכט־אפ די הויט פון די הענט; דארט, וואו עס איז דער „דזשאנגל", וואס אפטאן סינקלער האט פאר דער וועלט אויפגעדעקט.

פון דער פאראדנער אפטיילונג פירט מען דורך געדרייטע טרעפ אראפ אין קעלער, וואו עס זענען אויסגעהאנגען אין לאנגע, גראדע שורות די פריידיקעס פון די אקסן. זיי זענען איינגעוויקלט אין „טשיז-קלאט". אויסגעפוצטע אין דורכזיכטיגע מלבושים, שיינט ארויס זייער גלאנציגע רויטקייט. די קינסטלאכע קעלט, וואס די ריזיגע רעפריזשירייטארס האבן דא געשאפן, האט דא און דארט אנגעזאמלט אביסעלע שניי, און די דאזיגע ווייסקייט שטרייכט נאך מער אונטער די פרישע רויטקייט פון די פריידיקעס.

די נאזלעכער ביי די באזוכער צעעפענען זיך און מ׳הויבט זיך אן פאסמאקעווען מיט דעם געדאנק וועגן א געשמאק שטיקל „העם".

— וואלסטו ניט געוואלט עסן איצט א פיין שטיקל „העם"? — פרעגט אן איינגעהויקערטער אלטער שטורמאק ביי אן אויסגעדאר-טער לאנגער פרוי, וואס שטייט לעבן אים.

— און פארוואס ניט „העם ענד עגס"? — ענטפערט די אלטע.

די ארומיגע, וואס הערן זייערע רייד, שאקלען-צו מיט די קעפ, שמייכלענדיג. ביי אלעמען איז דאס זעלבע געפיל.

די קאמפאניע האט דערגרייכט איר צוועק. דער באזוך האט געבראכט די געווינשטע רעזולטאטן — ביי די באזוכער האט זיך צעגאסן די סליונע איבער די ליפן; מ׳וועט קענען פארקויפן מער

פליישיגע מאכלים; מ׳וועט דאַרפן קוילען מער אָקסען און מער חזירים, און מער קעלבער, און מער בהמות. געשעפטן וועלן גיין גוט און פראָפיטן וועלן וואַקסן.

אַט זענען מיר שוין צוריק אין זעלבן אויפנאַמס־צימער, פון וואַנען מיר האָבן אָנגעהויבן אונזער שפּאַציר איבער דעם קעניגרייך פון פלייש און בלוט. א הויכער פאַרשוין אין א מונדיר מיט גאָלדענע קנעפּ טיילט אויס יעדן באַזוכער א שיין ביכעלע מיט רייכע אילוסטראַציעס, וואו עס דערציילט זיך וועגן דעם וואוקס פון דער פלייש-ביזנעס אין אַמעריקע, און ער זאָגט יעדן איינעם מיט א קאַזיאָנער העפלאַכקייט:

— א דאַנק, מיר האָבן געהאַט גרויס פאַרגעניגן אייך דאָס אַלץ צו ווייזן.

דורך אומענדלאַכע לאַנגע גאַסן מיט פאַר׳חושכ׳טע שטיבלאַך, מיט צעבראָכענע טראָטואַרן, מיט ריזיגע שטרעקעס פון ניט-פאַרבויטע קוואַרטאַלן שלעפט זיך דער איבערגעפּאַקטער טראַמוואַי. אין די אויערן הערט זיך נאָך דאָס פייפן פון די אויפזועער, דאָס קנאַקן פון די בייטשן, דאָס רעווען פון די אָקסן, דאָס כאָרכלען פון די חזירים; עס איז נאָך ניט אַרויס פון קאָפּ דער טשאַד פון דעם בלוט.

ווען דער טראַמוואַי פאָרט אַריין אין די קוואַרטאַלן, וואו עס שטייען שיינע שטיבלאַך, אַרומגערינגלט מיט בלומען־בייטן, ווען מ׳פאָרט אַריין אין די בולוואַר-געגנטן, גלויבט זיך גאָרניט, אַז דאָס איז טאַקע אין דער ווירקלאַכקייט, און דו פרעגסט זיך אַליין:

— איז טאַקע דאָ, ערגעץ ניט ווייט, באמת דאָ אָט-דער גיהנום?

מ׳ראַטעוועט נשמות.

שיקאַגאָ.

ריזיג גרויס — אויף צענדליגער מיילן אין דער ברייט און אין דער לענג — האָט זיך אויסגעשפּרייט די שטאָט פון ווינטן ביי די ברעגן פון לעיק מישיגען.

דער צענטער פון דעם רייכסטן לאַנד אין דער וועלט — זענען דאָ די ריזיגסטע רייכטימער קאָנצענטרירט: קאָלאָסאַלע געשעפטן אויף די עוועניוס ארום דעם „לופּ", לוקסוס-פּאַלאַצן אויף די „דרייוווס" ארום די וואַסערן פון ריזיגן לעיק, מיליאָניגע אַמוזירונגס-פּלעצער און אַ גאַנצע קייט פון בולוואַרן, איבער וועלכע עס טראָגן זיך די שיינענדיגע, קאָסטבאַרע לימוזינס.

דער צענטער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע — איז דאָ אויך די גרעסטע אָרימקייט קאָנצענטרירט: שרעקלאַכע חורבות, אין וועלכע עס וואוינט די נאַקעטע אָרימקייט, די קוואַרטאַלן, וואו עס האַלט שוין יאָרן-לאַנג אָן דער געשטאַנק פון די סטאָק-יאַרדס, און די גאַסן, איבער וועלכע עס שלעפּן זיך אַרום אַרבעטסלאָזע און אָפּדאַכלאָזע.

* * *

אומענדלאַך ציען זיך די לאַנגע גאַסן פון דעם גרויסן, אומגע-לומפּערטן דאָרף, וואָס טראָגט דעם נאָמען „שיקאַגאָ".

קליינע, איינפאַמיליע-שטיבלאַך ביי די זייטן גאַס. זעלטן-וואו אַ שטיבל, וואָס האָט עפּעס אַ פּנים — מערסטנס כאַלופּעס, וואָס בעטן זיך, מ׳זאָל זיי אַביסל צופּאַרבן, מ׳זאָל אַביסל פּאַרדעקן זייער אַלטקייט. שווידערלאַך-מאָנאָטאָן זענען די האָזיגע לאַנגע גאַסן, און עס ווילט זיך שנעלער פון זיי אַנטלויפן.

איבער דעם גלאַנציגן אַספאַלט טראָגט זיך מיט אימפּעט דער „באָס", און פון דער אויבערשטער דעק זעט זיך אויף אַ לאַנגער

שטרעקע אַרוים דער רחבות׳דיגער געגנט, וואו די גליקלאַכע האָבן זייערע וואוינונגען אין פּראַכט און מיט לוקסוס אויסגעשטעלט.

דאָ איז יעדעס גרעזעלע זאָרגפעלטיג אָפּגעהיט; גערטנער גייען אַ גאַנצע צייט אַרום און שערן און פּוצן, און באַגיסן, און רייניגן די גרינע לאָנקעס און די בלומען-בייטן, וואָס באַצירן די וואוינונגען פון די אויסדערוויילטע.

דאָ האָט די „געזעלשאַפט" איר נעסט געמאַכט — דאָ האָבן זיך באַזעצט די, וואָס לעבן פון פרעמדער האַרעווע, די, וואָס דאַרפן ניט פאַרדינען אויף ברויט מיט די אייגענע צען פינגער.

אין מיטן דער נאַכט שיינט אַרוים באַנאַנסן מיט טאָג-ליכט אַ ריזיגער ווייסער פּאַלאַץ — דאָס איז די ריגלי-געביידע.

ניט אומזיסט זענען די ריגלי-אַדוועטייזמענטס פול מיט טייוואַ-לימלאַך, וואָס שפּרינגען אייך אין פּנים אַריין און שטעקן אייך אַרויס די צונג — דאָס לאַכן זיי, דאָס קייכן זיי פון געלעכטער איבער דעם, וואָס מ׳האָט געקענט נעמען מיליאָנען מענטשן און זיי צוגעוואוינען צו מעלה-גירה-זיין, און פון דעם זאָלן ווערן העל-באַלויכטענע פּאַלאַצן אין שיקאַגאָ, פון דעם זאָלן ווערן פאַרמעגנס אויף צו קענען קויפן זון-באַגאָסענע אינזלען ביי די ברעגן פון קאַ-ליפאָרניע און אַ גן-עדן אויף דער ערד פאַר דעם, וואָס פאַרקויפט די מעקענע, וואָס מיליאָנען קייען.

ווייטער יאָגט זיך דער „באָס" און אָט וועט ער, דאַכט זיך, צוזאַמענשטויסן זיך מיט אַ פייערדיגן זייל, וואָס שטייט אין סאַמע מיטן גאַס. דאָס איז אַ שמאָלע געביידע, וואָס קוקט אויס ווי אַן עגיפּטישער אָבעליסק און וואָס איז העל באַלויכטן מיט מיליאָנען פייערן. די געביידע מאַכט אַן איינדרוק פון אַ ריזיגן צעשמאָלצענעם סלופּ פון קופּער. אָט-אָט, דאַכט זיך, און די געביידע וועט צע-שמאָלצן ווערן אינגאַנצן. דאָס איז אַ זכר פון אַן אַמאָליגער וואַסער-סטאַנציע. פון דאַנען איז אַמאָל שיקאַגאָ באַזאָרגט געוואָרן מיט וואַסער. איצט דאַרף מען שוין מער די דאָזיגע סטאַנציע ניט האָבן, האָט מען זי פאַרוואַנדלט אין אַ מאָנומענט צו דער פאַרגאַנגענהייט.

—איר מוזט זען דעם ברענענדיגן פּאַנטאַן, — זאָגן די חברים, און באַשטייען, אַז כאָטש די צייט איז באַגרעניצט, זאָל מען צופאָרן

און אַ קוק-טאָן אויף דעם גרויסן וואונדער פון „ברענענדיגן“ וואַסער.

— ביי דעם פאָנטאַן זענען די סאַמע פאַרהאַרטעוועטע מענטשן געוואָרן סענטימענטאַל, — אינפאָרמירן די באַגלייטער, — מיר האָבן דאָ צוגעפירט אַ באַקאַנטן דאָקטאָר אונזערן, וועלכער איז שוין דורכגעגאַנגען דורך פייער און דורך וואַסער. ווען ער האָט דערזען דעם פאָנטאַן, האָט ער אַראָפּגעכאַפּט זיין היטל און האָט אָנגעהויבן אונטערטאַנצן פון עקסטאַז און קלאַפּן מיט די הענט ווי אַ קליין באַגייסטערט קינד.

אַ ביטערער ווינט האָט געטראָגן פון דעם לעיק. די ערשטע מינוט, ווען דער פיל-קאָלירטער פאָנטאַן האָט זיך באַוויזן, האָט זיך געדאַכט, אַז אָט וועט דער ווינט אַלע זיינע וואַסערן אַוועקטראָגן און דעם פאָנטאַן אינגאַנצן אָפּווישן.

דער קאַלטער ווינט האָט געביסן אונטער דער הויט. די פינגער זענען ווי אָפּגענומען געוואָרן און מ׳האָט געמוזט אויף זיי אָנהויבן צו אָטעמען, כדי זיי אָפּצומינטערן. נאָר זיך אָפּרייסן פון דעם בילד איז ניט געווען לייכט.

דער פאָנטאַן איז אין דער פאָרמע פון די רעשטלאַך פון אַ גרויסער, פאַרניכטעטער געביידע. דער פאָנטאַן איז אַזוי געבויט, אַז ער זאָל מאַכן דעם איינדרוק פון אַן אָפּגעברענטער געביידע, פון וועלכער עס זענען פאַרבליבן אַ טייל זיילן, אַ פיצל פון דעם דאַך, אַ טייל פון די ווענט — אַ שוואַכער אָנדייט פון אַן אַמאָליגער אימפּאָזאַנטקייט. פון אַלע זייטן שפּריצן שטראָמען וואַסער אויף אָט-די רעשטלאַך פון אַן אַמאָליגער גרויסקייט — דאָס „לעשט מען נאָך די שׂרפה“.

פון פאַרבאָרגענע ווינקלען זענען די שטראָמען מיט אַלערליי קאָלירטע לאָמפּן באַלויכטן. אָט צינדן זיך די שטראָמען אָן אין רויטן; אָט הויבט דאָס רויטע אָן ווערן בלאַסער און בלאַסער; אָט איז שוין די גאַנצע „ברענענדיגע“ געביידע פאַרהילט אין אַ שטראָם פון ליילאַק-קאָליר; אָט איז שוין דער קאָליר פון מאָרגן-בלויז אויסגעשפּרייט אויף דעם כּשוף-פּלאַץ, וואָס „ברענט“ און „ברענט“ און ווערט ניט פאַרברענט. מיטאַמאָל גיבן זיך אַ מיש אויס עטלאַכע קאָלירן: גרין און ברוין און פּורפּור-רויט וואַרפן זיך איינע אויף

די צווייטע און פאַרשלינגען איינע די אַנדערע און פאַרשווינדן באַלד צו לאָזן פּלאַץ פאַר שניי-ווייס און פאַר צאַרטער אָראַנדזש-פאַרב.

דער קאַפּריז פון אַ מיליאָנער, וואָס האָט פאַר זיין טויט אָנגעזאָגט זיין שוועסטער, וועלכער ער האָט איבערגעלאָזן אַ פאַרמעגן, אַז זי זאָל עפּעס אויסטערלישעס באַשאַפן אין זיין אָנדענק, האָט זיך איינגעגעבן — דער „ברענענדיגער" פאָנטאַן וועט פון אַלעמען באַוואונדערט ווערן.

פאַרמעגנס קאָסט-אָפּ אַזאַ צאַצקע; מיליאָנען ווערן פאַרשווענדט אויף צו באַפּוצן די קוואַרטאַלן פון די רייכע; פאַר דער שמינקע, וואָס איז געשמאַקלאָז אָנגעליאַפּעט אויף די „מענשאָנס" פון די פיר-הונדערט, וואָלט מען געקענט פאַר טויזנטער הימלאָזע היימען באַזאָרגן. נאָר ווער זאָרגט זיך פאַר זיי? וועמען גייען-אָן זייערע אויסגעלאָשענע אויגן? ווער קימערט זיך פאַר די טויזנטער, וואָס הרייען זיך אַרום הונגעריגע און היימלאָזע איבער סטייט סטריט — די „באָוערי" פון שיקאַגאָ? מיט וואָסערע שטאַרע בליקן זיי קוקן אַריין אין די פענסטער פון בעקערייען. וויפיל טעג האָבן זיי שוין קיין מאָלצייט ניט געהאַט אין זייער מויל?

נאָר ווער זאָגט עס, אַז קיינער קוקט זיך אויף זיי ניט אַרום? אָט שטייען ברייט צעעפנט די טויערן פון אַ מיסיאָנערן-געביידע, וואוהין מ׳לאַדט-איין די היימלאָזע. עס טראָגט זיך פון דאָרטן געזאַנג. דורך די אָפענע טויערן זעט מען ווי די אָפּגעריסענע טרעמפּס זיצן אויסגעזעצט אויף די לאַנגע בענק.

לאָמיר כאַפּן אַ קוק וואָס דאָרט טוט זיך...

איבער דער פּלאַטפאָרמע לויפט-אַרום אַ זשוואַווער פאַרשוין. ער מאַכט מיט די הענט, ער מונטערט דעם עולם, ער שרייט אַלע מינוט אויס:

— דעט איז די ספּיריט!

— דעט איז די וועי!

מען דערלאַנגט מיר אַ בענטשערל, און איך מיש-אויף די נויטיגע בלאַט:

„סאָן ראַיז טומאַרראָו,
סאָן ראַיז טומאַרראָו,
סאָן ראַיז אין גלאָרי איז וועיטינג פאָר מי!

סאָן ראַיז טומאַרראָו,
סאָן ראַיז טומאַרראָו,
סאָן ראַיז וויט דזשיזוס איז וועיטינג פאָר מי!"

(דער זון־אויפגאַנג,
דער זון־אויפגאַנג,
דער גלאָררייכער זון־אויפגאַנג וואַרט דאָרט אויף מיר!

דער זון־אויפגאַנג,
דער זון־אויפגאַנג,
דער זון־אויפגאַנג מיט יעזוס'ן וואַרט דאָרט אויף מיר!).

העכער און העכער צעגיסט זיך דאָס געזאַנג. דאָס פאַרשווינדל אויף דער פּלאַטפאָרמע טאַנצט־אונטער און פּאָמפּעט באַגייסטערונג. די אויסגעהונגערטע האָבן שוין אויף אַ מינוט פאַרגעסן וועגן זייער הונגער — זיי זענען שוין פאַרטשאַדעט געוואָרן; זיי ווייסן שוין ניט, וואָס מיט זיי טוט זיך; זיי זענען שוין אַריין אין אַ שיכור'ן עקסטאַז — זיי שרייען שוין מיט באַנומענע קולות:

„סאָן ראַיז וויט דזשיזוס איז וועיטינג פאָר מי!"

דער ציל איז דערגרייכט — דער הונגעריגער האָט פאַרגעסן וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך מיט אים, ער האָט פאַרגעסן וועגן דער ערד — איצט איז די פּאַסנדיגסטע צייט אין אויער אים אַריינ־צורוימען, אַז די וועלט אַרום אים איז אינגאַנצן אַ חלום: הונגער, היימלאָזיגקייט, אַ נאַקעטע ברוסט, אַרויסגעשטעקטע פינגער פון די שיך — דאָס איז אַלץ נאַרישקייטן.

טראָגט מען אים אונטער נאָך אַ לידל:

„ווען אַי שעל קאַם טו די ענד אָוו מאַי וועי,

ווען אַי שעל רעסט עט די קלאָוז אָוו לאַיפ׳ס דעי,
ווען „וועלקאַם האָום״ אַי שעל היר דזשיזוס סעי״...

(ווען איך וועל שוין קומען צום סוף פון מיין וועג,
ווען איך וועל ביים סוף פון דעם לעבן שוין רוען,
ווען איך וועל הערן ווי יעזוס וועט מיר זאָגן ברוך־הבא...)

דעמאָלט וועט דאָך אים זיין גוט ווי די וועלט.

טאָ ווער דאַרף זיך איצט זאָרגן? ווער דאַרף איצט טראַכטן פאַרוואָס אין דעם צענטער פון דעם גרעסטן רייכטום דאַרף זיין אַזוי פיל נויט?

אַן אויסגעמאַטערטער קערפּער! — ווּעמען גייט עס אָן?

אַ ליידיגער מאָגן! — וועמען אַרט עס?

זעט איר, נשמות, פאַרוואָגלטע, נשמות, פאַרלאָרענע — זיי דאַרף מען ראַטעווען!

טאַנצט דאָס פאַרשווינדל אויף דער פּלאַטפאָרמע און גיסט־אונטער באַגייסטערונג. אין דרויסן קלאַפּט דער פּויק פון דער סאַלוויישאַן אַרמיי — מ׳לאָזט ניט, אַז נשמות זאָלן פאַרלוירן גיין.

דאָס גרויסע, אומגעלומפּערטע דאָרף וואַרפט זיך אין קאָנוואול־סיעס פון משוגענעם לוקסוס; אין דעם גרויסן דאָרף, וואָס הייסט שיקאַגאָ, איז אַן אָפּגרונט פון פאַרברעכנס און פאַרדאָרבנקייט; פאַרברעכנס זענען געוואָרן אַ גוט־אָרגאַניזירטע ביזנעס; פאַרברעכער פאָרן־אַרום אין שיינענדיגע, קאָסטבאַרע אויטאָמאָבילן; קיין ערנסטער קאַמף מיט די פאַרברעכער ווערט גאָר ניט געפירט; טויזנטער היימלאָזע און הונגעריגע דרייען זיך אַרום איבער די גאַסן, און קיינער זוכט ניט צו שטילן זייער הונגער, נאָר אויף די נשמות פון די הונגעריגע איז מען זיך מרחם און מען זוכט זיי צו ראַטעווען.

עס קלינגט נאָך אין די אויערן דאָס געזאַנג:

„סאַן ראַיז וויט דזשיזוס איז וועיטינג פאָר מי!

פאַרשאָלטענע היפּאָקריטן!

פינסטערע משרתים פון אַ פינסטערער אָרדנונג!

ביים אַרויסגיין שטעלט מיך אָפּ אַ מאַן, ביי וועמען עס איז

אויף דעם געזיכט אויסגעגאָסן אַ קעלבערנע התפעלות, און, דערלאַנגענדיג מיר די האַנט, פרעגט ער:

„וואָר יו סעיווד, בראָדער?" (ביסטו שוין, ברודער, געראַטעוועט געוואָרן?)

איך גיב אויף אַ קוק, באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס און באַשליס אים אַ שליידער טאָן אין פּנים אַריין, אַז איך בין שוין אַ „געראַטעוועטער".

— יעס, — ענטפער איך.

— ווען? — פרעגט ער.

— היינט ביינאַכט, — ענטפער איך אים.

— גאָד בלעס יו! — רופט ער אויס מיט פרייד.

זאָל איך אים זאָגן, אַז זיין נשמה־רעטונג האָט נאָך טיפער איינגעקריצט אין האַרצן דאָס בילד פון דער אָרדנונג, וואָס האָט אַלע מיטלען איינגעשפּאַנט (אויך די נשמה־כאַפּער אריינגערעכנט) אויף צו נאַרן די הונגעריגע שקלאַפן?

אים דאָס צו זאָגן איז דאָך איבעריג — ער וועט סיי־ווי דאָס ניט פאַרשטיין.

דער טעלער־לעקער ווייסט דאָך זעלטן ווי עקלהאַפט ער איז!

רינאָ — די שאַנד־הויז פון אַמעריקע.

צווישן קאַליפאָרניע, אָרעגאָן, איידאַהאָ, יוטאַ און אריזאָנאַ איז אריינגעקוועטשט דער שטאַט נעוואַדאַ, וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „דער זילבערנער שטאַט“. נאָר ניט צוליב דעם זילבער, וואָס ווערט אין די בערג פון נעוואַדאַ אויסגעגראָבן, ניט צוליב דעם ביסל ווייץ און קאָרן, און רעטשקע, און קאַרטאָפל, און האָבער, וואָס נעוואַדאַ פּראָדוצירט, איז דער דאָזיגער שטאַט באַקאַנט אין אַלע עקן פון אַמעריקע און איבער דער גאַנצער וועלט.

די גאַנצע פאַרם־פּראָדוקציע פון נעוואַדאַ אין יאָר 1926 האָט באַטראָפן (דאָס לעצטע יאָר, פאַר וועלכן ס׳זענען אָנגעגעבן געגויע ציפערן פון דעם באַטרעף פון דער אַגריקולטורעלער ווירטשאַפט) ניט מער ווי זיבן מיליאָן דאָלאַר. צוזאַמען מיט דער סומע, וואָס עס האָט די ווערט די גאַנצע פּרוכט־אינדוסטריע פון נעוואַדאַ, קריגט דער שטאַט קוים איין־צענטל פון איין פּראָצענט אויף זיין חלק פון דעם באַטרעף פון דער גאַנצער פאַרם־ און פּרוכט־אינדוסטריע פון דעם לאַנד. ווען מ׳רעכנט נאָך אריין די צוויי־און־צוואַנציק מיליאָן דאָלאַר, וואָס עס באַטרעפט די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע פון דעם שטאַט, און דעם באַטרעף פון אַלע אויסגעגראָבענע מינעראַלן אין דער סומע פון 26 מיליאָן דאָלאַר, וועט אויסקומען, אַז אינגאַנצן האָט דער שטאַט אַ יערלעכן איינקונפט פון 57,000,000 דאָלאַר, וואָס איז נאָך עטוואָס ווייניקער ווי אַ טויזנט־חלק פון דעם איינקונפט פון דעם גאַנצן לאַנד.

דער שטאַט פאַרמאָגט אינגאַנצן אַ באַפעלקערונג פון ניט מער ווי 77,000 נפשות. קיין באַזונדערע שיינקייטן פאַרמאָגט ער ניט; מיט קיין אויסערגעוויינלעכעס קען ער זיך ניט באַרימען. מיט וואָס־זשע איז ער אַזוי באַשאָנקען, אַז אומעטום איז ער באַקאַנט? ער איז באַשאָנקען מיט אַ געזעץ וועגן גט׳ן, וואָס איז לייכטער

ווי די געזעצן פון אלע אנדערע שטאטן, און אהער פארן די רייכע פארלאך, וואס האלטן ביי צעגיין זיך, און דא ווערן זיי לייכט איינס פון דאס אנדערע פטור. די מערסטע פון זיי באזעצן זיך אין רינא אויף דריי חדשים, וואס זיי מוזן, לויט די פאדערונגען פון דעם ארטיגן גט-געזעץ, אין דעם שטאט אפוואוינען. דערפאר איז רינא באקאנט געווארן ברייט און ווייט אלס די שטאט פון גט'ן, און פון דער דאזיגער גט-אינדוסטריע קריגט דער שטאט אריין א נישקשה'דיגן איינקונפט. נאר דאס איז נאך אלץ ניט דער טשוואק פון דער בארימטקייט פון נעוואדא. דער עיקר איז אויך ניט די גט-אינדוסטריע, נאר דאס, וואס די שטאט רינא איז דער גרעסטער געמבלינג-צענטר אין אמע-ריקע און דאס, וואס דא גיסט זיך וויין און בראנפן ווי וואסער, און דער עיקר פון אלע עיקרים איז דאס, וואס אזא אפענע, אזא גוט-ארגאניזירטע און אזא פאליצייאיש-באשיצטע פראסטיטוציע, ווי אין רינא, איז ניט נאר אין אמעריקע ניטא, נאר דאכט זיך אז אויף דעם גאנצן ערד-קוגל איז שווער צו געפינען עטוואס ענלאכעס.

דא איז דער האנדל מיט פרויען-לייב א מסחר, וואס באלאנגט צו דער שטאט, פונקט ווי די יאטקעס און די הינט-שלעגעריי. דער מוניציפאלער דעפארטמענט פאר האנדל מיט מיידלשע קערפערס איז א גאר גוט באצאלטער געשעפט.

נאך זייענדיג אויף דער טעריטאריע פון קאליפארניע, ווען די באן איז נאך געווען א פאר הונדערט מייל פון רינא, האט מען שוין אנגעהויבן רעדן וועגן דעם, וואס אט באלד וועט מען זיין אין „גן־עדן". צווישן דעם עולם פאסאזשירן האבן זיך געטראגן ציניש באמערקונגען און מ'האט אונטערגעוואונקען איינער צום צווייטן און מ'האט איינער דעם צווייטן איבערגעפרעגט:

— הייסט עס, אז איר פארט טאקע אין רינא?

— א, אין רינא פארט איר?!

און איינער צום צווייטן האט געווארפן אן אויגל און מיט א געלעכטערל און מיט א טשמאק פון די ליפן פילדייטיג ווידערהאלט:

— אט פארט נאך איינער קיין רינא!

די באן דערנענטערט זיך אלץ מער צו דער מזרח-גרעניץ פון

קאַליפאָרניע, בלויז אַ פופצן מייל פון דער גרעניץ ליגט די שטאָט רינאָ, וועגן וועלכער אַלע פּאַסאַזשירן כיכיקען אַזוי פיל.

וואָס נעענטער צו נעוואַדאַ, ווערן די געדיכטע קאַליפאָרניער וועלדער אַלץ מער פאַרזונקען אין שניי־בערג, און עס גלויבט זיך גאָר ניט, אַז דאָס איז ערשט אַ פּאָר שטונדע רייזע פון די אָראַנדזש־בוימער, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין אַ זומער־וואַרימקייט און וואָס זענען געצערטלט געוואָרן פון די ווינטן פון פּאַסיפיק. עס דאַכט זיך, אַז דאָ, צווישן די טיפע בערג שניי, וועט די באַן פאַרגרוזנעט ווערן און וועט פון דאַנען קיינמאָל ניט אַרויסקריכן. מיין שכן דער־ציילט מיר, אַז אין פאַרלויף פון זעקס חדשים זענען דאָ אַלע וועגן ניט דורכצוגיין און ניט דורכצופאָרן — די אייזנבאַן איז דער איינ־ציגער מיטל פון קאָמוניקאַציע. ער איז אַרויסגעפאָרן אין אַן אויטאָ־מאָביל פון סאַן פראַנציסקאָ, דיינקענדיג, אַז ער וועט נאָך באַוויזן דורכלויפן די שטרעקע ביז רינאָ, נאָר עס זענען שוין אויסגעפאַלן די שנייען און ער האָט זיך געמוזט אומקערן צוריק קיין סאַן פראַנ־ציסקאָ און דאָרט איבערלאָזן זיין מאַשין ביז קומענדן פרילינג.

עס קומען אַריין אין באַן אָנגעפּעלצטע אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיגט ביי דער אייזנבאַן; זיי ברענגען אַריין מיט זיך אַ סך שניי און אַ הילכיגן געלעכטער, און נאָך מער, ווי די פריערדיגע פּאַסאַזשירן, וואַרפן זיי ווערטלאַך מיט אָנצוהערענישן וועגן רינאָ. אין וואַגאָן צעגיסן זיך ריטשקעלאַך וואַסער פון דעם שניי, וואָס די פּאַסאַזשירן האָבן אויף זייערע פּעלצן און אויף זייערע שטיוול אַריינגעבראַכט. עס ווערט טומלדיג, — גאָר ניט ווי אין אַ געוויינ־לאַכן אַמעריקאַנער באַן־וואַגאָן, וואו מ'זיצט שטונדן לאַנג און מ'רעדט איינער צום צווייטן קיין וואָרט ניט אויס — אַלע זענען אויפ־געלייגט און דאָס וואָרט „רינאָ" גייט ביי קיינעם ניט אַראָפּ פון די ליפּן און צוזאַמען מיט דעם וואָרט רינאָ דערמאָנט מען אַלץ מער און מער דאָס וואָרט „סטאָקעיד"

"STOCKADE"

איך פרעג ביי איינעם פון די אַריינגעקומענע אַרבעטער, וואוהין ער פאָרט. ער דערציילט מיר, אַז ער פאָרט אין רינאָ און אַז ער וואוינט דאָרט טאַקע. ער איז אַ קאַרפּענטער און ער האָט נאָר־וואָס

פארענדיגט זיין ארבעט אין א לאמבער־קעמפ. ער דערוואַרטעט איצט זיך ארומצודרייען אָן ארבעט א היבשע פּאָר חדשים. איך פרעג אים, וואָס באטייט דאָס איבערווינטערן זיך וועגן רינאָ און וואָס איז דאָס פאר א „סטאַקעיד". מיין באַן־באַקאַנטער דערציילט מיר, אז אין רינאָ זענען דאָ א סך געמבלינג־פּלעצער, דאָרט איז אויך אָן „אָפּען טאַון" פאַר משקה און פאַר פרויען. וועגן „סטאַקעיד" זאָגט ער מיר, אז דאָס דאַרף מען זען, כדי צו באַגרייפן וואָס דאָס איז.

— אויב דו האָסט ניט מורא פאַר א מעסער אין זייט, — זאָגט ער מיר, — אויב דו האָסט ניט ביי זיך קיין סך געלט און אויב דו ווייסט ווי צו געפינען דעם וועג, וואָס פירט צו דער „סטאַקעיד", קענסט זיך אַהין אַריבערכאַפּן און דו וועסט זען עפּעס, וואָס דו וועסט לאַנג געדיינקען.

ביי מיר ווערט געבוירן א חשד, אפשר איז מיין שכן אליין איינער פון די, וואָס קענען שטעכן, אפשר איז ער גאָר ניט קיין קאַר־פּענטער. איך פארזיכער אים, אז קיין געלט האָב איך ביי זיך ניט — איך פּאַרטרעט אַן ארבעטער־צייטונג, וואָס גיט ניט מיט אירן א מיטאַרבעטער קיין צו־גרויסע סומען אויף רייזע־קאָסטן. וואָס אנבאַלאַנגט דער געפאַר פון ווערן געשטאָכן, בין איך גאָר ניט קיין בעלן צו קריגן א מעסער אין זייט — איך בין ניט גרייט צו מקריב זיין מיינע זייטן פאַר עפּעס דאָרט א „סטאַקעיד". איך פּרואוו פאַרפירן דעם געשפּרעך אין אַן אנדער ריכטונג און פאַרבייגייענדיג זוך איך צו דערגיין, צי איז מיין שכן טאַקע אַן ארבעטער, צי איז ער גאָר אפשר אַן אונטערוועלט־מענטש. איך פרעג אים צו וועלכער יוניאָן ער באַלאַנגט, צו וועלכן לאָקאַל, וויפיל זענען די מאָנאַטלאַכע אָפּצאָלונגען אין זיין יוניאָן און אזוי ווייטער. ער ענטפערט גערן און ווייזט מיר זיין יוניאָן־ביכל; ער דערציילט מיר וועגן אינער־לאַכע ענינים פון זיין לאָקאַל און, אזוי ווי ער איז א גאַנץ פאַר־שטענדלאַכער בחור, דערציילט ער אויך וועגן דעם, ווי אזוי א קליקע האָט אַריינגענומען זיין לאָקאַלע אָרגאַניזאַציע אין די הענט און הערשט איבער די מיטגלידער מיט א שטאַרקער האַנט.

איך האָב שוין ניט קיין צווייפל, אז לעבן מיר זיצט א האָרע־

פּאַשניק, אַן אָרנטלאַכער אַרבעטער, אויף וועלכן איך דאַרף ניט האָבן קיין שום חשד. נאָך אַ פּאָר שעה שמועסן מיט דעם דאָזיגן אַרבעטער, נאָכדעם ווי ער האָט מיר דערציילט זייער אינטערעסאַנטע מאָמענטן פון דעם לעבן אין אַ לאָמבער־קעמפּ, האָב איך אים געפרעגט צי וועט ער ניט צושטימען מיר ווייזן אַלץ, וואָס איז כדאי צו זען אין רינאָ. ער האָט מיט צופרידנהייט צו־געשטימט.

די באַן האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו נעוואַדאַ, דער טאָג האָט אָנגעהויבן זיך אַוועקקייקלען אין דער אייביגקייט און די זון האָט דעם האָריזאָנט אָנגעצונדן אין אַ העליש פייער. דער געמיש פון דעם פייער אין די וואָלקנס און פון דער בלענערענדיגער ווייסקייט פון די שניי־הורבעס און פון די בוימער אין די ווייסע גירלאַנדעס האָט געשאַפן אַזאַ וואונדערבאַרע קאָמבינאַציע, אַז עס איז געוואָרן אַ שטימונג פון יום־טוב און פון גרינגקייט אויפ׳ן האַרצן.

די באַן איז געבליבן שטיין ביי אַ נידעריגער וואָקזאַל־געביידע. מיר זענען געווען אין רינאָ.

* * *

"THE BIGGEST LITTLE CITY IN THE WORLD"

אַזוי שרייט אַ באַלויכטענע שילד אין צענטר פון מעין סטריט אין רינאָ.

עס האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ שניי; לייכט האָבן זיך געטראָגן די שימערערירענדע שניי־שפּרינקעלאַך, און די גאַסן פון דער אומ־באַקאַנטער שטאָט האָבן דורך דעם פליען פון די ווייסע פליטערלאַך געמאַכט דעם איינדרוק פון עפּעס אַ כשוף־לאַנד. מיין באַגלייטער האָט פאָרגעשלאָגן מיר זאָלן פריער אָפּעסן און דערנאָך וועלן מיר האָבן דעם אָוונט צו גיין באַטראַכטן רינאָ. מיר זענען אריין אין אַ רעסטאָראַן, און שוין דאָ האָט מען געקענט זען, וואָס רינאָ איז.

דאָס ערשטע, וואָס די ווייטערין האָט געפרעגט, איז צי מ׳וויל „גיים, גוד טי."

— וואָס מיינט זי, צי מיר ווילן גוטע טיי? — האָב איך שטילערהייד אַ פרעג געטאָן מיין וועג־ווייזער.

— דאס וויל זי, מיר זאלן באשטעלן וויין, — האט מיין באגלייטער מיר דערקלערט.

ער האט מיר דערציילט, אז דער האנדל מיט בראנפן גייט דא אן פראנק און פריי און אז מ'טרינקט אין די רעסטאראנען און אין די סאלונס און אין די האטעלן; אפילו אין די גראסעריס קען מען קריגן א ביסל בראנפן.

ביי די טישן זענען געזעסן מענטשן, וואס זענען עפעס געווען צו פרייליך — דאס האט, ווייזט אויס, אויף זיי געהאט אזא ווירקונג די „גוטע טיי".

ארויסגייענדיג נאך דעם סאפער אין גאס, האב איך באקומען דעם איינדרוק, אז גאנץ רינא האט פון דער טיי פארזוכט. מענטשן זענען געגאנגען אין זיגזאגן, מ'האט אונטערגעזונגען, און לעבן איין הויז איז געשטאנען א פארשוין און האט עפעס איינגע'טענה'ט מיט דער וואנט, וואס איז אים געשטאנען אין וועג.

— צו שטארק איז אייער טיי, ברודער, — האב איך געזאגט צו מיין באגלייטער, — העלפט פון די דורכגייער פאלן דאך דא עפעס ביי אייך פון די פיס.

מיין קארעספאנדענט האט אויף מיין באמערקונג גאר ניט גע־ענטפערט. אים איז קענטיג די זאך געווען אינגאנצן ניט פאר־שטענדלאך, — ווי קען מען גאר מאכן א וועזן און רעדן פון אזעלכע זאכן? עס איז דא בראנפן אויף דער וועלט, איז דאך נאטירלאך אז מענטשן זאלן אים טרינקען, און אז מענטשן טרינקען זענען זיי שיכור. וואס פאר א נייס איז דאס?

אין א געמבלינג סאלון

מיר זענען אריינגעגאנגען אין ערשטן געמבלינג סאלון, וואס איז געווען די צווייטע טיר פון דעם רעסטאראן, וואו מיר האבן נאר וואס געגעסן און וואו מ'פארקויפט די „נייס, גוד טי".ביים סאמע אריינגאנג זענען געשטאנען גרויסע אויטאמאטן, ארום וועלכע עס איז געווען א געדרענג און א געפילדער. מ'האט געווארפן ניקלס און געווארט אויף דעם גרויסן געווינס. יעדעס מאל, ווען א פאר־

שוין האָט ארייננעוואָרפן אַ מטבע און די מאַשין האָט זי מיט אַ קלונג איינגעשלונגען און גאָר ניט ארויסגעוואָרפן צוריק, איז געוואָרן אַ משוגענער ליאַרם פון אַ פּלאָנטער פון שטימען, וואָס האָבן אָט דערמוטיגט דעם שפּילער, אָט חוזק געמאַכט פון אים, און אָט געשאָלטן מיט די סאַמע העסלאַכסטע רינשטאָק־קללות און חרמות.

— יו בעטער באַי טשואינג גאָב ענד גאָו האָום טו יור קידס, (דו בעסער קויף זיך איין אַביסל קיי־שפּיי סחורה און טראָג זיך אָפּ אַהיים צו דיינע קינדער), — האָט געדעוועט אַ צעשויבערטער פאַרשוין.

— גאָו טו איט עגעין, בראַדער, (נאָך אַ מאָל ברודערל, פּרואוו נאָך אַ מאָל דיין מזל), — האָט אַ קליין מענטשעלע אין אַ לעדערן רעקל געקוויטשעט אויף זיין שטימעלע, — גאָו טו איט עגעין.

— אַטאַבאָי! אַטאַבאָי! (אָט דאָס איז אַ חברה־מאַן!), — האָבן זיך אַלע מיטאַמאָל צערעוועט ווי ווילדע, ווען פון דער מאַשין זענען צוריק ארויסגעפאַלן עטלאַכע מטבעות.

ביי איין מאַשין האָט אַ שפּילער פאַרלאָרן; ביי אַ צווייטער האָט אַ שפּילער געוואונען; ביי אַ דריטער איז עפּעס אין דער מאַשין קאַליע געוואָרן; און די צושויער און די שפּילער ביי אַלע מאַשינען האָבן זיך געקאָכט און געשריען מיט שוים אויף די ליפּן און עס איז געווען אַ וואַקכאַנאַליע פון קולות, אַז עס האָט אויסגעקוקט ווי דו געפינסט זיך אין אַ משוגעים־הויז. אָנגערויכערט איז דאָ געווען אַזוי, אַז מ׳האָט ניט געקענט זען, וואָס עס טוט זיך אויף דריי שפּאַן ווייטער פון זיך. מיין באַגלייטער האָט שטיל אַ זאָג געטאָן:

— קום ווייטער.

מיר זענען אָפּגעטראָטן פון די פאַרקאַכטע אין דער שפּיל ביי די אויטאָמאַטן און מיר זענען אוועק צו דעם צווייטן עק פון דעם גרויסן סאַלון. דאָרט זענען געשטאַנען לאַנגע שורות טישן און מ׳האָט דאָרט געגעמבלט, אַז עס איז געגאַנגען אַ רויך. עס האָט גענומען עטלאַכע מינוט ביז אַן אומדערפאַרן אויג האָט געקענט כאַפּן, וואָס דאָ קומט פאָר. ארום טיש זענען געזעסן די קונדן

און מיט א צענדליג פון זיי האט גלייכצייטיג געשפּילט איינער פון די אפיציעלע קאנצעסיאנערן. ער איז ניט געזעסן, שטייענדיג האט ער געוואָרפן די קאָרטן און האט כמעט ניט געקוקט אויף די בערגלאך גרויסע זילבערנע דאָלארן, וואָס אלע באנוצן אין דער קאָרטן־שפּיל. האט א שפּילער אוועקגעשטעלט א פעלעקע דאָלארן — האט דער אפיציעלער געמבלער צוגערוקט צו דעם פעקעלע א בערגעלע דאָלארן פון דער זעלבער הויך; האט דער קונד פארשפּילט — האט דער קאנצעסיאנער אונטערגערוקט די קאָרט אונטער די צוויי סטויפּטשיקלאך זילבער און זיי אריינגעשארט אין זיין קעס־טעלע; האט ער געדאַרפט צאָלן — פלעגט ער מיט א שטויס פון דער האנט איבערקערן דאס בערגעלע דאָלארן אין דער ריכטונג פון דעם קונה.

דאָ ציילט מען ניט קיין געלט — דאָ מעסט מען בערגלאך זילבער לויט זייער הויך.

די שפּילער דאָ זענען, ווייזט אויס, ניט ערשט אריין אין דעם פאררויכערטן סאלון. זייערע בלאסע געזיכטער, זייערע אויס־געסטאַרטשעטע אויגן, זייערע ציטערנדיגע הענט האבן עדות געזאגט, אז די פארשוינען האבן שוין דאָ אפּגעגעבן גאנצע טעג און נעכט. זיי זענען אבער ניט געווען די איינציגע, וואָס האבן דאָ ביים קאָרטן־טיש געפּיבערט — ארום זיי זענען געשטאנען די צושויער, די וואָס האבן שוין אליין ניט מיט וואָס צו שפּילן, נאָר זיי זענען געווען פארקאָכט אין דער שפּיל פּונקט ווי די, וואָס האבן מיט ציטערנדיגע פינגער און באַלעקנדיג די פארטריקנטע ליפּן, גענומען און געוואָרפן קאָרטן.

עס זענען דאָ געזעסן נעט־געקליידעטע מענער און עס זענען דאָ געזעסן פאר׳חושב׳טע מענטשן, וואָס האבן זיך געהאלטן אין איין קראצן די צעבראָסטעטע, האריגע ברוסט־קאַסטנס. עס זענען דאָ געזעסן די, וואָס האבן אין דער שפּיל אריינגעקראָגן א פּאָר הונדערט דאָלאר, און עס זענען דאָ אויך געזעסן די, וואָס האבן שוין ביי דעם קאָרטן־טיש א פארמעגן איבערגעלאָזט.

ביי דער זייט פון דעם גרויסן זאל איז געשטאנען עפּעס א מין

שטייג און דאָרט איז געזעסן אַ פּאַרשוין, וואָס האָט מיט אַ הייזעריגער שטימע געשריען:

— גער יור קעש, גער איט היר! (דאָ קריגט איר מזומן, קריגט עס דאָ!)

דאָס האָט ער אויסגעביטן פּאַפּיר־געלט פאַר די שפּילער און זיי באַזאָרגט מיט די גרויסע זילבערנע מטבעות, אָן וועלכע מ׳קאָן זיך ניט באַגיין ביי די לאַנגע טישן, וואו מ׳געמבלט.

— איצט וועלן מיר אַראָפּגיין אין ביידסמענט, — זאָגט מיר מיין באַגלייטער, — דאָרט איז דאָ נאָך אַן אָפּטיילונג פון געמבלעריי.

דאָס בילד, וואָס האָט זיך געעפנט פאַר די אויגן, אַראָפּגייענדיג פון די טרעפּ, איז ניט צו באַשרייבן. אַזאַ חזיר־שטאַל, אַזאַ אָנגעוואָרי־פערטן שענק, אַזאַ פאַרשפּיגענעם דיל, אַזעלכע ווילדע אויסגעשרייען, אַזעלכע צעיושעטע פּנים׳ער, אַזאַ אַזאַרט און אַזאַ וואַקכאַנאַליע פון זידלערייען — איז שווער זיך פאָרצושטעלן. עס איז ניט געווען מיט וואָס צו אָטעמען און איך האָב אַ צי געטאָן מיין באַגלייטער פאַר׳ן אָרבל, און מיר זענען אַרויס אויף דער פרייער לופט.

זייט ביי זייט מיט דעם סאַלון, וואָס מיר האָבן ערשט פאַרלאָזן, איז געשטאַנען אַ צווייטער און לעבן אים נאָך איינער און נאָך איינער, און אַזוי אויף דער גאַנצער לענג פון עטלאַכע בלאָק.

— מ׳שפּילט אָבער ניט בלויז אין די סאַלונס, — האָט מיין וועג־ווייזער מיר אויפגעקלערט, — מ׳שפּילט אויך אין אַלע באַרבער־שעפּער, אין די קאַפעטעריעס, אין די האָטעלן — אומעטום, וואו איר גיט זיך אַ קער, וועט איר געפינען אַ געמבלינג־מאַשין און אַ קאָרטן־טיש. און איצט קומט צו דער „סטאַקעיד“.

אויפ׳ן וועג צו דער „סטאַקעיד“.

איך האָב געזען, אַז מיר גייען אויף דעם וועג, וואָס פירט אויסער׳ן שטאָט. דער ענין איז מיר גאָר ניט געפעלן. איך האָב אָנגעהויבן זיך דערפרעגן ביי מיין באַגלייטער, צי דאַרפן מיר נאָך גיין ווייט. עפּעס האָט דער געגנט אָנגעהויבן ווערן פאַרדעכטיג. אָט פון אונטער איין בוים און אָט פון אונטער אַ צווייטן האָבן זיך

ארויסגערוקט פיגורן און זענען באלד צוריק פארשוואונדן. עפעס האט דער פלאץ דא קיין גוטעם ניט פארשפראכן. ווען איך האב שוין געוואלט פארשלאגן, אז מיר זאלן גיין צוריק, האט מיין באַגלייטער א זאג געטאן:

— היר איט איז. (אט איז עס דא).

איך האב ניט אנגעהויבן צו פארשטיין וואס ער מיינט. איך האב גאר ניט געזען ארום זיך. מיר זענען געשטאנען אויף א ליידיג פעלד, ארום איז געווען פינסטער, כאטש נעם ארויס די אויגן.

— וואס איז דא? — האב איך א פרעג געטאן מיין באגלייטער, —איך זע דאך דא גאר ניט. וואו זענען מיר?

— דאס איז די „סטאקעיד“, — האט ער געענטפערט, — מיר זענען שוין געקומען.

איך האב אנגעשטרענגט די אויגן און איך האב דערזען, אז פון דער פינסטערניש טיילט זיך ארויס א הויכע וואנט. וואו צו מאכן א טראט האב איך ניט געזען, נאר איך האב דערפילט ווי מיין באגלייטער האט אנגענומען מיין האנט און האט מיך מיטגעצויגן נאך זיך. גייענדיג אזוי נאך אים א פאר מינוט, האב איך שוין דערזען, אז מיר זענען צוגעקומען צו א טירל אין דעם הויכן פארקאן. מיר זענען אריינגעגאנגען אין א שמאלן דורכגאנג, וואס האט געפירט צו א צווייטן פארקאן, און פון דארטן האבן מיר אן עפן געטאן א טירל און מיר זענען מיטאמאל אריין אין א זייער העל באלויכטענעם הויף. דער קאנטראסט פון דער פינסטערער נאכט און פון דעם העלן ליכט דא איז געווען אזוי שארף, אז פאר א מינוט האב איך גאר ניט געזען וואס דא טוט זיך. ווען דאס אויג האט זיך צוגעוואוינט צו דער בלענדנדיגער ליכט, האב איך דערזען, אז ביים טירל זיצט אין אביידל א פאליסמאן און אז ארום הויף ציט זיך א רונד-פארמיגע געביידע מיט אן אומצאל פענסטער, ארום וועלכע עס איז א געדרענג און א געמיש פון מענער- און פרויען-שטימען.

דער ערשטער איינדרוק איז געווען ווי אין א יאטקע, וואו מ'קוילעט עופות. עס האט זיך דערמאנט פון קינדהייט דער הויף ביי דעם שוחט, וואו ערב א יום-טוב פלעגן ביינאכט אויף דעם באַלויכטענעם הויף זיך צוזאמענקומען אלטע אידענעס און אלטע אידן

אין שאָלן, מוידן אין טאַטנס שטיוול און בחורים אין צעריסענע זשופּיצעס — ביינאַכט און ספּעציעל ווען מען גייט צום שוחט ערב־יום־טוב איז געווען דערלויבט צו זיין אַנדערש ווי אַלע מאָל. עס איז נישט נאָר געווען דערלויבט, נאָר עס איז אין אָט־דער פאַרשידנאַרטיגקייט אפילו געווען אַ געוויסער גוטער טאָן — עס האָט זיך געפּאַסט צום רומל. דאָ איז אַלע מאָל ביי אַזעלכע געלעגנהייטן געווען אַ גרויסער געפּילדער. עס פלעגן אויף דער קינדערשער עמפּפינדלאַכקייט אַזוי שווער ווירקן סיי דער געפּילדער פון די מענטשן, סיי דאָס כאָרכלען פון די הינער, וואָס זענען אָפּגעגאַנגען מיט בלוט.

די געביידע אַרום דעם הויף איז געווען איינגעטיילט אין אַלצאיינע אָפּטיילונגען — אַ טיר און אַ פענסטער, אַ טיר און אַ פענסטער. אויף די פענסטער זענען געווען אויפשריפטן: „לאָווינג ראָוז“, „סוויט לילי“, „מעררי קיד“, „טשאַינאַ פלאַוער“, „פרעטטש ביוטי“, „יוטפול פלעים“ און נאָך און נאָך. ביי די פענסטער זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט די, וועמען די אויפשריפטן האָבן אַדווערטייזט. דאָ זענען געווען אי נאָך גאָר יונגע קינדער, אי צעשוואָומענע אַלטע פּראָסטיטוטקעס. די מערסטע מיידלאַך זענען געווען האַלב־אויסגעטאָן. איניגע זענען געשטאַנען לעבן די פענסטער כמעט אינגאַנצן נאַקעט. די מענער האָבן פון דרויסן געשטופּט די הענט דורך די פענסטער און געשלעפּט די מיידלאַך צו זיך; די מיידלאַך האָבן דורך די פענסטער געשלעפּט די מענער ביי די אַרבל. די מענער פון דרויסן און די מיידלאַך פון אינווייניג האָבן געטומלט און געלאַכט אויף אַ קול. די מיידלאַך פון איין זייט הויף האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט אַ וואָרט מיט די מיידלאַך פון דער צווייטער זייט הויף, און עס איז געווען אַזאַ געפּילדער, וואָס מ'הערט בלויז אין אַ שוויץ־באָד.

— אָט־דאָס, הייסט עס, איז די באַרימטע „סטאַקעיד“, פון וועלכער אַלע האָבן אַזוי פיל גערעדט אין באַן, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, — דאָ איז עס דער אָפענער מאַרק פאַר מענטשן־פלייש. דער מאַרק, וואָס איז געזעצלאַך איינגעאָרדנט פון דער שטאָט רינאָ. דאַכט זיך, אַז אין די ערגסטע רינשטאָקן פון די האַפן־

שטעט, אין די ערגסטע מערק פון ווייסע־שקלאַפן־האַנדל אין אַזיע און אין זיד־אַמעריקע, וועט מען קיין גלייכן צו אַט־דער אינסטיטוציע ניט געפינען.

איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין באַגלייטער און בין אריין אין מיין וואַגאָן צו פאָרן ווייטער דורך דער נאַכט, דורך וועלדער און איבער פעלדער, איבער בערג און איבער טאָלן, איבער אונזער לאַנד פון גרעסטן רייכטום און פון די רינאָס און „סטאַקעידס“.

* * *

ריטמיש קלאַפּן די רעדער, ס'הוידעט זיך דער וואַגאָן, דאָס הוידען פאַרשלעפערט, און האַלב אין דער וואַך און האַלב אין שלאָף פלאָנטערן זיך געדאַנקען: רוים... דעגענעראַציע... פּראָספּעריטי... פייערדיגע האָריזאָנטן... „סטאַקעיד“... רינאָ...

אויף דעם סטאָק־עקסטשענדזש פאַר איטאַליענער אין סאַן־פראַנציסקער „טשאַינאַ־טאַון“.

עס איז געווען אין די באַרימטע טעג, ווען וואָל־סטריט האָט געקראַגן די פּאַליגע. די צייטונגען האָבן צעטראָגן די נייעס וועגן די מיליאָנען שערס, וואָס ווערן ארויסגעוואָרפן טאָג נאָך טאָג אויף דעם סטאָק־עקסטשענדזש, און וועגן דעם, ווי די פּרייזן אויף די שערס פאַלן אַלץ נידעריגער און נידעריגער. אָט איז אָפּגעמעקט נאָך אַ ביליאָן פּאַפּיר־ווערטן און אָט נאָך איינער און אָט נאָך צוויי. עס האָט שוין געהאַלטן ביי פופצן ביליאָן אָפּגעמעקטע פּאַפּיר־ווערטן.

צו יענער צייט האָט זיך גלייך אָנגעהויבן די באַוועגונג אָפּצו־שטעלן דעם „פּסיכאָלאָגישן“ קריזיס. אין די צייטונגען האָבן אָנ־געהויבן דערשיינען אַרטיקלען, וואָס האָבן באַצוועקט צו באַווייזן, אַז דאָס, וואָס עס קומט פאָר אויף וואָל־סטריט, האָט קיין שייכות ניט צו דעם עקאָנאָמישן צושטאַנד פון דעם לאַנד — דער צושטאַנד איז אַ „געזונטער“, און אַלץ וועט זיין גוט און פיין. עס האָבן זיך באַוויזן ריזיגע פּלאַקאַטן פון די גרעסערע אינדוסטריעלע פירמעס פון דעם לאַנד, וואָס האָבן זיך געווענדט צו זייערע פאַרטרעטער און צו די „פּיפּל עט לאַרדזש“, אַז מ'זאָל ניט פאַרלירן די קעפּ „צוליב דעם זייפן־בלאָז, וואָס האָט געפּלאַצט אויף וואָל־סטריט.

אָט איז אַן אויסצוג פון איינעם פון אַזעלכע ריזיגע פּלאַקאַטן:

„אויב סעילסלייט זאָלן אָנהויבן צעבלאָזן דאָס, וואָס איז אייגנטלאַך ניט מער ווי אַ קליינער פאַקטאָר אין ביזנעס, וועלן זיי איינפּלאַנצן אין די מוחות פון זייערע קאָסטימער דעם שרעק, אַז עטוואָס קען פּאַ־סירן. דער דאָזיגער שרעק קען טאַקע פאַראורזאַכן, אַז עטוואָס זאָל ווירקלאַך פּאַסירן...“

מ׳האט זיך גענומען פארטומלען די מוחות פון דעם ברייטן עולם, אז מ׳זאל ניט זען, אז דער קראך אויף דער בירזשע איז א רעזולטאט פון דעם, וואס עס ווערט אן איבערפראדוקציע, וואס די גרעסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען מוזן נעמען פארקלענערן זייער פראדוקציע און ארויסוואַרפן הונדערטער טויזנטער ארבעטער. מ׳האט געוואלט באהאלטן דעם פאקט, אז עס וואקסט א גרויסע ארבעטסלאזיגקייט, אז עס ווערט אלץ מער איינגעשרומפן די קויף־קראפט פון די גרויסע מאסן, אז דער אייראפעאישער קאפיטאליזם פארשארפט אלץ מער און מער די קאנקורענץ מיט אמעריקע, אז די אויסזיכטן פאר דער גאנץ נאענטער צוקונפט ווערן אלץ שלימער און שלימער.

די בארואיגער האבן זיך געטאן זייערס, און דער „פסיכאלאגישער" קריזיס איז זיך געגאנגען זיין וועג.

צו יענער צייט האט איר ניט געקענט מאכן קיין שריט, אז איר זאלט זיך ניט אנשטויסן אויף דער פראגע פון וואל־סטריט און פון דעם קראך. עס האבן וועגן דעם דערמאנט די צייטונגען אין זייערע נייעס; עס האבן וועגן דעם דערמאנט די זויערע פנים׳ער, וואס איר האט באגעגנט אין באן; די וואגאן־געשפרעכן, וואס האבן אלע זיך גענדרייט ארום איין און דעם זעלבן; עס האבן וועגן דעם דערמאנט די ארבעטער, וואס האבן צעשראקן גערעדט וועגן דעם, אז עס „רוקט זיך אן א קריזיס".

אפט האט זיך געוואלט ערגעץ אנטלויפן און מער ניט הערן וועגן דעם ענין, וואס איז שוין געווארן איבערדרייסיג.

גיי איך מיט א חבר זען דעם כינעזישן קווארטאל אין סאן־פראנציסקא. אז איר זענט אין סאן־פראנציסקא, מוזט איר גיין זען „טשאינא־טאון". ערשטנס, וועט מען אייך ניט צו־רו לאזן, ביז איר וועט קענען ענטפערן: טשאינא־טון? — יא, שוין געזען. צווייטנס, איז טאקע כדאי גיין זען אט־דעם קווארטאל, וואס איז א פולשטענדיג כינעזיש וועלטל פאר זיך אליין. אפילו אן אייגענע כינעזישע צענטראלע טעלעפאן־סטאנציע האבן זיי דא. אפילו די גאסן לאמטערנס זענען אין דעם דאזיגן קווארטאל אין כינעזישן סטיל.

— דא ווייסט מען גאר ניט פון וואל־סטריט, — זאגט צו מיר

מיין באַגלייטער, — פונקט ווי עס איז גאָר ניטאָ קיין וואָל-סטריט אויף דער וועלט.

— וואַרט אַביסל, — זאָג איך, — קוקט זיך דאָ גוט אַרום, וועט איר דאָ אויך, מסתמא, געפינען גענוג פאַרשוינען, וואָס האָבן זיך היבש אַראָפּגעגליטשט צוזאַמען מיט דעם „סלאָמפּ“.

— אָ, ווער ווייסט דאָ פון אַזעלכע זאַכן ווי בירזשע, שערס און ספּעקולאַציע? — פּרואווט מיין באַגלייטער מיר ווידערשפּרעכן.

מיר קוקן אַריין אין די שוי-פענסטער, וואו עס זענען אויסגעשטעלט די באַרימטע כינעזישע אַרטיקלען: פּאַדזשאַמעס און קימאָנאָס אין די שרייענדיגסטע קאָלירן, פּאַרצעלייענע טעפּ מיט די משונה׳דיגסטע באַמאָלונגען, פיין-געשניצטע הילצערנע שמאַכטעס, קאָרעלן, גלאָזוואַרג און נאָך ענלאַכע סחורות.

מיר באַטראַכטן אַ כינעזישע גראָסערי, וואו עס איז פינסטער ווי ביינאַכט. מיר באַטראַכטן די כינעזישע קינדער, וואָס זיצן אויף די שוועלן. מיר באַטראַכטן די כינעזישע פרויען, וואָס גייען דאָ דורך אָנגעטאָן אין מלבושים, וואָס זענען אַ געמיש פון אַ קליידל און אַ פּאָר הויזן. עס שטעלט אונז אָפּ אַן אַלטער מאַן, וואָס טראָגט אויפ׳ן ברוסט אַ גרויסן בלעכענעם צייכן מיט אַן אויפשריפט: „אָפּישל גאַיד“. ער באַט זיך אָן אונז צו פירן ווייזן די אמת׳ע סודות פון דעם כינעזישן קוואַרטאַל.

— וואָס זעט איר דאָ? — גיט ער אַ שפּיי ביז אינמיטן גאַס, — דאָס איז בלאָטע. קומט מיט מיר און איך וועל אייך ווייזן: „אָפּיום־דענס“ (אָפּיום-באַגרעבענישן), כינעזישע אויסגעלאַסנקייט. יעס, סער... קומט און איר וועט ניט האָבן קיין חרטה!

ווען ער זעט, אַז זיין סחורה פאַרקויפט זיך ניט, פּרובירט ער עס מאַכן שטאַרקער:

— איך בין געפאָרן מיט 32 מיליאָנערן שריינערס אין מאַנילאַ. עס איז ניט געווען קיין זאַך, וואָס אונז האָט געפעלט. מיר האָבן געהאַט, וואָס מיר האָבן נאָר געוואָלט. יעס, סער, אַזוי פירן זיך מיליאָנערן. אָט איז די פּלעשלאַיט מיט דעם אויפשריפט, וואָס באַשטעטיגט, אַז איך בין געווען דער באַגלייטער פון די 32 מיליאָנערן.

ער נעמט אַרויס פון קעשענע אַ פּלעשלאַיט, וואָס טראָגט טאַקע

דעם אויפשריפט, אז אין דעם און דעם טאָג האָבן דאָס די שרייַנערס ביים סוף פון אן אינטערעסאנטער רייזע געגעבן דעם דאָזיגן באַגלייטער א מתנה.

— טאָמער גייט איר ניט איצט, — רעדט דער אַלטער שוין אביסל א ברוגז׳ער, — וועט איר חרטה האָבן — מאָרגן וועל איך דאָ ניט זיין, און די אַנדערע גאַידס זענען אלע שווינדלער.

ווען ער זעט, אז מיר זענען נאָך אלץ ניט נייגעריג צו גיין מיט אים, בויגט ער זיך צו צו אונז און זאָגט אריין אין אויער:

— אויב איר ווילט אפילו פארזוכן אַפּיום, קען מען דאָס אויך קריגן און אויך נאָך עפּעס...

ער ווינקט אונטער מיט זיינע גרויסע קעלבערנע אויגן און לאַכנדיג מיט א געמאַכטן געלעכטער, טרייסלט ער זיך מיט זיין גרויסן בויך, וואָס מאַכט א שרעקלאַך־שווערן און העסלאַכן איינדרוק.

מיר דרייען זיך אריין אין א צווייט געסל און עס ווילט זיך וואָס שנעלער פארגעסן דעם אלטן און זיין אַפּשיילאַך אונטערשמייכלען. מיטאַמאָל דערהערט זיך א געפּילדער פון א גרויסער צאָל שטימען. מיר שטייען לעבן א קראָם, וואו עס איז צוזאַמענגעדריקט א גרויסע צאָל מענטשן. אָנגערויכערט איז דאָ אזוי, אז מען קען קוים זען באַזונדערע פּנימ׳ער. אלע קוקן מיט אָנשטרענגונג אויף א ברעט, לעבן וועלכען עס שטייט א בחור מיט א קריידל אין האַנט און שרייבט עפּעס. לעבן דעם בחור שטייט א צווייטער מיט א רערל אויף די אויערן און אַלע מאָל גיט ער עפּעס א זאָג צו דעם בחור מיט דעם קריידל, און דער לעצטער שרייבט באַלד אָן עפּעס אויף דעם ברעט.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — פרעג איך מיין באַגלייטער.

— דאָס איז דאָך די בירזשע פאר איטאַליענער, — דערקלערט מיר דער חבר.

מיין אויג ווערט דערוויל צוביסלאַך צוגעוואוינט צו דער האַלבער פינסטערניש, וואָס הערשט דאָ צוליב דעם רויך, און איך הויב שוין אָן פאַנאַנדערקלייבן זיך אין די געזיכטער. מיין באַגלייטער אינפאָרמירט מיר אויך, אַז כמעט אלע, וואָס זענען דאָ פארזאַמלט, זענען איטאַליענישע גאַסן-קערער.

איך קוק זיך צו צו דעם עולם — אַלע שווערע האַרעפּאַשניקעס, אַלע מיט ברייטע פּלייצעס, אַלע זייער אָרים געקליידט.

אין פאַרלויף פון יאָרן און יאָרן האָבן זיי נאַכט נאָך נאַכט געראַמט די גאַסן פון דער באַרגיגער סאַן־פראַנציסקאָ. זייערע לעצטע פּאָר גראָשנס האָבן זיי אַהער אויף דער בירזשע געבראַכט און אַרויס־געקוקט אויף דעם „גרויסן געווינס" — אויף דעם טאָג, ווען די סטאַקס, וואָס זיי האָבן איינגעהאַנדלט, וועלן שטייגן אין פּרייז. די בירזשע־בראָוקערס האָבן שוין צוגעטראַכט די מיטלען ווי אַזוי צו פאַרנאַרן די דאָזיגע אַרבעטער. וואָס פאַר אַ גאָלדענע גליקן האָט מען זיי ניט פאַרשפּראָכן: ריזיגע פּראָפיטן, אַ מעגלאַכקייט צו „רעטאַירען" און אויסלעבן די יאָרן אין רייכטום ביי די ברעגן פון דעם „גאָלדענעם טויער".

מ'מאָט אָנגעפירט אַ סיסטעמאַטישע רעקלאַמע־קאַמפּאַניע; מ'האָט פאַרטשאַדעט די מוחות; מ'האָט צעטראָגן אויף טעלערלאַך די געווינסן, וואָס איינציגע האָבן געהאַט. צוביסלאַך האָט מען דער־גרייכט אַ צושטאַנד, אַז כמעט אַלע גאַסן־קערער זענען געוואָרן אָפּטע באַזוכער אויף דער בירזשע. און איצט, ווען דער קראַך האָט זיך אָנגעהויבן, שטייען זיי דאָ גאַנצע טעג.

די מערסטע פון זיי האָבן ניט נאָר געקויפט שערס פאַר די לעצטע פּאָר דאָלאַר, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, נאָר אַ סך פון זיי האָבן אויך געקויפט שערס, איינצאָלנדיג בלויז אַ דעפּאָזיט, אין דער דערוואַרטונג, אַז זיי וועלן קענען פאַרקויפן און מאַכן אַ פּראָפיט. מיט יעדן נייעם באַריכט פון ניו יאָרק איז אָפּגעמעקט געוואָרן די גאַנצע סומע, וואָס דער אָדער אַ צווייטער פון די גאַסן־קערער האָט אין פאַרלויף פון זיין גאַנץ לעבן געזאַמלט.

דער מאַן מיט'ן רערל ביים אויער גיט עפּעס אַ זאָג דעם פאַרשוין מיט'ן קריידל. אויפ'ן ברעט באַווייזן זיך נייע ציפערן, און צווישן דעם פאַרזאַמלטן עולם גייט דורך אַ ברומען ווי פון אַ צערייצ־טער מחנה לייבן. נאָך אַ פּאָר נייע ציפערן אויפ'ן שוואַרצן ברעט און ווידער: הו... הו... הו...

אַ נידעריגער, ברייט־ביינערדיגער איטאַליענער ווישט מיט דעם אַרבל גרויסע טרערן, וואָס קייקלען זיך איבער זיין געזיכט; גרויסע,

שווערע מענער סאָפּעס און באַגיסן זיך מיט שוויים; אייניגע שטייען און קוקן ווי פאַרגליווערטע מיט גלעזערנע אויגן; אייניגע שלעפּן פון די פּאַזוכעס פּעקלאַך מיט פּאַפּירן; אייניגע שלעפּן געלט און צאָלן עפּעס פאַר נייע טראַנזאַקציעס. מ׳שטופּט זיך; מ׳טרעט זיך אָן אויף די פיס; קיינער קוקט זיך אויף קיינעם ניט אַרום; דער וואָלקן-רויך איבער די קעפּ לאָזט זיך אַראָפּ אַלץ נידעריגער; דער טומל ווערט אַלץ ווילדער. איך גיב אַ וואונק צו מיין באַגלייטער, אַז מיר זאָלן גיין.

— נו, אַבי איר האָט געמיינט, אַז דאָ וועלן מיר זיך שוין ניט אָנשטויסן אויף דער וואָל-סטריט-פּראַגע, — זאָג איך צו אים.

— נאָך מער, וויפיל איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, — פאַרענט-פערט ער זיך, — איך האָב גאָר פאַרגעסן וועגן דער דאָזיגער בירזשע דאָ.

עס שפּיגלט זיך דער פּאַסיפיק ביים „גאָלדן-געיט“; עס גיבן זיך ניט קיין שאָרך די פּאַלמען אין פראָנט פון די אויסגעפּוצטע פּאַלאַצן; עס טראָגן זיך די לימוזינען באַרג-אַרויף און באַרג-אַראָפּ; עס שרייען די ריזיגע פּלאַקאַטן, אַז עס האָט אויף וואָל-סטריט גע-פּלאַצט בלויז אַ זייפן-בלאָז, אַז עס איז ניט מער ווי אַ „פּסיכאָלאָגי-שער“ קריזיס, נאָר אין דער אָנגערויכערטער געביידע אין „טשאַינאַ-טאַון“ שטייען פאַרהאַרעוועטע גאַסן-קערער, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן געזאַמלט אַ גראָשן צו אַ גראָשן, און וועמעס גאַנצער בידנער פאַרמעגן איז מיטאַמאָל אָפּגעמעקט געוואָרן.

נאָר זאָרגן דאַרפן זיי ניט. ווען פון זייערע גליקן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם, ווען זייערע האָפנונגען צו „רעטאַירען“ זענען צערונען געוואָרן, ווען זיי וועלן ניט האָבן מיט וואָס צו צאָלן קיין דאָקטאָר אין צייט פון קראַנקהייט, ווען זיי וועלן זיך נעמען דער-מאָנען אָן די הונדערטער, וואָס זיי האָבן אויף דער בירזשע פאַרלאָרן אין די טעג פון די שוואַרצע מאָנטאָגס, שוואַרצע דינסטאָגס, שוואַרצע מיטוואָכס און אַזוי ווייטער, וועלן זיי אָבער האָבן איין טרייסט — דאָס איז אַלץ געווען גאָרניט, דאָס איז אַלץ ווערט געווען אַ שפּיי, דאָס איז דאָך געווען ניט מער ווי אַ „פּסיכאָלאָגישער“ קריזיס.

דער גלגול פון אַ מאַרק-פּלאַץ.

סאַן-אַנטאָניאָ שלאָפט נאָך. עס האָבן זיך נאָך ניט געעפנט די טירן פון די פּראַכטפולע פּאַלאַצן, וואָס זענען פאַרבאָרגן אין די געדיכטע גרינע גערטנער; אַפילו אין דער געגנט פון דער אָרימקייט, דאָרטן וואו אין די נידעריגע, פאַר'חושכ'טע שטאַלן וואוינען די מעקסיקאַנער, מערקט זיך נאָך אויך ניט קיין לעבן.

עס קאָכט אָבער און עס טומלט זיך שוין אויף דעם גרויסן שטאָטישן מאַרק-פּלאַץ; עס ווערן אויף שנעל אויסגעשטעלט גרויסע טישן; מיט אַ פיבערישער שנעלקייט פּאַקט מען אויס פון גרויסע טראָקס פרוכטן און גרינסן און מ'צעלייגט די סחורה אויף די טישן און אין קאַסטנס. די פּרוכט-הענדלער איילן זיך, זיי וועלן דאָ קענען פאַרבלייבן ניט מער ווי אַ פּאָר שעה צייט. זיי מוזן באַלד אָפּ-טרעטן זייער פּלאַץ פאַר אַנדערע סוחרים און פאַר אַנדערע סחורות.

דער שטאָטישער מאַרק-פּלאַץ אין סאַן-אַנטאָניאָ מאַכט דורך איין גלגול נאָכ'ן צווייטן אין משך פון יעדן מעת-לעת. מיט'ן אָנקו־מען פון טאָג ווערט דער מאַרק-פּלאַץ באַנוצט פון די פּרוכט־ און גרינס-פאַרקויפער. מ'שטופּט זיך, מ'ליאַרעמט, מ'דינגט זיך און מ'פּילדערט אַזוי, אַז די קולות פאַרהילכן די גאַסן אַרום.

מיטאָמאָל, אַרום צען אינדערפרי, ווערט דער מאַרק-פּלאַץ אָפּגע-ליידיגט, און עס באַווייזן זיך גרויסע טראָקס און וואָגנס, הויך אָנגעפּאַקט מיט פריש, שמעקעדיג היי. דער מאַרק-פּלאַץ גייט דורך זיין צווייטן גלגול, ער איז איצט פאַרוואַנדלט אין אַ היי-מאַרק. ביז שפּעט נאָכמיטאָג פירט מען צו און מען פירט אַוועק היי. די גאַסן אַרום ווערן באַדעקט מיט דעם היי, וואָס פאַלט אַראָפּ פון די וואָגנס. נאָר פּלוצלונג גיבן זיך די היי-פאַרקויפער אַ פּאַקעווע צונויף, פּונקט ווי די פּרוכט-הענדלער אינדערפרי, און אין אַ מינוט אַרום איז שוין קיינער ניטאָ.

עס באווייזן זיך די גאַסן-קערער מיט גרויסע בעזימער און באַלד איז קיין זכר פון דעם גאַנצן היי ניטאָ. עס ווערט שטיל אויף דעם מאַרק־פּלאַץ; זעלטן ווען עס קומט צו אַן אויסגעמאַטערטער מעקסי־קאַנער און פאַלט אַוועק אויף איינער פון די בענק, וואָס שטייען אַרום אויף דעם גרויסן סקווער.

דער מאַרק־פּלאַץ האָט אָבער נאָך דורכצומאַכן נאָך אַ גלגול — דער הילכיגסטער טומל און געפילדער פון טאָג קומט ערשט אָן, דער טומל וועט זיך ערשט אָנהויבן אַרום 11 אָדער 12 ביינאַכט; דאָס וועט זיין אין דער צייט, ווען דער מאַרק־פּלאַץ ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן, רוישיגן רעסטאָראַן אונטער'ן פרייען הימל.

אין קיין שטאָט אין דער וועלט קען מען ניט זען ניט אַזאַ סאָרט רעסטאָראַן, ניט אַזעלכע סאָרטן סאָפּערס און ניט אַזאַ גרויסע צאָל מענער, פרויען און קינדער, וואָס זאָלן אַזוי שפּעט ביינאַכט קומען זיך קוויקן מיט הייסע, פעפערדיגע מאכלים.

די מאכלים זענען דאָ טאַקע מיט אַן אמת היים, אַז הייסער קען שוין ניט זיין; פעפערדיג זענען זיי אַזוי, אַז זיי וואָלטן, דאַכט זיך, אַ טויטן לעבעדיג געמאַכט.

דאָס קומט די מעקסיקאַנער אָרימקייט; דאָס קומען די קינדער פון דעם מאַניאַנאַ שבט; דאָס קומען די אָרימע, אויסגעהונגערטע מעקסיקאַנער אַביסל אונטערצושפּאַרן זייער האַרץ.

אין די פינסטערע לעכער פון זייערע וואוינונגען האָבן פיל פון זיי אפילו ניט קיין שטיקל צעבראָכענעם אויוון, אויף וועלכן זיי זאָלן קענען אָפּקאָכן אַביסל געקעכץ. דער פאָטער, די מוטער און די קינדער גייען אַרום אַ גאַנצן טאָג זוכן אַרבעט. ווען ס'גליקט זיי אָפּ צו פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן, זענען זיי באַשעפטיגט לאַנגע שטונדן. בלייבט ניט קיין צייט אָפּצוקאָכן אַביסל עסן. די גאָר קליינע קינדער זיצן פאַרשמאַכטע און וואַרטן ביז טאַטע-מאַמע וועלן קומען אַהיים, וועט מען אפשר קריגן עפּעס אין מויל אריין.

ניט אַלע טאָג קריגט מען; נאָר אַז ס'איז דאָ אין קעשענע אַ פּאָר סענט, מאַכט מען אַ יום־טוב און מ'גייט עסן אויף דעם מאַרק-פּלאַץ.

פון אַרום צען אין אָוונט באַווייזן זיך אין די מעקסיקאַנער

דיסטריקטן וועגעלאַך, אויף וועלכע ס׳שטייען גרויסע קאָכעדיגע קעסלען. אַלטע, איינגעבויגענע מעקסיקאַנער פרויען שרייען מיט באַנומענע קולות: „קומט, קומט, סאַפּער איז גרייט!“ דאָס איז אַ מין „לעסט קאָל פאָר סאַפּער“, מיט דעם אונטערשיד, וואָס די „רע־סטאָראַטאָרן“ דאָ שטופּן אַליין זייער „פּולמאַן“ טאַקע מיט דער „קיך“ מיט די טישן און מיט די בענק צוזאַמען.

אויף שנעל שטעלט מען אויס די טישן מיט די בענק. הונ־דערטער אימפּראָוויזירטע רעסטאָראַנען ווערן פאַרטיג אין אַ פּאָר מינוט. מ׳לייגט אונטער פייער אונטער די קעסלען. אַ שטיקענדיגער רויך פאַרהילט דעם גאַנצן מאַרק־פּלאַץ, און די „רעסטאָראַטאָרן“ שטעלן זיך וואַרטן אויף זייערע קונים.

עס ציען זיך לאַנגע שורות פון טויזנטער מעקסיקאַנער, מענער, פרויען און קינדער, גאַנצע פאַמיליעס פאַרנעמען זייערע פּלעצער ביי די טישן און נעמען זיך געשמאַק צו די הייסע, געפּעפּערטע מאכלים.

דער „סאַפּער“ באַשטייט כמעט אָן אויסנאַם פון פאָלגנדיגע מאכלים: טאָרטיעס, טאַמאַלעס און טשילע־קאָן־קאַרנא. וואָס מיינט טאָרטיעס? טאָרטיעס דאָס איז אַ שטיק טייג, געמאַכט פון קוקורוזע, וואָס דאַרף פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון ברויט. מיט 5 טאָרטיעס פאַר אַ ניקל קען אַ מעקסיקאַנער גאַנץ גוט איבערקומען אַ טאָג. איי זיי האָבן, דאַכט זיך, ניט דעם מינדסטן טעם? — זאָגט אָבער דער מעקסי־קאַנער, אַז ער איז אַ בעסערער מבין וואָס גוט איז. דערפאַר האָט טאַקע די פאַרקויפערין פון טאָרטיעס בשום אופן ניט געוואָלט גלויבן אירע אויגן, ווען איך האָב איר געגעבן אַ ניקל און ווען פון די פינף טאָרטיעס, וואָס זי האָט דערלאַנגט, האָב איך איר גלייך אָפּגעגעבן פיר צוריק און געזאָגט, אַז איין טאָרטיע איז פאַר מיר אויך גענוג.

נאָר אויב דער מעקסיקאַנער און אפילו אַן אַנדער סאַן־אַנטאָניער איינוואוינער קען ניט פאַרשטיין, ווי עס איז מעגלאַך ניט אָפּצושאַצן דעם טייערן טעם פון טאָרטיעס, פאַרשטייען זיי שוין אָבער גאָרניט, ווי קען מען זיך ניט קוויקן מיט הייסע, גוט איינגעפּעפּערטע טאַמאַ־לעס. וואָס איז דאָס פאַר אַ מאכל די טאַמאַלעס? דאָס איז אַ מין בלינצע פון געהאַקטע פלייש, איינגעוויקלט אין קוקורוזע־מעל און אַרומגעוויקלט פאַר אַ צודעק מיט קוקורוזע־בלעטער. נאָך דעם קומט

א מין משקה, וואָס רופט זיך טשילע-קאָן-קארנאַ, און דער „סאַפּער" איז געענדיגט.

ביז שפּעט ביינאַכט עסט מען אויף דעם מארק-פּלאַץ אין סאַן-אַנטאָניאָ. ערשט ווען עס הויבן זיך שוין אָן באַווייזן די ערשטע פּרוכט-וואָגנס, שליסן זיך די טויזנטער „רעסטאָראַנען" אויף שנעל, און דער מארק-פּלאַץ פאַרענדיגט זיין דריטן גלגול פאַר'ן מעת-לעת.

אויסגעמאַטערטע שלאָפן איצט די מעקסיקאַנער אין זייערע הייזער-לעכער און זיי קוויקן זיך אפשר אין חלום מיט די הייסע, פעפערדיגע מאכלים.

שווער צו זאָגן פאַרוואָס די מאכלים געפעלן זיי אַזוי שטאַרק; נאָר ווען זיי וואָלטן אפילו געווען מעהני מלכים, וואָלט מען זיך צו זיי ניט געדאַרפט צורירן, ווען מ'זעט ווי זיי ווערן צוגעגרייט.

איך האָב געהאַט די מעגלאַכקייט צו זען ווי די טאָרטיעס ווערן געקנאָטן און געבאַקן און איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

אין אַ נידעריגער חורבה, פול מיט פליגן, שטייט אַן אַלטיטשקע, איינגעבויגענע פרוי ביי אַ שרעקלאַך-שמוציגער ברעט. זי קנעט צע-ווייקטע קוקורוזע, פּאַטשט אויס קיכעלאַך און לייגט די לאַטקעס גלייך דאָ אויפ'ן אויוון. עס כאַפּט אָן אַ שווינדער, קוקנדיג אויף דער איינ-געדאַרטער פרוי, ביי וועלכער עס סטאַרטשען אַרויס די ביינער. עס גיסט פון איר דער שווייס. אויף שנעל ווישט זי אָפּ דאָס פּנים מיט איר פאַרטוך און פאַרקנעט ניט איין טראָפּן שווייס אין דעם קוקורוזע-טייג.

אַזעלכע „בעקערייען" זענען דאָ אין די טויזנטער. אין אָוונט, ווען דער מארק-פּלאַץ וועט קומען צו זיין דריטן גלגול, וועט מען זיך דאָרט קוויקן מיט די געבעקסן, וואָס זענען אין די קברים אָפּגעבאַקן געוואָרן.

אָרימע מעקסיקאַנער, אפשר קענט איר זיך צוגעוואוינען צו אַזאַ לעבן, ווייל איר האָט ניט קיין היינט, ווייל איר לעבט מיט'ן מאָרגן, ווייל איר זענט קינדער פון דעם „מאַניאַנאַ" שבט, פון דעם שבט, וואָס זאָגט, אַז „אויב מ'עסט ניט היינט, וועט מאָרגן אויך זיין אַ טאָג".

דער מאַניאַנאַ שבת אין סאַן-אַנטאָניאָ.

פרעגט ביי אַלע געלערנטע, זוכט אין אַלע ביכער, און איר וועט אין ערגעץ ניט געפינען קיין וואָרט וועגן דעם מאַניאַנאַ שבת, וואָס וואוינט אין סאַן-אַנטאָניאָ.

די צאָל פון דעם שבת איז דוקא זייער גרויס; זיין לעבן איז אייגנאַרטיג און אינטערעסאַנט; און דערציילן וועגן אים דאַרף מען דוקא זייער און זייער א סך.

לאָמיר אביסל דערציילן וועגן סאַן-אַנטאָניאָ און נאָכדעם וועלן מיר קומען צום מאַניאַנאַ שבת.

גלייך ווי איר גייט אַרויס פון׳ם וואָקזאַל און כאַפּט אַ קוק אויף דער שטאָט, דערזעט איר, אַז איר זענט ניט אין אַמעריקע. די הייזער, די מענטשן, די באַוועגונג אויף די גאַסן — אַלץ איז אַזוי אַנדערש. סאַן-אַנטאָניאָ איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש אַנדערש, אַז איר מוזט, ניט ווילנדיג, באַלד אָנערקענען, אַז איר האָט פאַר זיך אַ טיפּישע מעקסיקאַנער שטאָט. פאַרלאָזט איר דעם קליינעם צענטער פון דער געשעפט-וועלט און איר דרייט זיך אַריין אין די שמאָלע גאַסן, וואו עס דרייען זיך אַרום די מעקסיקאַנער מיט זייערע ברייטע קאָפּעליושן, דערפילט איר זיך שוין אינגאַנצן ווי אין אַ נייער מדינה. זאָגן די חברים:

— דאָס איז נאָך אַלץ ניט דאָס כאַראַקטעריסטיש-מעקסיקאַנישע, וואָס איר קענט דאָ זען; קומט, וועלן מיר אייך ווייזן דאָס אמת׳ע מעקסיקאַנער לעבן דאָ.

מיר גייען דורך אַ טויער און קומען אַריין אין אַ שמאָלן לאַנגן הויף; פון ביידע זייטן ציען זיך צוויי שורות שטאַלן.

אין דער היים, ביי מיין זיידן אין גרויסן הויף, זענען אַזעלכע שטאַלן געווען אַ מין צוטשעפּעניש צו די גאָר גרויסע שטאַלן, וואו מ׳האָט געהאַלטן די תבואות, די פערד און די בהמות.

אין די קליינע שטאָטעלעך פלעגט מען האָלטן הינער, הינער, אַלטע בעטן, פעסער און קאַסטנס, און די טויזנטער אַנדערע זאַכן, וואָס וואַלגערן זיך אין אַ גרויסער באַלעבאַטישקייט. דאָ וואוינען מענטשן אין די שטאַלן.

אין איין הויף וואוינען אַרום 150 פאַמיליעס — העכער 1000 נפשות. די שטאַלן זענען אָפּגעצאַמט אויף גאָר קליינע קעמערלאַך, און יעדעס קעמערל איז אַ וואוינונג פאַר אַ פאַמיליע. מ'צאָלט אַ דאָלאַר אַ וואָך פאַר אַזאַ „וואוינונג“, און די קאָלעקטאָרס זענען זייער שטרענג, און די איינגעטימער זענען אומ'ברחמנות'דיג — צאָלט מען ניט צום טאָג, טרייבט מען אַרויס אויפ'ן גאַס. איך זאָג מ'טרייבט אַרויס, ווייל אַרויסוואַרפן איז ניטאָ וואָס — קיין זכר פון קיין מעבל איז כמעט ניטאָ אין די „הייזער“.

אַזאַ אָרימקייט איז זיך אוממעגלאַך פאָרצושטעלן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז נאָך דער אָרימקייט, וואָס מ'זעט ביי די שוואַרצע אין דער סאַוט, קען שוין קיין ערגערס ניט זיין; ווייזט זיך אַרויס, אַז עס איז דאָ נאָך גרעסערע נאַקעטערע נויט.

זיצן זיצט מען אויף דר'ערד; שלאָפן שלאָפט מען אויף שמאַ-טעס; קיין בענקלאַך קיין טישן קיין אויוון; די ווענט אויסגע-קלעפּט מיט צייטונגען; די פענסטער-לעכער פאַרשפּאַרט מיט וואָס עס מאַכט זיך. קיין ליכט און קיין לופט זענען ניטאָ; שמוץ איז איבער'ן קאָפּ.

דעם באַוויז זעט מען טאַקע אויפ'ן פּלאַץ. אין דער לענג פון הויף זיצן גרופּעס פרויען און קוקן איינע דער צווייטער אין די קעפּ אַריין.

אָט זיצן: אַ מאַמע, אַ באָבע, אַ שנור און אַן אייניקל; אַלע יענען שרעקלאַך פאַרנומען, און עס הערט זיך נאָר ווי עס קנאַקט און עס קנאַקט; נאָר אַ סך וועט עס זיי העלפן — זיי קענען זיך קיינמאָל פון זייערע לייז ניט באַפרייען.

טאַטעס, מאַמעס און קינער האָרעווען אַלע אינאיינעם, און פאַר זייער פראַצע קריגן זיי גראָשנס, און מער ווי אַ שטאָל פאַר אַ וואוינונג און הונגער פאַר'ן מאָגן קענען זיי ניט קריגן.

נאַאיוו זענען זיי אַלע ווי קינדער; מ'נאַרט זיי אָפּ אויף טריט

און שריט. אַ מעקסיקאַנער איז נאָך מער נאַאיוו, ווי אַ שוואַרצער — טוט מען מיט אים, וואָס מ׳וויל.

מ׳פאַרקויפט די מעקסיקאַנער אַ גאַנצן געגנט; זיי צאָלן אָפּ יאָרן־לאַנג גרויסע סומען געלט; פּלוצלונג כאַפּט מען זיך, אַז מען קען די געגנט אויסנוצן פאַר בעסערע צוועקן, ווי פאַר אָרימע, צע־בראָכענע מעקסיקאַנער שטיבלאַך, וואַרפט מען אַרויס די אייגנטימער און מ׳לאַכט זיך אויס פון זיי.

דאָס וואָס זיי האָבן יאָרן־לאַנג געצאָלט, איז געווען אַרויסגע־וואָרפן, ווייל זיי האָבן זיך ניט באַזאָרגט מיט די נויטיגע פּאַפּירן.

אַזוי ווערן די מעקסיקאַנער אָפּגענאַרט אין אַלץ, וואָס זיי קויפן. און ווען זיי קומען פאַרקויפן די איינציגע סחורה, וואָס זיי פאַרמאָגן — זייערע הענט — נאַרט מען זיי אָפּ אויף דעם שווידערלאַכסטן אופן און מ׳צאָלט זיי גראָשנס.

נאָר צום האַרצן נעמען זיי זיך ניט שטאַרק, און אויב עס איז ניטאָ וואָס אָפּצועסן, גייט מען שלאָפן אַ הונגעריגער און מ׳טרייסט זיך, אַז אויב ניט היינט, וועט מען אפשר מאָרגן עפּעס עסן; אַז אויב היינט איז ביטער, וועט מאָרגן אפשר ווערן לייכטער.

די מענטשן האָבן ניט קיין היינט, לעבן זיי מיט׳ן מאָרגן.

דערפילט זיך אַ מעקסיקאַנער זייער שווער, דערפילט ער זיך זייער הונגעריג, טרייסט ער זיך מיט דעם געדאַנק, אַז עס קומט אַ „מאַניאַנאַ" — אַ מאָרגן, אפשר וועט מאָרגן בעסער ווערן.

פון דאַנען שטאַמט דער נאָמען, וואָס דער גאַנצער שבת האָט דאָ געקראָגן. דאָ רופט מען זיי ניט אַנדערש. און כאָטש קיין געלערנטער ווייסט ניט פון דעם מאַניאַנאַ שבת, זאָלט איר וויסן, אַז אין דעם שטאַט טעקסאַס, אין דער שטאָט סאַן־אַנטאָניאָ, וואוינט אַ שבט, וואָס האָט ניט קיין היינט, וואָס איז אַראָפּגעשטופּט געוואָרן צום אָפּגרונט פון נויט און פון אָרימקייט און וואָס איז געצוואונגען צו לעבן נאָר מיט׳ן מאָרגן, און דערפאַר טראָגט ער דעם נאָמען דער „מאַניאַנאַ" שבט.

אין די „סאַיט סיאיִנג קאַרס" וועט מען אייך דאָס אמת׳ע לעבן פון דעם שבט ניט ווייזן; וועגן דער גרויסער אָרימקייט זייער וועט מען אייך ניט דערציילן; און ווען די „סאַן־אַנטאָניאָ איוונינג ניוס"

רעכנט אוים פאר אייך טעגלאך די אינדוסטיעס, וואס האבן בארימט געמאכט סאן־אנטאניא („דהי אינדאסטרים, ההאט מעיד סאן-אנטאניא פעימאוס"), דערציילן זיי ניט וועגן איין סארט אינדוסטריע, וואס די ארימקייט האט דא געשאפן, אן אינדוסטריע, וואס גייט אן פראנק און פריי און אין דער באגלייטונג פון ביליגער מוזיק און פון שרייענדיגער שמינקע.

מרס. פוירגוסאן, איר זענט דאך עפעם די גובערנאטארשע פון שטאט טקעסאס; אייך ארט ניט זייער שטארק דאס לעבן פון דעם „מאניאנא" שבט. וואס דענקט איר אבער וועגן דעם, מיט וואס עס מוזן זיך פארנעמען א סך פון אייערע שוועסטער אין סאן-אנטאניא?

וואס דענקט איר וועגן דער אינדוסטריע, וואס די צייטונגען ווילן ניט דערמאנען?

דער אייביגער קאַמף צווישן פאָטער און זון.

טאַקע דער אייביגער קאַמף צווישן דעם נייעם און דעם אַלטן, נאָר פונקט פאַרקערט זענען פאַרטיילט די ראָלן צווישן די קעמפער. געוויינלאַך איז דער יונגער דור דער קעמפער פאַר נייע אידייען, פאַר א נייעם לעבנס-שטייגער; געוויינלאַך איז דער אַלטער דור דער פאַרטיידיגער פון די אָנגענומענע טראַדיציעס, פון די איינגעפונדעוועטע זיטן, פון דער קאָנסערוואַטיווער פאָדערונג, אז „אַלץ זאָל בלייבן ווי עס איז“; געוויינטלאַך רייסן זיך די קינדער פאָרוועדטס און די טאַטעס שלעפּן ריקווערטס. דאָ איז פונקט פאַרקערט.

די געשיכטע האט געקלונגען כמעט אומגלויבלאַך: דער 70-יאָריגער טאַטע — א קאָמוניסט, דער זון — מ'שטיינסגעזאָגט, א סאָציאַליסט, נאָר א פינסטערלינג, וואָס שימפּט נעגן די נייע שטרע-מונגען אין דעם קאַמף פון די ארבעטער פאַר זייערע אינטערעסן. דער פאָטער אַן איבערגעגעבענער פריינט און פאַרטיידיגער פון דער סאָוועטן-רעפּובליק, דער זון — אַן אויסגעשפּראָכענער און ביטערער שונא פון דעם ארבעטער-לאַנד.

— אָט וועט איר אַליין זען, — האָבן די חברים פאַרזיכערט, ווען זיי האָבן באַמערקט, אַז די גאַנצע זאַך גלויבט זיך מיר ניט, — דער קאַמף צווישן אָט-דעם פאָטער און זיין זון ווערט געפירט ניט בלויז אין דער היים, נאָר אומעטום: אין דער עפנטלאַכקייט, ביי אָרגאַניזאַציעס, ביי מיטינגען, ביי לעקציעס — אומעטום טרעט איינער אויף און פאַרטיידיגט אַלץ, וואָס איז שוואַרץ און פינסטער, דער צווייטער גיט אים דערפאַר א גאָב, ווי עס פאַרדינט א ריטער פון געל-שוואַרצן חדר פון פינסטערניש און רעאַקציע.

* * *

דער האָל איז געפּאַקט. אויפ'ן טאָג-אָרדענונג שטייט די פראַגע פון אידישער קאָלאָניזאַציע אין סאָוועטן-פאַרבאַנד. רעדנער נאָך

רעדנער טרעט אויף און באווייזט די היסטאָרישע באַדייטונג פון דער גרויסער אַרבעט, וואָס וועט העלפן פאַרוואַנדלען הונדערטער טויזנטער אידן, וואָס זענען געווען „לופט־מענטשן“, אין פּראָדוקטיווע נוצלאַכע עלעמענטן. אייניגע שטעלן זיך אָפּ אויף דעם חונקט, וואָס בלויז אַזאַ רעגירונג, ווי די פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס פאַרטרעט און פאַרטיידיגט די אינטערעסן פון די ברייטע מאַסן, האָט געקענט אונטערנעמען אַזאַ גראַנדיעזן פּלאַן.

עס איז ניטאָ קיין איינער, וואָס זאָל האָבן אַ שלעכט וואָרט קעגן דעם פאָרשלאַג, וואָס ווערט געמאַכט ביי דעם מיטינג, אַז אַלע זאָלן אין דער קאָלאָניזאַציאָנס־אַרבעט. נאָר אַט הויבט זיך אויף דער זון (אָדער ווי אַלע רופן אים דאָ „דער תכשיט“). איבער'ן זאַל גייט דורך אַ שטילער גערויש: „ער איז דאָ, אַט איז ער, די צאַצקע.“

אַלע בויגן זיך צו צו הערן, וואָס ער רעדט. אין אַ ווינקל זאַל זיצט אַ גרייז־גרויער מאַן, ער לייגט צו ביידע הענט צו די אויערן, נעמט ניט אַראָפּ קיין אויג פון דעם רעדנער און שלינגט זיין יעדן וואָרט.

דער „תכשיט“ רעדט, שלינגט ווערטער, פּלאָנטערט זיך, אויף די ליפּן אַ שוים, דאָס פּנים רויט, ער שרייט אויף באַנומענע קולות און וויל, ווייזט אויס, איבערשרייען דעם אייגענעם צווייפל אין די טענות, וואָס ער שטעלט אַרויס, און אין די „פאַקטן' וואָס ער ברענגט צו באַווייזן, אַז די קאָלאָניזאַציע טויג ניט. ער שרייט, אַז ערשטנס, וועט זיך קיינער ניט קאָלאָניזירן, צווייטנס, וועלן די קאָלאָניזירטע אויסשטיין געברענטע צרות, ווען די איצטיגע רעגירונג וועט פאַלן (!), אַ חוץ דעם ניט מען גאָר ניט קיין ערך פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע. און אויב מ'גיט יאָ, איז עס בלויז כּדי אָפּצונאַרן די וועלט. איבערהויפּט טויג ניט די קאָלאָניזאַציע, ווייל די סאָוועטן־רעגירונג טויג ניט, ווייל די באָלשעוויקעס זענען „נאָ גוד“, ווייל די יעווסעקן — אָ, די יעווסעקן, זיי עסן ממש אויף דאָס אידישע פאָלק לעבעדיגערהייט. זיי האָבן אפילו אויף די חדרים אויפגעהויבן זייערע הענט, פאַרגינען ניט די אידישע מלמדים זייער שטיקל ברויט; לאָזן ניט, אַז אידישע טאַטעס זאָלן דערציען זייערע קינדער „צו גאָט און צו לייט“.

אָפּגעשימפּט, אָפּגעשריען, זיך שיעור דערוואָרגן מיט די לעצטע ווערטער, לאָזט ער זיך אַראָפּ אַ פּאַרמאַטערטער אויף זיין בענקל און גיט אַ קוק אָן אַ זייט מיט אַ כעס'דיגן בליק, ווי איינער זאָגט: „נאַט אייך און ווייסט, וואָס וועט איר איצט רעדן ?"

דער אַלטער טאַטע שטייט ישוין אויף די פיס. ער איז אַ נידע-ריגער, פעסטגעבויטער מאַן, מיט אַ שיינער, קיילאַכדיגער, ווייסער באָרד, מיט קלוגע אויגן אונטער געדיכטע ברעמען, און מיט עפּעס אַ זיכערקייט אין זיין שטימע, וואָס צווינגט אייך גלייך פון אָנהויב זיך צוצוהערן מיט צוטרוי צו דעם ערנסטן טאָן פון אָט-דעם אַל-טיטשקן מאַן.

ער איז אַביסל אויפגערעגט, נאָר מען זעט, אַז ער וויל זיך קאָנטראָלירן, אַז ער פּרוּווט צו באַהערשן זיין צאָרן. ער רעדט, ווענדנדיג זיך דירעקט צום זון. ער צעגלידערט יעדן „פאַקט", וואָס דער „תכשיט" האָט געבראַכט וועגן דעם, ווי עס גייט דאָס לעבן אין יענעם וואונדערלאַנד (אַזוי רופט ער עס אָן דער אַלטער: „וואונדערלאַנד") ; ער פאַרדאַמט אַלע אינסינואַציעס, וואָס זיין זונדל האָט געמאַכט געגן דער רעגירונג פון דער אַרבעטער-רעפּובליק און די אינסינואַציעס אין פאַרבינדונג מיט דער כלומר'שטער ניט-ערנסטקייט פון דער קאָלאָניזאַציאָנס-אַרבעט.

וואָס מער ער רעדט, אַלץ מער באַהערשט ער זיך. אָט איז שוין זיין צאָרן פולשטענדיג אונטער קאָנטראָל. אָנשטאָט מיט כעס, רעדט ער איצט מיט אַ טאָן פון ביטול; ער נעמט דעם זון אויף דער ווענטקע און שטעלט אַרויס די גאַנצע לעכערלאַכקייט פון זיינע אַרגומענטן; ער רעדט וויציג און זיין יעדע רעפּליקע רופט אַרויס אַ שטורם פון געלעכטער, זיינע רייד ווערן אַלע מאָל אונטער-בראָכן מיט הילכיגע פּאַטשערייען. דער עולם פילט זיך יום-טוב'דיג. עס קוקט אויס, ווי אַלע וואָלטן פון דעם דיספּוט צווישן טאַטן און זון געהאַט גרויס פאַרגעניגן. איצט פילן אַלע, פונקט ווי דער אַלטער וואָלט איבערגעוואָרפן דעם זון איבער דער קני און וואָלט זיך גענומען אים אַריינצימבלען „ווי אים קומט".

עמיצער האָט טאַקע אויסגערופן: — אָט דאָס הייסט אַריינ-געצימבעלט!

אָבער דאָס בעסטע אריינצימבלען האָט דער פאָטער איבער־געלאָזט צום פינאַל. ווען ער האָט שוין פאַרענדיגט צו צעגלידערן אַלע „אַרגומענטן" פון דעם זון, האָט ער אויסגעשטרעקט אַ האַנט און טייטלענדיג מיט'ן פינגער אויפ'ן זון, האָט ער געזאָגט:

— און וועגן די חדרים, איבער וועלכע דו קלאָגסט, וואָלסטו געדאַרפט זיין דער לעצטער אַ וואָרט צו פאַרלירן. דער בעסטער באַווייז, אַז מ'דאַרף האָבן נייע סאָרטן שולן, וואו די קינדער זאָלן דערצויגן ווערן אין אַ נייעם גייסט, אַז מ'דאַרף אָפּשאַפן דעם אַלטן גייסט פון שימל, פון האַס, פון אַבערגלויבן, פון טעמפּקייט, דער בעסטער באַווייז פאַר דעם איז דער פאַקט, וואָס אַט ביסטו דאָך טאַקע געגאַנגען אין חדר. טאַ זע וואָס פון דיר איז געוואָרן פאַר אַ תכשיט, אַז אָך און ווי איז צו מיינע יאָרן.

אין זאַל האָט געשטורעמט מיט פּאַטשערייען. דער גרויסער פאַרזאַמלטער עולם האָט פאַרהילכט דעם זאַל מיט זיין געלעכטער. דער אַלטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ און דער זון האָט אַראָפּגעלאָזן די קאָפּ.

טאַקע דער זעלביגער אייביגער קאַמף צווישן פאָטער און זון, דער זעלביגער ווייטאָג און די זעלביגע ליידן, וואָס נאָענטע פאַרשאַפן איינער דעם אַנדערן, ווייל זיי ציען אין פאַרשיידענע זייטן. בלויז די ראָלן האָבן זיך דאָ אַזוי אויסערגעווייגלאַך איבערגעביטן: אין דער אַלטער ברוסט — אַ קוואַל פון יוגנט און באַגייסטערונג, אַ גלויבן און אַ זיכערהייט אין אַ ליכטיגער צוקונפט; אין דער יונגער ברוסט — אַ פּוסטקייט, קיין גלויבן, קיין האָפענונג, בלויז שנאה צו אַלץ, וואָס איז ניי און וואָס איז אַנדערש.

אין די לאַבירינטן פון ניו יאָרק

ניו יאָרק — די שטאָט פון גרעסטן רייכטום.
ניו יאָרק — די שטאָט פון גרעסטער נויט.

ברייט און גרויס האָבן זיך צעצויגן דאָ די פּאַרקן; ווייט לויפן ד גראַדע גאַסן דאָ.

פּאַרק עוועניו, פיפט עוועניו, גרענד קאָנקורס, אָושען דרייוו — עס איז דאָ אויף וואָס צו קוקן און עס איז דאָ וואָס צו באַוואונדערן אויך.

ריזן-טורעמס רייסן זיך מיט די שפּיצן צו דעם הימל; מאָנסטער־בריקן הויבן זיך איבער די טייכן; באַנען שניידן זיך דורך דורך די געדערים פון דער שטאָט; באַנען לויפן אין דער לופטן.

אין סאַמע האַרץ פון שטאָט די סענטראַל-אייזנבאַן און גאָר ניט ווייט — די פּענסילוויינא אויך. אונטער דר'ערד פליען פייפנ־דיגע באַנען צו וואָקזאַלן, אונטער דר'ערד די רערן, וואָס טראָגן פּאָסט פון אַלע עקן שטאָט; אונטער דער ערד די רערן, וואָס האַלטן איינגעשלאָסן די דראָטן פון טעלעפאָן; אונטער דער ערד די רערן פון וואַסער און פון אָפּפאַל און פון גאַז.

אַ געמיש און פּלאָנטער פון רערן אונטער דער ערד פון דער שטאָט אויף דעם אינזל פון מאַנהעטן.

אונטער דער ערד אַ לאַבירינט פון קאָרידאָרן און אַ קאַלאָסאַלע נעץ פון רעלסן שטאַלענע, וואָס טראָגן פייערדיגע מאָנסטערס אין אַלע ריכטונגען פון שטאָט.

אונטער דער ערד טונעלן, וואָס לויפן טיף אונטער דעם האַדסאָן־טייך, און טונלען אויך אונטער'ן איסט-טייך.

נאָר ניט דאָ אונטער דער ערד איז דאָ דער גרעסטער פּלאָנטער, ניט אין די קאַטאַקאָמבען קען מען ווערן פאַרבלאָנדזשעט.

פאַרבלאָנדזשעט קען מען ווערן אין דעם שטיינערנעם וואַלד,

וואָס פאַרדעקט דעם מאַנהעטן-אינזל, אין דעם וואַלד, וואָס האָט זיך אויך צעוואַקסן ווייט איבער ברוקלין און אין בראָנקס. אין קנויל פון געדרייטע געסלאַך אויף דער אָרימער איסט־סייד, אין פּלאָנטער פון די צעדרייטע שטעגן אין האַרפישן ברוקלין און אין כאַאָס פון צעקרייציגטע קרומע וועגן אין בראָנקס — דאָרט איז אַ גרעסערער פּלאָנטער ווי אין די קאַטאַקאָמבען אונטער דער ערד.

גראַדליניג ציען זיך די גאַסן פון די רייכע: פינפטע עוועניו פאַזע דעם צענטראַלן פּאַרק, „ריווערסייד דרייוו" ביי די ברעגן פון האַדסאָן. די שיינע עוועניו „וועסט ענד", און נאָך און נאָך. זיי זענען אַלע ווי סטרונעס געצויגן, עס זאָל פאַר די רייכע זיין בעסער צו פליען דאָ אין לימוזינס.

נאָר דאָרט, וואו עס שטיקט זיך די אָרימקייט פון ניו יאָרק, דאָרט האָט מען די ענגע געסלאַך אַזוי צעדרייט, אַז איר קענט זיך דאָרט פּלאָנטערן און פּלאָנטערן און זיך גאָר ניט קענען אַרויסדרייען.

די גראַדליניגע גאַסן זענען אויך די ריינסטע, און דאָ קוקט אַריין די זון, ווען זי באַווייזט זיך אויפ'ן הימל.

די צעדרייטע געסלאַך זענען די שמוציגסטע, און שטענדיג איז דאָ חושך.

שפּאַצירט זיך דורך אין געגנט פון דעם ברוקלין בריק, כאַפּט אַ שפּאַציר אַרום די „פּאַלאַצן" אין די גאַסן, וואָס שניידן דורך דילענסי סטריט, פאַרשטעקט דעם נאָז און גייט דורך די גאַסן, וואָס קרייצן זיך איבער מיט קאַנאַל סטריט, גיט אַ פאָר פון דאָרטן אויף בעטגייט עוועניו אין בראָנקס און פון דאָרט צוריק צו די גאַסן אַרום וואַשינגטאָן סטריט ביים האַדסאָן; גיט אויף שנעל אַ לויף קיין ברוקלין און כאַפּט אַ קוק אין אַ פאָר קוואַרטאַלן אין „געבענטשטן" קוני איילאַנד ביי דעם ים; באַטראַכט די גאַסן אין יאָרקוויל־געגנט ביים איסט־טייך און וואַרפט אַ בליק אויף די קוואַרטאַלן אין דער וועסט־זייט אַרום דעם געגנט, וואו עס לויפט דער „על" פון 9טער עוועניו; זייט זיך מטריח אין דעם געגנט פון אַרום דער 40טער ביז דער 70טער גאַס ביים האַדסאָן; גייט זיך דורך דורך די קוואַרטאַלן פון די שוואַרצע אַרום פולטאָן סטריט אין ברוקלין און באַטראַכט זייערע „פּתום און רעמסס" אין דער

גענגט אַרום 135טער גאַס אין מאַנהעטן; דערמאָנט זיך גוט, וואָס איר האָט געזען, און פרעגט זיך אַליין:

— פלאָנטערן זיך אַמאָל אַרום די, וואָס זענען דאָ אין דעם חושכ׳דיגן לאַבירינט פאַרפּלאָנטערט?

פאַרגלייכט די דערמאָנטע געגנטן מיט די רחבות׳דיגע קוואַרטאַלן אין אַלע עקן פון שטאָט, און ניט ווילנדיג וועט איר זיך אַליין פרעגן:

— זענען טאַקע אָט די אַלע לאַבירינטן אין איין און דערזעלבער שטאָט? קען טאַקע זייט ביי זייט עקזיסטירן אַזאַ שרייענדיגער קאָנטראַסט?

* * *

ניו יאָרק — די שטאָט פון גרעסטע טעמפּלען.
ניו יאָרק — די שטאָט פון די פינסטערסטע חורבות.
ניו יאָרק — די שטאָט פון פאַרווײלונג און פון פרייד.
ניו יאָרק — די שטאָט פון טורמעס און פון קאַרצערס.
ניו יאָרק — די שטאָט פון טעאַטערס און מוזייען.
ניו יאָרק — די שטאָט פון סאַלונען און „ספּיק-איזיס“.
ניו יאָרק — די שטאָט פון שולן און ביבליאָטעקן.
ניו יאָרק — די שטאָט פון קאָרטן-שפּיל און גאָרגל-שניידעריי.
ניו יאָרק — די שטאָט פון פּראַצע און פון פּיין.
ניו יאָרק — די שטאָט פון גרעסטן וואוילטאָג און פון משוגענעם לוקסוס.
ניו יאָרק — די שטאָט פון גרעסטע שווינדלער.
ניו יאָרק — די שטאָט, וואו אַלץ איז גרויס, גרעסער און דאָס גרעסטע אין דער גאַנצער וועלט.
גרויס די נויט — זי האָט גאָר צו זיך קיין גלייכן.
גרויס דער לוקסוס — ער שניידט אַזש די אויגן.

אין פּלאָנטער פון לאַבירינט יאָגט, טראָגט, לויפט, פליט, פאָרט און דרייט זיך אַ געמיש פון פיס און רעדער. עס איז אַ קנויל פון מאַשינען, פוש-קאַרטס, בייבי-קערידזשעס, ראָלער-סקייטס, קוליעס, מאָטאָר-ציקלעטן, וועלאָסיפּעדן, מענטשן, פערד, ריזיגע פראַכט-טראָקס, פייער-לעשער-וואָגנס און אַמבולאַנסן.

דאָ יאָגט זיך די אָרימקייט און די נויט יאָגט איר נאָך.

גיט אַ קוק אויף די צעקרימטע גלידער, גיט אַ קוק אויף די אויסגעשטרעקטע הענט, גיט אַ צייל וויפיל בעטלער איר באַגעגנט אין פאַרלויף פון איין טאָג, פאַרדרייט ניט אייער קאָפּ און קוקט זיך איין אין די פּנים'ער ווי פּאַרמעט, קוקט זיך צו צו די קינדער דאָ — זעט ווי די נויט פּראַוועט דאָ איר מלוכה.

שטעלט זיך אָפּ ביי די טירן פון די „עמפּלאָימענט־אַגענטורן" (די קאַנטאָרן, וואָס באַזאָרגן אַרבעטער־הענט פאַר די, וואָס זוכן אַרבעטער־הענט צו קויפן), שטעלט זיך אָפּ ביי די אַריינגאַנגען צו די פאַבריקן און קוקט זיך צו צו די געזיכטער, וואָס זענען אַזוי פאַרשמאַכט, קוקט זיך צו צו די מידע אויגן, באַטראַכט די איינגעבויגענע פּלייצעס, די איינגעפאַלענע ברוסטן — דאָס זענען די מיליאָנען, וואָס האָבן אויפגעבויט, וואָס בויען איצט און וואָס וועלן נאָך ווייטער בויען דעם ריזן־כרך ניו יאָרק. דאָס זענען די, וואָס האָבן דאָ די בריקן דורכגעצויגן; דאָס זענען די, וואָס האָבן אַלע פּאַלאַצן דאָ אויפגעבויט; עס זענען די, וואָס זאָרגן, אַז דאָ זאָל שטענדיג שיינען ליכט, עס זאָל דאָ שטענדיג זיין גענוג צום עסן, עס זאָל דאָ שטענדיג זיין גענוג פון יעדן מין פון שפּייז און קליידער און מעדיצין און אַלץ, וואָס דאָס אויג גלוסט. עס זענען די, וואָס פּראַצעווען ביי מאַשינען; עס זענען די, וואָס טראָגן אויף די פּלייצעס שווערע לאַסט; עס זענען די, וואָס מאַכן ליכטיג און ציכטיג, נאָר ניט אין די לעבער, וואו זיי וואוינען אַליין; עס זענען די, וואָס וואוינען אין די סלאָמס.

● ✱ ●

צו די פּראַכטפולע טרעפּ פון די פּאַלאַצן, צו די באַגילדעטע אַריינגאַנגען אין די רייכע האָטעלן, צו די ברייטע טירן פון די אויסגעפוצטע קראָמען, צו די קאַלאָנען פון די שיינע קאַטעדראַלן, צו די באַלויכטענע אַריינגאַנגען פון די טעאַטערס, נאַכט־קלובן, רעסטאָראַנען, קאַפעשאַנטאַנען, צו די רוישיגע וואָקזאַלן טראָגט זיך דער שטראָם פון בליאַסקענדיגע מאַשינען, פון וועלכע עס שטייגן אויס נעט־געקליידעטע דזשענטלמען און אויסגעפוצטע דאַמען.

אויסגעבאַליעטע די פּנים'ער, רו אין די אויגן, פעסטקייט אין

טראָט — דאָס שפּאַנען די, אויף וועמען עס פּראַצעווען די איינ־וואוינער פון די סלאַמס.

עס איז אַ געמיש פון זייד און פון שמאַטעס, עס איז אַ געמיש פון צילינדער און פון „קעפּ", פון זעלטענעם פוטער און פון שרעקלאַכע טראַנטעס, פון גאָלד און פון בריליאַנטן און צעריסענע שיך.

עס איז אַ משוגענער פּלאָנטער פון גלאַנץ, פּראַכט, אָפּגעלאָזנ־קייט און שמוץ. עס איז אַ פּלאָנטער, וואָס האָט אין ערגעץ ניט צו זיך קיין גלייכן — דער פּלאָנטער אין דעם לאַבירינט, וואָס טראָגט דעם נאָמען ניו יאָרק.

* * *

ניו יאָרק! וואו איז דער אָנהויב און וואו איז דער סוף?

אויף די פלאַכן פון וועסטשעסטער און ביי די כוואַליעס פון אַטלאַנטיק, ביי די ברעגן פון דעם האַדסאָן און אויף סטעטן־איילאַנד, מאַנהעטן־איילאַנד, לאָנג־איילאַנד און קוני־איילאַנד האָט זיך אויס־געשפּרייט דער ריזן־כרך.

אין די לאַבירינטן דאָ זענען אריינגעמויערט אַרום 7 מיליאָן נפשות און כמעט נאָך אַמאָל אַזויפיל אָנגעפּאַרענע געפינען זיך דאָ טאָג־טעגלאַך.

ניו יאָרק מיט די גרויסע האַפנס, ניו יאָרק מיט די ריזיגע אַקרעגנטן, וואָס קומען אַהער פון אַלע עקן וועלט, ניו יאָרק מיט אַ געמיש פון ראַסן און קאָלירן, ניו יאָרק מיט אַ געמיש פון פינסטערער רעאַקציע און פון גליענדיגן צאָרן פון קעמפענדיגע מאַסן. ניו יאָרק מיט שולן און מיט קירכן, ניו יאָרק מיט רויטן סקווער, וואו מ'גריסט דאָס אָנקומען פון אַ נייעם טאָג. ניו יאָרק מיט רויבער און באַרויבטע, ניו יאָרק מיט ריכטער, וואָס באַנקעטעווען צוזאַמען מיט באַנדיטן, ניו יאָרק מיט דעם געלסטן זשורנאַליזם, ניו יאָרק מיט דריי־צענדליג טויזנט געהייזמע שיינקלאַך, ניו יאָרק מיט צוואַנציג טויזנט „ליבעס־נעסטן" פון די רייכע, ניו יאָרק מיט מקוה'ס און מיט ביוטי־פּאַרלאָרס, ניו יאָרק מיט זעלבסטמאָרדן און מיט משוגענעם וואוילטאָג; ניו יאָרק מיט'ן בריאַזגען פון הויך־

באַנען, אונטערערדישע באַנען, טראַמווייען, באַסעס, טעקסיס. ניו יאָרק מיט גרעסטן פּראַכט, ניו יאָרק מיט גרעסטן קויט, ניו יאָרק — אַ כאַאָס און אַ פּלאַנטער, ניו יאָרק — אַ משוגענער געמיש, וואָס איז דער בעסטער מוסטער פון אַ וועלט, וואָס שאַפט אַזאַ שטאָט און אַזאַ מין לאַבירינט.

ניו יאָרק — דער העכסטער אויסדרוק פון דער צייט, ניו יאָרק — אַ מאָנומענט צו אַן אָרדנונג פון אומזין.

די פיקעט-ליין גייט...

פיקעט, פיקעט, פיקעטן!
סטרייק איז אונזער וואפן...
פיקעט, פיקעט, פיקעטן!
מיר ווילן מער ניט שקלאפן...

(פון א פאפולער לידל)

א זוניגער, פראסטיגער פרימארגן.

פארסאפעטע שפארט מען זיך אריין אין די סאבוויי-וואגאנען.

וויפיל פון די טויזנטער דא פארן אין דעם סטרייק-דיסטריקט צו שטעלן זיך אין דער פיקעט-ליין?

עס איז נאך גאר פרי, נאר פון אונטער דער ערד ציען זיך שוין אומענדלאכע מענטשן-שטראמען, וואס פארפלייצן דעם דיסטריקט פון דער נאדל-אינדוסטריע. עס איז נאך שווער צו באשטימען אין דעם בלאק פון דער 34טער גאס און דער זיבעטער עוועניו ווער עס לויפט ערגעץ אין א שאפ אריין און ווער עס גייט פיקעטן. די פאליסלייט גייען דא ארום איינציגווייז און דרייען זייערע קלאבס מיט א מינע, וואס זאגט: וואס מיר קלאב, ווען מיר קלאב? דאס איז אזוי זיך אן אומשולדיג שטעקעלע...

אוי האט דאס שטעקעלע א פאר בלאק ווייטער געבוכטשעט אין די זייטן פון די פיקעטס!

וואס א טראט ווייטער ווערט דער עולם אויף די טראטוארן אלץ געדיכטער; א סך פון די, וואס קענען זיך ניט דורכשפארן, גייען אראפ אין מיטן גאס און דרייען זיך אריין אין דעם פלאנטער פון די אויטאמאבילן, פון די פראכט-וואגנס און פון די ריזיגע טראקס, וואס פארנעמען דאס מיסט און אש. דאס לויפן די איילנ-דיגע, וואס ווילן זיך ניט אויסמישן מיט די, וואס שפאנען לאנגזאם

אויף די טראָטוארן. די פּאָליסלייט דאָ גייען שוין צו צוויי און צו דריי; זיי האַלטן זייערע קלאַבס פאַרשטייפּט אין זייערע הענט.

דערפילסט מיט אַמאָל, אַז דו ביזט אויף דעם קאַמפּס־פּלאַץ... עס גייט די קייט צווישן די ווענט פון די הויכע געביידעס... דורכ־ברעכן זיך דאָ איז ניט קיין לייכטע זאַך...

מ׳גייט שטיל און מיט ערנסטע געזיכטער. דאָ איז ניט קיין פּיקניק — עס איז דאָ אַ גרויסער קאַמף. דאָ גייען אויסגעפּרובירטע קעמפער, וואָס האָבן אין דער געשיכטע פון אַרבעטער־העלדישקייט שוין ניט איין שיין קאַפּיטאַל אַריינגעשריבן.

מ׳איז שטיל, אָבער בלויז אַ קורצע ווײַלע, — די שטילקייט ווערט באַלד פאַרביטן מיט הילכיגע אויסרופן פאַר דעם סטרייק און מיט מונטער גאַזאַנג פון סטרייק־לידער. די ערנסטע געזיכטער לייכטן אויף מיט באַגייסטערונג און מיט מוטיגער אַנטשלאָסנהייט. צווישן די ווענט פון די הויכע מויערן קלינגט אָפּ דער רוף:

— הורא פאַר די סטרייקער!

— הורא פאַר די נידל־טריידס אינדאַסטריעל יוניאָן!

— דאַון וויט די סקעבס! (אַרונטער מיט די סקעבס!)

— קאַם דאַון ענד העלפּ אַס ווין די סטרייק! (קומט אַרונטער און העלפט אונז געווינען דעם סטרייק!)

פּאָליציי נעמט זיך צו דער אַרבעט

דורך די רייען פון די מאַרשירענדיגע טראָגט זיך מיט אַמאָל דורך די נײַעס, אַז מ׳האָט שוין אָנגעהויבן אַרעסטירן. די מאַסע ווערט ווי עלעקטריזירט, די אויסרופן ווערן נאָך הילכיגער, די צאָל פון פּאָליסלייט ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. פון דערווייטנס דערזעט זיך עפּעס אַ מענטשן־קנויל, דאָרט שטופּט מען אַרעסטירטע פּיקעטס אין אַריינגאַנג פון אַ גרויסער שאַפּ־געביידע ביז עס וועט אָנקומען אַ פּאַטרול־וואָגן זיי אַוועקצופירן.

די אַרעסטירטע זינגען אויף אַ קול:

— אָן די ליין, אָן די ליין... אָן די פּיקעט־ליין... סאָלידאַריטי פאַר עווער... הוריי פאַר די פּיקעטס!...

די מאַרשירנדיגע ענטפערן אָפּ; דאָס געזאַנג פאַרהילכט דאָס פייפן פון די פּאָליסלייט, וואָס דערטראָגט זיך אַהער פון דעם צווייטן בלאָק, וואו מ׳מאכט נייע אַרעסטן. דאָס געזאַנג פאַרהילכט אויך דאָס רעווען פון די אויטאָמאָביל־טרובעס, וואָס פאָדערן פאַר זיך אַ וועג אין די שמאָלע גאַסן, וואָס זענען איצט געדיכטער פאַרשפּאַרט ווי אַלע מאָל. נאָר איבער דעם גאַנצן טומל דערהערט זיך אַ הייזעריג רעווען פון אַ טרובע, וואָס זאָגט אָן, אַז אַ פּאָליציי־וואָגן איז אין איילעניש וואָס שנעלער אַהער צוצוקומען.

ביים רעדל אַ ריזיגער פּאָליסמאַן, ביי זיין זייט נאָך אַ ריז; פון ביידע זייטן שטעלן זיך אויס אַ האַלבער טוץ בלויע רעק מיט די קלאָבס גרייט צו שטורכען די אַרעסטירטע. דער פּאַטראָל־וואָגן איז אָן אָפּענער. די אַרעסטירטע, וואָס האָבן ניט קיין פּלאַץ אויף די צוויי לאַנגע שמאָלע בענק, שפּאַרן זיך צונויף שטייענדיג און אויף די מונטערע אויסרופן פון די מאַרשירנדיגע פּיקעטס ענטפערן די אַרעסטירטע מיט קראַפט אין זייערע שטימען, מיט פרייד אויף זייערע געזיכטער:

— קיפּ איט אַפּ, הורריי פאַר די סטרייק! (שטעלט זיך ניט אָפּ, הוראַ פאַר דעם סטרייק!)

די טרובע פון דעם פּאַטראָל־וואָגן רעוועט און פאָדערט פאַר זיך אַ וועג, נאָר די גאַס איז דווקא פאַרשפּאַרט אַזוי, אַז מ׳קען דאָרט ניט דורכקריכן. די היטער אויף דעם וואָגן ווערן נערוועז, מיט יעדער מינוט ווערט דער עולם פּיקעטס אויף די טראָטואַרן געדיכטער, די געזאַנגען ווערן הילכיגער, פון די פענסטער פון אַלע געביידעס שטעקן זיך אַרויס קעפּ, עס פאָכן טיכלאַך און היט; פאַרבייגייער שטעלן זיך אָפּ און די גאַס ווערט שוואַרץ פון מענטשן.

— הוראַ פאַר די סטרייקערס! — רופן אויס די צונויפגעשפּאַרטע אַרעסטירטע פּיקעטס. אין אַ מעכטיגן ענטפער צעטראָגט זיך דער רוף פון די קעמפער, וואָס שטייען דאָ אויף דעם טראָטואַר, און ווי אַן עכאָ דערהערט זיך דער זעלבער רוף פון צווייטן בלאָק און פון דריטן בלאָק. עס דאַכט זיך, אַז דאָס האָבן די פּיקעטס דאָרט געענטפערט אויף דעם רוף דאָ, נאָר דאָרט גייען

אויך אַז אַרעסטן און אויך דאָרט באַגלייטן די פּיקעטס זייערע אַרעסטירטע חברים מיט אויסרופן און מיט געזאַנג.

ניט אַלע פּיקעטס פירט מען אין אָפענע פּאַטרול-וואָגנס, די מערסטע שפּאַרט מען אַריין אין פאַרמאַכטע קאַסטנס, מ׳שטעלט אַוועק אַ וועכטער ביים טיר און מ׳אַנטלויפט מיט דעם וואָגן אויף שנעל, ווי פון פייער. אויף די אָפענע פּאַטרול-וואָגנס חנ׳דלט זיך אין גאָלד דער אויפשריפט אויף דעם בלויען קאָליר פון דעם אויטאָ-מאָביל: „עמוירדזשענסי סוירווים״. דער פּאָלים-דעפּאַרטמענט פון ניו יאָרק איז ניט הינטערשטעליג, ווען עס קומט אוים צו פּאַקן סטרייקערס, הלואי וואָלט ער אזוי געווען אויפ׳ן פּלאַץ און געוויזן אזא פּינקטלאַכקייט ביים כאַפּן די גענגסטערס, וואָס האָרודעווען פראַנק און פריי.

אָט פירט מען נאָך אַ גרופּע אַרעסטירטע. עס פאָכן היטלען, עס הילכן רופן, די פּיקעטס שליסן געדיכטער די רייען און באַגלייטן די אַרעסטירטע חברים מיט געזאַנג; די אַרעסטירטע קעמפער און זייערע פירער ענטפערן; דאָס געזאַנג פון די נאָך פרייע און פון די שוין אַרעסטירטע גיסט זיך צונויף אין איין מעכטיגן קלאַנג. דער פּאַטרול-וואָגן בלייבט שטיין, פון אַן אַריינגאַנג אין אַ גרויסער געביידע פירט מען אַרוים נאָך עטלאַכע אַרעסטירטע. דאָס דינט פאַר אַ סיגנאַל פאַר אַ נייער מעכטיגער דעמאָנסטראַציע פון די טויזנטער אַרבעטער.

עס לויפט פאַרביי נאָך אַ פּאַטרול-וואָגן, די פּאָליסלייט רינגלען אַרום נאָך אַ גרופּע פּיקעטס און שפּאַרן זיי אין איילעניש אַריין אין אַן אַריינגאַנג, עס קומט אָן די נייס פון נאָך און נאָך אַרעסטן, נאָר די פּיקעט-ליין איז ניט צעריסן, די רייען פון די מאַרשירנדיגע זענען ניט צעבראָכן. עס דאַכט זיך, אַז די אַרמיי פּיקעטס ווערט גרעסער און גרעסער און די טראָטואַרן זענען שוואַרץ און די געזאַנגען זענען מעכטיגער. עס דאַכט זיך, אַז די פּיקעט-ליין האָט גאָרניט קיין אָנהויב און האָט גאָרניט קיין סוף. די פּיקעט ליין גייט און גייט און גייט... מ׳קען זי ניט צעברעכן!

בינגהעמטאָן האָט אַ שפּייזער.

גייט אַרויס, איר שטעט און שטעטלאַך פון דעם גאַנצן לאַנד, און נעמט אַראָפּ אַ ביישפּיל פון בינגהעמטאָן, ווי צו לעבן אין רו און אין פריד.

דאָרט האָבן צוויי שיך־פאַבריקאַנטן צוגעטראַכט אַ „פּעטנט" ווי צו הערשן איבער טויזנטער שקלאַפן אַזוי, אַז עס זאָל זיין שאַ, שטיל, און די באַהערשטע זאָלן אפילו קיין פּיפּס ניט טאָן.

און די צוויי שיך־פאַבריקאַנטן זענען ניט אַבי ווער — דאָס זענען די צוויי בערן: אינדיקאָט און דזשאַנסאָן. איר קענט ניט כאַפּן קיין שפּאַן אין בינגהעמטאָן, ניט אָנשטויסנדיג זיך אויף איינעם פון די צוויי נעמען.

ווי אין דער באַרימטער קינדער־מעשה'לע מיט דעם „קאַניט־פאַרשטאַן", אַזוי הערט איר דאָ נאָר בלויז: אינדיקאָט און דזשאַנסאָן, און ווידער אינדיקאָט און דזשאַנסאָן.

עס פאָרט פאַרביי אַ באַס — טראָגט ער דעם אויפשריפט: „אינדיקאָט"; עס פאָרט אַ צווייטער — טראָגט ער דעם אויפשריפט: „דזשאַנסאָן". עס לויפט פאַרביי אַ טראַמוויי־וואַגאָן — ווידער די זעלבע מעשה; עס טראָגט זיך דורך מיט געפילדער אַ סקריפּענדער באַן לעבען אַ סטאַנציע — ווידער אינדיקאָט און ווידער דזשאַנסאָן אויף גרויסע שילדן. עס לויפן פאַרביי ריזיגע געביידעס, וואָס שפּייען דורך גרויסע קוימענס מיט גאַנצע וואָלקנס רויך — ווידער אינדיקאָט און ווידער דזשאַנסאָן. דאָ און דאָרט, אין אַלע עקן שטאָט, איז צעוואָרפן אַ צאָל קראָמען מיט די איניציאַלן אויף די שילדן „אי." און „דזש.". איר פאַרשפּאָרט שוין עמיצן פרעגן — דאָס זענען די ראשי תיבות פאַר אינדיקאָט און דזשאַנסאָן.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. דער איינפלוס פון אינדיקאָט און דזשאַנסאָן שפּרייט זיך אויס אויך דאָרט, וואו עס גלאַנצן ניט

די באגילדעטע שילדן מיט די צוויי נעמען. זייער איינפלוס איז אומעטום.

זיצט א חבר און דערציילט:

— אלץ לעבט דא פון דעם שוך. דא ווערט אויסגעארבעט לעדער; דא ווערן טעגלאך פאבריצירט טויזנטער פאר שיך — די גאנצע שטאט לעבט פון די שיך-ארבעטער.

— וועט מען אבער פרעגן ביי די שטאט-לייט, וועלן זיי ניט צוגעבן, אז זיי לעבן פון די שיך-ארבעטער; אלע וועלן אייך דערציילן, אז זיי לעבן פון אינדיקאט און דזשאנסאן.

— מ'האט אלעמען איינגעוויקלט אין א מין פארגעטערונג פאר די גרויסע פארזארגער, „וואס שניידן זיך א פאלע" פאר דעם „ארימען ברודער-ארבעטער".

— עס גייט ניט אוועק קיין טאג, די צייטונגען זאלן ניט צושמירן עפעס א מעשה פון די פילאנטראפישע אויפטואונגען פון די צוויי פאבריקאנטן. אט וועלן מיר נעמען א צופעליגן נומער פון א צייטונג — מיר וועלן דארט זיכער עפעס געפינען פון דעם סארט.

דער חבר צעעפנט א נומער פון אן ארטיגער צייטונג, גיט א זוך, און עס נעמט אים ניט לאנג און ער רופט אויס מיט צארן:

— איר זעט, גאר ניט לאנג גענדארפט זוכן. אט איז עס. אבער ווארט, איך וועל אייך נאך אביסל דערציילן פון די, וואס ארבעטן אין דעם היגן גן־עדן, און נאכדעם וועט איר איבערלייענען דאס, וואס עס איז דא אנגעקוואטשעט.

און ער דערציילט, ווי די צוויי שיך-פאבריקאנטן בארימען זיך, אז פאר די 30 יאר פון דער עקזיסטענץ פון זייערע פאבריקן, איז נאך ביי זיי קיין איין סטרייק ניט געווען.

ניט קיין סטרייק איז ביי זיי געווען, ניט קיין יוניאן איז ביי זיי דא — זיי אליין באזארגן שוין די ארבעטער.

הייזער, קראמען, באנקען, פיזישע און גייסטיגע שפייז, — אלץ, אלץ באזארגן די ברויטגעבער. די ארבעטער דארפן בלויז נעמען און דאנקען.

ווי די אמאליגע פעאדאלע בארא נען, אזוי פירן זייער מלוכה די מאדערנע געלט-בארא נען אין דער שטאט בינגהעמטאן; און ווי

אין די אַלטע גוטע צייטן, קריגן זיי ליוב-געזאַנגען אויף דער ערד און מ'פאַרזיכערט זיי, אַז זיי וועלן האָבן דעם גן-עדן אויף „יענער וועלט". נאָר זיי פאַרגעסן דערוויל ניט צו באַוואָרענען זיך אַליין מיט אַ גן-עדן אויף דער וועלט.

פאַר זייער כבוד־ווען האָט מען צוויי שטעט געקרוינט מיט זייערע נעמען — איין שטאָט הייסט „דזשאָנסאָן סיטי", די צווייטע הייסט „אינדיקאָט סיטי". פון וויגעלע הויבן שוין די קינדער אָן איינצו'חזר'ן די צוויי נעמען, זיי זאָלן חלילה ניט פאַרגעסן דעם גנאָד פון די צוויי ברויט-געבער, וואָס זאָרגן פאַר דער סטאַדע שאָף.

און די סטאַדע בלייבט אַ סטאַדע, ווערט אויסגעריסן, אַרבעט שווער, איז שטענדיג איבער'ן קאָפּ אין צאָלונגען, איז פאַרשקלאַפט צו דער סטאָר, צו דער הויז, צו דעם מעבל און צו צענדליגער אַנדערע קלייניגקייטן. קייטן אָן אַ שיער טראָגט אויף זיך דער מאָדערנער שקלאַף ביי זיין מאָדערנעם באַראָן, און ער וואַגט ניט אַ פּיפּס צו טאָן, ווייל אַרבעטער טאָרן ניט פאָדערן. בעטן מעגן זיי; ביים האַר חסד זוכן — דאָס יאָ, אָבער רעכט פאָדערן — דאָס טאָר מען ניט.

דערציילט דעם חבר'ס פּרוי: — געאַרבעט אַמאָל אין דעם גן-עדן — שטיק־אַרבעט איז דאָס געווען — האָט מען פּלוצלינג דער־קלערט, אַז מען נעמט אַראָפּ פון די פּרייזן. עס איז ניט מעגלאָך געווען צו פאַרדינען גענוג אויף אַ שטיקל ברויט. האָט זיך אַ גאַנצער דעפּאַרטמענט אויפגעהויבן און דערקלערט, אַז זיי וועלן ניט אַרבעטן. עס איז אַריין אַ מענעדזשער, און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט, אַ שוידערלאַך-אויפגעבראַכטער, אויסגעשריען, איז געווען: „זעצט זיך שוין צום וואַרשטאַט; ביי אינדיקאָט און דזשאָנסאָן סטרייקט מען ניט."

ערשט נאָכדעם, ווי די אַרבעטער האָבן געוויזן, אַז זיי פאָלגן, האָט מען גענומען צו זיי ריידן.

אין משך פון לאַנגע יאָרן האָט מען די אַרבעטער גוט אויס־געמושטירט זיי זאָלן וויסן ווי צו קושן די רוט, וואָס שמייסט זיי.

* * *

איך נעם די ציימונג און לייען אַ לאַנגע געשיכטע פון דעם, ווי אַזוי „דזשיי" האָט דורכגעפירט אַ שטיקל פילאַנטראָפּישע אַרבעט:

דער גרויסער פּאַרזאָרגער ווערט אַפילו ניט אָנגערופן ביים ערשטן נאָמען. עס איז גענוג בלויז אַן איניציאַל, אַן ערשטער בוכשטאַב פון זיין נאָמען, און אַלע דאַרפן שוין וויסן, וועמעס גרויסקייט עס ווערט געריומט.

די געשיכטע, וואָס די ציימונג דערציילט, איז אַ שטיק קוואַטש וועגן דעם, ווי מ'האָט אַן אַרבעטער־פרוי באַצאָלט פּאַר אַ טאָג צייט, ווען זי האָט ניט געאַרבעט, ווייל מ'האָט זי אָוועקגערופן צום טויטןבעט פון איר שטאַרבנדער מוטער; ווי די פרוי איז געקומען באַדאַנקען, און ווי גוטמוטיג דער פּאַרזאָרגער האָט געשמייכלט און „האָט אַפילו קיין וואָרט ניט געזאָגט".

— נו? — פרעגט דער חבר, נאָכדעם ווי איך האָב אָוועקגעלייגט די ציימונג אָן אַ זייט.

— הייסט עס, איר האָט דאָך דאָ טאַקע גאָר אַ ריכטיגן שפּייזער ביי אייך אין שטאָט, — זאָג איך, — מ'דאַרף דאָס טאַקע דערציילן, אַז אַנדערע שטעט זאָלן אויך וועגן דעם וויסן.

— יאָ, אַ שפּייזער, וואָס דערשפּייזט ניט, — זאָגט סאַרקאַסטיש דער חבר, — אַ שפּייזער, וועמען מ'קושט די הענט פּאַר ברעקלאַך פון זיין טיש.

מיר פאָרן. עס טראָגט זיך דורך איין ריזיגער קאָרפּוס נאָך דעם צווייטן; עס הערט זיך אַ גערוף פון לעדער; עס רייסן זיך פון קוימענס וואָלקנס רויך; מ'שלעפּט קאַסטנס איבער גרויסע פּלאַטפאָרמעס; עס קומען אָן און גייען אָפּ באַנען; טויזנטער אַרבעטער קומען און גייען אַוועק; עס ווערן געשאַפן ריזיגע פאַרמעגנס, און פון דער גאַנצער פּראַצע ווערט אַלץ מער און מער געבויט דער רום פון צוויי, בלויז צוויי און ניט מער ווי צוויי. די טויזנטער זענען די סטאַדע — אַלץ איז בלויז פּאַר די באַראָנען.

איך צעזעגן זיך מיט די חברים, און ווען איך שטיי שוין אויף די טרעפּ פון וואַגאָן, שרייט מיר איין חבר נאָך:

— פאַרגעסט־זשע ניט, אויב איר וועט שרייבן וועגן אונזער שפּייזער, דערמאָנט, אַז ער דערשפּייזט ניט.

עס לויפט מיט אימפּעט מיין באַן פאַרביי אינדיקאָט סיטי, פאַרביי דזשאַנסאָן סיטי; עס קייקלט זיך דורך אַ בערגעלע מיט קברים: אָרימע לייט אונטער קליינע שטיינדלאַך, און די, וואָס זענען רייך געווען, אונטער גרויסע אימפּאָזאַנטע שטיינער. עס ליגן דאָ און דאָרט אין טאָל קליינע פאַרכמורעטע שטיבלאַך, און אויפ׳ן שפּיץ בארג שטייט באַגאָסן מיט זון אַ פּראַכטפולער פּאַלאַץ. אין די אויערן קלינגען נאָך די ווערטער פון׳ם חבר:

— ער שפּייזט, נאָר ער דערשפּייזט ניט.

און אין מוח דרייען זיך נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל די זעלבע ווערטער פון „די צוויי ברידער":

„אויף יענער זייט ים איז געשטאַנען אַמאָל
אויף הינערשע פיסלאַך אַ הייזל אין טאָל."

און עס דערמאָנט זיך ווידער:

„באַטראַכט נאָר דיין ברודער, דאָס איז אַ פאַבריק
פון קרעלן, בריליאַנטן, דיאַמאַנטן און גליק."

עלעווייטאָר, דער שפּייז-מאַגנאַט און מאָנטגאָמערי וואָרד און סירס ראָבוק און וואולוואָירט איבער אַלעם.

און אומעטום, וואו ארבעטער פארקויפן זייערע הענט, ווערן זיי אָפּגענאַרט און עקספּלואַטירט און אומעטום זענען דאָ נענוג יוניאָן-פּאַרפירער, וואָס העלפן האַלטן די ארבעטער אין קייטן.

נאָר אַפילו ווייסנדיג דאָס אַלעס, וועט ביי אייך פּאַרט אַ טיאַכקע טאָן אין האַרצן ווען איר וועט אַריינפאָרן אין דעם שטאַט נעבראַסקאַ — עפּעס פּאָרט איר דאָך אויף אַ באַזוך צו די אינדיאַנער.

אינדיאַנער, וואָס טאַנצן אַרום פייערן.
אינדיאַנער, וואָס גייען אויסגעפּוצט אין פעדערן.

אינדיאַנער, וואָס וואוינען אין שיין-באַפּוצטע פּאַלאַטקעס.

אינדיאַנער, וואָס טראָגן נאָך אין זיך דעם אָנדיינק פון די יאָרן, ווען בלויז צו זיי אַליין האָבן די ווינטן פון די אַמעריקאַנער סטעפּעס געהערט.

אינדיאַנער...!

אַ רעשטל פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט.
אַ זכר פון פּרימיטיווער פּשטות.
קינדער פון דער נאַטור, וואָס זענען פאַרבליבן אומבאַרירט.

איר וועט זיכער וואַרטן מיט אומגעדולד ביז איר וועט שוין צו אַט די אינדיאַנער צוקומען.

די וועגן פון נעבראַסקאַ זענען ניט שיין און ניט מיאוס — שוין געזען שענערע וועגן, און די פּאָר באַגרינטע בערגלאַך באַשיינען ניט די גרויסע פּלאַכן פון די אומענדלאַכע קוקורוזע-פעלדער.

דער וועג לויפט באַרג-אַראָפּ און פון ווייטנס זעט זיך אַ ריזיגער שטאָלענער שטאַם, וואָס איז אַזוי די הויך ווי אַן אַכט-צען-שטאָקיגע הויז. אויף דעם שטאַם הוידעט זיך אַן אַמעריקאַנער פאָן. דער שטאַם שטייט אין סאַמע מיטן וועג. עס דאַכט זיך, ווי מ'האָט אים דאָ אוועקגעשטעלט מיט דער אַבזיכט ער זאָל פאַרצאַמען דעם וועג. עס איז פּונקט ווי ער וואָלט זאָגן:

— סטאָפּ, בלייבט שטיין! אַט די צוויי שורות כאַלופּקעס פון ביידע זייטן, אַט די עטלאַכע קרעמלאַך — אַט דאָס איז אַלץ, וואָס

מיר האָבן דאָ פאַרזאָרגט פאַר דעם ווינעבעיגאָ שבט פון די אינדיאַ־נער. אָט דאָס איז טאַקע ווינעבעיגאָ אַליין!

לאָמיר־זשע גיין באַטראַכטן ווינעבעיגאָ.

א פּול רום — דער ערשטער צייכן פון „ציוויליזאַציע". א הענדביל אין די פענסטער זאָגט אָן די בשורה: הופּי! הופּי! הופּי! — א דזשעז־בענד קומט. עס וועט זיין פריילאך אין שטעטל — א צווייטער צייכן פון „ציוויליזאַציע".

פון איבער א קרעמל כריפּעט א גרויסע טרובע פון א ראַדיאָ און ברענגט די סאַמע לעצטע נייעס פון א פוטבאָל־שפּיל — נאָך א צייכן פון „ציוויליזאַציע".

אָט איז נאָך א הענדביל, וואָס זאָגט אָן, אַז עס דאַרפן באַלד פאָרקומען וואַלן פאַר א „טרייבל קאָונסיל" (פאַר דעם ראַט פון דעם שבט). דער הענדביל דערציילט, אַז די וואַלן וועלן פאָרקומען דורך באַלאָטס און אַז מ'דאַרף דערוויילן: „די בעסט פריענדס אָוו די פּיפּל" (די בעסטע פריינט פון פאָלק) — איז דאָך דאָס אודאי א צייכן פון דער העכסטער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע מיט אַלע אירע חנ'עוודיגע איינצעלהייטן פון וואַלן, וואָס זענען אין אַמעריקע טאַקע דער „אמת'ער אויסדרוק פון ווילן פון פאָלק".

גייען פאַרביי צוויי יונגע אינדיאַנערקעס. זיי זענען געקליידט גרויסשטאָטיש: טראָגן הויכע אָפּצאַסן; די באַקן און די ליפּן אָנגעפאַרבט; קייען גאָם — אמת'ע טעכטער פון דער דזשעז־אַמעריקע פון 20טן יאָרהונדערט.

אָט גייט א יונגע אינדיאַנערקע און פירט א קינד ביים האַנט. ניטאָ קיין צייכן פון דער אינדיאַנערקע מיט דעם קינד איינגעפּאַקט אין א שאַל אויף דער פּלייצע. אין סיו־סיטי באַגעגנט מען נאָך יאָ אַזעלכע מאַמעס מיט קינדער אויף די פּלייצעס, נאָר אין דער „אינדיען רעזערוויישאָן" זעט מען שוין אַזעלכע ניט.

ביים „פּול־רום" שטייען אינדיאַנער און קוקן מיט טעמפּע בליקן אין ערגיץ ניט. איך גיי צו צו איינעם און פאַרפיר מיט אים א געשפּרעך. איך פרעג אים, פון וויפיל מיטגלידער באַשטייט דער ראַט פון דעם שבט. ער דערקלערט מיר, אַז דער ראַט האָט 12

מיטגלידער, נאָר „דעי דו נאַט עמאוגט טו עניטינג". (זיי האָבן ניט די ווערט קיין פאַרבויגענעם דרייער).

מיט א ליאַרם און געפילדער טראָגט זיך אָן א „ליזע" (א פאָרד־מאשינדל) און בלייבט שטיין לעבן „פול־רום", א גרופע יונגע אינדיאַנער בחורים שפּרינגען אַרויס פון דעם אויטאָמאָביל; זיי רויכערן סיגאַרן, זענען שטאַטיש געקליידט און דאָס שטאָלענע פערדל האָט שוין ביי זיי מער חן ווי דאָס פערדל, אויף וועלכן זייערע זיידעס האָבן זיך איבער די פּרעירים געטראָגן.

איך שטעל אָפּ א אינגעלע פון א יאָר 10 און פרעג אים:

— שפּילסטו זיך מיט אינדיאַנער אינגלאַך?

— שור, היר איז וואָן (זיכער, אָט דאָ איז איינער), — ענט־פערט ער מיר און ווייזט אָן אויף א ווייס אינגעלע, וואָס לויפט מיט אים זייט־ביי־זייט.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס ווייסע אינגעלע איז טאַקע א זון פון אן אינדיאַנער. עס האָט זיך שוין אַזוי איבערגעמישט דאָס בלוט, אַז מ׳דערקענט שוין באַלד ניט ווער איז ווער. און וואָס איז דער חילוק? ווייסע אַמעריקאַנער, צי רויט־הוטיגע אַמעריקאַנער — אַלע מיט „טשואינג־גאָם", אַלע פאַרטומלט אין דזשעז, אַלע גע־בענטשט מיט דעם „פּול־רום" — אַלע אַלצאיינס „ציוויליזירט".

זיצן דריי פּוכקע יענקישע טעכטער אין א „קופּ"־אויטאָמאָביל, דאָס איז א מאַשינקע בלויז פאַר צוויי. לויט זייער וואָג וואָלטן זיי, ווי מיין באַגלייטער דערקלערט מיר, אויף דעם אָרטיגן „סטאָק־מאַרקעט" פאַררעכנט געוואָרן אין דער קאַטעגאָריע פון די „טשאָים" בהמה׳לאַך.

ביביקען אַלע דריי און קייקלען זייערע שמאַלציגע פּעסלאַך איינע אויף דער צווייטער.

לאָמיר הערן וואָס וועלן זיי זאָגן וועגן די „אינדיענס", — פאַר־אינטריגיר איך מיינע באַגלייטער.

— לאָזט זיי צורו, — ענטפערט מען מיר, — זיי וועלן זיך נאָך באַליידיגן, אַז מ׳וועט צו רעדן וועגן „אינדיענס".

עס איז טאַקע אַזוי געווען. אויף מיין פראַגע: זענען דאָ א סך „אינדיענס"? האָבן אַלע דריי מיט אַמאָל אָפּגעענטפערט:

— ווי דאָנט מיקס וויט אינדיענס, ווי נאָו נאַטינג אַבאַוט דעם. (מיר מישן זיך ניט מיט די אינדיאַנער, מיר ווייסן גאָרנישט וועגן זיי.)

אַ, זיי זענען ביי זיך שטאָלץ, די יענקישע טעכטער, כאָטש פרעגט זיי פאַרוואָס.

די אינדיאַנערקעס פאַרבן זיך שוין פונקט ווי זיי; קייען דעם זעלבן „גאָם"; ווינקען ווי זיי מיט די אויגלאָך; זענען שוין פונקט ווי זיי „אויסגעמענטשלט".

אַמעריקע, האָסט שוין דיינס דערגרייכט — דו האָסט שוין דעם אידיאַנער באַשאָנקען מיט דיין קולטור און פון זיין אַמאָליגער אייגנאַרטיגקייט איז קיין זכר ניט געבליבן.

יענקישע טעכטער, צווישן אייך און די רויט־הויטיגע איז שוין אַ גאָר קליינער אונטערשייד געבליבן; אויב עס פעלט זיי אַביסל אין וואָג ווי אייך, וועלן זייערע טאַטעס, אויב זיי קאָנען נאָר אונטערהאַנדלען מיט „מונשיין" (בראַנפן), דאָס פאַר זיי איינקויפן.

קיין אינדיאַנער זענען שוין אָבער ניטאָ — מ'האָט זיי שוין אָפּגעמעקט. די „צוויליזאַציע" האָט געטאָן איר אַרבעט פולקאָם.

און דער ניאַגאַראַ-טייך קייקלט זיינע וואַסערן...

עס ציט ווי דורך אַ כשוף צו דעם ניאַגאַראַ-וואַסערפאַל. נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל ווילט זיך קומען אַהער און אין ערפורכט באַטראַכטן דעם גרויסן וואונדער.

קענסט זיך קיינמאָל זאַט ניט אָנקוקן. קענסט קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם צויבער פון אַט-דעם וואונדער, וואָס די נאַטור באַ־ווייזט דאָ יעדע שעה פון טאָג.

געווען ביים ניאַגאַראַ-וואַסערפאַל אין שפּעטער שטונדע פון דער נאַכט, ווען אין דעם געדיכטן נעבל האָט מען ניט געקענט זען וואָס עס טוט זיך אַפילו אויף אַ שפּאַן פאַראויס, ווען בלויז די מעכטיגע, אומאויפהערלאַכע דונערן האָבן געטרייסלט די לופט און האָבן אָנגע־זאָגט, אַז ערגעץ דאָ וואַיעוועט אַ ריז.

געווען ביים ניאַגאַראַ-וואַסערפאַל אין דער פרימאָרגן-שעה, ווען די זון גייט ערשט אויף, ווען די נאַכטיגע בלויקייט מישט זיך אויס מיט דער צאַרטער אָנדייטונג פון אַ רעגנבויגן, וואָס ווערט געבוירן אין די שוימענדיגע וואַסער-שלייערס.

געווען ביים ניאַגאַראַ-וואונדער אין הייסע זומער-טעג, ווען עס איז אַזוי גוט זיך פאַרקלייבן ערגעץ אויף די קליינע, קילע אינזלען, וואָס זענען צעוואָרפן אין טייך, דאָרט וואו ער לאַשטשעט זיך ארום די שטיינדלאַך און גרייט זיך ערשט צו, שפּרינגענדיג פון שטיין אויף שטיין, צו זיין גראַציעזן פאַרנויג איידער ער בויגט זיך אין אָפּגרונט אַראָפּ.

געווען ביים ניאַגאַראַ-טייך אין אָוונט-שעה פון הערבסט, ווען אַ דריבנע רעגנדל האָט אַלעמען פאַריאָגט, און ווען דו ביסט אַ פאַר־גאַפטער, פאַרגעסנדיג אָן דער נאַסער קעלט, געשטאַנען דאָ איינער אַליין אַ שעה נאָך אַ שעה.

געווען אין אַ ווינטער-טאָג אין דער סאַמע טיפעניש פון אָפּגרונט,

װאַוהין עס קײַקלען זיך פֿון דער הױכער הױך די װאַסער־צעפּ. אױף שנײ־בערג און אױף אײַז־שפּיצן זיך געדראַפּעט, און געשפּרונגען פֿון באַרג צו באַרג, ניט געקוקט אױף אַלע װאָרנונגען, אַז דאָ לױערט געפֿאַר אױף יעדן טראָט.

אין בלענדענדיגן געמיש פֿון דער זילבער־שײַן פֿון שנײ און זון באַטראַכט אין ערפֿורכט די אַרבעט פֿון דעם קינסטלער, דעם פּראָסט, װאָס האָט דאָ אױסגעפּלאָכטן װאונדער־אָרנאַמענטן, װאָס האָט דאָ געשאַפֿן טעמפּלען און סודות'דיגע שטיגן, װאָס האָט צעשטעלט דאָ װעלדער און אױסגעפּוצט זײ אין גירלאַנדן, װאָס האָט דאָ אַ כּישוף־װעלט צעשטעלט בײַם סאַמע פֿוס פֿון גרױסן װאונדער — בײַם פֿוס פֿון ניאַגאַראַ־פֿאַל.

געװען דאָ אין דער שעה פֿון אָװנט, װען מענטשנ'ס האַנט האָט דעם װאַסערפֿאַל מיט זונען קינסטלאַכע באַלױכטן. געזען די שפּיל דאָ פֿון פֿיל־קאָלירטע זונען, װאָס האָבן מיט דעם װאַסער־פֿאַל פֿאַר־אײניגט זיך אין טאַנץ. געזען װי גיגאַנטישע פּראָזשעקטאָרם האָבן שפּילעװדיג דעם װאַסער־פֿאַל געהילט אין שלײערן פֿון פֿיל־צאָליגע קאָלירן. געזען דעם ניאַגאַראַ־װאַסערפֿאַל פֿאַרקלײדט אין אַ פּורפּור־מאַנטל, באַזױמט מיט זילבער און מיט דימענטן באַשפּריצט. געזען דאָ אַ סימפֿאָניע פֿון קאָלירן, װאָס האָט מיט דעם װאַסערפֿאַל צוזאַמען געשאַפֿן פֿאַר'ן אױג אַזאַ צױבער, װאָס קען זיך קײנמאָל ניט אױסמעקן פֿון זכּרון.

פֿאַרגאַפֿט געשטאַנען דאָ אין יעדער שעה פֿון טאָג און נאַכט; מיט דעם צױבער קײנמאָל ניט געזעטיגט זיך אין קײן צײַט פֿון יאָר; און אַלע מאָל די זעלבע האָפֿענונג און אַלע מאָל דער זעלבער װאונש — נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל דערלעבן דיך צו זען, נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל שטײן דאָ אַ פֿאַרגאַפֿטער פֿאַר דיר, ניאַגאַראַ־טײַך!

* * *

ברײט האָט זיך דער ניאַגאַראַ־טײַך צעגאָסן בײַם סאַמע ראַנד פֿון פֿעלזן, איבער װעלכן ער קײַקלט זיך אין אַפּגרונט אַראָפּ.

לאַנגזאַם ציט זיך דאָ דער שטראָם; עס דאַכט זיך, אַז דער טײַך באַװעגט זיך דאָ אינגאַנצן ניט. בלױז בײַ די שטײנדלאַך שלאָגט דער ניאַגאַראַ אױף אַביסעלע זײַן װײַסן שױם, נאָר אַלץ אַן

גרויסן טומל און אן איילעניש אינגאנצן, פונקט ווי ער וואלט אבזיכט־לאך געזוכט זיך דא צו פארהאלטן און דא באשטימען פריער צי יא גיין איבער'ן ראנד, צי אפשר גאר פארטארמאזירן דא דעם שטראם.

אט איז שוין דער ברייטער זילבער־פאס ביים סאמע, סאמע ראנד. וועט ער דא בלייבן שטיין? וועט ער זיך געבן א ריר? וועט ער אין אפגרונט גיין?

עס איז אן אויגנבליק פון וואקלעניש און צווייפל. נאר אט איז דא שוין דער באשלוס — מיושב'דיג און זיכער, פארנויגטערהייט און צוזומענדיג דעם אימפעט, בויגט זיך אוים דער וואסערפאל, גיט א בליאסק אין זילבער־נויג, וויקלט זיך פאנאנדער אין א ברייטן שלייער, וואס ציט זיך נאך נאך ווייסע, לאנגע צעפ, און לאזט זיך אראפ טיף צום שוימענדיגן שטראם, וואס פליעשטשעט דארט צופוסנס.

נאך א פאס און נאך א פאס, נאך א צאפ און נאך א צאפ, נאך א שטראם און נאך א שטראם — דער ניאגארא־טייך שטעלט זיך קיינמאל ניט אפ.

פון ווייטנס נאך הערסטו שוין דאס ברומען; אין גאנצן נעגנט ארום הערט זיך דער גערויש פון ניאגארא־וואסערפאל. וואו דו גייסט, וואו דו זאלסט זיך ניט געפינען, אומעטום ועסטו הערן, אומעטום וועט דיר אנזאגן די צעטרייסלטע לופט, אז דו ביסט אין שכנות מיט דעם גרויסן וואונדער פון דער נאטור.

שטייסטו פון אויבן ביים ראנד פון טייך, שטייסטו פון אונטן, וואו דו ווערסט באגאסן מיט מיליאנען טראפנס, שטייסטו פון ווייטנס אויף דעם גרויסן בריק, באטראכסטו די שוימענדיגע צונגען פון דער נאענט — אומעטום ווערסטו באצויבערט, און סיי דאס אויג און סיי דער אויער קענען ניט פארנעמען אלץ צו זאט.

גייסט אוועק, און מיט דיר און אין דיר גייט נאך און פארבלייבט דער צויבער פון דעם וואונדער, וואס דו האסט ערשט באנומען.

פאר דיינע אויגן שטייט דאס בילד און אין דיינע אויערן קלינגט דער גערויש פון דעם ניאגארא, וואס קייקלט און קייקלט זיינע זילבערנע שטראמען. קיינמאל קיין אפשטעל, קיינמאל קיין אפהאלט — דער ניאגארא־טייך קייקלט אייביג זיינע וואסערן.

אַ טאָג אין „גרענד קעניאָן“ פון אַריזאָנאַ.

געבענטשט דער טאָג, וואָס וועט זיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן; געבענטשט דער טאָג, וואָס האָט דעם שטאַרקן וואונש פאַרווירקלאַכט; געבענטשט דער טאָג, וואָס האָט געעפנט פאַר די אויגן די פּאַנאָראַמאַ פון דעם וואונדער אין דער מדבר.

אַריזאָנאַ — און וויסטע שטרעקעס.
אַריזאָנאַ — און גליענדיגע זאַמדן.
אַריזאָנאַ — און קיין ישוב פאַר הונדערטער מיילן.

און אָט דאָ האָט אַ קאַפּריז פון דער נאַטור אַ צויבער-בילד באַזאָרגט — די ערד אַ שפּאַלט געטאָן און דעם באַרימטן „קעניאָן“ געשאַפן.

דערוואַרטונג, שפּאַנונג, אומגעדולד, נייגיר, פאַרזוך זיך פאָר-צושטעלן אין דער פאַנטאַזיע דעם „גרענד קעניאָן“, וואָס דו פאַרסט באַטראַכטן, — אַלץ ווערט אין אַ מינוט אָפּגעמעקט, ווען דאָס אויג וואַרפט דעם ערשטן בליק אויף דעם בילד, וואָס איז אַזוי גראַנדיעז.

איז דאָס טאַקע מעגלאַך? איז דאָס ניט קיין מיראַזש? איז עס טאַקע די ווירקלאַכקייט? ציט זיך טאַקע אָט-דער ריס אויף 12 מייל אין דער ברייט און 28 מייל אין דער לענג?

אָט איז דאָך, דאַכט זיך אויפ׳ן צווייטן זייט דער ראַנד — בלויז אויסצושטרעקן אַהין אַ האַנט!

נאָר ווען גייען-אָן די מיילן, אַז דו קענסט גאָר ניט זיך אָנקוקן צו זאַט אויף אַלץ, וואָס דאָס אויג זעט דאָ אַרום.

לויפט, אויגן! יאָג זיך, בליק! קוק אַהין און קוק אַהער — סיי-ווי-סיי וועסטו ניט וויסן אויף וואָס זיך אָפּצושטעלן פריער.

וואָסער כשוף-האַנט האָט דאָ פאַרוועבט אין צאַרטן פיאָלעט די פעלזן פון דער ווייטנס? וואָסער צויבער-טרוים האָט דאָ פאַרווירק-לאַכט זיך אין טעמפּלען און אין קאָלאָנען, וואָס הויבן זייערע שפּיצן

מאיעסטעטיש פונ׳ם טאָל? ווען האָט מען דאָ די טורעמס אויפגע-שטעלט, וואָס די גרעסטע מייסטערס אויף דער ערד האָבן נאָך אַזעלכע ניט געבויט? וואָסער וואונדער-שטאָק האָט דאָ געגעבן דעם באַפעל פאַר דער שפּיל פון זון-שיין און פון שאָטנס אין די שפּאַלטן פון די בערג? ווער האָט געשאַפן אָט-דעם וואונדער פון די פאַרבן, וואָס בייטן יעדע שעה דעם אויסזען פון די פעלזן?

לאָמיר גיין מיט דער סטעזשקע אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ, אין דער טיפעניש פון טאָל.

זאָלן די צעקראָכענע טוריסטן זיך שלעפּן אויף די אייזלען, וואָס הויבן אויף אַ שטויב; זאָלן דאָרט די אַרויפגעאַרבעטע אינ-שורענס-אַגענטן, די דערפאָלגרייכע מעקלערס, די קעלבערנע, שטייף-באַקראַגנטע קלעריקאַלן און זייערע פאַרוויאַנעטע ווייבער, וואָס לויפן אַרום איבער דער וועלט, זוכנדיג אַטמאָספערע און די פאַרלאָפענע יאָרן, — זאָלן זיי זיך הוידען אין די זאָטלען. ביסטו יונג? יאָגט דיין בלוט אין פרישע שטראָמען? — גיי, וואַנדערער, צופוס אין טאָל אַראָפּ!

גיין? ניין, דו גייסט ניט — דו פליסט. עס טראָגט דיך באַרג-אַראָפּ אויף די געדרייטע סטעזשקעס, ווי עמיצער וואָלט דיך געהאַלטן אין איין שטופּן.

נאָר אָט, האַלט איין דעם אָטעם, פאַרטאַרמאַזיר דעם טראָט, שטעל אָן דעם אויער — עס איז אומגלויבלאַך אַזאַ זאַך. —

הערסט זיך נאָך אַמאָל צו; רייבסט זיך ווידער אויס די אויגן צו איבערצייגן זיך אַליין, אַז דאָס איז ניט קיין חלום, ניט קיין האַלוצינאַציע, נאָר עפּעס אַ מיסטעריע, וואָס דיינע אויערן באַנעמען, נאָר וואָס דיין קאָפּ פאַרשטייט ניט בשום אופן. עס איז אַ רעטע-ניש; אפשר איז עס גאָר אַ נס — אַ גאַנצע צייט בריאַזגעט דאָ אָן אויפהער, ווי מ׳וואָלט דאָ ערגעץ דערביי געוואשן און געקייקלט אָן אַ צאָל פלעשער.

וואָס קען דאָס זיין?

ביסט שוין טיף פונ׳ם באַרג אַראָפּגעגאַנגען; אונטער דיר דער טאָל איז, דאַכט זיך, טיפער ווי ער האָט אויסגעזען פון אויבן, און ביי

דער זייט א וואַנט — א גראַניטן-פעלז און דאָרט אינווייניג — די בריאַזגענדיגע פלעשער.

ווי קומען אהער פלעשער?

וואָס פאַר א ריזן האָבן דורכגעגראָבן די גראַניט-פעסטונג דאָ?

און אויב ניט אינווייניג אין בארג, טאָ וואו-זשע פאָרט בריאַזגען די פלעשער אזוי שטאַרק?

ווידער בריאַזג... קנאַק... בריאַזג... קנאַק...

וואָלט אן אבערגלויביגער דאָ געשטאַנען, וואָלט ער זיכער פאַר-הויבן די אויגן צום הימל אין א געבעט, אז עס זאָל איינגעצאַמט ווערן די „אומריינע קראַפט", וואָס הארודעוועט דאָ, און אז דער „באַשעפער" זאָל זיך מרחם זיין אויף זיינע יאָרן.

נאָר וואָס-זשע באַדייטעט אָט-דאָס בריאַזגען? ניין, מען מוז דערגיין א טאָלק.

עס ווערט אינטערעסאַנט; דאָס אומבאַקאַנטע פאַראינטריגירט; מ'מוז געפינען א שליסל צו דעם רעטעניש.

מיטאַמאָל, ביי אן אויסבויג פון דער סטעזשקע, ווערט שטיל — אויס פלעשער-בריאַזגעריי — דו קומסט-אָן פנים אל פנים מיט א מאַן, וואָס שאַרט אַרונטער מיט א לאָפּעטע די שטיינדלאַך פון וועג. ער איז אן אָנגעשטעלטער פון דער רעגירונג. ער גיט אַכטונג אויף די סטעזשקעס. עס ווערט קלאָר, אז די שטיינדלאַך, וואָס ער האָט דאָ געשאַרט, האָבן דאָס דורך אן עכאָ, וואָס האָט דאָ אין די פעלזן א זעלטענעם קלאַנג, געשאַפן די אילוזיע פון בריאַזגענדיגן גלאָז.

אויב אזוי, דאַרף מען אויספּרובירן ווי עס וועט דאָ אָפּקלינגען אין די בערג א מענטשישע שטימע:

— א האַ! א האַ! א האַ!

עס צעקייקלט זיך צווישן די בערג די שטימע; זי שלאָגט זיך אָפּ אָן די פעלזן, הויבט זיך אויף און לאָזט זיך אראָפּ — וואַגיג און טיף-ברוסטיג ענטפערן-אָפּ די פעלזן פון ווייטנס.

דער גוטמוטיגער אַלטער עצה'ט ניט צו רעכענען זיך מיט דער מידקייט און גיין באַרג-אראָפּ ביז די „אינדיען גאַרדנס". דאָרט איז דאָ וואַסער אויף א טרונק; דאָרט איז דער קאָלאָראַדאָ ריווער;

דארט איז כדאי צו זיין. עס איז אהין בסך־הכל א מהלך פון דריי און א האלב מייל.

דריי און א האלב מייל? — זאל זיין דריי און א האלב מייל.

היידא, ווייטער אין וועג אריין, טיפער אין טאל אריין!

עס שפאנט זיך גרינג, דער קאפ ארויף די ברוסט פאראויס — עס אטעמט זיך אזוי לייכט, עס פילט זיך אזוי גוט.

מ׳דארף זיך ווידער א שפיל־טאן מיט דעם עכא.

— א הא!

ענטפער:

— א הא!

— א הו!

— א הו!

— א הא!

— א הא!

לאמיר הערן ווי עס קלינגט דא אפ דער נאמען פון דער טייער־סטער; לאמיר אויך הערן ווי עס קלינגט דא אפ דער נאמען פון דעם ליבן, גוטן קינד.

ס׳ארא פרייד צו הערן דא, 3000 מייל ווייט פון דער היים, די נעמען פון די ליבסטע.

* * *

דאכט זיך, אז עס קומען־אן פון ערגעץ מענטשן; דאכט זיך, אז עס הערן זיך שטימען דא דערביי.

אט קומט א יונגע מיידל, פארקליידט ווי א מאטראז. זי טראגט זיך בארג־אראפ ווי א פלינקער הערש און ווי א הערשל בלייבט זי שטיין דערשראקן, ווען זי דערזעט פלוצלונג אן אומבאקאנטן אויפ׳ן וועג.

א שאקל מיט׳ן קאפ, א פריינטלאכע באגריסונג — און מיר, די אומבאקאנטע, רעדן שוין צווישן זיך און צוזאמען מיט די אנדערע דריי באגלייטער פון דעם יונגן מיידל, וואס קומען אונטער אין דער צייט, שפאנט מען שנעלער בארג־אראפ.

מ׳רעדט. דער יונגער בחור פון דער קאלטער נארט־דאקאטא, דער צווייטער בחור פון סאקראמענטא, אין דעם גאלדענעם שטאט

ביים ים, איין יונג מיידל פון נעבראַסקאַ, די נייע באַקאַנטע פון אָהייאָ און איך, א זון פון אוקראַינע, — דורך וויפיל געדרייטע וועגן זענען מיר אַלע אויף איין סטעזשקע זיך דאָ צוזאַמענגעקומען? און אַט שפּאַנען מיר צוזאַמען אַלע פינף.

מ'פילט זיך גוט. דאָ קען מען ניט האַלטן דעם צונג געפּענטעט אין עטיקעטן.

מ'רעדט, ווי מ'וואָלט זיך שוין איינער מיט'ן צווייטן פאַר יאָרן און יאָרן געקענט.

— וואָס פאַר א וואונדערבאַרע שטימע מיר האָבן דאָ ערשט געהערט, — זאָגט שעלמיש מיין באַקאַנטע.

— עס האָט געקלונגען ווי א מעכטיגער אָרגל אין א קאָלאָסאַלן קאַטעדראַל, — גיט צו די צווייטע.

— דאָס האָט איר דאָך געהערט אַן עכאָ פון מיין שטימע, — זאָג איך אַזוי ניט באַשיידן אויס דעם סוד.

— ווי וואונדערבאַר עס איז געווען, — רעדט מיט אַנטציקונג מיין מיידל-מאַטראָז.

איך בעט זיי זאָלן מיר געבן א ביישפּיל ווי עס קלינגט פון ווייטנס דאָ אַן עכאָ. איך לאָז זיי גיין פאָראויס און וואַרט-אָפּ צו הערן אַן אָפּקלאַנג פון זייערע שטימען.

דער עפעקט איז א קאָלאָסאַלער — עס איז עפּעס אַזא וואונדער, וואָס מ'קען גאָר ניט איבערגעבן. אַזא מאַכט, אַזא צויבער, אַזא וויברירן אין דער לופט — עס פאַרכאַפּט דיך אינגאַנצן.

מיר גייען ווידער אינאיינעם; ענדלאַך זענען מיר ביי די „אינ־דיען גאַרדנס".

ניט קיין גאָרטן זעט מען דאָ, ניט קיין אינדיענס זענען דאָ דאָ.

אַן אַלטיטשקער מאַן קומט אַרויס פון א חורבה און באַגריסט זיך מיט אונז. דאָ וואוינט ער שוין באַלד 36 יאָר צייט. אַהער ברענגט מען אים אויף אייזלען זיין שפּייז איינמאָל א חודש. דאָ באַקט ער אַליין פאַר זיך ברויט. דאָ וואַשט ער אַליין זיין וועש. דאָ גיט ער אַכטונג אויף די האָרדעס אַנטעלאָפּן, וואָס קומען אַהער פון די בערג אין א באַשטימטער שעה יעדן טאָג. ער דערקלערט אונז,

אז מיר דאַרפֿן ניט גיין זוכן ווייטער — דאָס זענען טאַקע די „אינדיען גאַרדנס".

אַ פּאָר מאָגערע בלימלאַך זענען דאָ? אַ פֿרישער קוואַל וואַסער מורמלט דאָ אונטער די קוסטעס? וואָס נאָך דאַרף מען?

דער אַלטער דאַרף אודאי גאָר ניט מער — ניט אומזיסט האָט ער געקענט אַזוי פֿאַרהיטן זיין געזונט, אַז מיר זאָלן אים אָנגעמען פֿאַר אַ מאַן פֿון 40-42 יאָר, בשעת ער האָט שוין אָפּגעקלאַפּט אויף דער וועלט 87 יאָר.

דאָ האָט ער פֿאַרגעסן וועגן זיין גרויסן פֿאַרמעגן, וואָס ער האָט אין די קלאָנדאַיק־יאָרן געקראָגן און באַלד פֿאַרלאָרן.

אין דער שטילקייט פֿון אָט־דעם טאָל, ביי די וואַסערן פֿון אָט־דעם קוואַל צעטרעגצלט מען ניט קיין נערוון און קיין יאָרן ווערן דאָ ניט צעברעקלט ווי אין געפּילדער פֿון די סאָבוועים און אין געלאָף צווישן די שטיינערנע ווענט אין די קעניאָנס פֿון גרויס־שטאָט.

קעניאָן דאָ — איז רו; קעניאָן דאָ — איז שטיקלייט; קעניאָן דאָ — איז היינט ווי נעכטן; קעניאָן דאָ — איז איצט ווי אַלע מאָל.

קעניאָן אין שטאָט צווישן אָנגעליטע ווענט — איז גיהנום; קעניאָן אין שטאָט — איז טויט.

דער אַלטער עצה'ט אונז גיין כאַפּן אַ קוק אויף דעם קאָלאָראַדאָ־טייך — עס איז ניט מער ווי אַ מייל פֿון דאַנען.

זאָל זיין נאָך אַ מייל.

און אָט, נאָך דעם גאַנצן שפּאַנען אַראָפּ און אַראָפּ, שטייסטו ערשט 1400 פֿוס העכער איבער דעם טייך, וואָס ציט זיך ווי אַ דין שנירעלע טיף, טיף אונטער די פֿעלזן, אויף וועלכע דו שטייסט.

עס פֿאַרדרייט זיך דער קאָפּ; פֿון געדאַנק אַליין, אַז דו שטייסט 1400 פֿוס איבער אָט־דעם אָפּגרונט, אין וועלכן דער שנעל־לויפֿנדיגער טייך טראָגט זיינע שוימיגע וואַסערן, גייט דורך אַ סקרוך איבער'ן לייב.

מיר שפּאַרן זיך צווישן זיך וועגן דער ברייט פֿון טייך דאָ אונטער אונז.

מיר שאַצן־אָפּ די ווייטקייט: מיר פֿאַרגלייכן עס מיט דער טיפֿעניש און מיר איייניגן זיך, אַז דאָס שמאָלע שנירעלע וואַסער,

וואָס קוקט אויס צום אויג ניט ברייטער ווי ארום א פוס, מוז זיין ארום 300 פוס די ברייט. דער אַלטער דערקלערט אונז נאָכדעם, אַז דער טייך איז דאָ ארום 800 פוס די ברייט.

פון ביידע זייטן פעלזן, אונטער אונז דער טייך, איבער אונז דער בלויער הימל, קאקטוס-בלעטער ארום אונז, די שפּיצן בערג געפאַרבט אין פרישע פאַרבן און ערגעץ אין דער אומענדלאַכקייט דאָס רוישן פון א מאָטאָר פון אן עראָפּלאַן.

געמיש פון פּרימיטיוויקייט, פון נאַטור-קראַפט און פון מענטש-לאַכער דערגרייכונג. וואָס פאַר א צויבער דאָס אַלץ צוזאַמען שאַפט!

מ'דאַרף גיין צוריק. שווער וועט מסתמא זיין דאָס דראַפּען זיך ארויף, נאָר ביז פאַרנאַכט איז דאָ נאָך צייט גענוג צו קומען צו דעם ציל.

נאָר שווער צו שווער איז אַלץ ניט גלייך. ניט איינמאָל האָט זיך גערדאַכט, אַז אָט — אויס, וועסט שוין קיינמאָל פון דאַנען ניט ארויס. נאָר דער צויבער פון אַלץ ארום האָט געגעבן כחות. דאָס זעלטענע בילד פון נאַכטיגן שלייער, וואָס האָט מיט דעם זונען-אונ-טערגאַנג גענומען איינהילן דעם טאָל, דאָס איז געווען אַזאַ פּראַכט, וואָס האָט געשטאַרקט דעם גייסט און האָט געגעבן כח צו קריכן בארג-ארויף. אָט איז שוין דער שפּיץ דערגרייכט; אָט איז שוין דער האָטעל; אָט איז א וואַרעמער צימער פון רעסטאָראַן.

דער טאָג איז אַזוי שנעל אַוועק — דער גליקלאַכער טאָג אין דעם „גרענד קעניאָן" אין אריזאָנאַ.

זיי געבענטשט, אומפאַרגעסלאַכער טאָג! זיי געבענטשט, צויבער-בילד! דו וועסט זיך קיינמאָל פון זכרון ניט אויסמעקן.

דער יאַפּאַנעזישער גאָרטן אין האָליוואוד.

האָליוואוד האָט אַ סך חידושים: דאָ זענען דאָ באַרימטע סטודיאָס פון די מואווים; דאָ זענען דאָ פּאַלאַצן פון די פילם-„שטערן"; דאָ געפינט זיך דער פּראַכטפולער „האָליוואוד-באול" — די „שיסל" פון האָליוואוד, אַן אַמפיטעאַטער צווישן בערג, וואָס די נאַטור האָט אָנגעגרייט פאַר די שענסטע פאָרשטעלונגען אונטער דעם פרייען הימל; דאָ זענען דאָ די גרעסטע קראָמען מיט זייערע בליאַס-קענדיגע וויטרינעס; דאָ לויפן רחבות'דיג בולוואַרן; דאָ גייט מען קוקן אויף די וואונדער פון איין טעאַטער, וואָס איז אַ שטיקל איבערגעטראָגענע אַלטער כינע, און פון אַ צווייטן, וואָס איז אַ שטיק עגיפּטן, און פון אַ דריטן, וואָס איז גלאַט גראַטעסק; דאָ רייסן זיך צום האָריזאָנט די שפּיצן פון די בערג, וואָס רינגלען האָליוואוד אַרום.

נאָר פון אַלע חידושים דער גרעסטער חידוש — איז דער באַרג, אַרום וועלכן עס וויקלט זיך דער „גאָרטן פון יאַפּאַן". וויפיל מי האָט דאָס פון מענטש געדאַרפט פאַרשווענדן, אַז עס זאָל אַט-דער זעלטענער גאָרטן דאָ ווערן?

ווערן? — דאָ האָט מען אַלץ געדאַרפט מאַכן מיט די הענט: דאָ אָפּגראָבן, דאָ צושיטן אַביסל ערד, דאָ אויפבויען די טרעפּ, דאָ אויסלייגן די סטעזשקעס, דאָ אויספּלאַנעווען די טעראַסן, דאָ אויס-גלייכן אַ פּלאַכן פּלאַץ, אויף וועלכן עס שטייט דער צויבער-שלאָס.

די פּאַלאַצן אויף די בערג אין די מאָיאַנטקעס פון פּעאָדאַלן דאַרפן זיך פאָרשטעלן פאַר דער געביידע דאָ.

מ'זעט, אַז מיט אַ ברייטער האַנט האָט מען דאָ אַלץ געבויט. מ'האָט ניט געזשאַלעוועט קיין קאָסטן און פון יאַפּאַן האָט מען אַהער געבראַכט סיי פּלאַנצן, סיי סטאַטוען, סיי באַפּוצונגען פאַר דער הויז, וואָס איז געבויט אין אַ שטרענג-יאַפּאַנעזישן סטיל.

אויף די ברייטע וועראנדעס שטייען שאקל־שטולן, און אזוי ווי דא איז דער העכסטער פונקט, זעסטו פון דאנען די גאנצע שטאט.

דער גארטן איז אזוי פלאנירט, אז בשעת דו שטייסט אויף איין טעראסע, זעסטו בלויז נאך איין טעראסע אונטן; גייסטו אראפ צו דער צווייטער טעראסע, זעסטו שוין נאך איינע פון אונטן.

אויף יעדער סטעזשקע פלוצלונג א סופריז — דא א וואסערל צווישן בלומען, וואס זענען די שענסטע אין דער וועלט, דא א יאפא־נעזישער טעמפל אין מיניאטור, דא א סטאטוע, דא א בעסעדקע, דא א געדיכטער קוסט דורך וועלכן דו מוזט דורכגיין, איינבויגנדיג דעם קאפ.

באטראכסט טעראסע נאך טעראסע, שפאנסט אין דעם וואלד, וואס וויקלט זיך ארום דעם בארג, און גלויבסט זיך ניט, אז אויף דעם איינעם בארג האט מען געקענט אזוי פיל טעראסן מאכן, פאר־פלאנצן אזעלכע וועלדער און אזא מין פראכט אנזאמלען דא.

קומסט צו צו טרעפ, וואס האסט פריער ניט באמערקט. פון סאמע פוס פון בארג און ביז'ן סאמע שפיץ, וואו עס שטייט דער פאלאץ, ציען זיך די טרעפ.

פון דאנען איז דער בעסטער פונקט צו קוקן אויף דער שטאט.

אט שטייסטו אונטן אויפ'ן לעצטן טרעפל — די שטאט ליגט נאך נידעריגער און דו קענסט זען די גראדע גאסן אויף מיילן און מיילן ווייט. נאר אט הויבסטו זיך אויף אויף הונדערט טרעפ, און ווי געענדערט איז דאס בילד — עס האט אן אנדער שטאט פאר די אויגן זיך געעפנט. קומסטו צו צום סאמע העכסטן טרעפל, ליגט די גאנצע שטאט פאר דיר ווי אויפ'ן האנט, און דו זעסט דעם האריזאנט ווייט, ווייט, ווייט הינטער'ן שטאט.

ווי שיין דא מוז זיין, ווען עס קומט־אן די נאכט, ווען אט־דער גאנצער טייל פון אונטן ווערט מיט אונט־פייער באצירט.

מ'דארףווארטן.

עס איז ניט געווען אומזיסט. ווען די שטערנדלאך האבן זיך אנגעהויבן באווייזן אין די פענסטער, ווען די לאמטערנס האבן זיך א צונד געטאן און ווי שומרים זיך אין רייען אויסגעשטעלט אויף

אלע גאסן, ווען דער טאָל איז פארפלייצט געוואָרן מיט מיליאָנען פינקלענדיגע פייערן, איז דאָס געוועזן אזא סאָרט צויבער־בילד, וואָס האָט פארדינט מ'זאָל ווארטן דאָס צו זען.

באלד שליסט מען צו דעם טויער — מ'דארף זיך איילן און פארלאָזן דעם גאָרטן.

אין דעם רחבות'דיגן פאלאץ איז אין קיין איין פענסטער קיין פייערל ניטאָ — די באלעבאטים פון דעם פאלאץ זענען איצט, ווייזט אויס, ניטאָ אין דער היים. דאָס איז, מסתמא, ניט זייער איינציג גן־עדן־ווינקל אויף דער ערד.

אין וועלכער שווייצאריע פארברענגען זיי איצט?

אַ זאַמד־שטורם אויפ׳ן וועג לעבן „יאָסעמיטי וועלי״.

עס איז געווען אַ טאָג פון גרויסער פרייד.

נאָך איידער די זון איז אויפגעגאַנגען, האָבן מיר פאַרלאָזן אונזער קעבין אין דעם שיינעם שטעטעלע מאַרסעד און מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויף דעם וועג צום באַרימטן יאָסעמיטי טאָל.

פון ביידע זייטן וועג האָבן זיך געצויגן אָראַנדזש־גערטנער און אין דער לופט איז געווען צעגאָסן אַזאַ אַראָמאַט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז דו נעמסט אַריין אין זיך נעקטאַר.

ערטערווייז זענען פאַרבייגעלאָפן שטרעקעס נאַקעטע, פלאַכע פעלדער, וואו מ׳האָט ערשט אַרונטערגענומען די קוקורוזע.

פון ווייטנס האָבן זיך אויף דעם האָריזאָנט שוואַך אויסגעטיילט די קאָנטורן פון בערג.

די אָראַנדזש־גערטנער מיט זייערע גלייכע שורות בוימער, וואָס ציען זיך אַוועק ערגעץ טיף אין דער אומענדלאַכקייט, די נאַקעטע פעלדער מיט די בערגלאַך קוקורוזע־שטאַמען און שטרוי, די נעבל־האַפטע ליניע פון די בערג אין דער ווייטקייט — אַלץ האָט ביי דער שיין פון דער אויפגעגאַנגענער זון באַקומען אַ נייעם אויסזען — עס איז געווען אַ נייע וועלט.

אימפעטיג יאָגט זיך דער „נעש״ איבער דעם וועג, אויף וועלכן מ׳באַגעגנט ניט אין אָט־דער פרימאָרגן־שעה קיין דורכפאָרער; די געניטע האַנט פון טרייבער ציטערט ניט; דער פוס באַפעלט דעם גאַז־שטראָם צו לויפן שנעלער, און די מאַשין טראָגט זיך ווי אַ טייוול. עס שווינדלט אין די אויגן פון דער שנעלקייט; בריקלאַך און געזאָלין־סטאַנציעס קומען־אָן אַנטקעגן און אַנטלויפן מיט אַזאַ אימפעט, אַז נאָך איידער דו האָסט צייט צו כאַפּן אויף זיי ווי געהעריג אַ קוק, זענען זיי שוין ניטאָ.

— וויפיל מייל אַשטייגער, דענקט איר, לויפן מיר איצט דורך

אין א שעה? — פרעג איך דעם טרייבער, ווייל דער ספידאָמעטר (דער מיילן־מעסטער) איז ניט אין אָרדנונג.

— זיכער ניט ווייניגער זוי 60, — ענטפער ער, — איך פיל דאָס שוין אָן א ספידאָמעטר.

כמעט אומבאמערקט יאָגן זיך אָן די ערשטע קליינע בערגלאך, און אָט זענען מיר שוין אין א געגנט, וואו אונזער וועג דרייט זיך צווישן גרויסע און קלענערע בערג, ביי די זייטן באווייזן זיך טיפע אָפּגרונטן — מיר זענען שוין גאָר נאָענט צו דעם יאָסעמיטי טאָל.

העכער און העכער הויבט זיך דער וועג און טיפער און טיפער ווערן די אָפּגרונטן ביי די זייטן. עס פאַכאַפּט דעם אָטעם, ווען דו קוקסט ארונטער אין דער טיפעניש. אָן אויפהער קריכט אין קאָפּ אריין דער געדאַנק: וואָס וואָלט געווען, ווען די מאַשין ניט זיך בלויז א קליין ביסעלע א גליטש? וואָס וואָלט פון אונז דריי געבליבן?

אָט ברענגט אונז אונזער געדרייטער וועג צו א גאָר שווינדלענ־דיגער הויך. פון איין זייט וועג הענגען אריבער איבער אונזערע קעפּ ריזיגע פעלזן אין משונה'דיגסטע פאָרמען, פון דער צווייטער זייט איז א וואַלד אין א טיפן אָפּגרונט.

— לאָמיר זיך דאָ אָפּשטעלן און אביסל באַטראַכטן וואָס דאָ טוט זיך, — שלאָג איך פאָר.

מיינע צוויי מיטרייזנדיגע שטימען־צו, און מיר גייען ארויס פון מאַשין. עס ווילט זיך אויסגלייכן די ביינער; עס ווילט זיך לויפן; עס ווילט זיך דראַפּען אויף די פעלזן, אָדער זיך גאָר אראָפּלאָזן אין טאָל.

דאָס לעצטע איז דאָס אינטערעסאַנטסטע — די נעדיכטע קוסטעס אין דעם טאָל זעען אויס אזוי נאָענט, מ'דאַרף זיך נאָר ארונטערלאָזן פון אָט־דעם שטיין אויף א צווייטן, מ'דאַרף בלויז זיך אָנהאַלטן אָט־דאָ און זיך אביסל ארונטערגליטשן אָט־דאָ — און דו וועסט שוין זיין ביי די קוסטעס, און דאָרט איז דאָך דאָס קריכן באַרג־אַראָפּ ניט קיין שווערער ענין. די מיטרייזנדיגע מיינע וואָ־רענען ניט אָנצוהויבן קריכן. נאָר ווער הערט זיי? באַלד אָבער ציינט זיך ארויס, אז גערעכט זענען זיי געווען. דו קריכסט ניט

וואו דיר ווילט זיך און ניט אין קיין באַשטימטער ריכטונג. דו שטעלסט אַ פוס אויף רעכטס, דו גיסט אַ שפּרונג אויף לינקס, דו גייסט פאָראויס און אויף צוריק. מיטאַמאָל דערזעסטו, אַז דו האָסט שוין פאַרבלאָנדזשעט — פון דעם וועג פון אויבן איז קיין זכר ניטאָ, וואוהין צו גיין ווייסטו ניט, ווי אַזוי אַרויסצוקריכן האָסטו ניט קיין אַנונג. בלויז אַ צען מינוט צייט — און ביסט שוין צווישן הימל און שטיינער און אַ פולשטענדיג פאַרלאָרענער.

פּלוצלינג דערהערן זיך די שטימען פון די חברים:

— אַ־הו... אַ־הו... אַ־הו...

ענדלאַך לויט די שטימען צוריק אָנגעטאַפּט דעם וועג און ווי־ניט־ווי אַרויסגעקראָכן.

— נו, האָט איר דאָס באַדאַרפט? — פרעגן די חברים גוט־מוטיג און מיט אַ ביסעלע פאָרוואורף אין זייער טאָן.

איך גיב צו, אַז זיי זענען געווען גערעכט. מיר פאָרן ווייטער.

אָט זענען מיר שוין ביי אַ שטיבל, לעבן וועלכן עס שטייט אַ וועכטער; מיר צאָלן אָפּ דעם „גרעניץ־אָפּצאָל“ און מיר זענען שוין אויף דער טעריטאָריע פון יאָסעמיטי וועלי.

מיר פאָרן אין אַ געדיכט וועלדל פון נידריגע ביימלאַך. אָט באַווייזן זיך מיט קרייד־אָנגעצייכנטע קעסטלאַך, וואו אויטאָמאָבילן מעגן זיך אָפּשטעלן — מיר זענען שוין אין האַרץ פון יאָסעמיטי טאָל.

אַ גרופּע טוריסטן האָדעווען בערן, וואָס האָבן זיך שוין צו־געוואוינט עסן פון האַנט. מיינע באַגלייטער ווילן זייער שטאַרק איך זאָל זיך אויך פאַראינטערעסירן מיט די בערן, נאָר ווי קען מען זיך אַרומקוקן אויף בערן, ווען פאַר די אויגן עפנט זיך אויף די אומפאַרגעסלאַכע פּאַנאָראַמע פון די גראַניט־פעלזן פון יאָסעמיטי, אַ טאָל, און אַרום און גיגאַנטישע גראַניט־ווענט. אָט רייסט זיך אין הימל אַריין אַ פעלז, וואָס איז באַגאָסן מיט זון־שיין. אָט שטייט אויסגעבויגן, ווי עס וואָלט האַלטן ביים איינפאַלן, אַ טעמפּל, וואָס בלויז ריזן וואָלטן געקענט פאַרטראַכטן.

ווי אַזוי זענען דאָ די דאָזיגע ווענט אויפגעשטעלט געוואָרן? זענען זיי אַרויסגעשאָסן געוואָרן פון דער ערד, אָדער דער געגנט פון דעם טאָל האָט פאַרגעשטעלט איין מאַסע און אַ טייל פון איר

איז אייגנגעזונקען געוואָרן און אזוי אָרום האָבן זיך פאַרמירט די ווענט, וואָס באַוואַכן דעם טאָל? דער מוזיי אין יאָסעמיטי וועלי דערציילט, אַז די צווייטע השערה איז די ריכטיגע.

* * *

זומער ווייזט מען דאָ גאַנצע קונצן. ווען עס קומען זיך צונויף אַהער טויזנטער טוריסטן, פאַרווײַלט מען זיי מיט די אַלע קלאָפּער-געציייג, וואָס יעדער אַמעריקאַנער זומער-פּלאַץ פאַרמאָגט — מ׳טומלט, מ׳פּילדערט, מ׳פאַרקויפט דאָ שמאַכטעס; עס גרילצט אין די אויערן.

נאָר איצט איז דאָ שטיל, אַ מחיה. עס איז אַ גרויסער יום־טוב צו זיין דאָ, אין אָט דער שטילקייט, שפּאַנען דאָ מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ און אומגעשטערט באַוואונדערן די שיינקייט פון אָט־דעם צויבער-ווינקל.

לויט די באַשרייבונגען דאַרף דאָ ערגעץ זיין דער „סילווער לייק״. וואו-זשע איז ער? פאַרוואָס האָט מען אים אַזאַ נאָמען געגעבן?

מיר געפינען אויס דעם פּלאַץ, נאָר פון קיין לייק איז דאָ קיין זכר ניטאָ — ער האָט אויסגעטריקנט ביז דעם לעצטן טראָפּן. נו, מילא, איז אָן אַ לייק — עס איז דאָ פאַראַן גענוג פּראַכט אָן אַ לייק אויך. שפּאַצירן מיר אַראָפּ צו דעם פּלאַץ, וואו אין פרילינג וועט ווידער זיין אַ לייק, וואו עס וועלן זיך ווידער אָפּשפּיגלען די ווייסע בערג און געבן די וואַסערן פון לייק אַ זילבערנעם קאָליר.

מ׳דערציילט אונז, אַז זומער-צייט, ווען דאָ איז געפּאַקט מיט טוריסטן, גיט מען דעם עולם אַזאַ „טריט״: אין די אָוונטן צעלייגט מען אויף די שפּיצן פעלזן גרויסע פייערן און מ׳וואַרפט פון דאָרט ברענענדיגע האָלאָוועשקעס אין טאָל אַראָפּ — פון די פאַלענדיגע, גליענדיגע פונקען שאַפט זיך אַ וואונדער־בילד. אַלע זאָגן, אַז דאָס דערמאָנט אָן דעם ניאַגאַראַ וואַסער-פאַל, נאָר דאָרט קייקלען זיך וואַסער-וואַלן און דאָ — פייער. נאָר אַפילו דאָס, וואָס איצט איז דער פייער-פאַל ניטאָ, האָט מיר אויך ניט געאַרט, ווייל עס איז אָן דעם אויך געווען גענוג שיינקייט.

עס גייט אַוועק אַ שעה נאָך אַ שעה. די באַגלייטער הויבן

שוין אָן פאָדערן, אַז מיר זאָלן פאָרן צוריק, און איך בעט זיך ביי זיי צו בלייבן דאָ נאָך אביסל. דאָס אויג קען זיך ניט אָנקוקן צו־זאַט אויף די ווייסע פעלזן, וואָס הויבן זיך מאַיעסטעטיש אין הימל אריין. די שפּיל פון ליכט אויף די ווייסע ווענט גיט זיי אַלעמאָל צו אַ נייעם אויסקוק. אַט דאַכט זיך, אַז דאָרט הויבט זיך אַ וואַנט פון אַן אַרכאַאישער געביידע; אַט דאַכט זיך, אַז דאָס הויבט זיך אַ וואַנט פון אַ פּיראַמידע ערגעץ אין עגיפּטן; אַט דאַכט זיך, אַז דאָרט שטייט אויסגעבויגן אַן אַלטער קאַטעדראַל; אַט דאַכט זיך, אַז דאָרט האָט זיך פון אַ ים אַ הויב געטאָן אַ קאָלאָסאַלע אייז־קריע און זי וועט זיך באַלד צעברעקלען און דו וועסט דערזען דעם האָריזאָנט אויף דער צווייטער זייט.

— נו, קומט שוין, זאָל זיין גענוג. נאָך אַלץ ניט אָנגעקוקט זיך דאָ? — שטייען צו מיינע באַגלייטער.

— קומט, וועלן מיר אייך בעסער דערציילן די געשיכטע פון דער בארימטער אינדיאַנערקע.

— וואָסער אינדיאַנערקע? — הויב איך אָן זיך דערפרעגן.

די באַגלייטער שלאָגן איבער איינער דעם צווייטן, יעדער איינער וויל אַריינברענגען זיינע דעטאַלן.

• • •

און איך האָב געהערט די פאָלגענדע געשיכטע:

געלעבט האָט דאָ צווישן די אינדיאַנער, וואָס האָבן אַמאָל דעם יאָסעמיטי טאָל באַוואוינט, אַ מיידל מיט דעם נאָמען איהאַגאַהאַ. זי האָט אַ געליבטן געהאַט, וואָס איז געווען גרייט פאַר איר צו גיין אין פייער און אין וואַסער. ער האָט זייער געוואָלט באַווייזן איהאַגאַהאַ׳ן ווי גרויס עס איז זיין ליבע צו איר, און אַט וואָס ער האָט געטאָן: עס איז ביי די אינדיאַנער געווען פאַרשפּרייט אַ באַגריף, אַז ווען איינער קריכט אַרויף אויף דעם העכסטן פעלז פון יאָסעמיטי און שרייט דאָרט עפּעס אויס פּונקט אין דער מינוט, ווען די זון איז אין מיטן הימל, קלינגט אָפּ אַן עכאָ, וואָס שלאָגט זיך אָפּ אין אַ פעלז, פון דאָרטן אין אַ צווייטן, פון דעם צווייטן אין אַ דריטן, פון אַ דריטן אין אַ פערטן, דערנאָך צוריק אין דעם ערשטן, און אַזוי קייקלט זיך דאָ דער קלאַנג, וואָס איז איינמאָל

ארויסגעבראכט געוואָרן, אַז אַ סוף און אָן אַן עק.

איהאַגאַהאַ'ס געליבטער האָט דערקלערט, אַז ער וועט זיך ארויפדראַפּען אויף דעם העכסטן פעלז און דאָרט וועט ער דעם נאָמען פון זיין איהאַגאַהאַ אויסרופן און זאָל אויף אייביג און אייביג דער נאָמען שוין דאָרט צווישן די פעלזן הילכן, און הימל און פעלז און וואַסער און זון וועלן אַלעמאָל הערן דעם אומאויפהערלאַכן רוף:

— איהאַגאַהאַ! איהאַגאַהאַ! איהאַגאַהאַ!

ער איז ארויפגעקראָכן, און ווען ער איז שוין געווען כמעט ביים סאַמע שפּיץ פון פעלז, האָט ער זיך אויסגעגליטשט און איז צעשמעטערט געוואָרן צווישן די שפּאַלטן פון די פעלזן.

איהאַגאַהאַ האָט געזען ווי איר געליבטער האָט פאַרלאָרן זיין גלייכגעוויכט און ווי ער איז פאַרשוואונדן, נאָר געפינען האָט זי אים ניט געקענט, וויפיל זי האָט אים ניט ארומגעזוכט צווישן די פעלזן.

האָט זי באַשלאָסן, אַז ער איז ניט אומגעקומען, אַז ער איז בלויז אַראָפּגעגאַנגען ערגעץ צווישן די בערג און אָט באַלד וועט ער זיך באַווייזן אין מיטן טאָג ביי דעם העכסטן שפּיץ פון פעלז און וועט פון דאָרט אויסרופן:

— איהאַגאַהאַ! איהאַגאַהאַ! איהאַגאַהאַ!

יעדן טאָג, ווען די זון איז געווען אין מיטן הימל, איז איהאַגאַהאַ פּינקטלאַך געווען אויף איר פּאָסטן, דערוואַרטנדיג צו דערזען איר געליבטן און צו דערהערן זיי שטימע, וואָס וועט אויסרופן איר נאָמען.

עס זענען אַוועק יאָרן. איהאַגאַהאַ איז פון אַ שיינער, בליענדיגער יונגער מיידל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַלטער, איינגעקנייטשטער פרוי, נאָר איר טעגלאַכע וואַך האָט זי ניט אויפגעגעבן.

* * *

די שיינע מעשה גיט צו נאָך מער חן דער ארומיגער שיינקייט און נאָך ווייניגער ווילט זיך שיידן מיט אָט דעם פּראַכט, נאָר מ'מוז גיין.

אונזער „נעש" טראָגט אונז צוריק צו סאַן פראַנציסקאָ. ער

מאַכט אַפּילו אַביסל פּוילע שטיק, נאָר מיר בעטן אים איין אין א גאַראַדזש, מ׳איז אים דאָרט מכבד מיט א נייעם „מעין בערינג״, דאָס איז אַזאַ סאָרט האַמערל אין א גענלייזט טעפּעלע, וואָס אָן דעם פאָרט ניט די מאַשין. אַז איר וועט זיין געבענטשט צו פאָרן אויף אַלטע אויטאָמאָבילן און איר וועט א פּאָר מאָל בלייבן שטיין אויף עטלאַכע שעה, ווען די מאַשין הויבט פּלוצלינג אָן צו סקריפּען און צו סווישטשען, וועט איר שוין אויך אויסלערנען די תורה, וואָס א „מעין בערינג״ איז.

פאָרן מיר שוין זיכער, אַז מיר וועלן דורכלויפן דעם וועג קיין סאַן פראַנציסקאָ „אין נאָ טיים״ (איינס און צוויי), נאָר עס איז ארויסגעקומען אַנדערש.

פּלוצלונג האָבן זיך אָנגערוקט וואָלקנס, עס האָט אָנגעהויבן בלאָזן א שטאַרקער ווינט. צום הארצן האָבן מיר זיך פון דעם ניט גענומען. מיט אַמאָל האָט דער ווינט אָנגעהויבן שליידערן אין פּנים אריין זאַמד און שטויב, נאָר כאָטש עס איז ניט געווען זייער אָנגענעם, האָט עס פונדעסטוועגן ניט אויסגעקוקט, אַז עס איז עטוואָס ערנסטעס.

— וואָס זאָגט איר אַזוי ? — פרעג איך דעם טרייבער.

— איר ווייסט ניט ? — ענטפערט ער, — דאָס רוקט זיך דאָך אָן א זאַמד־שטורעם ; איך וויל וואָס שנעלער ערגעץ צוקומען צו א ישוב.

נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט צו פאַרענדיגן זיינע רייד, איז געוואָרן אַזוי פינסטער, ווי אין מיטן נאַכט. אונזערע אָנגעצונדענע אויטאָמאָביל־לאַמטערנעס האָבן קוים־קוים דורכגעשניטן די פינסטער־ניש. נאָר אָט האָט זיך אָנגעטראָגן א ווינט־כוואַליע מיט אַזויפיל זאַמד, אַז עס האָט פאַרהילט דעם אויטאָמאָביל ווי מיט א געדיכטן שלייער. אַפּילו די לאָמפּן האָבן שוין גאָר ניט געהאָלפן. עס איז געווען א געפאַר, אַז אין דער פינסטערניש זאָלן מיר אַראָפּפאָרן ערגעץ אין א גרוב. מ׳האָט געמוזט בלייבן שטיין. איז אויף א מינוט געוואָרן אביסל ליכטיגער, זענען מיר ווידער געפאָרן, נאָר האָט זיך אָנגעטראָגן א נייער ווינט־שטראָם און ווידער איז געוואָרן

פינסטער און ווידער האָבן מיר געמוזט בלייבן שטיין. נאָר אַט איז שוין שטיין אויך ניט געווען קיין רפואה — דער ווינט איז געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז יעדע מינוט האָט ער געקענט איבערקערן דעם אויטאָמאָביל און אונז פאַרטראָגן ווער ווייסט וואוהין.

מיט אַמאָל האָבן זיך אָנגעהויבן אויף אונז טראָגן ריזיגע בערג, עס האָט זיך געדאַכט, אַז מיר זענען פאַרלאָרענע. דאָס האָט זיך אויף אונז געטראָגן איין קנויל נאָך דעם צווייטן פון דער שטרוי פון קוקורוזע. דער ווינט האָט די דאָזיגע שטרוי פאַרקנוילט און זי געקייקלט און, קייקלענדיג זי, האָט ער געמאַכט די קנוילן גרעסער און גרעסער און זיי זענען אויף אונז אַרויפגעוואָרפן געוואָרן ווי ריזיגע בערג, וואָס האָבן אונז אינגאַנצן פאַרדעקט.

די זאַמד איז אַריין אין מויל, אין די אויערן, אין די אויגן. יעדער מאָל, ווען דער ווינט האָט אויף אַ מינוט זיך באַרואיגט, האָבן מר זיך אַ יאָג געטאָן מיט אונזער מאַשין און אונז אַנטקעגן זענען אָנגעקומען מאַשינען, וואָס האָבן זיך געיאָגט פּונקט ווי אונזערע. אויף זיי האָבן מיר ערשט געקענט זען, וואָס דער ווינט האָט אָפּגעטאָן. זיי זענען געווען באַדעקט מיט געדיכטע פלאַסטן זאַמד און זיי האָבן מיט זייערע בליאַסקענדיגע לאָמפּן געהאַט אַ מאָדנעם אויסזען.

עס איז געווען אַ געפאַר, אַז מ'זאָל זיך צוזאַמענשטויסן און צעשמעטערט ווערן אויף פּיצלאַך, נאָר לאַנג איז מען סיי־ווי ניט געפאָרן. אַט יאָגט זיך שוין אַ נייער שטראָם און אַט איז שוין ווידער פינסטער. עס דאַכט זיך, אַז עס וועט גאָר ניט נעמען קיין סוף; עס ווערט ערגער פון מינוט צו מינוט. עס דאַכט זיך, אַז די גרויסע בערג רייסן זיך אָפּ און ווילן אונז באַלד דערדריקן. דער ווינט פּייפט און פּאַטשט אין פּנים מיט בערג זאַמד; יעדער גרויסער קנויל שטרוי וואַלגערט זיך צו ווי אַ קאָלאָסאַלער היפּאָ-פּאַטאַמוס; דער אויטאָמאָביל גיט אַ פּאָר און בלייבט ווידער שטיין; אונזער לעבן הייננט אויף אַ האָר — קאַליפאָרניע האָט אונז מכבד געווען מיט איינעם פון אירע ערגסטע זאַמד-שטורעמס.

וועלן מיר זיך כאָטש אַרויסראַטעווען?

עס האָט געדויערט אַרום צוויי שעה צייט, דערנאָך איז גע־וואָרן אַביסל שטילער; מיר האָבן זיך ווי ניט איז דערשלעפּט צוריק צו דעם שטעטעלע מערסעד און אויף מאָרגן זענען מיר שוין איבער העל־באַלויכטענע וועגן געפאָרן פריילאַכע צוריק קיין סאַן־פראַנציסקאָ.

אויף מאָרגן איז שוין געווען אַ פאַרגעניגן צו דערמאָנען דעם נעכטיגן שטורם און עס האָט געפרייט וואָס דו האָסט בייגעוואוינט אַזאַ בייזע נאַטור־שפּיל, וואָס ענדיגט זיך אָפּט מיט אַ גאַר ביטערן סוף פאַר די, וואָס זעען דאָס צו.

באַנאַכט צום „מאונט-ווילסאָן", פאַרטאָג צום „קעיוו אָוו די ווינדס"

כל-זמן איר זענט יונג, וועט איר ניט פארפעלן — אויב איר געפינט זיך אין קאַליפאָרניע — ארויפצושפּאַנען צום מאונט-ווילסאָן. בלויז קריפּלס און אָפּגעלעבטע אַלטע שטורמאַקעס וועלן זיך ארייַנזעצן אין א מאַשין און וועלן האַלטן די נשמה אין די הענט, שרעקנדיג זיך פאַר דעם וועג, וואָס גייט באַרג ארויף.

יוגענט שרעקט זיך ניט — יוגנט רייסט זיך שטענדיג באַרג ארויף!

ניט נאָר דאָס, יוגנט זוכט די אינטערעסאַנטע דערפאַרונג פון ארויפקלעטערן אויף דעם הויכן באַרג צו פארבינדן מיט אַן אינטערעסאַנטער איבערלעבונג פון אזא מאַרשרוט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט. יוגנט וועט ניט דורכלאָזן א מעגלאַכקייט צו באָאַבאַכטן א זונען-אויפגאַנג פון א צען-טויזנט-פוסיגער הויך.

מיר האָבן באַשלאָסן אָנצוהויבן דעם „שפּאַציר" צוויי באַנאַכט. גענעכטיגט האָב איך בא פריינט אין סיערא מאַדרע, וואָס געפינט זיך צופוגס פון דעם מאונט לאווא, וואָס פירט צום מאונט ווילסאָן. פון דעם באַלקאָן אין דעם קליינעם שטיבעלע, וואו איך האָב געדאַרפט די פּאָר שעה פאַרברייננגען, האָט זיך געזען א ווייטקייט פון צענדליגער מיילן און די מיליאָנען פינקלענדיגע פייערלאַך פון די הונדערטער שטעטלאַך, וואָס ליגן אין דעם טאָל, האָבן געשאפן א צויבער-בילד, וואָס וועט זיך קיינמאָל ניט אויסמעקן פון זכרון. די דופּטענדיגע אַראַנזשן האָבן אָנגעפילט די לופט מיט אזא אַראָמאַט, וואָס האָט פאַר׳שכור׳ט. עס האָט זיך גאָר ניט געוואָלט אָפּרייסן פון דעם צויבער-בילד און פון דער נאַכט, אין דער שטילקייט פון וועלכער אָט דער אויסגעשטערנטער הימל און אָט דער וואונדערבאַרער אַראָמאַט האָבן אויסגעזען ווי ניט

פון דער וועלט, נאָר ווי פון עפּעס אַ כשוף-לאַנד, פון וועלכן עס דער-ציילט זיך אין אַ מעשה-ביכל.

ווי קען מען גיין שלאָפן?

עס איז שוין נאָך האַלבער נאַכט, מ׳מוז גיין כאַפּן אַ דרעמל. דער ווינט הוידעט די לייוונטענע ווענטלאַך פון דעם רחבות׳דיגן באַל-קאָן, אויף וועלכן עס שטייט מיין געלעגער. אַן אנגענעמע קילקייט גלעט דאָס געזיכט און פון דערווייטנס פינקלען די מיליאָנען פייערלאַך.

כאָטש דער שלאָף איז געווען קורץ, נאָר ווי זיס ער איז געווען.

— גייען מיר? — פרעגט מיך מיין פריינט, ווען איך הויב אויף מיין קאָפּ, — זענט איר ניט פויל אויפצושטיין?

— וואָס פויל, ווער פויל?! — זאָג איך, אַראָפּשפּרינגענדיג פון מיין בעט, — אַ קאַלטער שפּריץ און — מען איז ווידער פריש!

ווי געשמאַק עס איז אויף גיך אַריינצוכאַפּן אַ פרישטיק און ווי גוט עס איז זיך לאָזן אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט שפּאַנען ערגעץ באַרג אַרויף צו אַ הויכער הויך און צו דער זון, וואָס וועט פון מזרח זיכער קומען.

— ווער זאָגט עס, אַז ס׳איז שווער צו גיין באַרג אַרויף? — רייץ איך זיך מיט מיין פריינט.

— וואַרט, וואַרט, — זאָגט ער, דער דערפאַרענער, — וועסט נאָך זען, וואָס שווער הייסט.

העכער און העכער הויבט זיך די סטעזשקע; שטיל איז דאָ אַזוי, אַז עס הערט זיך דאָס אָנטרעטן אויף דעם קלענסטן בלעטעלע. וואָס העכער מיר הויבן זיך אויף, אַלץ ווייטער טרעט אָפּ דער האָריזאָנט און נאָך גרעסער ווערט דער ים פון די מיליאָנען פייערלאַך אין דעם טאָל.

מיין פריינט איז ווייט פון דעם קאָכיגן לעבן אין דער גרויסער שטאָט — ער זיצט זיך אין זיין קאַבינעט און שפּינט דאָרט דאָס געוועב פון זיינע נאָוועלען, נאָר אפילו זייענדיג אָן אַ זייט פון קאַמף און פון טעטיגקייט, האָט ער אָבער ניט פאַרלאָרן דעם צוזונד צו דעם לעבעדיגן לעבן. מיט דעם קינסטלערישן אויג און מיט דעם וויסן פון איינעם, וואָס האָט זיך אַליין געפּלאָגט בא דער מאַשין, וואָס האָט אין קוילנ-גרובן געאַרבעט, וואָס האָט פאַרזוכט דעם גאַנצן ביטערן טעם פון

אַרבעטער-נויט און פון די אַרבעטער-ליידן, זעט ער דורך און דורך די פאַרפוילטקייט פון דער איצטיגער אָרדנונג און די דעגענעראַציע פון דער געזעלשאַפט, וואו געציילטע זיינען אַזוי איבערגעפרעסן אויף דעם חשבון פון די הונגעריגע מיליאָנען, אַז זיי ווערן משוגע פון וואוילטאָג.

ער רעכנט אויס אַ צעטל פון פּאַסירונגען אין דעם לעבן פון אַמע-ריקע אין פאַרלויף פון דער גאָר לעצטער צייט און פרעגט:

— ווי אַזוי קען מען לעבן אין אַזאַ אַטמאָספערע? מען קען דאָך דערשטיקט ווערן! עס איז נאָר אַ וואונדער, וואָס די ליידנדע דולדן אַזאַ נויט; עס איז אוממעגלאַך זיך דערקלערן די פענאָמענאַלע דער-שיינונג, וואָס אַרבעטער זיינען אַזוי אונטערטעניג און אַזוי דום.

איך נעם באַוויזן, אַז ער איז ניט גערעכט אין באַצוג צו די אַר-בעטער. איך דערצייל אים וועגן די סמנים פון אַ גרויסער אומצופרידנ-הייט, וואָס וואַקסט אָן אין די רייען פון די אַרבעטער; איך דערמאָן די פאַרראַטן פון די יוניאָן-ביוראָקראַטן; איך דערמאָן דעם פאַקט, אַז אויף דעם אָפיציעלן יוניאָניזם ליגט דער שטעמפּל פון דער אַריס-טאָקראַטיע פון אַרבעטער-קלאַס, אַז דער הויכער סטאַנדאַרד אפילו פון אָט דער אַריסטאָקראַטיע ווערט אַרונטערגענדריקט, אַז די מיליאָנען אַרבעטער הויבן אָן זיך אויסצושטוכן פון שלאָף.

דערווייל שפּאַנען מיר אַלץ ווייטער און ווייטער, אַלץ העכער און העכער.

— ווי לאַנג, דיינקט איר, גייען מיר שוין? — פרעג איך באַ אים.

— האַ, וואָס, פאַרמאַטערט? — דערפרייט ער זיך, — איך האָב אייך געזאָגט.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר גייען שוין באַלד דריי שעה צייט. באַלד וועט שוין אָנהויבן צו טאָגן און מיר וועלן האָבן די זכיה צו זען אַ קלאָרן זונען-אויפגאַנג. מיין פריינד דערציילט מיט באַגייסטערונג וועגן זיין געפּלאַנטער רייזע אין סאָוועטן-לאַנד, וועגן זיין דערוואַרטונג זיך אָנצושעפּן דאָרט מיט איינדרוקן — אינגער ווערן, קוקנדיג אויף דעם גרויסן וואונדער, וואָס דאָס יונגע אַרבעטער-לאַנד האָט שוין ביז איצט באַוויזן: אַלע שונאים, וואָס זיינען אויף אים אָנגעפאַלן צו פאַרטרייבן, און אויף די חורבות פון אַ רואינירטן לאַנד בויען די געביידע פון אַ נייער וועלט.

עס איז אזוי גוט צו שפאַנען דאָ איצט אין דער פאַרטאָגיגער שעה און פילן זיך יונג און פילן זיך מונטער און זיין זיכער און וויסן, אַז ערגעץ, פון וואַנענט די זון וועט איצט קומען, האָט זי געלויכטן אויף אַ ריזיגער וועלט־טייל, וואָס איז שוין באַפרייט.

די לופט הויבט אָן ווערן בלוילאַך, באַלד נאָך מער בלוי, און אָט הויבט זיך עפּעס אָן אויף דעם הימל אַ כשוף־אַרבעט. עס שיילן זיך פלוצלונג פון דער פינסטערניש אַרויס רויטע לענגלאַכע וואָלקנדלאַך. עס ווערט אַלץ טיפער און טיפער זייער רויטע באַפאַרבונג, און אָט באַווייזט זיך די זון.

איצט טאָר מען ניט ריידן — אפילו קיין ריר טאָר מען זיך ניט טאָן.

שטייסט פאַרגאַפט פאַר דעם גרויסן וואונדער פון אַ זונען־אויפ־גאַנג, וואָס מ׳קען מיט ווערטער ניט איבערגעבן, און עפּעס קלאַפּט אזוי פריידיג דאָס האַרץ, עפּעס ווילט זיך אויסשרייען:

— ווי גוט עס איז, וואָס נאָך אַזאַ פינסטערער נאַכט קומט אַזאַ ליכטיגע זון!

די מיליאָנען פינקלענדיגע פייערלאַך אין דעם טאָל פאַרשווינדן און עס עפנט זיך אויף אַ פּאַנאָראַמע פון אַ גרינער וועלט, וואָס איז באַ־גאָסן מיט דעם זילבער פון דער זון.

ווייט, ווייט שפּרייט זיך דער ים.

— זעסט? — פרעגט מיין פריינט, — זעסט דעם ים?

— איך זע.

— סאַראַ וואונדערבאַרע וועלט, — זאָגט ער, — נאָר ווי קליין איז די צאָל פון די, וואָס געניסן פון איר.

— סאַראַ וואונדערבאַרע וועלט, — ווידערהאָל איך כמעט איינ־ציטיג מיט אים, — וויפיל מער וואונדערבאַר זי וועט נאָך ווערן, ווען זי וועט ווערן באַפרייט.

עס איז שוין גרויסער טאָג, ווען מיר קומען צום שפּיץ פון באַרג. קיין סך צייט האָבן מיר ניט, מיר מוזן באַלד גיין צוריק און דאָ הויבט זיך אָן די ריכטיגע סדרה פון פוס־ברעכעניש, ווייל גיין באַרג־אַראָפּ איז שווערער ווי גיין באַרג אַרויף (כאָטש באַ געוויסע פאַרשוינען איז דאָס גיין באַרג־אַראָפּ אַ נאָרמאַלער פּראָצעס).

איך געזעגנ זיך מיט מיין פריינט. איך דאַרף פאָרן ווייטער, נאָר איך פאַרזיכער אים, אַז קיינמאָל וועל איך ניט פאַרגעסן די נאַכט, וואָס מיר האָבן צוזאַמען אויף דעם שפּאַציר פאַרבראַכט, און דעם זונען־אויפגאַנג, וואָס ער האָט מיך געפירט זען.

*　*
*

„קעיוו אָוו די ווינדס"

פון דענווער ביז קאָלאָראַדאָ־ספּרינגס איז אַ מהלך פון 70 מייל, פון דאָרטן איז נאָך דאָ אַ מייל צען ביז מאַניטו, וואו עס געפינט זיך די באַרימטע הייל — די „קיעוו אָוו די ווינדס". אין איין טאָג דאַרפן מיר פאָרן אַהין און צוריק. מ'דאַרף נאָך האָבן צייט דאָרט צו פאַר־ברענגען אַ פאָר שעה און נאָך אויך דעם „גאַרדען אָוו די גאָדס" באַ־טראַכטן. מוז מען אַרויספאָרן פאַרטאָג, מוז מען לויפן וואָס שנעלער. יאָגט זיך דער אויטאָמאָביל איבער די פאַרשנייטע וועגן אין דער פאַר־טאָגינער שעה, און מיר שפּאַסן, אַז איבערקערן זיך אין אַזאַ שעה איז גאָר ניט גוט — קיינער וועט אפילו ניט דורכפאָרן צו דערלאַנגען די ערשטע הילף.

— ניט געשראָקן זיך, — פאַרזיכערט דער חבר, וואָס פירט די מאַשין, — איר וועט זען די הייל און מיר וועלן נאָך זיין אין אָוונט צוריק אין צייט צום מיטינג.

פונוויטנס שפּאַרן זיך צום הימל די הויכע שפּיצן פון די ראָקי מאַונטענס. אָט באַווייזט זיך פון אונטער אַ וואָלקן די זון און עס גע־שעט אַ נס — די שניי־ווייסע בערג פאַרציען זיך מיט עפּעס אַ רויט־לאַכן, דורכזיכטיגן שלייער. דער קאָליר בייט זיך, און אָט דוכט זיך שוין, אַז דער שניי איז אין אַ קופּער־מאַסע פאַרוואַנדלט געוואָרן און אַז דאָס זיינען ניט קיין בערג, נאָר קופּערנע ריזן־מאָנומענטן, וואָס גיגאַנטן האָבן אויפגעשטעלט.

וואָס גייט מיר אָן די שטילקייט פון קאָלאָראַדאָ־ספּרינגס? וואָס איז דאָ צו זען אין אָט די גראַדליניגע, לאַנגע, אויסגעפּוצטע גאַסן? מ'דאַרף וואָס שנעלער קומען צום מאַניטו — מ'דאַרף זען „די הייל פון דיווינטן".

באַרג אַרויף שלײנגלט זיך דער װעג. אויף דעם שמאָלן װעג איז פונקט דאָ פּלאַץ פאַר איין מאַשין. עס װײַזט זיך אַלע מאָל אויס, אַז אָט װעט די מאַשין זיך פאַרטשעפּען אָן אַ װאַנט, נאָר עס גייט דורך בשלום. די האַנט פון דעם געניטן טרײַבער האַלט דאָס רעדל זיכער. אָט זענען מיר שוין אויף אַ ברייטן פלאַכן פּלאַץ און באַ אַ טויער מיט אַן אויפשריפט: „די װאָנדערפול קעיװ אָװ די װינדס".

באַצאָלט דעם שטייער, װאָס די קאָמערסאַנטן, װעלכע האָבן פאַר־כאַפּט אָט דעם נאַטור װאונדער, האָבן אַרויפגעלייגט, און מיר זײַנען שוין אינעװייניג.

אויף װאָס זאָל זיך פריער דאָ אָפּשטעלן דאָס אויג? אין װעלכן פון די זעכצן כשוף־זאַלן זאָלסטו זיך לייגער פאַרהאַלטן?

דאָ האָט די נאַטור מיליאָנען יאָרן געאַרבעט אָט דעם װאונדער צו באַשאַפן. געטאָן האָט זיך עס אַזוי: אין פאַרלויף פון אייביגקייטן האָבן זיך דאָ אין דער טיפעניש פון די בערג אונטערערדישע װאַסערן געטראָגן. די שטראָמען האָבן דאָ זייער װעג געשלייגלט און צװישן די פעלזן אַלץ טיפער און טיפער אינעװייניג אין דער ערד זיך אַרײַנ־געגראָבן. געקומען אַ צײַט און די װאַסערן זײַנען פאַרשװאונדן. דאָרט, װאו עס איז אַן אונטערערדישער טײַך געלאָפן, אין חלל פאַרבליבן. די געדרייטע קאָרידאָרן, די קאַטאַקאָמבען דאָ זענען יאָרהונדערטער אין פינסטערניש געװען פאַרזונקען, ביז אין איין שיינעם טאָג האָבן צװיי יונגע אינגלאַך אַהער פאַרבלאָנדזשעט און האָבן די װאונדער־הײל אַנטדעקט, און פון יאָר צו יאָר װערט די פּראַכט דאָ גרעסער און דער װאונדער װאַקסט און צױבערנדיקער װערט די הײל.

עס קומט פאָר אַזוי:

פון דעם סופיט איבער דעם חלל טריפט װאַסער, װאָס טראָגט מיט זיך מיקראָסקאָפּישע פּיצלאַך מינעראַלן. די דאָזיגע מינעראַלן װערן פאַרגליװערט און פון זיי װערן אויסגעפורעמט און אויסקריסטאַליזירט די װאונדערבאַרסטע פיגורן און צאַצקעס. דער דאָזיגער פּראָצעס שטעלט זיך קיינמאָל ניט אָפּ און צום װאונדער איז גאָר קיין ענד ניטאָ. אין אַלע קאָלירן מינען זיך אָט די פאָרמאַציעס און זיי גיבן צו דער הײל דעם חן פון עפּעס אַ טרוים־שלאָס, װאָס איז מיט ביליאָנען קאַנדעליאַבערן פון קרישטאָל באַהאַנגען.

„קענאָפּי האָל“, „באָסטאָן עוועניו“, „די וועסטיביול“, „אָלד מיידס קיטשען“, „פּיגלי האָל“, „לאָווערס לעין“, „דזשיפּסי׳ס אַלקאָוו“, „קיוריאָסיטי שאָפּ“, „די ווישינג וועל“, „מאַניטו דאָם“, „מאַדזשעסטיק האָל“, „ברײַדאַל טשעמבער“, „דײַמאָנד האָל“, „קריסטאַל טשעמבער“ און די אַלע אַנדערע זאָלן שטייען פאַר די אויגן מיט דעם צויבער וואָס קען זיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. נאָר עס קען זיך אויך ניט פאַרגעסן, אַז אָט דאָ פּנים אל פּנים, מיט דעם גרעסטן וואונדער, וואָס דערציילט פון אייביגקייטן, — אין דער נאָענטקייט פון דעם וואונדער, לעבן וועלכן דער מענטש דערפילט זיך אַזוי נישטיג, ווי אַ פאַרבײַגייענדיג שטויבעלע, — אויך דאָ האָט דער נישטיגער מענטש געמוזט נאָך מער אונטערשטרײַכן זײַן נישטיגקייט און זײַן פינסטערניש. דערציילט מען, אַז אהער קומען פאַרלאַך דורכצופירן זייער הייראַט-צערעמאָניע אין דעם „ברײַדאַל-האָל“, גלויבנדיג, אַז דאָס וועט זיי אַ סגולה פאַר אַ רואיג פאַמיליע-לעבן. אין דער „אָלד-מיידס קיטשען“ ליגן גאַנצע בערג מיט האָר-נאָדלען — דאָס לאָזן די פאַרזעסענע מיידלאַך דאָ איבער זייערע האָר-נאָדלען, גלויבנדיג, אַז דאָס וועט זײַן אַ הילף צו הייראַטן שנעלער.

נאָר זאָלן די געשיכטעס פון אָט די אַלע קריבעדיגע ווענס ניט שטערן איצט זיך אָנטרינקען מיט דעם פּראַכט פון אָט די שיינקייטן, זאָלן זיי ניט שטיין אין וועג פון אײַנזאַפּן אין זיך אָט דעם וואונדער, וואָס די נאַטור האָט אין פאַרלויף פון מיליאָנען יאָרן פאַר אונז צוגעגרייט.

גיב נאָך אַ קוק; שעפּ אַרײַן אין זיך נאָך אַביסל פּראַכט; זאָל נאָך אַמאָל דאָס אויג אַ קוק טאָן אויף דעם וואונדער — ווער ווייסט צי וועסטו נאָך אַמאָל ערגעץ קוקן אויף אַזאַ כשוף-פּלאַץ?!

מיר גייען צוריק צו דער מאַשין. כמעט ווי אַ גלייכע וואַנט לאָזט זיך אַראָפּ דער וועג באַרג-אַראָפּ. דאָ קען מען לייכט געפינען דעם טויט, נאָר ביזט אַזוי דערהויבן פון דער שיינקייט, וואָס דו האָסט ערשט געזען, און פון דער אייביגקייט, אין דער נאָענטקייט פון וועלכער ביזט ערשט געשטאַנען, אַז ניט די אַבערגלויבנס, וואָס דו האָסט ערשט געזען און וואָס האָבן אויף אַ מינוט דיך פאַרביטערט, ניט דער אָפּ-

גרונט, וואָס שפּרייט זיך אונטער דיינע פּיס, קענען דיך אָפּרייסן פון דעם, וואָס דו האָסט ערשט דאָ איבערגעלעבט.

זאָל זיך דרייען דער וועג באַרג-אַראָפּ, זאָל די מאַשין גיין מיט דעם קאָפּ אַראָפּ, זאָל זיך דאַכטן, אַז אָט וועסטו אַראָפּפאַלן אין אָפּ-גרונט און עס וועט פון דיר קיין געביין ניט בלייבן, — עס איז ניט שרעקלאַך. דו פילסט, אַז דו שרעקסט זיך ניט פאַר דעם טויט אין דער נאָענטקייט פון אָט דער אייביגקייט.

ווי א צעכוואַליעטער ים זעען אויס אָט די בערג-שפּיצן דאָ, אונ-טער די פּיס. עס שרעקט ניט דער אָפּגרונט, עס שרעקט ניט די טיפ-קייט, עס שרעקט ניט דער גליטשיגער וועג, וואָס לאַכט מיט דעם טויט אין פּנים אַריין — ביזט ווי אַ פויגל לייכט און האָסט ניט קיין מורא אַראָפּצופאַלן. נאָר איין זאַך ווילסטו, אַז קיינער פון די אַרומיגע זאָל ניט פאַרשטערן די שטימונג מיט קיין באַנאַל וואָרט. בעטסטו זיך:

— זאָגט ניט קיין וואָרט, איך בעט אייך, קיין איין איינציג וואָרט ניט...!

זיי פאַרשטייען די שטימונג. אפשר האָבן זיי זיך אויך מיט איר אָנגעשטעקט. זיי פאָלגן און זיי שווייגן.

יאָגט זיך די מאַשין מיט אימפּעט שוין אויף דעם גלייכן וועג; דרייט זיך דאָס פאַרצעלייגנע פעסעלע אין דעם מיילן-מעסטער און אָט טאַנצט פאַר די אויגן די צאָל 50 און אָט טאַנצט דורך ווי אַ פּאָרל די צאָל 55, אָט איז שוין 60 און אָט ציינגט שוין דאָס ווייסע דריידעלע, אַז מיר לויפן 65 מייל אַ שעה. די מאַשין הויבט אָן אונטערצוטאַנצן; פאַרביילויפנדיגע מאַשינען גיבן אַ סווישטש און פאַרשווינדן; עס גייט דורך אַ גרויל פון דעם געפיל, אַז אָט אָט וועלן די מאַשינען זיך צו-זאַמענשטויסן און מ׳וועט צעשמעטערט ווערן אויף פיצלאַך. נאָר אויך אָט דער גרויל איז אַזוי אַנגענעם...

עס איז גוט צו פאָרן צוריק צו דער ברייטער וועלט מיט דעם באַ-וואוסטזיין, אַז אין דער נאָענטקייט מיט דער אומפאַרגעסלאַכער שיינ-קייט, אַז אין דער נאָענטקייט מיט דער צוויבער-אַרבעט פון אייביגקייטן, האָסטו זיך אָנגעשעפּט מיט פרישע כחות, מיט נייעם מוט.

די סאָוט איז שוואַרץ

די סאָוט איז שוואַרץ; אָ, ווי שוואַרץ די סאָוט איז!

אונטערדריקונג און פינסטערניש און באַביטיזם און רעאַקציע פעלן אין ערגעץ ניט אין דער גרויסער אַמעריקע, נאָר די סאָוט פאַרנעמט אויף דעם געביט דעם אויבן אָן. דאָ ליגן באַ די ווייסע יחסנים אונטער׳ן קנאָפּל צען מיליאָן אונטערדריקטע שוואַרצע, פאַר וועלכע עס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ צאָל געשריבענע און אַ צאָל ניט געשריבענע געזעצן: דאָ ניט גיין, דאָ ניט שטיין, דאָ זיך ניט זעצן און דאָ זיך ניט ווייזן. די דאָזיגע געזעצן ווערן זייער שטרייננג אָפּגעהיט, און ווי איז צו דעם שוואַרצן, וואָס וויל זיך זעצן אין אַ באַן דאָרט, וואו עס זיצן די ווייסע; ווי איז צו דעם שוואַרצן, וואָס וועט וואַגן אַריינגיין אין אַ טעאַטער און זיך זעצן ניט אין דעם ווינקל, וואָס איז פאַר אים, אויף דער העכסטער גאַלערייע אונטער׳ן דאַך.

אומעטום, אויף יעדער שריט, זענען אויסגעהאַנגען די צעטעלאַך: „ווהייט״, „קאָלאָרד״. אומעטום ווערט אָפּגעהיט די מחיצה צווישן די ווייסע יחסנים און צווישען די, וואָס האָבן אַ שוואַרצע הויט. די דאָזיגע צעטיילונג ווערט זייער שטאַרק אָפּגעהיט דערפאַר, ווייל דאָ שמעקט אָן עקאָנאָמישער אינטערעס: וואָס מער רעכטלאָז און דער־שלאָגן און אומוויסנד די שוואַרצע זענען — אַלץ מער וועט מען זיי קענען עקספּלואַטירן און אַלץ געהאָרכזאַמער וועלן זיי טראָגן זייער יאָך.

עס איז געוועזן נויטיג צו האַלטן די שוואַרצע אונטערן צאַם ביז איצט — ווייל אַזוי האָט געוואָלט דער רייכער פּלאַנטאַטאָר, פאַר וועמען די שוואַרצע האָבן אויף די קאַטן פעלדער פון דעם סאָוט אונטער דער ברענענדיגער זון פאַרמעגנס געמאַכט. איצט, ווען די שוואַרצע האָבן אָנגעהויבן פון די פאַרמס צו אַנטלויפן אין די גרעסערע שטעט, איצט, ווען אין דער סאָוט האָט מען אָנגעהויבן בויען פאַבריקן, איצט, איז דער שוואַרצער ווידער דער, וואָס פילט אָן די ניי־אויפגעבויטע

פאבריקן און וואָס דרייט די רעדער און וואָס שטייט בא די שמעלץ-אויווגס. כדי מ׳זאָל אָט דעם שוואַרצן אַרבעטער קענען בעסער עקספּלואַטירן, דאַרף מען אים האַלטן אין צאַם. ער טאָר זיך ניט דערפילן ווי א פּרייער מענטש; ער טאָר ניט אויפהויבן דעם קאָפּ; ער טאָר ניט האָבן קיינע רעכט.

די ווייסע יחסנים האָבן ניט אַזוי שטאַרק אינזינען זייער יחוס בשעת זיי שטעלן אַרויף זייער קנאַפּל אויף דעם קאָפּ פון דעם שוואַרצן. זיי האָבן אינזינען דעם בייטל, וואָס וועט אָנגעשטאָפּט ווערן מיט אַלץ מער גאָלד, אויב די שוואַרצע אַרבעטער וועלן אויף ווייטער בלייבן פּונקט אַזוי דערשלאָגן און אַזוי אַפּאַטיש און אונטערטעניג, ווי זיי זיינען געווען ביז איצט.

יעדער שטאָט אין דער סאוט באַרימט זיך מיט אירע נייע אינדוסטריען. די באַריכטן פון די טשעמבערס אָף קאָמערס, די שרייענדיגע שילדן באַם אַריינפאָר אין יעדער זידלאַכער שטאָט, די טעגלאַכע באַריכטן אין די לאָקאַלע צייטונגען האַלטן אין איין „בומען" די נייע אינדוסטריען, מיט וועלכע די סאוט ווערט באַרייכערט. דאָ עפנט זיך א מאַשין שאָפּ; דאָ עפנט זיך א נייע גומי פעקטאָרי; דאָ א שוך-פאַבריק; און דער עיקר נייע טעקסטיל פאבריקן, וואָס פאַרברויכן אויף דעם פּלאַץ די רויע מאַטעריאַלן, וואָס די סאוט גיט אַרויס.

צוגלייך מיט דעם וואוקס פון די פאבריקן וואַקסט אויף די באַפעלקערונג פון די זידלאַכע אינדוסטריעלע שטעט. די ריעל-עסטייט פירמעס און די אייזנבאַן קאָמפּאַניעס טוען שוין אַלץ, וואָס הייגנט פון זיי אָפּ, אַז דער דאָזיגער וואוקס זאָל ברייט און ווייט פּראָקלאַמירט ווערן. די דאָזיגע שרייענדיגע רעקלאַמעס זיינען אָבער ניט נויטיג, ווייל עס וואַרפט זיך פּשוט אין די אויגן דער פאַקט אַז די סאוט וואַקסט.

איר קומט אַריין, למשל, אין אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיא, און איר דערפילט, אַז די שטאָט איז אין פאַרלויף פון א צוויי יאָר צייט ריזיג באַלעבט געוואָרן און איז שטאַרק אויסגעוואַקסן. דער ריעל-עסטייט פּאַטריאָטיזם האָט די שטאָט געקרוינט מיט דעם נאָמען „די ניו יאָרק אָוו די סאוט". עס פילט זיך דאָ טאַקע ביז א געוויסער מאָס דער אָטעם פון ניו יאָרקער האָוועניש און יאָגעניש. די צענטראַלע גאַסן

זיינען אויסגעפּוצט און גראד איצט קאַכט מער ווי אַלע מאָל, ווייל היינט ווערט אנטשיידן אַ וויכטיגע פראגע — עס וועט היינט אויסגעקעמפט ווערן דער ערן-טיטל אין פוט-באָל מאַסטערשאַפט צווישן אַלאַבאַמאַ און דזשאָרדזשיאַ. לכבוד אַזאַ פּאַסירונג איז די שטאָט פאַרפלייצט מיט טויזנטער געסט. אין די האָטעלן איז זיך ניט צו דערשלאָגן צו אַ צימער. איבער די גאַסן ציען זיך פּאַראַדן אונטער דער מוזיק פון אָרקעסטרען, און בחורים, וואָס באַטייליגן זיך אין די פּאַראַדן, פאַלן פון די פיס און וואַרפן זיך קושן מיט די פאַרבייגייער. זיי זיינען אויפגעלייגט... ניט פון מוזיק.

* *
*

נאָר בשעת אין די צענטראַלע גאַסן זעט מען גרויסע קראָמען, שפּיגל-גלאָז און גרויסע שוי-פענסטער, פּאַראַדן און מוזיק, זעט מען אין די קוואַרטאַלען פון די שוואַרצע גאָר אַן אַנדער בילד.

חושכ׳דיג זענען די קוואַרטאַלן פון די שוואַרצע און עס דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַלץ איין און די זעלבע גאַס, וואָס דו האָסט געזען אין נאָרפאָלק, אין ריטשמאָנד, אין דזשעקסאָנוויל, אין מייקאָן. אומעטום איינגעהויקערטע שטיבלאַך אויף הינערשע פיסלאַך. אומעטום פאַרמאַכטע לאָדן, אומעטום קוקן ארויס דערשראָקענע אויגן, אומעטום קויט און אָרימקייט, אומעטום אָפּגעריסענע קינדערלאַך, אומעטום פאַר׳חושכ׳טע קרעמלאַך, וואו די שוואַרצע קויפן איין.

עס איז אַ גאַנץ באַזונדער קאַפּיטל פון דער סאַוט, די געשיכטע ווי אַזוי די שוואַרצע קויפן איין און ווי אַזוי מ׳נאַרט זיי. וויפיל מ׳הערט זיך ניט אָן וועגן דעם, איז אַלץ דאָ נייעס צו הערן. די שוואַרצע ווערן גענאַרט אויף שריט און טריט. אָט זיינען אַ פּאָר כאַראַקטערים־טישע ביישפּילן: אין אַ געוויסער פאַבריק, וואו עס זיינען באַשעפטיגט ארום 600 שוואַרצע ארבעטער, צאָלט מען אויס דעם לוין מיט טשעקס. די שוואַרצע האָבן ניט קיין באַנק-ביכלאַך און זיי ווייסן אפילו ניט ווי אַזוי מען שטעלט אריין אַ פּוס אין אַ באַנק. וואָס זאָלן זיי טאָן מיט זייערע טשעקס? איז אויסגעוואַקסן אַ ספּעציעלע באַשעפטיגונג פאַר עטלאַכע ווייסע — בייטן די טשעקס, וואָס די שוואַרצע קריגן.

קומט שבת, שטעלט מען אוים טישלאך ארום די ארויסגאנגען פון דער פאבריק; עס זעצן זיך אוים די ווייסע בריות מיט די גראָבע טייסטערס און ווארטן ביז די שווארצע וועלן ארויסקומען פון די טויערן פון דער פאבריק. מ׳נעמט דאָרט צו פינף און צוואנציג און צו פופציג סענט פון אַ טשעק, לויט דער גרוים פון דער סומע, וואָס דער ארבעטער האָט פארדינט — כאָטש דער פארדינסט איז אין דורכשניט קיינמאָל ניט מערער פון א צוואנציג דאָלאר א וואָך. דער שווארצער האָט אָפגעפראצעוועט זעקס לאנגע טעג אויף זיינע אָרימע צוואנציג דאָלאר און דער ווייסער יחסן האָט אין א האלבער שעה צייט „מיט הערלאכער פראצע" געקראָגן א צוויי דריי הונדערט דאָלאר.

אָט איז נאָך א ביישפיל פון דעם, ווי אזוי מ׳נארט א שווארצן: ער קויפט איין אין א קראָם, וואו עס שטייט א מאשין, וואָס רעכנט צונויף וויפיל ער דארף באצאָלן פאר די איינגעקויפטע ארטיקלען. אין דער קראָם איז „סטריקטלי וואָן פרייז", דאָרט רעכנט מען דעם שווארצן און דעם ווייסן די זעלבע פרייז. ער איז זיכער אז דאָ נארט מען אים שוין ניט, נאָר ער האָט א טעות. אויך דאָ נארט מען בא אים אוים זיינע פאָר גראָשן.

ווי אזוי ווערט עס געטאָן? די מאשין ווייסט דאָך ניט, אז דאָס חשבונ׳ט זי פאר א שווארצן און אז זי דארף איצט מאכן א פאלשן חשבון? איז דער תירוץ, אז די מאשין ווערט באנוצט אויף אָפצו-נארן א גאנצע צייט, נאָר ווען א ווייסער קויפט איין און ער כאַפּט זיך, אז עס איז געוועזן א טעות, זאָגט מען: „אָ, אי עם סארי" (עס טוט מיר לייד) און מען קערט אים אום וואָס מ׳האָט איבערגענומען, נאָר ווען שווארצע קויפן איין, פארלאָזט מען זיך אויף דעם, וואָס די מערסטע פון זיי קענען ניט שרייבן און ניט חשבונ׳ען (די באלעבאַטים האָבן שוין באַזאָרגט, אז זיי זאָלן ניט קענען) און מ׳איז זיכער, אז זיי וועלן זיך ניט כאַפּן, אז מ׳האָט זיי באַשווינדלט.

דער שווינדל ווערט דורכגעפירט דורך דעם, וואָס מ׳קלאַפּט אָפּ אויף דער מאשין א געוויסע סומע איידער מ׳הויבט אָן אָפּקלאַפּן די סומען פאר די איינגעקויפטע ארטיקלען. ווען איינער קויפט עטלאכע ארטיקלען און מ׳קלאַפּט אָפּ אויף דער מאשין די סומען, וואָס זיי באַטרעפן, איז אַלצדינג אין אָרדנונג, נאָר דער סך-הכל איז גרעסער

אויף דער סומע, וואָס מ׳האָט אָפּגעקלאַפּט איידער דער קויפער האָט זיך נאָך באַוויזן.

וואָס אָנבעלאַנגט די מעטאָדן, וואָס ווערן אָנגעווענדט אין די פּאָון שעפּער אויף צו באַשווינדלען די שוואַרצע, האָט מען שוין וועגן דעם אַ סך מאָל געשריבן. עס איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען די כאַראַקטעריסטיק, וואָס אַ שריפט האָט געגעבן וועגן די פּאָון-בראָוקער-געשעפטען. ער האָט געזאָגט, אַז דער איינציגער אונטערשייד צווישן אַ האָלד-אַפּ מאַן און אַ פּאָון-בראָוקער איז דער, וואָס דער האָלד-אַפּ מאַן באַנוצט אַ רעוואָלווער און דער פּאָון-בראָוקער באַנוצט אַ פּענסיל. רויבער זיינען זיי ביידע גלייכע.

די שוואַרצע רויבט מען ניט נאָר ווען זיי קומען איינקויפן, נאָר מ׳באַשווינדלט זיי אויך אויף דעם שוידערלאַכסטן אופן אין די פּלעצער, וואו זיי זיינען באַשעפטיגט. אַ שוואַרצע מיידל ווערט באַגליקט צו אַרבעטן פאַר אַ ווייסער פאַמיליע און צו קאָכן פאַר זיי און צו וואַשן פאַר זיין און צו רייניגן זייער הויז און אַלץ פאַר דעם גאָלדענעם געהאַלט פון דריי דאָלאַר אַ וואָך. עס פאַרקלאָגן זיך נאָך די פיינע לײַדיס, וואָס צאָלן אָט די פרינצלאַכע געהאַלטן, אַז די שוואַרצע זיינען פוילע און אַז זיי האָבן ליב צו לאַטכענען דאָס, וואָס ליגט ניט צוגעבונדן שטאַרק גענוג.

אין די שעפּער זיינען די באַדינגונגען אַזעלכע, אַז מ׳לאָזט ניט צו קיין זייטיג אויג אַהין אַריינצובליקן. אין אַלע קאַטן פאַבריקן אָן אויסנאַם איז דאָ אַ שטרייגגער באַפעל, אַז קיין זייטיגער מענטש טאָר אַהין ניט אַריינקומען. עס העלפן ניט קיינע טענות און קיין צודרענגלאַכער און עקשנות׳דיגער פאַרלאַנג. דער ענטפער איז אַלע מאָל דער זעלבער: „דים איז די סטריקט רול אָף די האוז“. (דאָס איז אַ שטרייגגער רעגעל פון דער פירמע).

אין איין פאַבריק האָט זיך אפילו אָפּגעזוכט אַ באַרעדעוודיגער פאַרוואַלטער, וועלכער האָט — וועלנדיג באַווייזן ווי שטרייגג אָט דער פאַרבאָט געגן אַ פרעמד אויג ווערט דורכגעפירט — דערציילט, אַז אַמאָל איז אַהין אַריינגעקומען אַ מאַן און האָט געבעטן מ׳זאָל אים ווייזן די פאַבריק, ווען מ׳האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז פאַרבאָטן, האָט ער מיט כעס דערקלערט, אַז ער איז אַ שער-האָלדער פון דער

פאבריק און אז ער פארמאגט פאר 75,000 דאלאר סטאק. אויף דעם האט אים די פאבריק-פארוואלטונג געענטפערט, אז דאס איינציגע, וואס זיי קענען טאן, איז גלייך אויף דעם פלאץ אים ארויסצאלן פאר זיין סטאק.

זיי ווייסן, די ווייסע דזשענטל-לייט, אז מיט די באדינגונגען, וואס הערשן אין זייערע פאבריקן, — דארט וואו עס שמידט זיך די פראספעריטי פאר די באסעס,—האבן זיי ניט וואס צו בארימען זיך.

אויף דעם חשבון פון דער פראצע פון די שווארצע ווערן רייך ניט נאר די ווייסע יחסנים. אמאל כאפט זיך דא און דארט א שווארצער אויך ארויף אויך דעם גאלדענעם פערדל און נעמט די לייצעס אין די הענט אנצוטרייבן מיט שווארצע שקלאפן.

געווען אין אטלאנטא איינער אזא אנטרייבער און ער איז זייער רייך געווארן און פאר זיין געלד האבן די ווייסע יחסנים גרוים דרך-ארץ געהאט. ווען ער איז געשטארבן, האבען באנקירן און „קאפיטאנען פון אינדוסטריע" באוויליגט צו שיקן בלומען און זיי זיינען אליין געקומען צו באגלייטן צו זיין אייגענער רו דעם, וואס האט שוין אליין אין פארלויף פון א סך יארן ניט אריינגעטאן קיין האנט אין קאלטער וואסער און וואס האט, פונקט ווי די ווייסע עקספלואטאטארן, אין פאלאצן געוואוינט.

ווען א שווארצער האט א סך גאלד, פארגעסט מען שוין דעם קאליר פון זיין הויט — מ׳געדיינקט בלויז דעם בליאסק פון זיין מעטאל.

מיט די אונטערדריקטע אבער זייגען די יחסנים, די ווייסע שא-וויניסטן, זייער שטרייננ. שטרייננ זיינען אפילו די בלומרישטע ליבע-ראלן, די, וואס האלטן אין איין זיפצן און אכצען און גלאצן מיט די אויגן.

* *
*

געפינט זיך אין דאלאס, טעקסעס, א ליבעראלער פארום און אויך דארט לאזט מען די שווארצע אריין בלויז אויף דער העכסטער גאלעריע און דאס בלויז דאן, ווען עס איז דא גענוג פלאץ. טאמער מאכט זיך, אז דער פארום איז גוט באזוכט פון ווייסע און עס פעלן אוים פלעצער,

מוזן די שווארצע מיט חרפה פארלאָזן זייער פיצל פלאַץ אונטער דאַך.

האָט מען אין א געוויסן טאָג אויפגעהויבן אין דעם פאָרום די פראַגע פון איינלאָדן איינעם פון די אָנגעזעענע קעמפער פאַר דער גלייכבארעכטיגונג פון די שווארצע. ער איז גראָד געווען אויף א טור אין יענעם געגנט און עס איז פון איינעם א מיטגליד פאָרגעשלאָגן געוואָרן, אז מ׳זאָל אים איינלאָדן צו קומען רעדן אין דעם פאָרום. האָט די אראנדזשמענטס קאָמיטע זיך געזעצט טראכטן וואָס ווען מען טאָן מיט די שווארצע, וואָס וועלן געוויס קומען הערן זייער ברודער. זיי זיינען דאָך זיכער פאראינטערעסירט צו הערן איינעם, וואָס שטייט אין די פראָנט רייען פון דעם קאמף פאַר זייער עמאנציפאציע. זאָל מען אריינלאָזן די שווארצע פריי צו זיצן וואו עס מאכט זיך, וועלן זיי דאָך פארפלייצן דעם גאנצן פאָרום און פאַר די ווייסע וועט קיין פלאַץ ניט בלייבן; זאָל מען זיי ווי פריער באגרענעצן אויף א באַשטימטן פלאַץ, איז עפּעס ניט שיין. האָט מען געטראַכט און געטראַכט און מ׳האָט באשלאָסן... שוין בעסער אינגאנצן ניט איינצולאָדן דעם רעדנער, וועלכער איז דער פירער פון דער באוועגונג פאַר דער גלייכבארעכטיקונג פון די אונטערדריקטע שווארצע.

אזוי האָט באשלאָסן דער ליבעראַלער פאָרום!

* *
*

מיט קיין שווארצע צערעמאָניעט מען זיך ניט, נאָר מיט קיין ווייסע ארבעטער מאכט מען אין דער סאוט אויך קיין גרויסע צערע-מאָניעס ניט.

א שיינע מעשה דערציילט מען אין טשאטאנוגא, ווי אזוי אין א גרויסער שטאָל-פאבריק האָט מען אריינגערופן די ארבעטער אין דעם גרעסטן קאָרפּוס פון דער פאבריק און דאָרט האָט דער באַלעבאָס ערב די וואַלן צו זיי געהאלטן אזא סאָרט רעדע:

— מאָרגן דאַרף מען שטימען פאַר א פּרעזידענט פון דעם לאַנד. שטימט איר מאָרגן פאַר הואווער׳ן, בלייבט די פאבריק אָפן און איר וועט האָבן ברויט פאַר אייערע פאמיליעס; שטימט איר פאַר אימיצן

אנדערש, וועל איך צושליסן די פאבריק און איר וועט קענען גיין כאפן א טאנץ מיט דעם, פאר וועמען איר האט געשטימט.

נאטירלאך זיינען דאס פרייע בירגער, וועלכע שטימען לויט זייער אייגענעם פארשטאנד און לויט דעם, ווי עס דיקטירן זיי זייערע אינ-טערעסן. וואס דען? א שאלה!

* *
*

אין דער סאוט, מער ווי אומעטום, מערקט זיך די גרויסע ענדערונג אין דעם איינצל-פארקויף. מ׳זעט אויף יעדער טריט דעם זיג פון די טשיין-סטארס. עס זיינען דא שטעט, וואו מען געפינט שוין ניט קיין פריוואטע גראסערי אפילו „אויף א רפואה". אומעטום שרייען אראפ די שילדן פון דער „גרעיט אטלאנטיק ענד פאסיפיק קאמפאני" און פון דער „פיגלי וויגלי קאמפאני", און פון דער „קריגער גראסערי" און סאנדערס בארימט זיך, אז ער איז „די סאל אונער או מיי געים". בלויז אין די פארשטעט זיינען דא און דארט צעווארפן די קליינע קרעמלאך פון פריוואטע אייגנטימער.

אויף דער פראגע ווי אזוי האלטן זיי זיך נאר, ענטפערן זיי, אז בלויז א דאנק דעם, וואס זיי גיבן אויף בארג, האט דער טשיין-סטאר זיי נאך ניט אינגאנצן פארניכטעט. נאר אז זיי וועלן שוין לאנג ניט ציען, דאס פילן זיי אליין.

איצט איז צוגעקומען נאך א פאקטאר, וואס וועט העלפן צו פאר-ענדיגן די ארבעט, וואס מעכטיגע טשיין-סטארס האבען אנגעהויבן, — די ארבעט צו פארניכטן דעם פריוואטן קרעמער. די מעיל-ארדער פירמעס זיינען אויך אוועק אין די טשיין-סטאר ביזנעס. עס איז אינטערעסאנט צו וויסן ווי אזוי אין פארלויף פון א קורצער צייט זיינען די דאזיגע פירמעס געווען געצוואונגען זיך צו נעמען בויען קליינע קראמען אין אלע ווינקלען פון דעם לאנד, בשעת ערשט ניט לאנג צוריק זיינען זיי זיך רואיג געזעסן אין זייערע הויפט שטאבן און האבן פון דארט אנגעפירט דורך פאסט א ריזיגן האנדל מיט דעם גאנצן לאנד.

צוליב דעם, וואס די וועגן זיינען אין אלע שטאטן לעצטנס זייער א סך אויסגעבעסערט געווארן און צוליב דעם, וואס א סך פארמערס האבן זייערע אייגענע אויטאמאבילן, האבן די דאזיקע קונדן, וואס

זענען געווען דער בעסטער שטיץ-פונקט פאר די „מעיל-אָרדער" גע-שעפטן, אויפגעהערט איינצוקויפן דורך פּאָסט בא די מעיל-אָרדער פירמעס. די פאַרמערס האָבן אָנגעהויבן פאָרן אין די דערבייאיגע שטעט איינצוקויפן. די מעיל-אָרדער קאָמפּאַניעס האָבן זיך גע-כאַפּט, אז זיי פארלירן פּדיון און זיי האָבן זיך גענומען בויען אייגענע טשיין-סטאָרס.

וואו איר קומט איצט אין א שטאָט אין דער סאוט, האַלט מען אין בויען אָדער מ'האָט ערשט פארענדיגט דאָס בויען פון א צאָל קראָמען אונטער די שילדן פון מאָנטגאָמערי וואָרד, סירס ראָבאַק און אנדערע.

עס גייט אָן א שארפע קאָנקורענץ פון די מאַגנאַטן, וועלכע שטרעבן צו פאַרכאַפּן דעם גאַנצן ריטייל האנדל, אויף דעם שטייגער פון די מאַגנאַטן, וועלכע האָבן פארכאַפּט די אינדוסטריען. און אין אַן ארבעטער רינג שול זיצט זיך א לערער און ער וויל באווייזן, אז עס זיינען גאָר ניטאָ קיין קלאַסן און עס איז ניטאָ קיין קלאַסנקאַמף.

— סטייטש? פרעגט איר, — אפילו גרין און מעטיו וואָל לייקענען דאָך ניט, אז עס זיינען דאָ קלאַסן: אַן ארבעטער-קלאַס און א קאַפּיטאַליסטישער קלאַס. וואָס דען, זיי זאָגן, אז די ארבעטער קענען מאכן שותפות מיט די באַלעבאַטים, און די באוואוסטזיניגע ארבעטער טענה'ן, אז פון אזא שותפות וועלן בלויז געווינען די באַלע-באַטים און אז די ארבעטער קאָנען זייער לאַגע פאַרבעסערן בלויז דורך קאַמף פאַר זייערע רעכט.

זאָגט אָבער דער לערער, וואָס דערציט די קליינע שעפעלאַך, די קינדער פון ראַדיקאַלע עלטערן, אז דאָס איז בלאָטע — עס איז ניטאָ קיין קלאַסן-קאַמף; מ'דאַרף ניט קיין קלאַסן-קאַמף; עס איז בלויז דאָ א קאַמף פון די, וואָס האָבן זיך ניט צוגעפּאַסט צום לעבן, געגן די, וואָס האָבן זיך צוגעפּאַסט.

די לעצטע וועלט-מלחמה, זאָגט ער, איז פונקט ווי אַלע מלחמות, לויט זיין מיינונג, געווען ניט קיין רעזולטאַט פון קיין געיעג נאָך עקאָנאָמישע געווינסן פאר דעם הערשענדיגן קלאַס, נאָר א רעזולטאַט פון שלעכטער פּאָליטיק, פון פאַרדאָרבנקייט, פון האַרצלאָזע דיפּלאָ-מאַטן.

מיט אזעלכע לערער באַם רודער פון אַן אַרבעטער רינג שול איז דען אַ וואונדער וואָס עס האָט געקענט פּאַסירן, אַז ווען מ׳האָט ערב די וואַלן אין אַן אַנדער שול געגומען אַן אַנקעטע צווישן די שול קינדער פאַר וועמען זיי וואָלטן געשטימט אַלס פּרעזידענט, האָט זיך אַרויס־געוויזן פאָלגענדער רעזולטאַט: פאַר סמיט׳ן (גרויס־קאַפּיטאַליסטי־שער פּרעזידענט־קאַנדידאַט), 20, פאַר הואָווער׳ן (קאַנדידאַט פון די מעכטיגסטע טראַסטן), 18, פאַר טאָמאַס׳ן (געלער סאָציאַליסט), 2, און פאַר פאָסטער׳ן (קאָמוניסט) 5.

שוואַרץ איז די סאַוט; אָ, ווי שוואַרץ די סאַוט איז!

ניט איר שוואַרצע באַפעלקערונג האָט זי שוואַרץ געמאַכט — דאָס האָבן אירע ווייסע עקספּלואַטאַרן, אירע אונטערדריקער און אירע באַביטס זי אַזוי שוידערלאַך פאַרשוואַרצט.

דאָרט, וואו די פּאַלמען בליען

דזשעקסאָנוויל איז דער טויער פון פלאָרידאַ. פון דאַנען הייבט זיך אָן דאָס לאַנד פון שטענדיקער זון און פון אייביקער פּראַכט. אָבער אַראָפּגייענדיק פון באַן אויף דער הויפּט-גאַס, גלויבט זיך דיר עפּעס ניט, אַז דו ביסט שוין טאַקע אין פלאָרידאַ. אַ געוויינלאַכע מעין-סטריט, ווי אין אַלע מיטעלע און גרעסערע שטעט, געוויינלאַכע שורות פון שטיינערנע געביידעס; קיין סימן פון דעם, אַז דאָ איז אַנדערש ווי אומעטום.

האָסטו אָבער נאָר אַריבערגעשפּאַנט איבער׳ן בריק, האָסטו נאָר אַריינגעשטעלט אַ פוס אין דעם שטילן רעזידענץ-דיסטריקט, דערפילסטו, אַז דאָ איז פלאָרידאַ.

די ערשטע נייע זאַך, וואָס דו דערזעסט, זענען די פּאַלמען, פון וועלכע דו קענסט דיין אויג ניט אָפּרייסן.

פאַרשיידן זיינען זיי אין גרויס. עס זיינען דאָ נידריקע, וואָס וואַקסן ביי דער ערד, און העכערע, וואָס הויבן אויף הויך זייער שטאַם און שפּרייטן אויס ווי ברייטע פליגלען זייערע בלעטער, נאָר אַלע האָבן אַזאַ צויבער, אַז דו קענסט זיך אָן זיי זאַט ניט אָנקוקן.

עפּעס גלויבט זיך דיר ניט, אַז דאָס איז טאַקע מיט אַן אמת דאָס לאַנד פון די פּאַלמען, אַז דאָ וואַקסן פריי די טראָפּישע פלאַנצן, אַז דאָ ווייסט מען קיינמאָל ניט פון קיין ווינטער.

מיין באַגלייטער שמייכלט און פירט מיך גאַס-איין גאַס-אויס און ציינט מיר אַלץ מער שורות פּאַלמען, און מער און מער בייטן בלומען, און פאַרזיכערט מיר אַזוי:

— שטענדיק בליען דאָ די בלומען, זעלטן-זעלטן ווען עס ווערט אַמאָל אַזוי קיל, אַז מ׳דאַרף אויף ביינאַכט די בלומען לייכט צודעקן.

איך באַמערק צו מיין באַגלייטער, אַז קיינמאָל און אַלע מיינע רייזעס האָב איך אין ערגעץ ניט באַגעגנט אַזוי פיל בלומען.

— דאָס איז נאָך גאָרניט, — ענטפערט ער, — אָט וועל איך אייך באַלד צופירן צום פּלאַץ, וואָס איז באַשטימט פאַר א פּאַרק אין אָנדיינק פון די מלחמה-העלדן, וועט איר ערשט זען, וואָס עס הייסט א ים מיט בלומען.

און ער איז טאַקע געווען גערעכט: אַזוי פיל בלומען, אַזא ים פון פאַרשיידענע קאָלירן, אַזא דופטענדע לופט איז דאכט זיך ניטאָ מער אין ערגעץ אויף דער וועלט. דו שטייסט אין א גן-עדן, דו ביסט אין א קעניגרייך פון בלומען און פון ווייטנס שפּרייט זיך אן אומענדליכער שפּיגל פון אן אומבאַוועגליך וואַסער און עס ווייזט זיך דיר אויס, אז הימל, וואַסער און בלומען האָבן געמאַכט יד-אחת צו שאַפן אָט דאָ א שטילן גן-עדן פאַר מענטשן.

אָבער אויך דאָ האָבן מענטשן אויף זייער משוגענעם שטייגער, פּונקט ווי אומעטום, איינגעפירט זייערע אַלע ווילדע פאַראָנדקעס, און אויך דאָ איז פאַראַן ביטערע נויט, וואָס לאָזט ניט געניסן פון דער אייביגער פּראַכט.

*   *
*

גייסט פון קוואַרטאַל צו קוואַרטאַל און קוקסט און שטוינסט:
איז דאָס טאַקע אַלץ איין און די זעלביגע שטאָט?

אָט דאָ פּראַכטפולע ווילאַס, דאָ רעסטאָראַנען פּאַרטונקען אין טראָפּישע פּלאַנצן, דאָ רייכטום און לוקסוס און גלאַנץ און פּראַכט און בא דער זייט חורבות, רויטע, ציגעלנע קאַזאַרמעס מיט צעלע־כערטע ווענט, מיט צעבראָכענע שויבן, מיט שמוציגע הילצערנע שטיגן אין דרויסן, מיט אָפּגעלאָזטע גאַסן, מיט קויט און מיט אָפּפאַל אויף די טראָטוארן.

איז דאָס אַלץ איין און די זעלבע שטאָט?

*   *
*

און אָט זענען ווידער פּאַלמען, שוין גאָר אַנדערע ווי אין פלאָ־רידאַ. די פּאַלמען דאָ, אין טעקסעס, זענען עפּעס שטאָלצער, גלייך שיסן זיי אַרויף זייער שטאַם און הויך-הויך אין דער לופטן קרוינען זיי אים מיט א קאָפּ רוישענדע לולבים.

אַזעלכע הויכע פּאַלמען, ווי אין סאַן-אַנטאָניאָ, האָב איך אין פלאָרידאַ ניט געזען. עס ווערט עפּעס פרייליך אויפ'ן הארצן, קו-קענדיק אויף די ריזן, וואָס הויבן זיך העכער פון די מויערן און וואָס שאָקלען קעגן דער זון מיט זייערע גרינע קעפּ. אפשר רייסן זיך אָט די ריזן-שטאַמען העכער פון די הייזער, כדי ארייננצוקוקן אין די שמאָלע געסלאַך, וואָס עס מאַטערט זיך די מעקסיקאַנער אָרימקייט, וואו עס גייט אָן אַן אָפּענער האַנדל מיט מיידלשע לייבער, וואו מענטשן זיינען ביליגער ווי שטויב? אפשר שאָקלען די דאָזיקע ריזן אַזוי מיט זייערע קעפּ, ווייל זיי קענען ניט פאַרשטיין, ווי עס איז מעגליך אין דערמיט פון אַזאַ גן-עדן צו שאַפן אַזאַ גיהנום פון נויט, פון אָרימקייט, פון ליידן און פון הונגער?

ניט נאָר די פּאַלמען אַליין זיינען אַ טייל פון דעם גן-עדן אין סאַן-אַנטאָניאָ. עס איז דאָרט דאָ אַ כשוף-גאָרטן, וואָס איר וועט זיך מעגן שעצן גליקלאַך, ווען איר וועט אַמאָל האָבן די זכיה אים צו זען.

מ'רופט אים „דער יאַפּאַנעזישער גאָרטן“, אָדער „די סאָנקען גאַרדען“.

טיף-טיף צווישן הויכע בערג ליגט דער גאָרטן. געפלאָכטענע יאַפּאַנעזישע שטיבעלאַך שטייען ביים ארייננגאַנג, און די שמאָלע סטעזשקע שלענגעלט זיך אַרום די גרינע ווענט פון די בערג, פירט דיך אַריין אין אַ געדיכטן קוסט און פירט דיך באַלד אַרויס אויף אַ שיין שמאָל בריקעלע, ביז דו קומסט ענדלאַך צו צום צענטער פון דעם גאָרטן.

קינסטלאַכע קליינע אָזערעס שפּיגלען אַרויס פון צווישן די בלומען, און אויפ'ן וואַסער שאָקלען זיך פוילגען. פון צווישן די בלומען בליאַסקען אַרויס באַהאַלטענע לעמפּלאַך; עס פינקלען אויך אַרויס פאַרבאָרגענע פייער-אויגן פון צווישן די קוסטן, וואָס קלעפּן זיך צו די בערג, פון אונטער די שווימענדע בלעטער אויף די אָזערעס, פון צווישן די צווייגן פון די יונגינקע ביימעלאַך, וואָס זיינען דאָ און דאָרטן ביי די זייטן פון גאָרטן צעוואָרפן.

שטייסט פון אונטן, אין דערמיט פון צויבער-גאָרטן, און קוקסט אַרום זיך אויף די הויכע, גרינע, ווענט פון די בערג, וואָס היטן אָט

דעם פּלאַץ, גייסט אַרויף דורך דער שמאָלער סטעזשקע צום ראַנד פון באַרג און קוקסט אַראָפּ אין טאָל און עס רייסט זיך ביי דיר ניט ווילנדיק אַרוים דער אויסרוף:

— דאָס איז אַ כשוף-גאָרטן!

— דאָס האָט אַ צויבערער באַשאַפן!

— דאָס זעלבע זאָגן אַלע, וואָס דערזעהען דעם גאָרטן, — דערציילט מיר דער חבר-באַגלייטער. און ער דערציילט מיר אויך די געשיכטע פון דעם גאָרטן.

געשאַפן האָט אים אַ געוועזענער סאַלון-קיפּער, אַ דייטשער אימיגראַנט. געווען איז אויף דעם פּלאַץ אַמאָל אַ מיסט-גרוב.

זיצט אָבער אין דעם סאַלון-קיפּער אַ נשמה פון אַ קינסטלער און, ווען ער איז געוואָרן אַלדערמאַן, האָט ער געזאָגט צו די שטאָט-טאַטעס: גיט מיר אַ פרייע האַנד און איך וועל פון דעם גרוב עפּעס וואונדער-באַרעס באַשאַפן.

ער האָט עס באַשאַפן. און פון דאַן אָן איז ער געוואָרן דער טאַטע פון אַלע פּאַרקען אין סאַן-אַנטאָניאָ.

צוליב דער נשמה פון אַ קינסטלער, וואָס האָט ענדליך אָפּגע-זוכט איר באַרוף, האָ אויך געקראָגן אַ תיקון די גרוב, וואָס איז פאַר-וואַנדלט געוואָרן אין אַ כשוף-גאָרטן.

ווי שיין וואָלט געווען די וועלט, ווען אַלע מיליאָנען נשמות, וואָס ווערן צעטראָטן אין נויט, וואָלטן געקאָנט פריי און אומגעשטערט אויספירן זייער באַרוף?!

אויף די וועגן פון פלאָרידא

דער „האוואַנאַ עקספּרעס“ לויפט דורך אונטער׳ן האָדסאָן, צע-יאָגט זיך איבער די פעלדער פון ניו דזשוירזי, פּענסילווייניע, דע-לאַווער און מערילענד, רוט אָפּ אביסל אין וואַשינגטאָן און באַלד יאָגט ער זיך מיט אימפּעט איבער דער סאַוט. די באַן שניידט דורך ווירדזשיניא, נאָרט און סאַוט קאַראָליינאַ, דזשאָרדזשיא און אָט איז שוין דזשעקסאָנוויל—באַם טויער פון דער אייביג-זוניגער פלאָרידאַ.

ביים אַרויסגיין פון באַן ווילען זיך פּאַסאַזשירן אַז דאָ איז אַ טייל פון דער „עקס סאָליד-סאַוט“. — און אָנצוהערעניש אויף דעם דורכפאַל דאָ פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין די לעצטע פעדע-ראַלע וואַלן.

אויף הויכע שטאַמען הוידען זיך לאַנגזאַם פּאַלמען, דער הימל בלענדעט מיט זיין טיפער בלויקייט — דאָ איז דאָס לאַנד פון אייביגן פרילינג. אַהער רופן די ריזיגע שילדן, וואָס זיינען צעשטעלט אויף אַלע וועגן פאַר טויזנטער מיילן ווייט; אַהער לאַדן איין די פּלאַקאַטן אין די שוי-פענצטער פון די טוריסטן-אַגענטורן; אַהער פאַרבעטן די אַדווערטייזמענטס אין די געקליבענע זשורנאַלן, וואו מ׳אַנאָנסירט די רייכסטע אויטאָמאָבילן, די קאָסטבאַרסטע דימענטן און די טייערסטע פאַרווייַלונגס-פּלעצער פאַר די אויסערדערוויילטע. דאָ איז אַ גן-עדן אויף דער ערד; דאָ זאָגט מען צו דעם רייכן, אַז מ׳וועט דאָס טעלערל פון הימל אים דערלאַנגען.

אַ שפּאַן פון וואָקזאַל — און דער „גן-עדן“ הויבט זיך אָן: פאַר-חושכ׳טע, הילצערנע שטיבלאַך אויף הינערשע פיסלאַך, אָפּגעקאַלופּעטע, צעלעכערטע, ציגעלנע געביידעס, מיזעראַבעלע קרעמלאַך, פון וועלכע עס פייפט דער דלות, פאַרמורזשעטע קינדער, וואָס וואַלגערן זיך אין זאַמד. באַ אַ פענצטער אַ גרויסע, שוואַרצע פרוי מיט אַ קודלעוואַטער קאָפּ האָר און מיט אַ גנב׳ישן וואונקט אין די אויגן. אַ ריי הייזער, וואו

עס זיצן אויף די פּאָרטשעס ווייסע מיידלאך מיט שערקלאך איבער־געפאַרבטע באַקן און אָנגעפאַרבטע ליפּן, וואַרטנדיג פאַר אַ קונה אויף זייער ליב, און אַן איינלאַדונג פון יעדער שוועל:

— „דו יו וואָנט טו קאַם אַפּסטעירס?"

עס איז זונטאג; עס איז דער טאָג פון רו; נאָר די, וואָס פירן דעם מסחר, וואָס איז דער עלטסטער אין דער וועלט — די, וואָס דאַרפן קריגן ברויט דורך פאַרקויפן זייער ליב, פאַר די איז קיינמאָל קיין רו ניטאָ.

גרופּעס שוואַרצע שטייען ביי די פּריזבעס פון די הייזער; גרופּעס שפּאַצירן אין די גאַסן, און אין אַלע אויגן בליצט אויף אַ פראַגע־צייכן, ווען עס באַווייזט זיך אַ ווייסער. אַלע טרעטן אים אָפּ דעם וועג — די שוואַרצע געדיינקען גוט, ווי עס באַנעמען זיך מיט זיי די „דזשענטל־לייט", און זיי היטן זיך פאַר דעם ווייסן; זיי ווילן פון אים זיין וואָס ווייטער.

אָפּט גייט ארויס דער „קלען" אין אַ פּאַראַד. אין די פּלאַקאַטן זאָגט מען אָן: „ווי פּראָטעקט ווהייט ענד קאַלאָרד עלייק". דערוויסן זיך נאָר די שוואַרצע, אַז די „פּראָטעקטאָרס" גייען שוין, אַזוי ווערן פאַרמאַכט אַלע טירן און אַלע לאָדנס און פון קיין שוואַרצע זעט מען קיין געביין ניט, — זיי זיינען מוחל די „פּראָטעקשאָן". זיי זיינען צופרידן, ווען וואָס ווייניגער ווייסע באַווייזן זיך אין זייערע פאַר׳חושך׳טע, שרעקלאך אָפּגעלאָזענע, שרעקלאך שמוציגע קוואַרטאַלן. אַזאַ אָרימקייט, ווי אין די דאָזיקע קוואַרטאַלן איז זייער שווער זיך פאָר־צושטעלן.

דזשעקסאָנוויל האָט אויך רייכע אויסגעפּוצטע קוואַרטאַלן. דאָרט זיינען שטיבלאך פאַרטונקען אין בלומען; דאָרט זיינען הייזער ארומ־גערינגלט מיט פּאַלמען; דאָרט זיינען גאַסן פאַרטונקען אין גרינס; דאָרט טראָגן זיך גלאַנצענדיקע אויטאָמאָבילן. נאָר דאָרט שטייען אַ סך הייזער מיט פאַרקלאַפּטע פענצטער — דאָר איז אַ זכר פון דעם „בום", ווען מ׳האָט ווי אין אַ קדחת זיך געוואָרפן, ווען מ׳האָט געקויפט און פאַרקויפט און געבויט און איבערגעבויט און אָנגעבויט מער, ווי די לאַנגזאַם וואַקסנדיגע באַפעלקערונג קען פאַרנוצן.

— אַלע האָבן געקויפט „לאָטס“, — דערציילט מיין באַגלייטער,

— אַלע האָבן געוואָלט ווערן רייך איבערמאַכט. מענטשן זיינען אָנגעלאָפן אהער פון דעם גאַנצן לאַנד. מ'האָט געקויפט „לאָטס“, וועלכע מ'האָט אין די אויגן ניט אָנגעקוקט; מען האָט געצאָלט טויזנטער פאַר אַ פּיצל ערד, וואָס ליגט צענדליגער מיילן ווייט פון שטאָט. מ'האָט איבערנאַכט געמאַכט פאַרמעגנס און איבערנאַכט זיי פאַרלאָרן. פון דעם גאַנצן בום האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם און אַלץ איז אריבער צוריק אין די הענט פון די באַנקען, מאָרטגיידזש-קאָמפּאַניעס און אינשורענס-קאָמפּאַניעס. ניט איין ארבעטער האָט דאָ פאַרלאָרן זיינע אָרימע פּאָר גראָשן, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון ביסן ברויט אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן.

גייען די נעכטיגע האַלבע מיליאָנערן און קוקן פאַרטרויערט אויף שיינע שטיבלאַך צווישן פּאַלמען און ווייזן אָן:

— דאָס איז געווען מיין הייזקע, די אינשורענס-קאָמפּאַניע האָט עס צוגענומען. דאָ איז געווען מיין לאָט — ניט געקענט מער אָנגיין מיט די צאָלונגען, האָט די מאָרטגיידזש-קאָמפּאַניע דעם לאָט צוגענומען.

טונקט זיך דזשעקסאָנוויל אין אַ ים פון זון; עס הוידן זיך די פּאַלמען; די קוואַרטאַלן פון די רייכע חנ'דלען זיך מיט זייערע אויסגעפּוצטע גערטנדלאַך, נאָר אין דער גרעסטער צאָל גאַסן זיצן פאַרזאָרגטע, פאַראָרימטע, פאַר'חושך'טע מענטשן, וואָס דערמאָנען מיט אַ זיפץ די אמאָליגע פעטע יאָרן און טראַכטן וועגן אַ שטיקל ברויט, מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען.

קיין סך אַרבעט איז דאָ ניטאָ. פאַר דער אַרבעט, וואָס איז דאָ, צאָלט מען אַ הונגער-לוין. נישקשה, די שוואַרצע וועלן דאָך ניט וואַגן פּראָטעסטירן, און די אָרימקייט וואַקסט פון טאָג צו טאָג.

— בים, באָם! באָם, בים!!

עס קנאַקט דער פּויק, עס הילכן די טרובעס. מ'מאַכט אַ וואַרע, די באַוועגונג אויף די גאַסן שטעלט זיך אָפּ — עס גייט אַ פּאַראַד לכבוד דעם צענטן יאָר פון וואַפּנשטילשטאַנד.

פאָנען, מוזיק, געפּילדער, פאַרפלאַמטע פּנימ'ער — עס איז יום-טוב. מען האַלט רעדעס וועגן מענטשן-ליבע, וועגן „אייביגן“ שלום אויף דער וועלט, וועגן דעמאָקראַטיע און נאָך און נאָך. עס פעלט

אויך ניט די רעדע וועגן די אינערלאַכע שונאים. נאָר וואָס הערן די אויערן ? מ׳זאָגט עפּעס ניט, אַז די אינערלאַכע שונאים זיינען די ראַדיקאַלן, די „פּרעמדע״, די וואָס ווילן גיין אין די פוס-טריט פון באָלשעוויקעס. ניין, עס דערהערט זיך אַ שטימע, אַז די אינערלאַכע שונאים זענען די מאַגנאַטן, די ריזיגע קאָמפּאַניעס, וואָס שלינגען אַלץ איין, וואָס נעמען צו די היימען, וואָס צעשטערן דאָס הייליגע פייער פון דעם פאַמיליען-נעסט.

ווער רעדט עס אַזוי ? דאָרט רעדט אַ פירער פון „לידזשאָן״, דאָס שרייט אַרויס די שטימע פון דעם קליינבירגער, וועלכער ווערט צעמאָלן צווישן די מילשטיינער פון גרויס-קאַפּיטאַל.

דאָס פאַרשטייט אָבער ניט אַ דיסטריקט סעקרעטאַר פון אַרבעטער רינג, וועלכער שטייט דעם זעלבן אָוונט און דרש׳נט פאַר די מיטגלידער פון אַרבעטער-רינג אַזוי :

— עס איז שוין צייט איר זאָלט אַלעמען אויפקלערן, אַז אונזער שול לערנט ניט קיין סאָציאַליזם, קיין קאָמוניזם. מיר ווילן בלויז מענטשלאַכקייט. וואָס גייען אונז אָן קלאַסן, שמאַסן ? מיר ווילן בלויז אונזערע קינדער זאָלן ניט פאַרגיסן קיין בלוט, דאַטס אָל ! זאָלן זיי זיין קעגן טויט-שטראָף און דאָס וועט זיין זייער אידעאַל.

וואָס גייט אים אָן נויט ? וואָס גייט אים אָן אונטערדריקונג ? ער איז שוין צו לאַנג זאַט און צופרידן, ער זאָל דאָס קענען פאַרשטיין.

* *
*

אויף דעם וועג קיין מיאַמי

לויפט דער אויטאָמאָביל אַרויס פון דזשעקסאָנוויל און פאַרנעמט זיך אויף דעם וועג, וואָס ער וועט דאַרפן דורכלויפן אין דער גאַנצער לענג פון פלאָרידאַ ביז מיאַמי.

דער גראַב-בייכיגער אָנטרייבער איז ניט קיין באַרעדעוודיגער. אָן ווערטער גיט ער אַ שלעפּ צו זיך מיט זיין גרויסער לאַפּע דאָס פּיצל מיידל, וואָס זיצט לעבן אים. באַלד לאָזט ער זי אָפּ און זיצט ווי אַ גרויסער אָנגעשטאָפּטער זאַק.

בלויז צוויי מאָל האָט אָט דער אָנגעשטאָפּטער זאַק געבראָכן זיין שווייגן. איין מאָל, ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויף דעם פּלאַץ פון דעם חורבן אין וועסט פּאַלם ביטש, און א צווייטן מאָל, ווען איך האָב געפּרואווט אים אריינציען אין א געשפּרעך וועגן די נאַר-וואָס פאַר-ענדיגטע וואַלן.

— סמיט, — האָט ער מיט כעס אויסגערופן, — ווהאַי, ווי קוד נאָט עלעקט הים אין עי טאַוזענד אירס, ווי דיד נאָט וואָנט די פּאָפּ טו רול אָס!

מער האָב איך פון אים קיין וואָרט ניט געקענט ארויסקריגן.

מיר פאָרן אריין אין עפּעס א וואונדער-וואַלד. פון ריזיגע בוימער הענגען אראָפּ משונה׳דיגע קאָלטענעס, וואָס פלעכטן זיך ארום צוויינגן, וואָס פאַרבינדן בוים מיט בוים, וואָס שאַפן א ריזיקע נעץ ארום טויזנטער בוימער.

— וואָס איז דאָס? — פרעג איך בא א גאַזאָלין סטאַנציע א יונגען בחור, ווייל איך האָב ניט געהאָפט צו קריגן קיין ענטפער פון מיין אָנטרייבער.

— דאָס איז „ספּעניש מאָס" (שפּאַנישער מאָך), — דערקלערט מיר דער יונגערמאַן, — עס איז א טויט פאַר דעם וואַלד, נאָר פּטור ווערן פון דעם קען מען ניט.

דער אויטאָמאָביל לויפט אריין אין א שיין שטעטעלע. עס באַ-ווייזט זיך אַ גרויע שטיינערנע וואַנט, אויף וועלכער ס׳שטייען קאַנאָ-נען. דער אָנטרייבער גיט א בורטשע:

— דאָס איז סט. אויגאַסטין, דאָס איז דער פּאָרט, און אָט דאָ איז געווען דער מאַרק, וואו מ׳פלעגט ברייננגען די שווארצע שקלאַפן צום פאַרקויפן פון אָוקשאָן.

אויף דעם פּלאַץ פון דעם שקלאַפן-מאַרק איז איצט א פּאַרק. עס זיצן דאָרט אַלטע שטורמאַקעס. אפשר זענען אַ סך פון זיי נאָך אַליין געווען די, וואָס האָבן אויף דער קלאָץ די שווארצע שקלאַפן געשטעלט?

אין פּאַרק טאָר קיין שווארצער ניט אריינגיין. אין דער גאַנצער סאוט טאָרן די שווארצע ניט אריינגיין אין די פּאַרקן, וואו די ווייסע קומען. די שווארצע האָבן דאָ יעדער טראָט ערד מיט זייער שוויים און מיט זייער בלוט אָנגעזאַפּט, נאָר אין קיין פּאַרק טאָרן זיי ניט

ארייננגיין. אויב א שווארצע שטופּט א וועגעלע מיט א ווייס קינד, מעג זי יאָ ארייננגיין אין פּארק; אין זכות פון דעם ווייסן קינד מעג זי אויך כאַפּן אביסל לופט.

דער אויטאָמאָביל לויפט פּאַזע דעם אינדיען ריווער, וועלכער ציט זיך איבער דער גאַנצער מזרח לענג פון פלאָרידא פון צפון ביז דרום. עס טראָגן זיך פאַרביי שיינע רעזאָרט-שטעטלאַך, אויסגעפּוצטע „עס-טייטס". דאָס אויג קען זיך זאַט ניט אָנקוקן אויף די אָרענדזש-גערט-נער, אויף די פּאַרשיידנאַרטיגע פּאַלמען, אויף די ביימער מיט די גרייפּ-פרוכט, אויף די אלעאַנדרען, וואָס פילן אָן די לופט מיט אַזאַ צויבער דופט.

מיר דערנעענטערן זיך צו וועסט פּאַלם-ביטש, דאָס האַרץ הויבט אָן האַסטיקער צו קלאַפּן . . .

דאָ איז ערשטע פאָרגעקומען אַזאַ שרעקלאַכע קאַטאַסטראָפע. נאָך קיין מאָנאַט ניט פאַרביי זינט א שרעקלאַכער אוראַגאַן האָט דאָ גע-בראַכט טויט און פאַרוויסטונג. אָט באַווייזן זיך די צייכנס פון פאַר-ניכטונג. עס ליגן אויסגעבראָכענע בוימער, ריזיגע שילדן ביי די זייטן וועגן שטייען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ. אָט הויבט זיך אָן די שטאָט און אָט זענען די חרוב-געוואָרענע הייזער.

נאָר ווי קומט עס, וואָס אַזוי פיל הייזער שטייען אומבאַשעדיגט? הויבסט זיך אָן צוקוקן און דו זעסט, אַז אומעטום, וואָס עס שטייט א הויז, וואָס איז געבויט מער-וויייניגער ווי עס באַדאַרף צו זיין, האָט דער שטורם איר קיין בייז ניט געטאָן. אומעטום, וואו עס איז געשטאַנען א הייזקע אויף הינערשע פיסלאַך, האָט דער שטורם דאָס צעטראָגן אויף שפּענדלאַך.

פון די 5000 הייזער, וואָס וועסט פּאַלם ביטש האָט פאַרמאָגט, זענען 1700 חרוב געוואָרן. גייסטו פון גאַס צו גאַס, באַטראַכסט די חורבות און עס דאַכט זיך דיר אויס, אַז דו ביסט געשטאַנען דערביי, ווי דער שטורם האָט זיך אָנגעטראָגן און דו האָסט צוגעקוקט ווי דער ווינט האָט מיט א געוויין און מיט א פייפעריי און מיט א געפילדער זיך א וואָרף געטאָן אויף יעדער געביידע, האָט זי א טאַפּ געטאָן מיט ריזיגע לאַפּעס און האָט דערביי געזאָגט:

— שטייסט פעסט — שטיי דיר אויף דיין אָרט, שטיבעלע! ביזטו געבויט פון שטרוי — טאָ לייג זיך אוועק!

אָט ליגט א וואַנט אויף א וואַנט; אָט האָט דער ווינט א כאַפּ געטאָן א שטיבל און דאָס ארויפגעזעצט ווי א היטל אויף א צווייטער געביידע. אָט ציט זיך א לאַנגע גאַס, וואו קיין איין הויז איז ניט געבליבן. באַטראַכסט די איבערגעקערטע געביידעס און דו זעסט פאַר-וואָס זיי האָבן ניט געקענט איבערטראָגן דעם מינדסטן שטורם. זיי זענען געווען אָן א פונדאמענט, די הילצערנע ווענט צוגעשטוקעוועט אָן וועלכע ניט איז באַפעסטיקונגען און ביי דער ערשטער אטאַקע פון ווינט האָבן זיי זיך איבערגעקערט ווי קאָרטן-שטיבלאַך.

צוליב דעם טראָפּישן קלימאַט זענען דאָ אַלע געביידעס ניט אַזוי סאָליד, ווי אין געגנטן פון א קאַלטן קלימאַט, נאָר פונדעסטוועגן זענען 3300 הייזער געבליבן שטיין, ווייל דאָס זענען די הייזער פון די רייכע און זיי זענען ניט צונויפגעשטשאָבעט פון שטרוי. געפאַלן זיינען די הייזער פון די אָרימע.

דער אויטאָמאָביל אָנטרייבער ווערט מיט אמאָל רעדעוודיג און ער ווידערהאָלט נאָך אמאָל און נאָך אמאָל:

— לוק עט דים שענטי, און דאָס רופט מען אָן א היים און ווען דעם וועט מען שרייבן צו די אייגענע אין דער נאָרט און מ'וועט זיך קראַגן: „אי לאָסט מאַי האָום“.

עס פאַרגייט זיך אין א געלעכטער און הירזשעט ווי א פערד:

— כאַ... כאַ... כאַ... איי לאָסט מאַי האָום!

— כאַ... כאַ... כאַ... איי לאָסט מאַי האָום!

— סאַם האָום איט וואָז! סאַם האָום איט וואָז! כאַ... כאַ... כאַ...!

מיר צערעדן זיך מיט אָרטיגע איינוואוינער און זיי דערציילן איינצלהייטן פון דער שרעקלאַכער נאַכט, ווען דער שטורם האָט אויס-געבראָכן. זיי דערציילן ווי אַזוי עס האָט אויסגעקוקט די שטאָט אויף מאָרגן נאָך דעם חורבן.

טויטע האָבן זיך געוואַלגערט אין אַלע גאַסן. עס איז געווען א שרעקלאַכער געשטאַנק. אָן אַנצאָל בהמות און פערד און עופות זענען דער'הרג'עט געוואָרן. דער ים האָט אָנגעטראָגן מיליאָנען טויטע פיש.

ס׳האָבן זיך געוואַלגערט אויף די גאַסן טויטע שלאַנגען. עס האָבן זיך באַוויזן מחנות ריזיגע אינסעקטן, וואָס האָבן געביסן אומ׳ברחמנות׳דיג.

מ׳האָט געצוואונגען אַלעמען זיך נעמען אָפּצוראַמען די גאַסן. די טויטן פון שטאָט האָט מען באַגראָבן אין איין גרויסן ברודער-קבר. אויסער׳ן שטאָט האָט מען די טויטע פאַרברענט. דערזען אַ טויטן — באַגאָסן מיט געזאָלין, איבערגעדעקט מיט אַ שמאַטע און פון אַ מענטשן איז געבליבן אַ בערגל אַש.

אפילו דאָ, וואו דער ווייסער רעדט, געוויינלאַך, וועגן דעם שוואַרצן ניט אַנדערש, ווי וועגן אַ נידעריגערן וועזן, הערט זיך אַ נאָטקע פון רחמנות, ווען מ׳דערציילט ווי אַזוי די שוואַרצע זענען אומגעקומען אין דער שוידערלאַכער נאַכט.

דער גאַראַדזש-אייגנטימער, וואָס איז גראַדע ניט פאַרנומען און וואָס זעט אויס צו זיין זייער אַ באַרעדעוודיקער, פאַרנעמט זיך צו דער-ציילן אַ גאַר גרויסע געשיכטע וועגן די פּאַסירונגען, וואָס האָבן דאָ אויף אַלעמען געמאַכט אַזאַ טיפן רושם.

מיר דערוויסן זיך פון אים אַ סך איינצעלהייטן פון דער קאַטאַס-טראָפע.

דער גרעסטער חורבן איז געווען אין די שטעטלאַך לעבן לעיק אָקאַטשאָבי. אומשולדיג שפּיגלען זיך איצט זיינע וואַסערן, נאָר אין דער נאַכט פון דעם 16טן אָקטאָבער האָט דער לייק זיך אַ הויב געטאָן און מיט אַ וואַנט — צען פוס די הויך — האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די שטעטלאַך, וואָס ליגן נידעריגער פון זיין פלאַך און האָט אין אַ סך פון זיי קיין איין לעבעדיגן נפש ניט איבערגעלאָזט.

מ׳דערציילט ווי אַזוי אין איין פּלאַץ האָבן דריי יונגע נעגערס זיך אַנגעכאַפּט אין אַ קלאָץ און פערצן שעה צייט האָבן זיי זיך געראַנגלט מיט׳ן טויט, ביז זיי זענען געראַטעוועט געוואָרן. איינער פון די דריי שטייט טאַקע דאָ דערביי און דערציילט ווי אַזוי ער האָט מיט זיינע פינגער זיך אַזוי איינגעקלאַמערט אין דער קלאָץ, אַז דאָרט זענען זיבער פאַרבליבן צען טיפע לעכער.

ער וואַגט ניט זיך אַריינמישן אין אַ געשפּרעך פון ווייסע — ניט אין דער סאַוט וועט אַ נעגער דאָס וואַגן טאָן — נאָר ווען ער זעט

ווי איך באטראכט אים און ווען ער דערזעט א פריינטלאכן שמייכל, ווערט ער דרייסטער און ער זאגט שטיל צו מיר:

— „יעס סער, אנלי טרי רימעינד אאוט אוו פייף האנדרעד“.

זיין היטל, וואס איז גרויס אויף אים, פארדעקט זיינע אויערן, זיינע גרויסע אויגן האבן אין זיך אזוי פיל טרויער און אין זיין גאנצער קליינער פיגור איז דא אזוי פיל רחמנות׳דיגעס, אז עס ווייזט זיך אויס, אז דאס איז א סימבאל פון א גאנצער ראסע, וואס איז אזוי דערשלאגן און אונטערדריקט.

דעם לייק אקאטשאבי האט מען זיך אמאל גענומען פארצאמען מיט א דאמבע. הונדערטער לעבנס וואלטן ניט געווען אומגעקומען, ווען די דאמבע וואלט פארענדיגט געווארן. האבן זיך ארייגעמישט געלט-גייציגע אינטערעסן; עס האט זיך ארייגעמישט קארופטע פאליטיק; די ארבעט איז אפגעשטעלט געווארן.

עס איז שוין שפעט באנאכט, ווען דער אויטאמאביל לויפט אריין אין די אויסגעפוצטע בולווארן פון מיאמי. עס אטעמט א טראפישע נאכט; עס שמעקט מיט ים. ערגעץ-דא דערבייי טראגט זיך דער וואַרימער „גאלף-שטראם“, וואס האט דעם געגנט באשאנקען מיט א שטענדיגן זומער.

* *
*

זיי האבן ליב צו ווייזן זייער שטאט, די מיאמער. זיי לאזן ניט דורך קיין ווינקל. זיי ווייסן וועגן יעדער בארימטער בוים, וואס איז זיך צעוואקסן אויף א האלבן קווארטאל און האט פון אירע ריזיגע צווייגן אראפגעלאזט אין דער ערד אריין פאדפארעם. זיי פירן אייך ווייזן זעלטענע פאלמעס און די משונה׳דיגסטע פלאנצן. עס איז דא וואס צו ווייזן און עס איז דא אויף וואס צו קוקן.

מיר פארן אריין אין קאראל גייבעלס, דעם גן עדן אין א גן עדן — דעם כשוף-פלאץ, וואס די רייכע האבן פאר זיך אויפגעבויט. פאלאץ נאך פאלאץ גייט פארביי די אויגן און איינער איז שענער און צויבערנ-דיגער פון דעם צווייטן.

מיר שטעלן זיך אפ לעבן איינעם פון זיי, וואס איז געבויט אין אן אריענטאלישן סטיל. מיר ווילן נעמען א בילד לעבן א פאלמע, וואס

האָט ניט צו זיך קיין גלייכן. זי וואַקסט ניט אויף קיין שטאַם, ווי די אַנדערע, נאָר זי הויבט זיך אָן פון דער ערד ווי אַ פאָכער און אירע שמאָלע לאַנגע בלעטער שפּרייטן זיך אויס אין צוויי זייטען ווי די פליגלען פון אַ ריזיגן פויגל.

פון הויז קומט אַרויס אַן עלטערער מאַן. זיין יעדער קער, זיין יעדער ריר שרייט אַרויס: איך בין אַ מיליאָנער.

ער איז זייער העפלאַך און ער פירט אונז ווייזן זיין גאָרטן. ער דערציילט, אַז ער האָט דאָ 26 פאַרשידענע סאָרטן פּאַלמען. ער האָט פלאַנצן פון אינדיע, פון עגיפּטען, פון כינע און פון יאַפּאַן. ער ווייזט זיינע קאַקאָ-נים און גרייפּ פרוט, ער ווייזט אַ משונה סענסיטיווע פלאַנץ, וואָס מאַכט זיך צו, אַזוי שנעל, ווי מ׳רירט זיך צו צו איר. ער פירט אונז אריין אין זיין „פּאַטיאָ", אין זיין אינווייניגסטן גאָרטן, וואָס איז איינגעשלאָסן אין הויז. אין דעם גאָרטן שפּריצן פאָנטאַנען. דאָרט זענען דאָ אין פאַרשידענע ווינקלען קרישטאָל-ריינע מיניאַטור-אָזיערעס, אין וועלכע עס שווימען אַרום גאָלדענע פישעלאַך און אונטער פּאַלמען שטייען דאָרט טישלאַך — דאָרט איז דער אָפענער עס צימער.

אין הויז וואוינט בלויז דער מאַן מיט זיין פרוי. וויפיל דינסטן עס זענען דאָרט דאָ, דאָס האָט דער מאַן ניט דערציילט. לויט דער גרויס פון דער הויז, מוז דאָרט זיין אַ גאַנצער שטאַב.

מיר גייער אַוועק פון דאַנען. מיר פאָרן ווייטער. ווידער פּאַ-לאַצן, ווידער רחבות, אומענדלאַך ציט זיך דער גן עדן פון די רייכע. ערגעץ בויגן זיך רוקנס באַ מאַשינען; ערגעץ טרעט מען סטרייקער מיט די פיס; ערגעץ פאַרקויפן זיך קינדערשע לייבער; ערגעץ ליגן אין אַ ברודער-קבר הונדערטער אומגעקומענע, וואָס האָבן גע-וואוינט אין שטיבלאַך אויף הינערשע פיסלאַך; ערגעץ וויינען ווײ-בער פון מיינער אויף דעם טויט פון זייערע מענער, וואָס זענען אומגעקומען אונטער דער ערד; ערגעץ וויינען קינדער און בעטן זיך אַ שטיקל ברויט; דאָ שטייען פּאַלאַצן און עס צוויטשערן פייגע-לאַך צווישן פּאַלמעס.

אָט זענען די ווענעציאַנער גערטנער. דאָ שפּילט און דאָ טאַנצט און דאָ הוליעט די גאָלדענע יוגנט. דאָ איז אומבאַשרייבלאַכער

פּראַכט. פאַר די אויגן שווימט ארויף דער דערשראָקענער רחמנות׳-
דיגער בליק פון דעם שווארצן בחור׳ל אין וועסט פּאַלם ביטש.

די חברים באַגלייטער דערפילן, אַז עס איז איצט בעסער צו
שווייגן, מ׳הערט אויף אויסצודערציילן דעם יחוס פון די פּאַלאַצן,
וואָס באַלאַנגען צו דעם מאַגנאַט און צו דעם קעניג. מ׳ווערט אַלע
אנשווייגן. דער אויטאָמאָביל לויפט צוריק אריין אין מיאַמי. ערגעץ
ווייט ליגט דאָס גרויסע לאַנד, פון וואנען מיאַמי זויגט אירע מיליאָנען.
ערגעץ גיסט זיך שווייס פון פּראַצע — דאָ איז פון דער פּראַצע פאַר
די רייכע געשאַפן געוואָרן אַ גן עדן.

ערגעץ אין ניו בעדפאָרד, אין פולער׳ס מדינה, קוועטשט מען
ארונטער נאָך פּראָצענטן פון 12 דאָלאַרדיגע וועכענטלאַכע פאַרדינ-
סטן; ערגעץ העלפט לואיס אויסצוהונגערן די מיינערס; ערגעץ
דרש׳נט גרין, אַז זיין פעדעריישאָן אָוו לייבאָר איז נאָך רעאַקציאָנערער,
ווי די פעדערייישאָנס פון באַלעבאַטים; ערגעץ גייען אונטער שיפען
און מענטשן פאַרלירן אומזיסט זייערע לעבנס און אַלץ כדי עס זאָלן
קענען פאַר געציילטע אויפגעבויט ווערן אַזעלכע גן עדן-ווינקלאַך, ווי
דאָ אין פלאָרידאַ.

עס בלאָזט אַ טראָפּישער ווינט. מיאַמי באָדט זיך אין אַ ים
פון זון-שיין. לאַנגזאַם גליטשט זיך אַ שיף אין דעם ביסקיין בעי —
דאָס קומט אָן פון דער נאָרט די ערשטע שיף טוריסטן פון דעם
סעזאָן.

וועמעס פּראַצע האָט פאַר זיי דעם וועג אויסגעפּלאַסטערט? מיט
וועמעס שווייס וועט באַצאָלט ווערן פאַר זייער לוסט-רייזע?

קיינער וועט דאָ די פראַגן ניט שטעלן. מיאַמי האַלט אָפן פאַר
די רייכע אירע אָרעמס; מ׳פוצט און מ׳פאַרבט און מ׳גרייט זיך
אויפנעמען די געסט, וואָס וועלן קומען געניסן פון דעם גן עדן באַם
גאָלף-שטראָם.

ווען אַלע, וואָס הונגערן אין דער רייכער אמעריקע, וואָלטן כאָטש
געקענט אויף אַ מינוט אַ קוק טאָן און זען, וואָס מ׳האָט דאַ פאַר דעם
וואויל-טאָג פון די רייכע געשאַפן!

„האָלי ראָללערס“

נאָך דעם רויק און שטויב, מיט וועלכע דו עסט זיך אָן, פאַרנדיק אין די באַנען, איז זייער אָנגעלעגט די געלעגנהייט צו פאָרן א שטיק וועג אין אן עלעקטרישן טראַמוואַי.

מיט אימפעט טראָגט זיך דער וואַגאָן צווישן געדיכטע וועלדער; אָט גיט ער זיך א בויג אויף א זייט, אָט גלייכט ער זיך ווידער אויס, פייפט אַלע מאָל אויס זיין אָנזאָג, אז ער דערנענטערט זיך צו א סטאַנציע, שטעלט זיך אָפּ אויף א סעקונדע, וואַרפט אַרויס עטלאַכע פאַרשוינען, גיט א כאַפּ א פּאָר אַנדערע און טראָגט זיך ווידער אַלץ ווייטער און ווייטער פון קענזעס סיטי, אַלץ נעענטער און נעענטער צו סעינט דזשאָזעף, מיזורי.

עס איז א שרעקלאַך הייסער טאָג געווען; אין קענזעס סיטי איז ניט געווען מיט וואָס צו אָטעמען; אָבער דאָ, אין דעם שנעל-לויפנדען עלעקטרישן וואַגאָן, איז אזוי קיל; און שטעקסטו אַרויס פון טראַמוואַי-פענסטער דיין קאָפּ, דערפרישסטו דיך אזוי גוט אין דעם שטראָם פון דער דורכגעשניטענער לופט.

דער טאָג ענדיקט זיך באַלד. די זון וועט באַלד אוועק. פאַרנאַכטיקע שאָטנס שפּרייטנס זיך שוין איבער די וועלדער. די פאַרביי-לויפנדע פעלדער זענען עפּעס ווי איינגעהילט אין א שלייער.

די נאַכט רוקט זיך שנעל אָן. די לופט בייט איר אויסזען. עס ווערט שנעל פינסטער. מיר דערנעענטערן זיך צו א גרויסן ישוב. אין וואַגאָן איז אזוי באַקוועם, אז עס ווערן פאַרגעסן די ביז-איצטיקע פינף טויזנט דערעסענע מייל פון דער רייזע; עס וואָלט זיך וועלן, אז די פאַרנאַכטיקע רייזע אין דעם עלעקטרישן וואַגאָן זאָל לאַנג-לאַנג זיך ניט ענדיקן.

נאָר איידער וואָס-ווען, האָט דער טראַמוואַי זיך שוין אריינגעטראָגן אין סאַמע צענטער פון שטאָט; עס לופן פאַרביי הייזער, שולן, קראָמען; מיר פאָרן דורך אַ לאַנגער גאַס אינמיטן שטאָט.

פלוצלונג ווערט דער אויער צוגעצויגן צו עפּעס אַן אויסערגעוויינלאַכן גערויש; דורך דעם פענסטער פון וואַגאָן כאַפּט דאָס אויג אַראָפּ אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ בילד, וואָס וועט זיך לאַנג-לאַנג ניט אויסמעקן פון זכרון.

אין אַ הויז מיט ברייט-צעעפנטע טירן און פענסטער איז אַ גרויסער עולם מענער, פרויען און קינדער געשפּרונגען אויף טישן, געשטאַנען אויף ביינק, זיך געקלאַפּט מיט די פויסטן אין קאָפּ, זיך געפּאַטשט איבער׳ן בויך, געפאָכעט מיט די הענט און געשריען מיט באַנומענע קולות.

צוליב דעם טומל פון דער גאַס און צוליב דעם בריאזג פון די טראַמוואַי-רעדער איז ניט געווען מעגלאַך צו הערן, וואָס עס האָבן אויסגעשריען די צונויפגעפּאַקטע אין דער הויז; עס איז געווען שווער צו באַשטימען, וואָס דאָ קומט פאָר.

א שאָד, עס האָט זיך אזוי געוואָלט ארויסשפּרינגען, אָפּשטעלן עמיצן און פרעגן: זאָגט, ווער זענען אָט די מענטשן און וואָס טוט זיי וויי, פאַרוואָס מאַכן זיי אזא מיר ליאַרעם?

עס ווערט אָבער שפּעט, די צייט איז קורץ און דער טראַמוואַי איז שוין ווייט-ווייט אוועק. גיי, זוך אַ נעכטיקן טאָג, ווען דו ווייסט אפילו ניט אויף וועלכער גאַס דו ביסט געפאָרן. פאַרפאַלן, מסתמא וועט שוין קיין מאָל ניט אויסקומען צו וויסן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

אָבער עס האָט זיך אויסגעדרייט אַנדערש. דער ערשטער באַקאַנטער, וועמען איך האָב די ערשטע פראַגע געשטעלט וועגן דעם, וואָס איך האָב געזען, האָט דערקלערט, אַז דאָס זענען געווען די „האָלי ראָללערס“, אַ רעליגיעזע סעקטע, וואָס האַלט, אַז יעדער איינער קען זיך אַרויפשרויפן צו אַזאַ צושטאַנד פון רעליגיעזן עקסטאַז (פּשוט׳ער גערעדט, צו אַזאַ צושטאַנד פון נערוועזער צעטרייסלונג), אַז ער זאָל דערזען קריסטוס׳ן און זאָל דורכדעם ריינגעוואַשן ווערן פון אַלע ערדישע זינד, פון אַלע ערדישע פאַרלאַנגען און פון אַלע זינדיגע שטרעבונגען.

עס האָט מיר נאָך מער אָנגעהויבן באַנג טאָן, פאַרוואָס איך האָב פאַרלאָרן די געלעגנהייט געגוי זיך צוצוקוקן צו דער סעקטע און ביי־צואוואוינען זייערן א סעאַנס.

איך האָב אַליין ניט ערוואַרטעט, אַז איך וועל באַלד האָבן אַן אַנדער געלעגנהייט צו באַטראַכטן זייער נאָענט א גאָטעס־דינסט פון די „האָלי ראָללערס"; אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט, ווען איך בין אָנגעקומען אין באָפאַלאָ.

עס איז ווידער געווען הייס, אַזש דערשטיקט צו ווערן; די לופט האָט זיך ניט געגעבן קיין ריר, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גיגאַנטישן שמעלץ־טאָפּ, אין וועלכן עס וועלען באַלד אַלע און אַלץ צעשמאָלצן ווערן. אין מויל איז טרוקן; דער קאָפּ איז שווער פון מידקייט; די פיס שלעפּן זיך קוים. עס ווילט זיך צו קיינעם ניט ריידן; עס דאַכט זיך, אַז קיינעם ליגט איצט ניט אין זינען צו ריידן וועגן צייטונגען, וועגן לעקציעס, וועגן וואָס עס זאָל ניט זיין.

נאָר וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ שרעקלאַכער טומל און פון וואַנען טראָגן זיך דאָ אַזעלכע האַרצרייסנדע געשרייען־? ניט אַנדערש, אַז פון דעם גרויסן טענט (אַ פּאַלאַטקע) דאָ, איבערן וועג, דערפאַר שטייען דאָרט, מסתמא, אַזוי פיל מענטשן באַם אַריינגאַנג.

מ׳דאַרף צוגיין אַ קוק טאָן, וואָס דאָרט איז.

אַ הויכער, געזונטער נעגער היט אָפּ דעם אַריינגאַנג און האַלט צו די פּאָלע פון דעם טענט, מ׳זאָל ניט קענען זען, וואָס אינווייניק קומט פאָר.

— וואָס איז דאָ פאַר אַ גוואַלד־? — פרעג איך בײַ אַ דערבייאיקן.

— דאָס איז אַ גאָטעס־דינסט פון די „האָלי ראָללערס", — ענט־פערט ער מיר, און ס׳דאַכט זיך מיר, אַז אין זיין ענטפער קלינגט אַ חוזק וועגן דעם גאַנצן ענין פון „האָלי ראָללערס".

איך שיינק אים ניט מער קיין אויפמערקזאַמקייט, פאַרליר מער ניט קיין צייט און לאָזט זיך גלייך גיין אינווייניק, — פאַרגעסן איז געוואָרן די מידקייט, עס ווילט זיך וואָס שנעלער זיין אינווייניק און זעען מיט די אייגענע אויגן די מענטשן, וואָס שלאָגן זיך מיט׳ן קאָפּ אָן דר׳ערד און וואָס דראַפּען זיך אויף די גלייכע ווענט.

דער הויכער נעגער ווארפט אויף מיר א צעטומלטן בליק; ער פאר־שטייט ניט, ווי מיט מיר צו האנדלען; דא זענען אלע שווארצע, און ער פארשטייט ניט, וואס טוט דארט א ווייסער מענטש.

זאל ער זיך טראכטן, וואס ער וויל, איך האב גענוג און אים אויף וואס צו קוקן. איבער דער גאנצער ברייט פון טענט זיצן א פאר הונ־דערט שווארצע מענער, פרויען און קינדער.

אין פראנט, אויף א מין פלאטפארמע, זיצן א פערזאן 30, די מערסטע פון זיי פרויען. אייניקע פון די, וואס זיצן אויף דער פלאט־פארמע, האלטן פייקלאך, צוויי מענער האבן קלארנעטן, מיט וועלכע זיי העלפן מאכן גרעסער דעם טומל פון דעם געזאנג, אין וועלכן אלע באטייליקן זיך.

אייגנטלאך איז דאס ניט קיין געזאנג; עס איז עפעס אזא מין סארט אויסגעשריי מיט א וויינענדיקן נאכרוף, וואס ווערט באגלייט מיט'ן צוקלאפן פון די פיס, מיט'ן צופאטשן פון די הענט, מיט'ן טשמא־קען פון די ליפן, מיט'ן צוקנאקן פון די פינגער. אט גיבן אלע מיט אמאל א רעווע ארויס: „דזשיזוס"! און זיי פארענדיקן באלד מיט א וויינענדיקן קויל: „יו אר אין מאי הארט", און אלע הויבן אן טופען מיט די פיס, פאטשן מיט די הענט און שרייען אויף באנומענע קולות: „הללויה, הללויה". דער אימפעט פונ'ם געזאנג, פונ'ם פאטשן און פונ'ם אונטערשפרינגען ווערט אלץ שנעלער און שנעלער.

מיט אמאל שפרינגט אויף א מיידל פון א יאהר 17; זי פאר־ווארפט דעם קאפ אויף צוריק, הויב זיך אן קלאפן מיט די פויסטן אין דער ברוסט, און שרייט, ווי מ'וואלט איר געהאלטן באם שוחט'ן: „הי איז היר, הי איז היר אין מאין הארט!". און אלע הויבן אן ווארפן מיט די קעפ לינקס און רעכטס, און איינער שפרינגט אויף נאך דעם צווייטן; באלד זענען אלע שוין אויף די בענקלאך. זיי קנייפן זיך; זיי רייסן פון זיך שטיקער; שפרינגען אראפ און שפרינגען ארויף אויף די בענקלאך; קלאפן זיך מיט'ן קאפ אן דר'ערד און שרייען אלע ווי צעיושעטע אקסן: „הי איז, הי איז, הי איז היר!".

עס וואקסט דער עקסטאז! די לופט אין דעם טענט ווערט אומערטרעגלאך; עס איז ניטא מיט וואס צו אטעמען; און עס דאכט

זיך, אז די היץ העלפט נאָך מער, אז די מענטשן זאָלן פארלירן זייער פאַרשטאַנד. זיי זענען איצט שוין כמעט אינגאַנצן משוגע; זייערע אויגן קריכן ארויס פון די אויגן-לעכער; זייערע מיילער גיסן סליונע; זייערע שטימען זענען הייזעריק, און זיי רעווען אַלע ווי א ווילדע סטאַדע.

איך גיי ארויס אין דרויסן; עס האָט זיך שוין אָנגערוקט די נאַכט. איך טראַכט וועגן דעם, וואָס איך האָב נאָר וואָס בייגע-וואוינט, און עס שטעלט זיך די פראַגע: וואָס שרייען די „האָלי ראָללערס" אזוי? איז דאָס טאַקע בא זיי א רעליגיעזער עקסטאַז אזא, אָדער דאָס שרייט פון זיי ארויס זייער ביטערע נויט? אפשר קלאַפּן זיי זיך אזוי די קעפּ אין וואַנט און שלאָגן זיך אזוי מיט די פויסטן אין ברוסט, ווייל עס שטיקט זיי זייער אָרימקייט, ווייל עס דריקט זיי זייער פינסטער לעבן, און זיי ווייסן ניט ווי אַנדערש אויסצושרייען וועגן זייער ווייטאָק?

אפשר האָט אין זייער געשריי זיך אָנגעקליבן דער צער פון זייערע ליידן און פון זייער גאַנצער ערנידריגונג און פון דער גרויסער נויט, אין וועלכער עס לעבן די אַלע מיליאָנען שווארצע אין דעם גרויסן, רייכן לאַנד. אפשר איז דער האַלב-משוגענער עקסטאַז פון די „האָלי ראָללערס" א רעזולטאַט פון א משוגענעם, נאַרישן לעבן?

אפשר?!

ליידענדע מענטשן און מענטשן-ברוכוואַרג

כאָטש ער האָט צוגעגעבן, אַז ער איז שוין באַלד אַ האַלב יאָר אָן ארבעט, איז דער חבר באַשטאַנען, אַז מיר זאָלן גיין צו אים אַהיים אויף סאַפּער. אַזוי ווי מיט מיר צוזאַמען זיינען מיטגעגאַנגען נאָך אַ פינף חברים, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מ׳דאַרף עפּעס קויפן און מיט-ברענגען מיט זיך צום עסן.

— אַזאַ כאָפּטע אָנשטאָפּן האָב איך ניט מיט וואָס, — האָט דער חבר גוטמוטיג געשפּאַסט איבער זיין נויט, — קויפט, וועט איר האָבן וואָס צו עסן. אַ חוץ קאַרטאָפל-זופּ וועט אויך דער גאַסט בּאַ מיר גאָר ניט קריגן.

מ׳האָט געקויפט וואורשט און הערינג און אַ פּאָר לעבלאַך ברויט און מ׳איז אַוועק איינריכטן אַ סאַפּער.

— ער וואָלט אַוועקגעגעבן די נשמה, — האָבן די חברים מיר שטילערהייט אַריינגערוימט אין אויער, — בּאַ אים איז אַלע מאָל גע-ווען אָן אָפענע טיר. ווען ער האָט אַרבעט, גייט ניט אַוועק קיין טאָג, אַז מ׳זאָל בּאַ אים אין הויז זיך ניט צוזאַמענקומען און בּאַ אַ גלאָז טיי פאַרבּריינגען. די אינטערעסאַנטסטע געשפּרעכן וועגן וויכטיגע פראַגן האָט מען אַלעמאָל געקענט הערן בּאַ אים אין הויז. נאָר זינט ער האָט פאַרלאָרן זיין אַרבעט, פילן זיך אַלע ווי יתומים — אָן זיין הויז פילט מען זיך ווי אָן אייגענער היים.

מיר זענען צוגעקומען צו אַ גרויסער איינשטאָקיגער הויז, וואָס האָט זיך געצויגן אויף אַ האַלבן קוואַרטאַל. אין דעם הינטערהויף פון דער דאָזיגער הויז איז געשטאַנען אַן איינגעהויקערט שטיבל ; דאָרט האָט דער אַרבּעטסלאָזער געוואוינט.

אין הויז האָט מען זיך אויף אונז ניט געריכט און דערפאַר איז דאָ ניט געמאַכט געוואָרן קיין פאַרזוך צו פאַרדעקן די נויט, וואָס האָט אַרויסגעשריען פון אַלע ווינקעלאַך. דאָס איינציגע עלעקטרישע לעמפּל

האָט קוים באַלויכטן דעם אָרימען צימער; די פּאָר שטיקלאַך מעבל, װאָס זײנען דאָ געשטאַנען, האָבן אין דער האַלב־טונקעלקײט פֿון צימער אויסגעקוקט ניט אַזוי אָפּגעלאָזן און נאַקעט, װי נאָכדעם, װען מ׳האָט פֿון אַ צװײטן צימער אַרײַנגעבראַכט נאָך אַ לעמפּל און אַביסל מער פֿאַרטריבן די פֿינסטערניש.

פֿון אַ שמאָל בעטל האָט זיך אויפֿגעהויבן דעם חבר׳ס פֿרוי. זי איז אין אירע קלײדער אײַנגעשלאָפֿן, װאַרטנדיק אויף דעם „ברויט־געבער" און אויף די קינדער, װאָס זײנען ניט געװען אינדערהײם. זי האָט אויף שנעל פֿאַרריכט די צעשױבערטע האָר, האָט אינסטינקטיװ אַ װאָרף געטאָן אַן אויג אויף איר אָרימער באַלעבאַטישקײט און האָט מיט אַ גוטמוטיגן שמײכל זיך געװענדעט צו אונז:

— װען איך זאָל געװען װיסן, אַז מיר װעלן הײַנט האָבן אַזױפֿיל געסט, װאָלט איך געװען באַצײַטנס אַרײַנגיסן אין דער זופּ נאָך אַ פּאָר קװאָרט װאַסער, נאָר איצט איז דאָך שױן צו־שפּעט, װאָס װעלן מיר מיט אײַך אַלעמען טאָן?

— ניט געזאָרגט, — האָט דער חבר איר איבערגעשלאָגן, — מיר זענען דאָך אײגענע מענטשן, האָב איך זײ געהײסן זײ זאָלן אַלײן אַלץ קויפֿן, אויב זײ װילן עסן.

מ׳האָט אַרויסגעלײגט אויפֿ׳ן טיש די פּעקלאַך און די חבר׳טע איז אַװעק מיט זײ אין קיך צו פֿאַרגרײטן אַלץ װי עס דאַרף צו זײַן. אין דער זעלבער צײַט האָט זיך דערהערט בײַ דער טיר אַ שאָרך און באַלד זענען פֿון דרויסן אַרײַן צװײ מײדעלאַך, װאָס זענען געװען ענלאַך אײנע צו דער אַנדערער װי צװײ טראָפּנס װאַסער. די קינדער זענען געװען אָנגעטאָן זײער אָרים. װײַל אין דרויסן האָט געברענט אַ פֿראָסט און װײַל מ׳האָט מורא געהאַט פֿאַר דער „פֿלו", װאָס האָט אומעטום געבושעװעט, האָט מען די קינדער פֿאַרקוטעט אין שאַלן, װאָס האָבן נאָך מער אונטערשטראָכן די אָרימקײט פֿון זײער קלײדונג.

דער פֿאָטער האָט זײ אויסגעװיקלט פֿון זײערע שמאַטעס און די צװײ קינדער זענען געבליבן שטײן אַביסל פֿאַרלאָרענע; נאָר באַלד זענען זײ געקומען צו זיך און האָבן אָנגעהויבן דערצײלן, װאָס זײ האָבן געזען אין הויז פֿון דער חבר׳טע, באַ װעלכער זײ זײַנען נאָר װאָס געװען. דאָרט איז געװען אַ „בוירטהדײ פּאַרטי" און מען האָט גע־

בראַכט דער חבר׳טע אַזוי פיל מתנות און דאָרט איז געווען פרייליך און אַזוי פיל קענדי און קייקס און צאַצקעס.

— אַלע האָבן געבראַכט פּרעזענטן, נאָר מיר האָבן ניט געבראַכט קיין פּרעזענט, — האָט איין מיידעלע מיט טרויער זיך פאַרקלאָגט.

— און אַלע קינדער האָבן געלאַכט פון אונזערע שאַלן, — האָט דאָס צווייטע קינד צוגעגעבן.

דער פאָטער האָט זיי געפּרואווט טרייסטן, אַז ווען ער וועט אַר־בעטן וועט ער זיי געבן געלט און זיי וועלן קענען קויפן אַ פּרעזענט פאַר זייער חבר׳טע און די אַלטע שאַלן וועלן זיי אויך ניט דאַרפן טראָגן — מ׳וועט זיי קויפן נייע, וואַרימע מאַנטלען.

— אָבער ווען וועסטו אַרבעטן, פּאַפּאַ? — האָט מיט טרערן אין די אויגן איין קינד געפרעגט.

— דו וועסט קיינמאָל ניט אַרבעטן, — האָט די צווייטע זיך צע־וויינט, — אַלע פּאַפּאַס אַרבעטן, נאָר דו אַרבעטסט ניט.

די מוטער האָט די סצענע איבערגעריסן; זי האָט אַוועקגעשטעלט אויף דעם טיש דאָס עסן און האָט געבעטן אַלעמען זיך זעצן צום טיש.

* *

*

דער גאַנצער וואַגאָן האָט אויף איר געקוקט. ניט אַזוי אויף איר, ווי אויף די קאָסטבאַרע שפּיצן, אין וועלכע זי איז געווען איינגעוויקלט. עס האָבן אויך צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט די טשעמאָ־דאַנעס און שאַכטלאַך, מיט וועלכע זי איז געווען אַרומגערינגלט. ניט נאָר די בענק אַרום איר זענען געווען פאַרנומען מיט די דאָזיגע פּעק, נאָר די בענק פון די שכנים אַרום איר זיינען אויך געווען פאַרנומען מיט איר באַגאַזש.

אַ ברוגז׳ע איז זי געווען, די דאָזיגע מאַדאַם, און זי האָט אַרויס־געקוקט אין פענסטער מיט אַזאַ מינע, וואָס האָט קלאָר געזאָגט:

— אַ! עס איז מיר דערווידער אויף אייך אַלעמען צו קוקן — קוק איך ליבערשט אין דרויסן אַרויס.

מיט ווייכע טריט איז דורכגעגאַנגען דער בינעזישער קובער פון דעם עס־וואַגאָן און ער האָט ניט איבערגעריסן די שטילקייט מיט אַ פּלוצלומדיגן אויסרוף: „פוירסט קאָל פאָר לאָנטש.“ איצט איז שוין

אין די פּולמאַן װאַגאָנען אױף געװיסע אײזנבאַנען אײנגעפירט אַ נײער מעטאָד: דער אױסרופער טראָגט אַזאַ קלײן קעסטעלע, װאָס גיט אַרױס אַ װײכן מוזיקאַלישן קלאַנג. ער דרײט די קאַרבע און דאָס קעסטעלע שפּילט אױס אַ מעלאָדיע, װאָס צעגיסט זיך אַזױ אַנגענעם אין דער שטילקײט פון דעם װאַגאָן. װען אַלעמענס אױפמערקזאַמקײט װערט צוגעצױגן און װען אַלע אױגן װענדן זיך אין דער ריכטונג פון דער מוזיק, דעמאָלט זאָגט דער אױסרופער, אַז װער עס קען זיך פאַרגינען, זאָל גײן אין עס-װאַגאָן „עפּעס כאַפּן אין מױל אַרײן“.

די מאַדאַם אין די שפּיצן גיט פױל אַ צײכן מיט אַ פינגער. דער בינעזער, װאָס איז אָנגעטאָן אין אַ שנײ-װײסן אַנצוג, בלײבט שטײן װי אַ פאַרגליװערטער און מאַכט דעם אײנדרוק פון אַ שנײ-מענטש. די מאַדאַם קוקט ניט אױף אים; זי שנירעװעט איר פּיסקעלע און, קוקנדיג צום פענסטער, צירעװעט זי אַרױס װערטער און דער פאַרגליװערטער בינעזער שלינגט זײ אײן. ער מאַכט עפּעס אַ באַװעגונג װי אַ פאַרנײגונג און טראָגט זיך אָפּ. פון װײטנס הערט זיך נאָך זײן אױסרוף: „פּױרסט קאָל פאָר לאָנטש! פּױרסט קאָל פאָר לאָנטש!“ גאָר שװאַך הערט זיך די מעלאָדיע פון דעם קעסטעלע און באַלד װערט צוריק שטיל אין װאַגאָן.

עס גײט אַװעק אַ שטיקל צײט און מיט אַמאָל װאַקסט אױס אַ הױכער נעגער אין פּונקט אַזאַ שנײ-װײסן אַנצוג װי דעם בינעזערס. ער ברײנגט פון ערגעץ אַ ברײטע ברעט און באַלד איז לעבן דער דאַמע אין די שפּיצן אײנגעמאָסטיעט אַ טישל. אין אַ פּאָר מינוט אַרום קומט דער זעלבער שװאַרצער צוריק מיט אַ גרױסער טאַץ און ער נעמט זיך אױסלאָדן אַ באַרג מיט טעלער און מיט זילבער אױף דעם טישל לעבן דער דאַמע. ס׳דאַכט זיך, אַז דאָרט איז אַ מאָלצײט, װאָס קען-קלעקן פאַר דרײ. די דאַמע קוקט זיך ניט אַרום אױף דעם באַדינער; זי װאַרט ביז ער שטעלט אַלץ אַװעק און ביז ער טראָגט זיך אָפּ. ערשט דעמאָלט דרײט זי זיך אױס, באַטראַכט די מאכלים, װאָס זײנען פאַר איר אױסגעשטעלט, גיט מיט פאַראַכטונג אַ װאָרף אַ בליק אַרום זיך און נעמט זיך צום עסן. איר אױסדרוק די גאַנצע צײט איז אַזאַ, װי אײנער װאָלט זאָגן: אַז אָך און װײ צו מיר, אַז איך דאַרף דאָ זיצן צװישן אײך און אַז איר האָט אַ געלעגנהײט צו זען װי איך עס.

מיט אמאָל שפּרינגט זי אויף פון איר פּלאַץ, זעצט זיך צוריק און שפּרינגט ווידער אויף. זי הויבט אָן דריקן דאָס גלעקל לעבן איר באַנק, צעשרייט זיך אויף דעם פּאָרטער, וועלכער איז טשוואַלאָס אַריינגעלאָפן אויף איר סיגנאַל און באַפעלט אים שוין, די מינוט, אַריינברענגען דעם סטואַרט פון דעם עס-וואַגאָן.

דער פּאָרטער לויפט אַוועק און באַלד קומט ער צוריק מיט דעם סטואַרד. נאָך זיי גייט נאָך דער הויכער שוואַרצער, וואָס האָט די מאכלים געבראַכט פאַר דער פרוי אין די שפּיצן. זיי שטעלן זיך אַלע אויס איינער הינטער'ן אַנדערן און די מאַדאַם טופּעט מיט די פיס און האַלט אין איין שרייען:

— איט איז אָנהוירד אָוו, איט איז אָנהוירד אָוו...

דער סטואַרד פּרואווט זיך דערגיין א טאַלק, ער וויל שטעלן א פראַגע, נאָר די צעקאָכטע מאַדאַם לאָזט אים ניט אויסריידן קיין וואָרט. איר כעס צעברענט זיך נאָך מער, ווען זי דערזעט דעם שוואַרצן. און א ווייז טוענדיג אויף אים מיט דער האַנט, מאַכט זי א מינע פון עקל און הויבט אָן שליידערן פון טישל אַלץ, וואָס איז דאָרט אויסגעשטעלט.

די נייס, אַז מ'האָט געררופן ערגעץ אין א פולמאַן דעם סטואַרד אויף אים „אַריינצורייבן אין מאָרדע", צעטראָגט זיך צווישן די אַלע אָנגעשטעלטע פון דער קיך און עס זענען אָנגעלאָפן אָהער דער ריזיגער קוכער אין זיין הויכן טשעפּיק, א פּאָר פּאָרטערס און עטלאַכע פּאַסאַזשירן פון אַנדערע וואַגאָנען. אַלע זענען געקומען א קוק טאָן אויף דעם בייז-וואונדער.

די גרויסע צאָל פאַרזאַמלטע צעקאָכט נאָך מער די דאַמע אין די שפּיצן און זי וואַרפט זיך ווי אין א קדחת. פון דעם גאַנצן טומל האָט מען קוים געקענט פאַרנאַנדערקלייבן צוויי ווערטער, וואָס די דאַמע האָט אַרויסגעשריען:

— וויטאַאוט סאָאוס...

די כלים, וואָס זיינען צעשליידערט געוואָרן אין אַלע ווינקלען פון וואַגאָן, די צעגאָסענע עסנס אויפ'ן דיל, מאַכן אן איינדרוק ווי דאָ וואָלט ערשט געווען א געשלעג.

מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און אָן א וואָרט פון ווידערשפּרוך אָדער פּראָטעסט רוקן זיך אַלע אַרויס פון דעם וואַגאָן און די דאַמע אין די

שפּיצן זיצט און סאָפּעט און קוקט מיט אָנשטרײנגונג ארויס דורכ׳ן פענסטער.

* *
*

אין סאלט לײק סיטי זײנען די גאַסן זײער ברײט און װײל די שטיבלאַך זײנען נידריג, קוקן די גאַסן אויס נאָך ברײטער. פון װײטנס גלאַנצט געגן דער זון דער גאָלדענער שפּיץ פון דער סטאַטוע אויף דעם מאַרמאָרנישן טעמפּל. עס איז נאָך צו-פרי אַרײנצוגײן באַטראַכטן די דאָזיגע געבײדע, װאָס האָט אַ שם אויף דער װעלט. לאָמיר דערװײל אַ קוק טאָן װי זעט אויס אַ דעפּאַרטמענט סטאָר אין אַ שטאָט װי סאָלט לײק סיטי.

כאָטש דאָ איז געמאַכט געװאָרן דער אָנשטעל פון גרויס-שטאָטיש-קײט, פונדעסטװעגן איז דאָ די קלײנשטעטלדיקײט אויף יעדער טראָט. אַ יונגע פאַרקױפערן באַ אַ טישל מיט קאַלענדאַרן שלאָגט פאָר צו קױפן אַ קאַלענדאַר, װאָס איז „דער שענסטער אין דער װעלט״.

— ביסטו זיכער, אַז קײן שענערע זײנען גאָר אויף דער װעלט ניטאָ? — פרעג איך באַ דער יונגער פאַרקױפערן, װאָס איז נאָך כמעט אַ קינד.

— נײן, איך בין ניט זיכער, — ענטפערט זי מיט אַ שמײכל, — נאָר איך װיל דאָך פאַרקױפן די קאַלענדאַרן, אַ ניט װעל איך פאַרלירן מײן קאָמישאָן און אויך מײן דזשאָב.

די דאָזיגע באַמערקונג אירע גיט מיר אַ געלעגנהײט איר צו שטעלן אַ פּאָר פראַגן װעגן דער גרויס פון איר קאָמישאָן און װעגן איר געהאַלט. זי איז ניט דאָס, װאָס מ׳רופט אָן אַ באַרעדעװדיגע, נאָר זי ענטפערט גערן אויף די פראַגן. איר געהאַלט איז 9 דאָלאַר אַ װאָך, צוזאַמען מיט קאָמישאָן פאַרדינט זי אַזױ הויך װי 12 דאָלאַר. ביז מיט אַ יאָר צוריק איז זי געװען אַ סטודענטקע אין דעם אָרטיגן אוניװערסיטעט. איר פאָטער איז דער׳הרג׳ט געװאָרן פון דעם אויטאָמאָביל פון אַ רײכן שכורניק און די פאַמיליע איז געבליבן װי אויפ׳ן װאַסער. איר פאַרדינסט און דאָס, װאָס די מוטער פאַרדינט פון נײען פאַר רײכע, איז דאָס אײנציגע, מיט װאָס מ׳קען אויסהאַלטן די הויז און שפּײזן די דרײ קלײנע קינדער. די קײס האָט דער פאַרטאַטש, דער

לאַיער, פאַרלאָרן, אָדער ער האָט זי פאַרקויפט. דער אויטאָמאָביל-מערדער איז באַפרייט געוואָרן פון דער קלאָגע געגן אים און די פאַמיליע פון דעם דערהרגעטן איז געבליבן ווי אויפ׳ן וואַסער.

* *
*

אין סט. לואיס איז דאָ אַ גאַס בראָדוויי. זאָל יעדער איינער, וואָס האָט נאָר אַ געלעגנהייט, זיך דורכגיין אַהין. ווייט באַ דעם פּלאַנטער פון די אייזנבאַן רעלסן און דאָרט, וואו עס קרייצן זיך איבער עטלאַכע גאַסן, שטייען אַ צאָל איינגעהויקערטע חורבות און באַ די שוועלן און אויף די טראָטוארן וואַלגערן זיך צעבראַסטעטע, האַלב-שכורע מענטשן.

אויף דער באַוערי אין ניו יאָרק זעט מען מענטשן-ברוכוואַרג, נאָר דאָ אין סט. לואיס אויף דער בראָדוויי גאַס זענען אָט די מענטשן-שערבלאַך, נאָך הונדערט מאָל מער פאַרמורזעט, מער צעקנייטשט, מער פאַר׳חושכ׳ט, מער אָפּגעלאָזן און צעטראָטן.

אויף אַ שוועל זיצט אַ גרויסער פאַרשוין, ער איז ווילד פאַרוואַקסן און מ׳זעט בלויז אַרוים צוויי פאַרגלאָסענע אויגן. ער שאָקלט זיך פון איין זייט צו דער צווייטער און מיט אַמאָל צעזינגט ער זיך מיט אַ הייזעריגער וויינענדיגער שטימע:

סאַמטינג הוירטס מי היר, דיר מאָדער,
לייק עי סטאָן אַפּאָן מיי ברעסט...
אָ אַי וואָנדער, וואָנדער, מאָדער,
וואַי איט איז אַי קעננאָט רעסט!

(עפּעס דריקט מיך, ליבע מוטער,
ווי אַ שטיין, וואָס פּרעסט מיין ברוסט...
אפשר ווייסטו, ליבע מאַמע,
פאַרוואָס איך קען ניט רואיג זיין?)

ער צעלאַכט זיך פּלוצלינג און ווייזט אַ מויל פאַרפוילטע ציין. באַ אַ פאַרקאַן שטייט אַן איינגעדאַרט מענטשעלע און שאָקלט מיט אַ פינגער און מאַכט עפּעס מיט די ליפּן און רעדט צו זיך אַליין אַן ווערטער.

אויף דעם טראָטואַר שלעפּן זיך צװײ אָפּגעריסענע פאַרשוינען, זײ האָבן פאַרװאָרפן די הענט אײנער צום צװײטן אויפ.ן אַקסל און זײ פּלאָנטערן זיך אײנעם דעם צװײטן פאַר די פיס.

עס הענגט איבער׳ן שטאָט א גרויסער הימל; דער געדיכטער רויך, װאָס דעקט אַלע מאָל צו סט. לואיס, מאַכט דעם גרויען הימל נאָך פינסטערער, און דאָ אויף בראָדװײ, װאו עס װאַלגערן זיך די רעשט־לאַך פון אַמאָליגע מענטשן, איז אַלץ אַזוי פאַר׳חושכ׳ט, אַז עס גײט אַזש דורך א גרויל.

* *
*

אין דענװער.

אַן אײנגעהױקערט שטיבל. אויף דער ניט געפּאַרבטער טיר, װאָס הײנגט אַביסל אויף א זײט, א שילד: „אינטערנאַל בעטס, טרײ איט װאָנס ענד יו װיל אָלװײס לײק איט" (אינװײניגסטע באָד, פּרובירט עס אײנמאָל, װעט עס אײך שטענדיג געפעלן).

— קום אַרײן, — זאָג איך צום חבר, װאָס גײט מיר װײזן דענװער.

— װאָס װעלן מיר דאָרט זען און װאָס װעלן מיר זאָגן פאַר א תירוץ? — פרעגט ער מיך.

איך דערקלער אים, אַז דאָס װעלן מיר שוין דאָרט זען.

אָט זײנען מיר שוין אינװײניג. אַזאַ אָרימקײט און אַזאַ שמוץ איז זיך שװער פאָרצושטעלן. דער קלײנער צימער איז פאַרנומען פון א גרויסן קײלעכדיגן אײזערנעם אויװן, פון א שמוציגער בעט, װאָס איז פאַרדעקט מיט שמאַטעס, און פון א טישל, אויף װעלכן עס איז אָנגעװאָרפן א גאַנצער באַרג פושקעס און פעקלאַך און בלעכענע שאַכט־לאַך.

באַם טישל זיצט א גרויסער ריז, װאָס שטופּט אין מויל אַרײן שפּײז, װאָס ער שלעפּט מיט די פינגער פון א בלעכן טעפּל. איבער די פינגער צעגיסט זיך דאָס פעטס פון דער שפּײז און דער פאַרשוין װישט די פינגער אָן די הויזן.

מיר באַגריסן אים און ער ענטפערט מיט האַלבע װערטער, באַטש זײנע אויגן שמײכלען אונז גוטמוטיג אַנטקעגן. ער קען זיך ניט אָפּ־רײסן פון זײן פעטן מאכל.

ווען ער ענדיגט, ווישט ער אָפּ די ליפּן און די גרויסע וואָנצעס, וואָס זיינען איינגעטונקען אין דעם פעטס, און ער דערקלערט אונז, אז ער פאַרנעמט זיך מיט מאַכן סירינגדזשעס דורך לאַנגע קישקעס. דאָס איז אַ רפואה, זאָגט ער, צו אַלע קראַנקהייטן.

מיר פאַלט איין אַ שקאַצעריי און איך שטעל אים פאַר דעם חבר, וואָס גייט מיט מיר, אַלס אַ רומאַטיז-קראַנקן. דער אַלטער הויבט אים אָן אויסטאַפּן די פיס און דעם פלאַץ, וואו ער ליידט כלומרשט ווייטאָגן. נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת זאָגט ער אַרויס מיט אַ טאָן פון אַ גרויסן אויטאָריטעט:

— יעס, יו מאַסט טייק אינטערטוירנאַל בעטס.

מיין באַגלייטער וויל אויסשיסן אַ געלעכטער; ער מוז פאַרשטשעמען די ליפּן און ער קען שוין ניט אויסריידן קיין וואָרט. נאָר איך קאָנטראָליר זיך ניט צו לאַכן, און איך פרעג דעם „דאָקטאָר" ווי לאַנג פּראַקטיצירט ער שוין זיין פּראָפעסיע. עס ווייזט זיך אַרויס, אז ער איז שוין אַלט 74 יאָר און אז ער איז שוין 30 יאָר אין די „ביזנעס".

— וויפיל זשע קען מען פאַרדינען פון אַט אזא באַשעפטיגונג? — פרעג איך אים.

— ניט צו פאַרזינדיגן, — זאָגט ער — מ׳מאַכט אַ לעבן.

— אַ לעבן? — פרעג איך מיט פאַרוואונדערונג, — דו רופסט אַ לעבן אַט דאָס אָרימע שטיבל, אַט דאָס צעבראָכענע טישל און אַט די בעט?

— איך בין פאַר דעם אויך דאַנקבאַר — זאָגט דער היילער.

מיין באַגלייטער פרעגט אים צי האָט ער נאָך אַנדערע רפואות אַ חוץ די לאַנגע קישקעס אויך.

מ׳זעט, אז ער קווינקלט זיך אַ ביסל, נאָר באַלד באַשליסט ער, אז ער מעג רעדן און ער זאָגט אויס, אז ער גיט אויך מעדיצין.

— וואָס פאַר אַ מעדיצין איז דאָס? — פרעג איך אים.

— רעצעפּטן, וואָס איך מאַך אַליין, — דערקלערט ער מיר, — אַלץ רעצעפּטן, וואָס איך שפּריץ אַריין.

מיר ווילן דערגיין וואָס ער מיינט מיט דעם אַריינשפּריצן און ער דערקלערט אונז, אז ער האָט אזא שטאָלן רערל, ער שטעלט עס אַריין אין רעקטום „ענד אַי שוט אין די מעדיצין".

איך זע, אז מײן באַגלײטער װעט באַלד צעפּלאַצט װערן פון דעם געלעכטער, װאָס שטיקט אים. װען דער „דאָקטאָר" פאַרענדיגט, א טאַפּ טוענדיג נאָך אמאָל דעם פּלאַץ פון דעם כלומרשט'דיגן רומאַטישן װײטאָג בא מײן חבר, — באַי אַי עדװײז יו טו שוט אין סאָם מע־דיסין, — קען איך שױן אױך מער ניט זײן קײן גזלן און איך פּיל, אז איך מוז אַרױסראַטעװען מײן באַגלײטער פון א פּריצײטיגער פּאָפּ־לעקציע, װאָס ער קען נאָך באַקומען פון שטיקן אין זיך זײן געלעכטער. מיר פאַרלאָזן דעם דאָקטאר מיט דער פאַרזיכערונג, אז דער פּאַציענט װעט קומען א צװײטן מאָל.

װאָס גײט אָן די דענװערער שטאָט־טאַטעס דאָס געזונט פון דער באַפעלקערונג? װי האָבן זײ צײט זיך אַרומצוקוקן אױף די און אױף ענלאכע „דאָקטוירים"?

די באַפעלקערונג קרײנקט און די „דאָקטוירים" „שיסן" מעדיצין.

*　*
*

אַז שװאַרצע זײנען גוטע זינגער, אַז זײ קענען פאַרכאַפּן באַם האַרצן מיט זײערע לידער, װאָס זײנען פול מיט אַזױפיל טרויער, דאָס װײסט איר געװיס, נאָר אַז א שװאַרצער אַרבעטער זאָל קענען האַלטן געשפּאַנט אַן עולם מיט א שטאַרקער רעדע, װאָס אָטעמט מיט קאַמף, מיט שטאָלץ און מיט באַװאוסטזײן, דאָס האָט מען געדאַרפט הערן, כדי אָט די רעדע קײנמאָל ניט פאַרגעסן.

אין לאָס אַנדזשעלעס האָב איך אַזא רעדע געהערט. אַזעלכע רײד, דורכגעדרונגען מיט איבערצײגונג, מיט גלױבן און מיט קראַפט, פאַרגעסט מען ניט אַזױ גיך. װי זאָגט א רוסיש שפּריכװערטל: „בעז װערי טאַקיך ניע ביװאַיעט רעטשעי" (אָן קײן גלױבן קען מען אַזעלכע רעדעס ניט האַלטן). עס האָט זיך געדאַרפט אָנזאַמלען דער פאַרדרוס פון דורות, װאָס האָבן בלױז געװאוסט אונטערדריקונג און באַלײדיגונג, עס האָט זיך געדאַרפט אױסשמידן א קלאָרער באַװאוסטזײן און עס האָט געדאַרפט באַשאַפן װערן דער פרײהײטס־אידעאַל, װאָס רופט װײסע און שװאַרצע צום געמײנשאַפטלאכן קאַמף געגן שקלאַפערײ, עס האָט געדאַרפט קומען די באַװעגונג, װאָס איז אָן דרײדלאַך און אָן שמר־שטיק אַרױסגעטראָטן פאַר די אינטערעסן פון די געפּלאַגטע

שוואַרצע מאַסן, אַז אַ זון פון דער קאָלירטער ראַסע זאָל קענען מיט אַזוי פיל איבערצייגונג, מיט אַזאַ גלויבן און מיט אַזאַ מוט רופן אַלע אונטערדריקטע אונטער די פאָנען פון קאַמף.

דער שוואַרצער אַרבעטער האָט גערעדט מיט גלויבן און מיט איבערצייגונג. ווען ער האָט דערציילט ווי ער איז געקומען צו דעם באַשלוס, אַז בלויז אין איינגן בונד מיט די קעמפענדיגע אַרבעטער פון גאַנצן לאַנד וועלן די שוואַרצע האָרעפּאַשניקעס זיך קענען באַפרייען פון זייערע קייטן, האָט ער דערגרייכט אַ פּראָפעטישע הויך און זיינע צוהערער זיינען מיטגעריסן געוואָרן מיט דער קלאָרקייט פון זיינע אַרגומענטן און מיט דעם גלויבן, וואָס איז בא אים געווען אַזוי שטאַרק.

דאָס איז ניט געווען קיין רעדע — דאָס איז געווען אַ פייערפלאַם, וואָס אַ מענטש האָט אָנגעצונדן, אַ פאַס ליכט, וואָס איינער האָט צוגעטראָטן גאָר נאָענט צו די וואונדן פון די אַרומיגע.

בא דער שיין פון דער ליכט האָבן די צעיאָטערטע וואונדן פון אַ גאַנצער אונטערדריקטער ראַסע זיך נאָך מער געבעטן מ'זאָל זיי היילן. דער, וואָס האָט אָנגעשטעלט די ליכט, האָט אויך געוויזן די רפואה.

מְשוּגָענֶער וואָוילטאָג און שוידערלאַכע נויט

„אי טי ווידנאָ, בראט,
מנאגאָ גאָריא איספיטאַל,
קאָלי פלאַטשעש
אָט פעסני ווּעסיאָלאָי!“
(פון אַ רוסישער פאָלקס-ליד)

(און אויך דו האָסט, ווייזט אויס, ברודער,
געגוג צרות פארזוכט,
אויב דיר ווייגט זיך
פון אַ פריילאכער ליד.)

עס קלינגען אין די אויערן די לידער, וואָס די שווארצע זינגען אין דער סאַוט. אַלע לידער — איין אומענדלאכע יללה. גרויסע, קליינע, אַלטע, יונגע, מענער, פרויען, קינדער — אַלע גיסן אוים דאָס האַרץ אין ליד, וואָס קלאָגט; אַלע זינגען לידער, וואָס זיינען אָנגעשוואָלן מיט געוויין. און ווען אַמאָל דערציילט זיך אין אַ ליד אפילו ניט פון צרות, יאָמערט אַ נשמה דאָרטן אַלץ.

פאַרוואָס פאַרפאָלגט אזוי דער קלאנג פון אָט-די לידער? פאַר-וואָס דוקא איצט נאָך מער, ווי אַלע מאָל?

זאָל דאָס זיין צוליב׳ן קאָנטראַסט צווישן זייער נויט און צווישן דעם פראַכט, וואָס דו זעסט דאָ, אויף דעם וועג, וואָס שלענגלט זיך צום פאַלאַץ אויפ׳ן באַרג?

דאָרטן שמוץ און נויט, דאָרטן ערנידריגונג און ליידן, דאָרטן שרעק אין גרויסע אויגן, דאָרטן שטאָלן אנשטאָט הייזער און דאָ — אַ גן-עדן, געשאַפן פון דער נאַטור און פון מענטשלאַכע הענט.

דאָרטן האָט מען אפילו אין צייט פון אַן אומגליק, ווען אין דער פינצטערער נאַכט האָט אַ שטורם געריסן בוימער און האָט הייזער גע-טראָגן ווי שפענדלאך, ווען מענטשן-קינדער האָבן אין זייערע גסיסה-

אנגסטן פארהילכט די נאכט מיט זייער יאָמער-געשריי, ווען דער אָנ-קומענדיגער מאָרגן האָט באוויזן אַ שרעקלאך ביילד פון שטעט צע-שטערטע, פון אָפּגעמעקטע גאסן, פון טויזנטער קרבנות, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אומעטום, אפילו דעמאָלט האָט מען ניט פארגעסן דעם אונטערדריקטן שווארצן געבן נאָך אַ בריק, און נאָכאמאָל אַ שפּיי טאָן אים אין פנים, און נאָכאמאָל פארציען אויף אים די קייט פון שקלאַף, און נאָכאמאָל די האנט אַ טונק טאָן אין זיין בלוט.

מ׳האָט געדארפט אָפּראָמען די גאסן פון די טויטע; מ׳האָט גע-דארפט באפרייען די גאסן פון געשטאנק, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די אומצאָליגע דער׳הרג׳עטע בהמות און פערד און עופות און שלאַנ-גען; מ׳האָט געדארפט צונעמען פון אינמיטן גאס די דעכער און ווענט, וואָס דער שטורם-ווינט האָט אָנגעטראָגן; מ׳האָט געדארפט הענט אויף צוריק איינצושטעלן דעם גאנג פון לעבן. וועמעס-זשע הענט, אויב ניט די הענט פון די, וואָס האָבן דאָ שטענדיג די שווערסטע ארבעטן גע-טאָן?

מ׳האָט זיך גענומען יאָגן נאָך די שווארצע און מיט בייטשן טרייבן זיי צו ארבעט אונטער צוואנג. עס מאכט ניט אויס צי איז דער שוואר-צער געווען אַ קראנקער, צי איז ער ערגעץ געווען באשעפטיגט, צי איז ער ערגעץ געגאנגען מיט אַ וויכטיגער שליחות — ער האָט געמוזט פאָלגן וואָס דער ווייסער האָט געהייסן, אז ניט איז געפאלן די בייטש אויף זיין קאָפּ, אָדער אַ קויל איז אין זיין רוקן געפלויגן.

ניט איין שווארצער, וועלכער האָט געוואגט אויס פראָטעסט אַ פּיפּס צו טאָן, האָט דערפאר מיט זיין לעבן באצאָלט.

טאָ ווי אזוי זאָלן זייערע לידער ניט קלאָגן אויף דעם, וואָס זיי טראָגן אזוי שטיל דאָס אריבער?

ווי אזוי זאָלן זיי ניט יאָמערן אויף דער אומבאהאָלפנקייט, וועלכע זיי זוכן נאָך ניט בייצוקומען?

און דאָ אזא מין פראכט, דאָ אָט דער וועג צווישן די ריזן-שטאַ-מען, דאָ דער פראכט פון אָט-די בלומען-בייטן און דאָ דער פאַלאַץ אויפ׳ן בארג, וואָס שפּיגלט זיך אין אַ זילבערנעם לייק.

ביים אריינפאָר אַ טויער, באם טויער אַ וועכטער אין אַ שיינעם מונדיר. דער וועכטער פרעגט העפלאך צי עס איז דאָ אַן איינלאדונג. ער

פאַרנייגט זיך און עפנט דעם טויער. פון צווישן קוסטעס טראָגט זיך דאָס צוויטשערן פון גאַנצע מחנות פויגל; דער וועג איז טיילווייז פאַר-גאָסן מיט זון און ערטערווייז פאַרהילט אין שאָטן פון געדיכטע, הויכע בוימער. פון אָט-דער קאָמבינאַציע פון בלענענדיגער ליכט און פון טונקלקייט, פון דעם, וואָס דער ווייסער, מיט זון באַגאָסענער פּאַלאַץ אויפ׳ן באַרג גיט אָט אַ שווינדל פאַר די אויגן און אָט בלייבט ער ניט, ווען דער זיגזאַג פון וועג לויפט אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג, פון דעם אַלעמען קריגט דער שיינער גאָרטן דאָ אַ גאָר פאַנטאַסטישן אויס-זען און דאָס געזאַנג פון די פויגל קלינגט עפּעס מאָדנע און פאַר די אויגן שווימען אַרויף בילדער פון אָרימקייט, וואָס זענען דאָ אַזוי אומ-גלויבלאַך און אין די אויערן קלינגען לידער פון אונטעריאָכטע, וואָס זענען דאָ אַזוי אוממעגלאַך!

— אפשר וואָלטן מיר נאָך איצט פאָרן צוריק, — ווענד איך זיך צו מיין באַגלייטער, — וואָס האָבן מיר דאָ צו טאָן?

— שוין ווידער אמאָל? איר הויבט שוין ווידער אָן? — מאַכט מיר מיין באַגלייטער אַ פאָרוואורף, — קאָרג האָט איר זיך איינגע׳עקשנ׳ט פריער? ניין, האָט איר שוין צוגעשטימט צו פאָרן, טאָרט איר איצט ניט האָבן קיין חרטה.

ער איז געווען גערעכט — עס האָט אים גענומען גענוג שטונדן ביז ער האָט בא מיר גע׳פועל׳ט איך זאָל מיט אים מיטפאָרן אין אָט-דער מיליאָנערסקער הויז, בייצואוואוינען אַ צוזאַמענקונפט פון איבער-געפרעסענע מיליאָנערשעס, וואָס שפּילן זיך אין ליבעראַליזם און וואָס „שטודירן" די „אַרבעטער-פראַגע".

מיינע אַלע אַרגומענטען געגן זיין פאָרשלאַג האָבן זיך אָנגעשטויסן ווי אין אַן אייזערנער וואַנט, — ער איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז דאָס איז אַ דערפאַרונג, פאַר וועלכער איך וועל אים דאַנקבאַר זיין. ער האָט געהאַלטן אין איין איינ׳טענה׳ען מיט מיר, אַז אַזאַ רייכטום, אַזאַ לוק-סוס, וואָס מ׳זעט דאָרט, קען מען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, ביז מ׳זעט דאָס מיט די אייגענע אויגן. דאָס אַלץ האָט מיך ניט גערירט און איך האָב זיך ניט אונטערגעגעבן, נאָר ווען ער האָט געוואָרפן זיין לעצטע קאָרט, ווען ער האָט דערקלערט, אַז אויב איך וועל מיט אים מיטפאָרן, וועט ער מיר דערציילן אַן אינטים קאַפּיטל פון דעם לעבן פון אָט-די

מולטי-מיליאָנערן און ער וועט פאַר מיר אַ הויב טאָן דעם פאָרהאַנג איבער זייער לעבן, וואָס איז צעפוילט ביז׳ן וואָרצל, האָט ער מיך פאַר-אינטריגירט און איך האָב זיך אונטערגעגעבן. אַזוי אַרום איז מיר אויסגעקומען איבערצוטרעטן די שוועל פון דעם פּאַלאַץ, וואוהין די רייכסטע האָלטן פאַר דעם גרעסטן כבוד אַריינצוקומען.

אויסגעצויגן ווי סטרונעס, זענען באַ דער טיר געשטאַנען צוויי לאָקייען און עס איז געווען שווער אויפ׳ן פּלאַץ צו באַשטימען צי זע-נען דאָס צוויי סטאַטועז, אָדער צוויי פאַרגליווערטע מענטשן. דער ברייטער אַריינגאַנג איז געווען באַגאָסן מיט זון, וואָס האָט געהאַט אַ פרייען צוטריט דורך דעם גלעזערנעם דאַך. די טריט זיינען פאַר-זונקען געוואָרן אין אַ געדיכטן רויטן טעפּיך; דאָס אויג האָט ניט גע-וואוסט אויף וואָס פריער זיך אָפּצושטעלן. אַרום צוויי שורות פון גע-שניצטע קאָלאָנען האָבן זיך געפלאָכטן משונה׳דיגע פלאַנצן און פון צווישן זיי האָבן פון עפּעס מאָדנע באַשפּענישן געשלאָגן קוואַלן וואַסער. באַ דער שיין פון דער זון האָבן אין די שטראָמען זיך געהוידעט רעגנבויגנס און עס האָבן אין די טראָפּנס וואַסער געפינקלט בריליאַנטן.

אַ ברייטע הויכע טיר האָט געפירט אין אַ זעלטענעם זאַל. דאָ איז אַלץ געווען פון האָלץ: די ווענט, דער סופיט און דער ברייטער אויוון אויפ׳ן רוסישן סטיל. אפילו דאָס אויג פון אַ ניט-דערפאַרענעם מענטשן האָט געקענט זען, אַז דאָ ליגט אַ וועלט מיט אַרבעט אין דער שניצעריי. עס איז אַלץ געווען אַזוי איינגעאָרדנט סיי אין דער אויס-שטאַטונג פון דעם זאַל, סיי אין דעם אויסשטעל פון די טירן און פענצ-טער, סיי אין דעם איינדרוק, וואָס די געשניצטע דעקאָראַציעס האָבן געמאַכט, אַז עס האָט זיך געדאַכט פון ערשטן איינדרוק, אַז דו ביסט אַריינגעטראָטן אין אַ זייער קליינעם, זייער נידריגן, זייער פינצטערן צימער. עס איז אָבער געווען אַ פאַלשער איינדרוק און באַלד, נאָכדעם ווי דאָס אויג האָט זיך דאָ אויף אַ מינוט צוגעוואוינט, האָסטו שוין געזען, אַז דאָס איז אַ ריזיגער צימער — דאָ זענען שוין אַרום אַ גרויסן טיש און אין באַזונדערע גרופּן געזעסן אַרום פופציק מענטשן און דער צימער האָט געקענט אַריינעמען נאָך דריי מאָל אַזוי פיל. דו האָסט

באַלד אויך געזען, אַז עס איז זייער אַ הויכער צימער און אַז דורך די ברייטע, נידעריגע פענצטער קומט אַריין גענוג ליכט.

צווישן די פאַרזאַמלטע זענען געווען אַ צענדליג מענער און די איבריגע זענען געווען זייער רייך אויסגעפוצטע דאַמען. עס איז ניט געווען שווער צו באַשטימען ווער צווישן זיי איז די באַלעבאָסטע פון הויז — זי האָט זיך געלאָזט הערן מער ווי אַלע. עס איז בלויז געווען שווער צו באַשטימען וועלכע פון די אַלע דאַמען האָט געטראָגן אויף זיך מער קאָסטבאַרע קליידער.

דער געשפּרעך איז שוין געווען אין פולן ברען און דאָס האָט מיך געפרייט, ווייל מיר האָבן געקענט זיך אַוועקזעצן און אויסמיידן די נויטווענדיגקייט צו גרוסן זיך מיט יעדן איינעם באַזונדער.

די באַלעבאָסטע פון הויז האָט אַ שאָקל געטאָן מיט׳ן קאָפּ צו מיין באַגלייטער, האָט אַ וואונק געטאָן וואו מיר זאָלן זיך זעצן און דער געשפּרעך איז אַוועק זיין וועג. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די וואַלן, מ׳האָט ספּעקולירט ווער איז מער „פּראָגרעסיוו״, הוואָווער אָדער סמיט.

אַן אַלטער, פליכּעוואַטער מאַן מיט אַן אויסגעטריקנט פּנים, געל ווי פּאַרמעט, האָט זיך גענומען באַווייזן, אַז סמיט איז זייער אַ פּראָג-רעסיווער מענטש און אַז ער וועט ברייגען אַ סך רעפאָרמען.

כדי צו געבן געוויכט צו די רייד פון דעם אַלטן, האָט די באַ-רעדעוודיגע ווירטין אַריינגעוואָרפן אַ באַמערקונג, אַז דאָס רעדט פּראָ-פעסאָר דער און דער.

עס האָבן גערעדט נאָך פּראָפעסאָרן. עס האָט אַ גלאַנץ געטאָן מיט זיין „ראַדיקאַליזם״ אַ געוועזענער סאָציאַליסט, וואָס האָט דערקלערט, אַז ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין דעמאָקראַט, „באַט דיז טאַים אַי עם גאָאינג טו וואוט די דעמאָקראַטיק טיקעט״.

מ׳האָט גערעדט וועגן דעם, צי סמיט וועט אָפּשאַפן אינדזשאַנק-שאַנס געגן אַרבעטער סטרייקער, און מיין באַגלייטער האָט אַריינגע-וואָרפן אַ וואָרט, אַז עס איז לעבערלאַך צו דערוואַרטן, אַז ראַסקאָב׳ס אויסגעווייילטער זאָל אָפּשאַפן אינדזשאַנקשאַנס. מ׳האָט אָנגעשטעלט אויף אים אויגן און פון אַלע זייטן זיינען געקומען פראַגן פון ער-שטוינונג: גלויבט ער טאַקע ניט, אַז סמיט איז אַן „ערנסטער מענטש״ ?

די ליבעראלע באלעבאסטע האט אנגעהויבן זיפצן, אז אט צוליב דעם טאקע וואס עס זיינען דא אזויפיל מיינונגס-פארשידנהייטן מוז נעבאך דער ארבעטער ליידן. אט א שטייגער איצט, ווען אלע ראדי-קאלן וואלטן זיך געאייניגט אויף סמיט׳ן, וואלט דאך דער ארבעטער געוואונען.

אי פאר דעם ארבעטער איז אלץ איינס, צי ראסקאב׳ס פארטרעטער, צי מארגאנ׳ס בוזים-פריינד פארנעמט דעם פרעזידענטן-שטול—וועגן דעם האט זי גאר ניט געוואלט הערן. ווי קומט עס צו א מיליאנערשע דאס צו פארשטיין?

דערווייל האט מען אריינגעבראכט טיי, מ׳האט אויף גרויסע זיל-בערנע טאצן דערלאנגט פארשידענע טארטן און קעיקס און איינגע-מאכטס און פון גרויס עגמת נפש וועגן דעם ליידנדיגן ארבעטער האט מען זיך גענומען צו די גוטע זאכן. דערנאך האט מען ווידער גע׳-דרשנ׳ט און מ׳האט געזיפצט, אז עס זיינען נעבאך דא אזויפיל אר-בעטער, וואס ליידן נויט און מ׳האט דערמאנט דעם פאל, וואס האט גראד מיט א פאר טעג פריער פאסירט וועגן אן איבערפאל פון פא-ליציי אויף סטרייקנדיגע מיינער.

— איט׳ס אפול, איט׳ס אפול, — האט געהאלטן די ליבעראלע מיליאנערשע און ווידערהאלן, און א גרויסע, צעשוואומענע מאדאם, וואס איז געזעסן לעבן איר, האט פארבראכן די הענט, פון וועלכע עס האבן אראפגעביאלסקעט טייערע דימענטן, און, זיפצנדיג, האט זי צו-געשאקלט מיט׳ן קאפ. דער געשפרעך האט זיך פארצויגן ביז עס איז שוין געווען נאכט און די גאנצע פארזאמלונג איז איינגעלאדן געווארן צו סאפער.

דער העל-באלויכטענער עס-צימער האט אויסגעזען ווי א ווינקל פון א קאטעדראל. עס האט זיך נאר געדאכט אז אט וועט פון ערגעץ זיך באווייזן א גלח אין א לאנגן קיטל מיט א טעפל ווייררויך. דער לאנגער טיש, וואס האט געהאט גענוג פלאץ פאר אלעמען, איז געווען גע-גרייט און עס האט פון אים אראפגעבליאסקעט דאס זילבערנע גע-שיר. דער שניי-ווייסער טישטוך איז געווען נאך ווייסער אונטער׳ן ליכט פון די גרויסע קאנדעלאברען.

דער סאַפּער איז אַוועק זייער פרייליך. מ׳האָט געגעסן און גע-רעדט און געשפּאַסט און זיך געפילט אויפגעלייגט. די אַלע דאָ ווייסן ווי צו מאַכן אַ יום-טוב פון יעדן מאָלצייט. עס איז אַריינגעקומען פון אַ זייטיגער טיר אַ שלאַנקע מיידל פון אַ יאָר 16. נאָך איר זיינען אַריינגעקומען דריי יונגע פרויען און אַלע פיר האָבן פאַרנומען אַ פּלאַץ ביים עק טיש.

מיין באַגלייטער האָט מיר שטיל אַריינגערוימט אין אויער:

— דאָס איז די מוזינקע, די דריי פרויען זיינען אירע לערערינס אין פראַנצויזיש, איטאַליעניש און דייטש. די גאַנצע פאַמיליע פאָרט איינגיכן אָפּ אויף אַ רייזע אַרום דער וועלט און די דריי לערערינס נעמט מען אויך מיט.

די טיר האָט זיך געגעבן האַסטיג אַן עפן און אַ מאַן פון אַ יאָר זעכציג איז מיט פעסטע טריט אַריין אין צימער. ער האָט געהאַלטן די קאָפּ אביסל אויף אַ זייט און ער האָט קענטיג געליטן פון אַ שווערן אָטעם. זיין רויטער קאַרק און זיין רויט געזיכט האָבן ניט געזאָגט קיין עדות, אַז זייער באַזיצער איז אַ שונא פון דעם ביטערן טראָפּן און אַז ער איז אַלעמאָל ניכטער.

ער האָט זיך אויף אַ מינוט אָפּגעשטעלט, האָט אַ קוק געטאָן אַרום טיש און, אומקערנדיג זיך, איז ער דורך אַ צווייטער טיר אַוועק אין אַן אַנדער צימער.

— דאָס איז דער בעל דבר אַליין, — האָט מיין באַגלייטער מיר אינפאָרמירט, — ער איז אַ פינצטערלינג פון פינצטערלינגע, אַנגע-שטאָפּט איז ער ווי קרח, ער פאַרמאָגט אַ מאָנאָפּאָל אויף אַ זייער וויכטיגן בוי-מאַטעריאַל און מען זאָגט, אַז זיין איינקונפט איז אַרום צען מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר.

נאָך סאַפּער האָט די קאָמפּאַניע זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער וועראַנדע, פון וועלכער ברייטע מאַרמאָרנע טרעפּ האָבן געפירט צום לייק, וואָס איז געווען איצט באַגאָסן מיט לבנה-שיין.

דער דופט פון די בלומען אין גאָרטן איז געווען זייער שטאַרק. אויפ׳ן לייק האָבן דאָ און דאָרטן אַלע מאָל אַ פינקל געטאָן פייערלאַך. אין גאָרטן האָבן אַרומגעטאַנצט די פייער-פליגעלאַך און מיטאַמאָל האָבן פון צווישן די קוסטעס זיך דערהערט די טענער פון אַן אָרקעס-

טער, וואָס איז דאָרטן געווען באהאלטן אזוי, אז מ׳זאָל צו אים ניט קענען לייכט צוקומען.

די פינף צענדליג פאַרזאַמלטע זיינען באלד פאַרלאָרן געוואָרן אין דעם גרויסן גאָרטן און פון צייט צו צייט האָט אין דעם קלאַנג פון דער מוזיק און אין דעם גאָר שטילן פּלעשטשען פון דעם וואסער זיך אריינגעריסן א ווייטע שטימע פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך אוועקגעלאָזט אויף אַלע וועגן.

— לאָמיר גיין, — האָב איך א טורקע געטאָן מיין באגלייטער, — געגנוג, איך דיינק, אז איר וועט ניט באשטיין איך זאָל דאָ בלייבן נאָך לענגער צווישן אָט-די איבערגעפרעסענע בארבארן, וועלכע שפּילן זיך מיט שיינע רייד וועגן מענטשלאַכקייט.

— גיין איז גיין, — האָט דער באגלייטער ווי א ניט-צופרידענער ארויסגעזאָגט און מיר זיינען אוועק.

איך האָב אים געבעטן מיר זאָלן איצט ניט פאָרן אין קיין פּלאַץ, וואו מיר קענען זיך באגעגענען מיט באקאַנטע. זאָל פריער אוועק דער שלעכטער געשמאַק, וואָס איז פון דעם אָוונט פארבליבן אין מויל.

מיר זענען אוועק אין א פּאַרק און דאָרט האָט מיין באקאַנטער אין פאַרלויף פון לאַנגע שטונדן דערציילט פאָלגנדע געשיכטע:

די מיליאָנערשע האָט צוויי זין, איינער האָט אזוי לאַנג גע׳שכור׳ט און הולטאַיעוועט ביז ער האָט ממש אָנגעהויבן פוילן און מ׳האָט אים געמוזט צונעמען ערגעץ אין א סאַניטאַריום, פון וואַנען ער וועט שוין, מסתמא, קיינמאָל ניט ארויסקומען אויף דער פרייער וועלט. דער צווייטער זון האָט אויך אָנגעהויבן ציינגן סמנים, אז ער וועט גיין אויף דעם זעלבן וועג ווי זיין עלטערער ברודער. נאָר אמאָל האָט די מוטער אים מיטגענומען צו א מיטינג, וואו מ׳האָט געערט דעם אָנדענק פון א גרויסן רעוואָלוציאָנער (די ליבעראַלע דאַמע האָט ליב געהאַט גיין צו אַזעלכע מיטינגען). דער מיליאָנערסקער בחור האָט זיך דאָרט געלאַנגווייליגט, נאָר צו איין יונגן רעדנער האָט ער זיך אָנגעהויבן צוהערן און באלד איז ער געזעסן ווי א צוגעשמידעטער.

צום ענדע פון אָוונט האָט ער געפרעגט בא דער מוטער צי ווייסט זי ווער דער יונגער רעדנער איז געווען. זי האָט דורך א באקאַנטן אויסגעפונען און נאָך דעם זעלבן אָוונט האָט זי צוזאַמענגעפירט איר

זון מיט דעם רעדנער. פון דעמאָלט אָן פלעגן די צוויי יונגע לייט זיך אָפט טרעפן און די מוטער האָט זיך געפריית, זעענדיג אז אויף איר זון איז אַ נייע הויט אַרויף. ער האָט גענומען לייענען אַ סך, ער האָט אָפט מיט איר גערעדט וועגן פאַרשיידענע פראַגן און מער האָט ער ניט געטרונקען. דער רעדנער און זיינע חברים זיינען געוואָרן אָפטע אריינגייער אין דער מיליאָנערסקער הויז. די ליבעראַלע פרוי האָט זיך געפרייט וואָס איר זון האָט געקראָגן פריינט און וואָס ער האָט געקראָגן עפּעס אַן אינטערעס אין לעבן. ביז דאַן פלעגט ער אַלע מאָל זאָגן, אז אַלץ איז פּוסט.

האָט זיך געמאַכט, אז מ׳האָט ארעסטירט אַ צאָל רעוואָלוציאָנערן און צווישן זיי אויך דעם רעדנער. די צייטונגען האָבן געשריבן אַ סך וועגן די אַרעסטן, מ׳האָט געהעצט געגן די אַרעסטירטע און מ׳האָט טאָג-איין, טאָג-אויס געדרוקט זייערע בילדער און געזוכט זיי פאַרצושטעלן ווי גענגסטערס.

דער מיליאָנערסקער בחור האָט מיט דעם וויסן פון דער מוטער אריינגעטראָגן „בעיל" פאַר די אַרעסטירטע און ווען זיי זיינען באפרייט געוואָרן, האָט ער עטלאַכע פון זיי איינגעלאַדן צו זיך אַהיים.

דער פינסטערלינג, דער טאַטע, האָט געברענט ווי אַ פייער פון דעם וואָס זיין זון האָט געהאָלפן באַפרייען די „רויטע", און ווען ער האָט זיין זונ׳ס נייע פריינט דערזען בא זיך אין הויז און האָט זיי דערקענט לויט די בילדער, וואָס די צייטונגען האָבן געדרוקט, האָט ער גע־מאַכט אַ סקאַנדאַל. ער האָט געבראָכן געשיר, ער האָט זיך שיער גע־וואָרפן אויף זיין ווייב זי צו שלאָגן, ווען זי האָט זיך געוואָלט אָננעמען פאַר דעם זון, און ענדלאַך איז ער אריין, סאַפּענדיק, אין דעם צימער, וואו זיין זון איז געזעסן מיט זיינע פריינט. באַם אַלטן זיינען די אויגן געווען אָנגעגאָסן מיט בלוט, די ציין האָבן אים געקלאַפּט אין מויל און מיט שוים אויף די ליפּן האָט ער אויסגעשריען, אז די אַלע דאָ זאָלן באַלד פאַרלאָזן זיין הויז.

— טאַטע! — איז געווען דאָס איינציגע, וואָס דער פאַרלוירענער און פאַרשעמטער זון האָט מיט פאָרוואורף געקאָנט אַרויסזאָגן.

נאָר עס האָט גאָר ניט געהאָלפען. דער צעיושעטער, אַלטער האָט זיך געטרייסלט ווי אין א קדחות, ער האָט געטופּעט מיט די פיס און האָט געשריען אויף באנומענע כולות:

— אָל אאוט, טו העל אאוט אָוו היר!

פון דעמאָלט אָן האָט דער יונגער בחור זיך גענומען שטארק צו טרינקען. קיין זאך קאָן אים ניט אָפּשטעלן און מ׳וועט אים באלד אויך, מסתמא, מוזן צונעמען אין א סאַנטאַריום. איין מאָל האָט ער אויך געמאַכט א פּאַרזוך צו באַגיין זעלבסטמאָרד.

אזוי לעבן און פילן די, וואָס ווערן משוגע פון וואָרלטאָג אין דער גרויסער אמעריקע, וואָס זיי האָבן פאַר זיך פאַרכאַפּט.

* *
*

— יאָ, איר ווילט זען א מעקסיקאנישן פּאַלאַץ, — זאָגט א חבר פון סאַן אַנטאָניאָ, — קומט, וועל איך אייך ווייזן.

— איר מיינט דאָך ניט דעם דאָקטאָרס פּאַלאַץ, וואָס איר האָט מיר געוויזן פאַר דריי יאָרן? — פרעג איך.

— ניין, — ענטפערט ער, — איך וועל אייך ווייזן אַן אנדערן.

מיר לאָזן זיך פאָרן, און לויט די חורבות, וואָס מיר באַגעגענען, פאַרשטיי איך שוין, אַז דאָס פאַרנעמט זיך דער חבר מיר ווייזן א היפּוך פון א פּאַלאַץ.

איך באַטראַכט די שטאָלן, וואָס זיינען אָפּגעצאַמט אויף באַזונדערע קעמערלאך, אָן ליכט און אָן לופט, און איך פרעג:

— דאָ? דאָ?

— ניין, נאָך אַלץ ניט, וואַרט, וועט איר זען.

די געניטע האַנט פון דער יונגער מיידל, וועלכע איז אין ניו יאָרק א שאַפּ-אַרבעטערין געווען און דאָ טרייבט זי איר רייכן פעטערס גרויסע מאַשין, קערעוועט דאָס רעדל לויט די אָנווייזונגען פון דעם באַגלייטער, און אָט זענען מיר שוין כמעט אויסער׳ן שטאָט. דאָ וואוינט מען ממש אין קברים; דאַכט זיך, ערגער קאָן שוין גאָר ניט זיין. נאָר דער חבר באַשטייט אויף זיינס, אַז ער וועט ווייזן דעם ריכטיגן פּאַלאַץ.

ער איז געווען גערעכט — אַזאַ שוידער קאָן מען זיך טאַקע ניט פאָרשטעלן. אונטער פאַרזשאַווערטע בלעכן, וואָס זיינען געווען צו־זאַמענגעבונדן מיט דראָט, צווישן פיר ווענט, וואָס זיינען געווען צו־זאַמענגעשטשאָכעט פון שמאַטעס, פון צעלעכערטע בלעכן און פון צווייגן, איז געווען אַ וואוינונג פאַר מענטשן. די טיר איז געווען אונ־טערגעשפּאַרט מיט אַ שטיין, — קענטיק, איצט איז קיינער ניט געווען אין דער היים. אויף אַ פייער אין דרויסן האָט געזאָטן וואַסער אין אַ טשייניק.

מיר האָבן אָפּגערוקט דעם שטיין און פאַר די אויגן האָט זיך גע־עפנט די פינסטערע גרוב, וואו עס איז געשטאַנען אַ שמוציגע בעט און וואו עס זענען געלעגן עטלאַכע פּעקלאַך שמאַטעס אויף דער נאַקעטער ערד.

אויפ׳ן וועג האָט זיך פאַמעלאַך גערוקט אַ ריזיגע פרוי מיט אַ פּיצל קינד באַ איר פאַרטוך. זי איז צוגעקומען און האָט אונז באַ־טראַכט. דאָס איז געווען די באַלעבאָסטע פון הויז. מ׳האָט איר דער־קלערט, אַז מיר האָבן געוואָלט באַטראַכטן איר וואוינונג. זי האָט אַ שמייכל געטאָן און האָט געזאָגט, אַז עס איז ניטאָ וואָס צו באַטראַכטן. אויף דער פראַגע פון וויפיל מענטשן איר פאַמיליע באַשטייט, האָט זי דערקלערט, אַז אַ חוץ דעם קליינעם קינד, האָט זי אויך אַ טאָכטער פון אַ יאָר 17, וועלכע אַרבעט אין אַ קראָם.

די טאָכטער שלאָפט אויפ׳ן פּלאָר. ניט קיין וואונדער וואָס פון אַזאַ „הויז" און פון שלאָפן אויפ׳ן פּלאָר אַנטלויפט מען אויף דער סאַנטאַ ראָזאַ סטריט, וואו מ׳קריגט אַ בעט, כאָטש מ׳דאַרף דערפאַר מיט דעם יונגן לייב און מיט דעם יונגן לעבן באַצאָלן.

ווען מיר האָבן זיך גענומען דערפרעגן וואו זי קאָכט, האָט די פרוי דערקלערט, אַז זי קאָכט קיינמאָל ניט. זי האָט געוויזן אויפ׳ן טשייניק וואַסער, וואָס האָט געהאַלטן אין זידן, דאָס ביסל געזאָטענע וואַסער איז דאָס איינציגע וואַרעמס, וואָס זיי קריגן. דערנאָך האָט זי געוויזן אַ פּעקעלע טאַמאַלעס (קאָרענע לאַטקעס), וואָס זי האָט געבראַכט, און האָט דערקלערט, אַז דאָס וועט זי איצט איבערקנעטן די טאַמאַלעס מיט נאָך מעל, כדי עס זאָל זיין שפּאָרעוודיגער, און דאָס וועט זיין אַ מאָלצייט פאַר דער פאַמיליע.

נאָר אמאָל, אמאָל, ווען „די צייטן זיינען גוט״, ווען מ׳פאַרדינט אַ פּאָר סענט מער פאַר אַ שווערן טאָג פּראַצע, דערלויבט מען זיך באַ דעם פּעדלער צו קויפן אַ ביסל יושקע מיט ביינער.

צווישן די אָרימע מעקסיקאַנער אַרבעטער איז אָט דער פּע־לער מיט דעם קעסל יושקע אַ שטענדיגע אינסטיטוציע. פאַר די גאָר „גליקלאַכע״ איז דאָ דער סאַפּער, וואָס ווערט פאַרקויפט אויפ׳ן מאַרק פון אַרום 10 אין אָוונט.

אויף דעם מאַרק קומען זיך צונויפֿ די קינדער פון אָט דעם מאַניאַנאַ שבט (מאַנינאַ מיינט מאָרגן, און אַזוי ווי די מעקסיקאַנער האָבן אַלץ ליב אָפּצולייגן אויף מאָרגן, וועלן מיר זיי מיט דעם נאָמען באַטיטלען), און די, וואָס קאָנען זיך דערלויבן דעם לוקסוס פון אויס־געבן אַ 15-20 סענט, קאָנען קריגן אַ גאַנצע פּאָרציע טאַמאַלעס און טאָרטיעס און טשילי קאָן קאַרנע. עס איז אַלץ אָנגעזאַלצן און איינגע־פעפערט פּונקט אַזוי, ווי עס איז ביטער דאָס לעבן פון אָט די אָרימע מאַסן.

מיט וואָס פאַר אַ געשמאַק עס עסט דער עולם דאָ אין אָוונט באַ דער שיין פון די לאַמטערנעס אויף דעם מאַרק-פּלאַץ! אַזוי געשמאַק עסן בלויז די, וואָס עסן קיינמאָל ניט צו-זאַט.

דאָ אַ מאָלצייט פון קראָכמאַל — דאָרטן טאָרטן אויף זילבערנע טאַצן. דאָ אַ שטרויענע בעט און שמאַטעס צוקאָפּנס — דאָרטן אָר־קעסטרען. דאָ אַ מיידל, וואָס שלאָפט אויף דער ערד — דאָרט אַ מיידל, וואָס פאָרט מיט דריי לערערינס אויף אַ רייזע אַרום דער וועלט.

שיינע, גרויסע אַמעריקע, איז דען אַ וואונדער, וואָס מיליאָנען זינגען אונטער דיינע הימלען לידער, וואָס זיינען פול מיט געוויין?

אין אטלאַנטיק סיטי נאָכ׳ן סעזאָן

האָט מען גענומען אַ לאַנגע שורה קראָמען, זיי אוועקגעשטעלט מיט׳ן פּנים צום ים, מ׳האָט אין פראָנט אַ צי געטאָן אַ „באָרדוואָק" איבער דער גאַנצער לייִנג פון די קראָמען, מ׳האָט אויפגעשטעלט אַ היבש ביסל האָטעלן און עס איז פאַרטיג אַ שטאָט מיט אַלע פּישטשעווקעס, מיט רייכע פּאַלאַצן, מיט אָרימע גאַסן, מיט וואָקזאַלן און מיט פייערדיגע אויפשריפטן : „יו אַר וועלקאָם טו אַטלאַנטיק סיטי".

זומער שטיקן זיך דאָרט אין ענגשאַפט די דאַטשניקעס, וואָס קוּמען אַהין פאָכען מיט דער נשמה, וואָס האָבן ליב דעם יאַריד אויף דער זאַמד, וואָס ווערט שוואַרץ און צעקנאָטן און אויסגעמישט מיט מענטשן-לייבער און מיט מענטשן-שווייס.

זומער פאַרדינגט מען יעדער ווינקל פּלאַץ. אַ צימער איז מיט גאָלד גליַיך. אייגנטימער פון הייזער וואוינען אַליין אין גאַראַזשן און פאַר יעדער „בעד-רום" נעמט מען אָפּ אַ פאַרמעגן. די דאַטשניקעס פאַרשעלטן זיך יעדער יאָר דאָס געביין און שווערן, אַז זיי וועלן מער אין דעם גיהנום ניט קומען און ביז דעם צווייטן יאָר פאַרגעסן זיי און קומען ווידער אַהער.

גייט אָבער אַוועק דער זומער, ווערט אין אַטלאַנטיק סיטי שטיל. די מערסטע האָטעלן זענען האַלב-ליידיק ; אויף דעם באָרדוואָק שטופּט מען זיך נישט, נאָר מ׳שפּאַצירט מיושב׳דיק און מ׳פילט זיך זייער ברייטלאַך אין די שטופּ-וועגעלאַך, וואָס די שוואַרצע און ווייסע נאָכשטופּער פירן אַרום מיילן-ווייט.

נאָך דעם זומער, נאָך דעם גהינום סעזאָן, קומען אַהער אַראָפּ גאָר רייכע לייט. זיי קומען געניסן פון דעם ים און פון דער לופט, און דאָס איז אין אַטלאַנטיק סיטי דאָ איבערגענוג.

עס איז אַ געבענטשטער טאָג אין אָנהויב נאָוועמבער. די זון וואַרימט ווי אין מיטן זומער. דער ים איז שטיל און קייקלט לאַנגזאַם

זיינע כוואַליעס צו דעם זאַמדיגן ברעג. אַ שטיק ים שפּיגלט זיך מיט אַ זילבערנעם אָפּשיין פון דער זון און בלענדעט די אויגן, די ווייסע גע־ביידעס באָדן זיך אין זון און עס פילט זיך אין לופטן אַ יום־טוב.

גוט צו זיין דאָ אין אַזאַ טאָג.

לאָמיר אַ קוק טאָן ווי פאַרברייננגען דאָ זייער צייט די אַלע, וואָס האָבן זיך דאָ איצט פאַרזאַמלט אין די רייכע האָטעלן, וואָס טוען דאָ די מענטשן, וואָס האָבן ריזיגע פאַרמעגנס, וואָס דערלויבן זיך צו צאָלן אין אַ האָטעל צו 20 דאָלער אַ טאָג און מער אויך?

קומט אַרויס אין אַטלאַנטיק סיטי, גיט אַ קוק וואָס זיי טוען און איר וועט גלייך זעען וואָס עס מיינט איבערגעפּרעסענע זאַטקייט, טעמ־פּע פּוסטקייט.

אַ טייל פון זיי זיצט אויף די דעכער; זיצט שטונדן־לאַנג אָן באַ־וועגונגען, אָן אַ פינטל מיט די אויגן. זיצט פון פרישטיק ביז מיטאָג, פון מיטאָג ביז וועטשערע און נאָכדעם ביז׳ן שלאָפן גיין. אַנדערע זעצן זיך אַריין אין די שטופּ־וועגעלאַך, הייסן זיך איינדעקן די פיס מיט דעקן און לאָזן דער שטופּער זאָל מיט די לעצטע כוחות אָפּשפּאַנען מיט דעם וועגעלע צענדליקער מיילן. אַנדערע גייען אין די אָקשאָנס. אין אַטלאַנטיק סיטי איז די אָקשאָן־קראָם גאָר אַן אַנדער אינסטיטוציע, ווי אומעטום. דאָ איז זי דערפירט ביז אַ קונסט־זאַך. די קראָמען זענען פּראַכטפול אויסגעפּוצט. מאָדעל־מיידלאַך שפּאַצירן אַרום אין די שענסטע קאָסטיומען און מאַנטלען. די פאַרקויפער זענען אויסגע־פּוצט אין עסיג און אין האָניג. די קויפער זיצן אויף ווייך־געבעטע שטולן. עס איז אַ מין מוזיי דאָ, און די רייכע לייט פון גאַנצן לאַנד קומען דאָ כאַפּן „מציאות“.

כאַפּן זיי טאַקע אַריין גראָשענדיגע צאַצקעס: פערסישע טעפּיכן פון ניו יאָרק, כינעזישע פּאָרצעליי, וואָס איז כינעזיש בלויז דערפאַר ווייל אַ כינעזער טראָגט עס זיי צו. זיי קויפן אויך דאָ קליידער פאַר גרויסע געלדער, פּערפיומען, סטאַטועטקעס און וואָס ניט.

שטונדן־לאַנג זיצט מען אָפּ אין די אָקשאָן־רומס. אינדרויסן שיינט די זון; אינדרויסן רופט דער ים; אָבער וואָס גייט עס אָן די טויטע, די אָפּגעלעבטע קרעמער, וואָס האָבן געמאַכט געלט און זענען געקומען קיין אַטלאַנטיק סיטי צו האָבן אַ „גוד טיים“?

זיי האָבן בלויז ליב האַנדל און וואַנדל; זיי האָבן ליב צו הערן דעם קלאַנג פון גאָלד; זיי האָבן ליב צו הערן ריידן וועגן געלט און זיי זיצן דאָ גאַנצע טעג אין די אָקשאָנס.

באַ אַ ווינקל בריק אויף דעם זאַמד שטייט אַ סקולפּטאָר און אַר־בעט. אַביסל זאַמד, אַביסל צעמענט — און עס וואַקסן אויס לע־בעדיגע, פּראַכטפולע פיגגורן.

אָט שלאָפט אַ לייב באַ דער זייט. היט זיך, ער קען זיך באַלד אַ הויב טאָן, אַ שפּרונג טאָן אויף אייך און איר זענט פאַרפאַלן.

באַ אַ פאָנטאַן שטייט אַ פערד און טרינקט און באַ אַ זייט שטייט אַ יעגער און העלפט זיין הונט דערלאַנגען צו דער וואַסער.

עס לעבט; עס אָטעמט מיט דעם זומער; דעם אָטעם בלאָזט אריין אַ קינסטלער מיט אַ גרויסער קראַפט. אָבער באַ דער זייט ליגט אַ שילד און דאָרט שרייבט דער קינסטלער, אַז ער בעט באַ די רייכע נדבות, אַז זיינע בילדער זענען דאָ ניט צו פאַרקויפן, נאָר „פאַר אַלעמען" פון זיי צו געניסן און זאָל יעדער עפּעס שיינקען אַן אָרימען סקולפּטאָר.

וואַרפן די רייכע טאַקע אַמאָל אריין אַ דאָלאַר. מ'זאָגט אפילו, אַז דער סקולפּטאָר מאַכט דאָ גאָר גוטע געשעפטן, אָבער וואָס טויג דאָס אַלעס, אַז זיין קונסט איז אויפ'ן זאַמד, אַז די איצטיגע געסט ווילן גאָר רעכט אפילו ניט קיין קוק טאָן אויף זיין אַרבעט — זיי מוזן לויפן אין די אָקשאָנס.

קומט אַרויס אין דער שטאָט אויפ'ן זאַמד, גיט אַ קוק ווי זי זעט אויס נאָכ'ן סעזאָן, זעט ווי עס פאַרברייננגען דאָרט די, צו וועמען עס באַלאַנגט דאָס גאַנצע לאַנד. קומט, זעט פּראַכטפולע קונסט אויפ'ן זאַמד, עס איז כדאי אויף דעם אַלעם אַ קוק צו טאָן.

ניו יאָרק טרינקט אויס עלף שטעטלאַך, וואָס ליגן אין די וואונדערבאַרע קעטסקיל בערג

ווען בערג זאָלן קאָנען ריידן און ווען בוימער וואָלטן ניט געווען שטום, וואָלטן זיי דערציילט די טראַגישע געשיכטע פון די שטעטלאַך, וואָס זענען פאַרניכטעט געוואָרן כדי צו שטילן דעם דורשט פון דער שטאָט ניו יאָרק.

ווען בערג און טאָלן וואָלטן געקענט פאַרשטיין, וואָלטן זיי געגאַפט און באַוואונדערט די אַרבעט פון מענטשלאַכע הענט, וואָס האָבן ניט בלויז צעשטערט, נאָר האָבן אויך וואונדער פון אויפבוי באַוויזן.

צווישן די שיינע קעטסקיל בערג, צווישן די געדיכטע וועלדער, וואָס הורדען זיך אויף זיי און וואָס קייקלען זיך אַראָפּ טיף אין די טאָלן אַריין, צווישן די שטילע קוואַלן, וואָס פליסן לאַנגזאַם פון די בערג אַרויס און צווישן די וואַסער-פאַלן, וואָס שפּרינגען מיט געפּילדער פון שטיין אויף שטיין — אין דער מיטן פון דער אַמעריקאַנער שווייץ אין די קעטסקיל-בערג, האָבן זיך מענטשן באַוויזן מיט ברעך-אייזנס, מיט גראָב-מאַשינען, מיט ריזיגע שלעפּ-מאַשינען, מיט גיגאַנטישע עלעקטרי-שע אַפּאַראַטן, וואָס עגבערן שטיינער, און מ׳האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט.

האָט זיך צעטראָגן אַ הודזשעריי און אַ קלאַפּעריי, און ווייט צווישן די שטילע בערג און טאָלן האָט געהילכט דער גערויש פון מענטשלאַ-כער אַרבעט.

עס האָבן געשטוינט די איינוואוינער פון די קליינע שטעטלאַך, וואָס האָבן זיך צוגעטוליעט ערגעץ צו אַ זייט באַרג, אָדער ערגעץ אין אַ טאָל.

דאָס שטילע לעבן פון די רואיגע איינוואוינער פון די בערג איז צוטרייסלט געוואָרן און זיי האָבן ניט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס האָט מען זיך אַריינגעריסן צו מאַכן אַ סוף צו זייער ישוב דערפאַר, וואָס די

גרויסע שטאָט ניו יאָרק, וואָס ליגט ערגעץ 150 מייל ווייט פון זיי, איז דורשטיג און פאָדערט פאַר זיך די קרישטאָל-ריינע וואַסערן פון די בערג.

און אַ וואונדער איז באַוויזן געוואָרן — די גאַנצע וועלט שטוינט פאַר דער קונסט-ווערק פון די אינזשענערן, וואָס האָבן איינגעצאַמט די וואַסערן פון דעם שאַהאַרי לייק און האָבן אין גיגאַנטישע דאַמבעס איינגעשלאָסן אַ ריזיג גרויסן רעזערוואואַר, וואָס באַזאָרגט ניו יאָרק טעגלאַך מיט 500,000,000 גאַלאָן ריינע בארג-וואַסער.

אָבער פאַר דער דורכפירונג פון דער שטיקל אַרבעט, האָט מען געדאַרפט אָפּראַמען פון וועג אַלע שטערונגען. הונדערט-יאָריגע ביימער האָט מען פאַרניכטעט; דעם אויסזען פון גאַנצן געגענט האָט מען גע-ביטן, און עלף שטעטלאַך, וואָס זענען געשטאַנען אין וועג, האָט מען אַן צערעמאָניעס אָפּגעראַמט.

דאָס לעצטע שטעטל, וואָס איז געפאַלן אַ קרבן צו דעם דורשט פון ניו יאָרק, איז געווען דאָס שיינינקע שטעטעלע גלבע (גילבאָיא), וואָס האָט ביז דער לעצטער מינוט געהאָפט, אַז עס וועט זיך ראַטעווען פון דעם ביטערן סוף.

ביז דער לעצטער מינוט איז נאָך באַ די איינוואוינער פון גלבע געווען אַ האָפנונג, אַז די דאַמבע וועט אפשר אַרייננעמען דאָס שכנה׳שע שטעטעלע פּראַטעסוויל און זייער שטעטל וועט געשאַנעוועט ווערן, אָבער ענדלאַך האָבן זיי געקראָגן דעם ביטערן אָנזאָג, אַז זיי מוזן פאַרלאָזן זייערע היימען, — גלבע מוז פאַרניכטעט ווערן.

עס איז געוואָרן אַ יללה; מ׳האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן די איינגע-זעסענע היימען. עס זענען דאָרט דאָ פאַמיליעס, וואָס האָבן דאָרט אויפ׳ן טויטן-פעלד געציילט די קברים פון 10 דורות אייגענע און עס האָט זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזן די אַלטע איינגעזעסענע נעסטן.

האָבן זיך דאָרט אָפּגעשפּילט סצענעס — טראַגישע און קאָמישע. איינציגע האָט מען אַרויסגעוואָרפן מיט געוואַלד און איינציגע מיט כיטרע שפּיצלאַך, באַ איינציגע האָט מען געמוזט אַראָפּרייסן די דעכער פון די שטיבער, כדי זיי צו פאַריאָגן פון דער היים, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט פאַרלאָזן.

האט איינע, אן אלטיטשקע, 70-יאריגע פרוי, מרס. ברוקס, באשלאסן, אז מ׳זאל זי ליבערשט א טויטע ארויסטראגן פון איר הויז, אבער מיט׳ן גוטן ווילן וועט זי איר היים ניט פארלאזן. וואס האט מען געקאנט טאן מיט איר?

זי איז ווי א געטרייער הונט געזעסן אויפ׳ן שוועל פון איר הויז און ווייטער פון איר הויף קיינמאל ניט אוועק. דער בוטשער און גראסער האבן איר אלץ אין הויז געבראכט און דאס גאנצע שטעטל האט געגאפט צו זען, ווער וועט וועמען אויסמאטערן: צי מרס. ברוקס די אינזשענערן, אדער פארקערט.

מ׳האט געדולדיג געווארט, און ווען די אלטיטשקע איז איינמאל אריין אויף א מינוט צו א שכנה אין עק גאס, האט מען איר הויז אנגעצונדן פון אלע זייטן.

די אלטיטשקע איז געקומען צולויפן, האט דערזען, אז די שפיל איז פארפאלן, האט זי אויף זיך געריסן די האר פון קאפ, זיך געקלאפט אין קאפ מיט די פויסטן און געשאלטן דעם מאנסטער ניו יארק, צוליב וועלכן זי האט פארלארן די היים, אין וועלכן אירע עלטער-באבעס האבן אמאל געוואוינט.

האט א ביטערע געשעפטסמאן געפאלגט דעם ראט פון זיין נאך מער ביטערן לאיער און האט אוועקגעשטעלט א הויז אויפ׳ן סאמע וועג, וואו די ארבעט פון דער דאמבע האט געדארפט אנגיין, אויפ׳ן הויז האט ער אנגעקלאפט א צעטל, אז ער וועט דערשיסן יעדן איינעם, וואס וועט זיך פרואוון אריינרייסן אין זיין נחלה.

און כאטש דער פלאץ האט צו אים ניט באלאנגט, האט ער אבער גע׳טענה׳ט, „אז באזיץ איז ניין צענטל פון רעכט״.

איז די קיים אוועק אין געריכט. וואלט עס גענומען צופיל צייט. וואס-זשע טוט מען, באנוצט מען זיך מיט אן אנדער ביטערער קונץ, אזוי ווי דער מאן האט געמאכט א טעות און האט די אויפגעבויטע הויז פארוואנדלט אין א האטעל, האט מען אריינגעשיקט זעקס מענטשן, וואס האבן ניט אויסגעזאגט ווער זיי זענען און ווי נאר דער „אייגנטימער״ איז אויף א מינוט ארויס פון הויז, האבן זיי פארשפארט די טירן און אים מער נישט אריינגעלאזן. עס האבן ניט געהאלפן זיינע טענות

און געשרייען. זיי האָבן אים געענטפערט מיט׳ן זעלבן פסוק: „באַזיץ איז ניין צענטל פון רעכט״.

און איצט איז גלבע שוין אָפּגעמעקט. די דאַמבע איז פאַרטיק און „מיין סטריט״ פון גלבע איז איצט באַגראָבן אונטער 100 פוס וואַסער און פון דער שטעטל איז קיין צייכן ניט געבליבן.

מ׳האָט זיך געקליבן ביים פאַרברענען די הייזער דורכפירן אַ גראַנ-דיעזע צערעמאָניע. מואווינג פיקטשור קאָמפּאַניעס האָבן אָפּגעקויפט דאָס רעכט אַראָפּצונעמען בילדער פון דער סצענע, ווי דאָס שטעטל וועט אַוועק מיט׳ן רויך, אָבער צוליב אַן אומפאָרזיכטיקייט האָט זיך אָנגעצונדן אַ פּוסטע געביידע און דאָס שטעטל איז אָפּגעברענט גע-וואָרן אָן צערעמאָניעס, און קיינע בילדער פון דעם וועלן ניט געזען ווערן.

ווי די לעגענדע דערציילט, האָט שוין איין גלבע אַמאָל געהאַט אַ ביטערע שטראָף, ווען דוד האָט זיך צו׳כעס׳ט אויף די בערג, וואו שאול און יהונתן זענען אין דער מלחמה דער׳הרג׳עט געוואָרן. דעמאָלט האָט זיך דוד צעשאָלטן:

— בערג פון גלבע, אויף אייך זאָל קיינמאָל קיין טוי ניט פאַלן!

איצט איז אַ צווייטע גלבע געשטראָפט געוואָרן, ווען ניו יאָרק האָט דערפילט דעם גרויסן דורשט און האָט דאָס גאַנצע שטעטעלע דער-שלונגען.

ווען בערג וואָלטן קענען ריידן און ווען בוימער וואָלטן ניט געווען שטום, וואָלטן זיי דערציילט פון די וואונדער, וואָס די מענטשן האָבן אין די קעטסקילס אויפגעבויט און פון די שטעטלאַך, וואָס זיי האָבן דאָרט פאַרניכטעט.

ווען בערג און טאָלן וואָלטן געקראָגן לשון, וואָלטן זיי דערציילט וועגן דער גלבע, וואָס איז אַוועק מיט׳ן רויך און וואָס איז איצט טיף אונטער׳ן וואַסער.

„מעין-סטריט":

„מעין-סטריט" פארווילט זיך

„מעין-סטריט" האָט ליב אַ גוט-טיים"...
„מעין-סטריט" זוכט „פאַן".
„מעין-סטריט" טרינקט „פּלעזשור" אויפ'ן פּוד...

איבער דער לייגג און ברייט פון „מעין-סטריט" גייט איצט אַ סדרה ראַדיאָ. פון אינערפרי ביז שפּעט ביינאַכט ראַדיאָ. אין הויז, אין קראָם, אין רעסטאָראַן, אין באַרבער שאָפּ, אין האָטעל, ביים דאָקטאָר אין אָפיס, אין קאַבינעט פון דענטיסט — אומעטום ראַדיאָ. פון אַלע ווינק-לען גאַס כריפּעט, רעוועט, גרילצט, סאָפּעט, פייפט, קוויטשעט, דזשע-זעוועט און פאַרגייט זיך די ראַדיאָ.

דזשעז — די שפּייז פון „מעין-טריט".

דזשעז — דער הפקר-דיגער געלעכטער פון דעם געפּענטעטן נעגער.

דזשעז — דער „בוטלעג"-ווײַן פון היפּאָקריטישן פּוריטאַנער.

דזשעז — די ווילדסטע קאָקאָפאָניע.

דזשעז — די פּאַליגע פון קלאַנגען.

דזשעז — דער חוזק פון פּאָיעזי.

דזשעז — די פּאַראָדיע אויף מוזיק.

דזשעז באַהערשט די ראַדיאָ; דזשעז פּילט אָן די לופט.

גרויס-„מעין-סטריט", קליין-„מעין-סטריט", אַלט-„מעין-סטריט", יונג-„מעין-סטריט", אַלע פאַרכלינען זיך פון דזשעז, וואָס די ראַדיאָ צע-טראָגט אין יעדן ווינקל.

גייט דאָס קינד אַוועק אין שול אַריין און טאַנצט אונטער צו די קלאַנגען פון דעם דזשעז.

שטויבט די פרוי איר מעבל און „שימעט" אונטער צו די קלאַנגען פון דעם דזשעז.

זיצט „מעין-סטריט" פאַרוואָרפן די פיס אויפ׳ן פאָרענטש פון וועראַנדאַ; זיצט „מעין-סטריט" און פארציט אַ סיגאַר; זיצט „מעין-סטריט" און זאַפּט זיך אָן מיט דעם דזשעז.

„מעין-סטריט" פאַרווײַלט זיך.

„מעין-סטריט" האָט אַ ראַדיאָ.

די ראַדיאָ ברײַנגט דזשעז.

* *

*

„מעין-סטריט" גייט צו אַ „שאָו".

עס גייט דער טאַטע; עס גייט די מאַמע; עס גייט די טאָכטער מיט די אָנגעפאַרבטע ליפּן; עס גייט דער זון מיט דעם אָנגעאוילטן און גלאַט-צוגעקעמטן שרינטל; עס גייט דאָס מיידעלע מיט די לאַנגע צעפּלאָך און עס גייט דאָס אינגעלע מיט די שפּרינקעלאַך. קינד און קייט גייט צו אַ „שאָו".

מ׳נעמט מיט געווג „גאָם", און טאַטע, מאַמע, זון און טאָכטער מאַכן זיך באַקוועם, אין אַ ווייכן שטול און נעמען זיך שלינגען די „שאָו".

עס איז דאָ אויף וואָס צו קוקן: קאָו באָים פון דער ווילדער וועסט, פלינקע פאַרברעכער און נאָך פלינקערע דעטעקטיווס, „ווילעינס", וואָס ווילן באַליידיגן די ערע פון דעם מיידל, און העראָאישע בחורים, וואָס קומען אָן פּונקט אין דער נויטיגער צייט, פּרינצן און פּרינצעסינס, רייכע אַריסטאָקראַטן און פאַרשייטע אַרטיסטן, ווילדע באָלשעוויקעס, קונציגע לופט-פליער און בריות פוט-באָל שפּילער. אַלץ איז דאָ אויפ׳ן לייוונט.

„מעין-סטריט" זעט דאָ די גאַנצע וועלט.

„מעין-סטריט" קען שוין איצט די גאַנצע וועלט.

„מעין-סטריט" קען שוין איצט אויך הערן — דער לייוונט האָט אָנגעהויבן ריידן.

„מעין-סטריט" קען איצט הערן זיין אייגענעם קלוגן קולידזש דרשה׳נען וועגן דער וויכטיגקייט פון „לייף-אינשורענס"; „מעין-סטריט" קען איצט הערן זיין אייגענעם אַרטיגן באַנקיר ריידן וועגן „פּאַבליק ספּירִיט און ביזנעס"; „מעין-סטריט" קען הערן אַ גוט מאָרגן

פון שפאנישן קעניג; „מעין-סטריט" קען איצט קריגן אויך דורך דעם וואָרט דאָס, וואָס זי האָט פריער געקראָגן בלויז אין בילד — א פאַר-זיכערונג, אז דער שלעכטער וועט סוף כל סוף באשטראָפט ווערן, אז טוגנט וועט טריאומפירן, אז מ׳דאַרף זיין לאָיאַל צו א „ברויטגעבער", אז מ׳דאַרף פאָלגן דעם, וואָס האָט מאכט, אז אמעריקע איז „גאָדס קאָנטרי", אז בלויז אויף „מעין-סטריט" וואוינען „ווייסע" און אז אַלע איבעריגע מענטשן זיינען האַלבע ווילדע.

ביי דער „שאָו" ווערט „מעין-סטריט" נאָך תקיפ׳ער ביי זיך — ווער קען זיך צו „מעין-סטריט" פאַרגלייכן?

„מעין-סטריט" שטאָלצירט מיט אירע „מארינען" — עס איז א „טריל" צו זען אויפ׳ן לייוונט, און אויך הערן ווי זיי שפאַנען. „מעין-סטריט" שטאָלצירט מיט אירע קריגס-שיפן, וואָס קנאַלן מיט גרויסע קאַנאָנען. „מעין-סטריט" דערפילט זיך פעסטער און איינגער צוזאַ-מענגעבונדן און וויל זיך אַליין א קניפּ טאָן אין בעקל פאַר דעם, וואָס מ׳איז אזא גוטער „סיטיזן" און אזא געטרייער זון פון אזא געבענטשטן לאַנד.

די „שאָו" זאָרגט שוין פאַר דעם, אז אַט די געפילן פון גרויסן פאַטריאָטיזם זאָלן ניט איינדרעמלען. עס זאָרגט פאַר דעם דער איד פאַקס; עס זאָרגט פאַר דעם די פירמע פון באַלאַבאַן און קאַץ; עס זאָרגן פאַר דעם דעם חזן׳ס זין, די ברידער וואָרנער — זיי גלאָריפי-צירן אמעריקע; זיי קיצלען „מעין-סטריט" אונטער׳ן פאַכווע; זיי לערנען מיט „מעין-סטריט" דאָס קאַפּיטל: „ווי אמעריקענס" („מיר אמעריקאַנער").

„מעין-סטריט" האָט ליב סטאַנדאַרדיזירטע זאַכן; „מעין-סטריט" האָט פיינט סורפּריזן. א „שאָו" מוז זיך ענדיגן גוט; א „שאָו" מוז זיך ענדיגן פריילאך. צו יעדער „ערנסטער" בילד מוז קומען א צו-לאָג פון א „פאַני-פיקטשור". עס מוזן טאַנצן קעץ; עס מוז זיין עפּעס א משוגעת, א נאַרישקייט, א פוילער וויץ — וואָס עס זאָל ניט זיין, אבי דער עולם זאָל לאַכן. און דער עולם לאַכט, אפילו ווען מ׳ווייזט אים א פינגער. עס מוז זיין א נאָכקרימעניש פון טשאַרלי טשאַפּלין; עס מוז עמיצער פאָרן אויף אַן אויטאָמאָביל און די מאַשין זאָל זיך פּלוצלונג צעפאַלן אויף פיצלעך — עס מוז זיין „פאַני".

טאַטע, מאַמע, זון און טאָכטער, אַלע ווילן „פאַן" — אַלע לאַכן פון דעם זעלבן שפּאַס, דער זעלבער שפּאַס איז פאַר אַלעמענס גע-שמאַק.

„מעין-סטריט" האָט ליב „פאַן".

„מעין-סטריט" קריגט „פּלענטי פּלעזשור" (גענוג פאַרגעניגן) אין די מואוויס.

*   *
*

„מעין-סטריט" האָט אַ בורלעסק.

פרום איז מען אין קלויסטער, מאָראַליש איז מען, ווען מ'באַרעדט אַ צווייטן, גוט און פרום איז מען ביי זיך אין הויז, נאָר אַז מ'באַגעגנט זיך אין האָטעל אויף „מעין-סטריט" מיט אַ חברה „בעטשלאָרס", אַז מ'טרינקט אַ כוסה „מונשיין", אַז מ'וויל זיך לאָזן אַביסל וואוילגיין — כאַפּט מען זיך אַריין אין בורלעסק.

„מעין-סטריט" רייבט זיך די הענט: כאַ... כאַ... כאַ..., כי... כי... כי...

עס טאַנצן די עלעקטרישע לאָמפּן; עס ווינקען די מיידלשע נאַ-קעטע פיגורן אויף די גרויסע פּלאַקאַטן: „מעין-סטריט" וויל אַביסעלע זינדיגן.

— כאַ... כאַ... כי.. כי... „לעטס גאָ אין"!

דער גלח איז ניט ביים זייט; די פרוי איז ווייט; קיינער קען דיך דאָ ניט — „לעטס גאָ אין"!

עס גייט אָפּט אַ בחור מיט זיין מיידל; עס גייט אַ טאַטע פון גרויסע קינדער; עס כאַפּט זיך אַריין אַ פרומאַק, וואָס איז ווייט פון זיין שטאָט — בורלעסק איז אויף „מעין-סטריט" אַן איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציע.

*   *
*

„מעין-סטריט" גייט קוקן אין די שוי-פענסטער.

„מעין-סטריט" האָט ליב מציאות.

„מעין-סטריט" האָט ליב מ'זאָל צוקלאַפּן אַ צעטעלע: פריער דריי דאָלער, איצט $2.98.

צי מ׳דאַרף קויפן, צי ניט — עס איז „פאַן״ צו קוקן אין די פענסטער.

די שוי־פענסטער אויף „מעין־סטריט״ זענען פארגאָסן מיט ליכט; עס שימערירן אונטער דער שיין פון ריזיגע עלעקטרישע לאָמפּן אַלערליי שמאָכטעס.

עס שווינדלט אין די אויגן פון די אומצאָליגע צעטעלאך: ספּעשל 49 סענט, ספּעשל 31 סענט, ספּעשל 1.98$, ספּעשל 2 פאר 25 סענט, ספּעשל... ספּעשל...

„מעין־סטריט״ קוקט אויף מציאות; „מעין־סטריט״ שלינגט מציאות; „מעין־סטריט״ טוט זיך אָן אין געדראַנג אין סאַמעטע קליידער, וואָס קוקן אַרויס פון די פענסטער; „מעין־סטריט״ באַפּוצט זיך מיט צירונג, וואָס בליאַסקעט און מינעט זיך אונטער דער עלעקטרישער באַלייכטונג; „מעין־סטריט״ גאַפט אויף די ווייכע שטולן און די ברייטע דיוואַנען אין די שוי־פענסטער פון די מעבל־קראָמען; „מעין־סטריט״ קוקט און האָט „פּלעזשור״ — אויף „מעין־סטריט״ איז קוקן אין די פענצטער אויך אַ פאַרוויילונג.

* *

*

„מעין־סטריט״ גייט אויף אוקשאָנס.

עס מאַכט ניט אויס וואָס מ׳פאַרקויפט: מעבל, שפּייז, מאַלפּעס, אויטאָמאָבילן, הייזער, אַ נעכטיגן טאָג — „מעין־סטריט״ האָט ליב אָן אוקשאָן.

מ׳שטייט שטונדן לאַנג אויף די פיס און מ׳קוקט דעם אוקשאָנער אין מויל אַריין.

„מעין־סטריט״ האָט ליב ספּאָרט — עס איז אינטערעסאַנט צו זען ווער וועט וועמען איבעריאָגן, ווער וועט כאַפּן דעם „באַרגיין״.

אויף די אוקשאָנס ווערן פאַרקויפט זאַכן, וואָס קיינער וואָלט ערגעץ אַנדערש קיינמאָל ניט געקויפט: ביליגע פאַרצעלייענע טעפּלאַך, וואָס זיינען באַדעקט מיט שרייענדיגער שמינקע, ווערן פאַרקויפט אַלס „קונסט־ווערק״; גראָשענדיגע גלעזערנע שמאָכטעס ווערן „פאַרצוקערט״ אַלס געשליפן גלאָז. די אוקשאָנערן קענען זייער „מעין־סטריט״ און זיי נוצן דאָס אויס ווי עס באַדאַרף צו זיין. „מעין־סטריט״

גאַפּט; „מעין־סטריט" שטייט מיט אַ ברייט צעעפנט מויל און האָט „פאַן" פון דעם אוקשאַן, כאָטש „מעין־סטריט" צאָלט פאַר דעם טייער.
וואָס גייט זיי אָן די פּרייז? אַבי עס איז דאָ „פאַן".
אויף „מעין־סטריט" איז אַן אוקשאַן אויך אַ פאַרווײַלונג.

* *
*

„מעין־סטריט" האָט ליב ריידן וועגן „פּאָפּולײשאַן".
— לויט דעם לעצטן באַריכט פון דער טשעמבער אָוו קאָמערס, ציילן מיר שוין 32,000 נפשות. אַרײַנרעכענענדיג אַלע סובאָרבס (פאָרשטעט), וועלן מיר שוין האָבן אין „גרייטער וויטשיטאַ" אַרום 36,000 נפשות. נאָך אַ 4000 נפשות און מיר וועלן שוין באַלד זײַן צוגלײַך מיט רעביט סיטי.
— דעטראָיט איז שוין גרעסער פון באָסטאָן.
— קליוולאַנד וועט איבעריאָגן פּיטסבורג.
— מאַרק מיי וואָרד, (געדיינקט וואָס איך זאָג אייך) לאָס אַנ־דזשעלעס וועט זײַן גרעסער פון שיקאַגאָ.
„מעין־סטריט" האָט ליב ציילן: ציילן די אויטאָמאָבילן, וואָס אַמעריקע פאַרמאָגט, ציילן די מײַלן פון אַספּאַלט וועגן, וואָס זענען צוגעקומען אין די לעצטע יאָרן, ציילן די מיליאָנען, וואָס דער און דער האָט „געמאַכט", ציילן די אָנגעשטעלט אין דעם און דעם דעפּאַרט־מענט־סטאָר און דער עיקר ציילן „פּאָפּולײשאַן".
דער טאַטע און די מאַמע, דער זון און די טאָכטער וועלן אויף די פינגער אייך שנעל אויסרעכענען וויפיל עס זענען דאָ נפשות אין זייער „מעין־סטריט" און וויפיל אין דער דערבייאיגער „מעין־סטריט"; ווי־פיל עס וועט זײַן ביז 1931 און וויפיל עס וועט זײַן אין 1935.
ציילן „פּאָפּולײשאַן" איז אויף „מעין־סטריט" אַ גרויסע פאַר־ווײַלונג.

* *
*

„מעין־סטריט" האָט „פאַן" פון נײַע הויכע געביידעס, כאָטש די אַרבעטער, וואָס קומען דאָרט אום ווערן באַלד פאַרגעסן. אויף „מעין־סטריט" שטראָמען אַרײַן די גאָלדענע קוואַלן, וואָס זײַנען די פּראַצע

פון מיליאָנען, וואָס פינסטערן אין קוילן-גרובן, אין פאַבריקן, אויף פעלדער און אין וועלדער. וועגן די, וואָס שאַפן די אוצרות, טראַכט ניט „מעין-סטריט" — „מעין-סטריט" איז צופיל פאַרנומען מיט אירע פאַר-ווײַלונגען. די האָרעפּאַשניקעס אַליין ווערן גאָר אָפּט פאַרטומלט און מיטגעריסן מיט „מעין-סטריט".

אָ, „מעין-סטריט" האָט אַ סך סאָרטן פאַרווײַלונגען — „מעין-סטריט" האָט רײַסעס; „מעין-סטריט" לייענט צייטונגען; „מעין-סטריט" האָט עלעקשאָנס; „מעין-סטריט" האָט אויטאָמאָבילין; „מעין-סטריט" זעט אַ סטרייק; „מעין-סטריט" האָט לוויות; „מעין-סטריט" האָט אויפנאַמען פאַר אָנגעזעענע געסט; „מעין-סטריט" דאַרף זיך אפילו אַמאָל אַ מענטשל טאָן פאַר אַ פּרינץ. אָ, „מעין-סטריט" האָט גאָר גאָר אַ סך פאַרווײַלונגען, נאָר איבער אַלעם איז „שאָו", ראַדיאָ, ספּאָרט און דזשעז, דזשעז, ראַדיאָ, ספּאָרט און „שאָו".

שפּילט זיך ניט מיט „מעין-סטריט" — דאָס איז אייך ניט עפּעס קיין אָפּגעשטאַנען ווינקל, ניט קיין לאַנד פון אומקולטיווירטע באַל-שעוויקעס — דאָס איז „גאָדס קאָונטרי", דאָ האָט איר פאַר זיך די קולטור פון דעם העכסטן מוסטער פון אַן אמת'ן „ווייסן".

גייט אַרויס און גיט אַ קוק און דרינגט זיך דורך מיט רעספּעקט — „מעין-סטריט" פאַרווײַלט זיך!

„מעין-סטריט" גיט צדקה

„מעין-סטריט" האָט פיינט צו הערן פון נויט. אין דער צייטונג, אין דער מואווי, אין דעם בוך און אין דעם קלויסטער הערט ניט באַביט פון קיין נויט.

פאר די קינדער אין די שולן טאָר מען דאָך אודאי ניט דערמאנען, אז עס איז דאָ אזא מין זאַך ווי נויט.

„מעין-סטריט" איז בא זיך תּקיף — נויט קען זיין בא יאפּאנעזער, נויט קען זיין בא שקלאַפישע כינעזער, נויט קען זיין בא די אינדוסן, בא מעקסיקאנער און בא דזשאַן בולן, נאָר ניט בא אַנקל סעמען.

אָ, מיר זענען רייך! אונזערע ארבעטער זענען די גליקלאַכסטע אויף דער וועלט!

זעט, מיר האָבן זעקס און צוואנציג מיליאָן אויטאָמאָבילן!

נויט? בא אונז נויט? בלויז פוילענצער קענען זיך דאָ נויטיגן. אַלע, וואָס ווילן ארבעטן, קענען פארדינען זייער ברויט.

„מעין-סטריט" גלויבט אליין ניט אין די רייד, נאָר איין באַביט נאַרט דעם צווייטן און זיי מיינען, אז זיי וועלן פארררעדן דער נויט די ציין.

עס סמאַלעט א פראָסט; א ווינט פארכאַפּט דעם אָטעם; אויף די גאסן דרייען זיך ארום הונגעריגע; אין הייזער פרירן קינדער.

„מעין-סטריט" קען שוין מער ניט באהאַלטן; „מעין-סטריט" דערשרעקט זיך. מ׳דארף די הונגעריגע צוּוואַרפן א ביסן — מ׳דארף ניט לאָזן זייער צאָרן זאָל ווערן געפערלאַך, דארף מען אויסנוצן דעם זים-לאקריצדיגן גייסט פון קריסטמעס און דערלאנגען די הונגעריגע עפּעס אויפ׳ן שפּיץ מעסער.

מעג מען אויף א וויַיל אויסזאָגן, אז עס איז דאָ נויט און הונגער. נאָך קריסטמעס וועט מען די נויט ווידער פארשוויַיגן. די הילף דארף מען דערלאנגען אויף א געשעפטסמעסיגן אופן.

„מעין-סטריט" פאַרגעטערט דעם גייסט פון ביזנעס — אַלץ דאַרף זיין געשעפטסמעסיג, עפישענט, געוואוינגן. און אויב יאָ נויט, דאַרף מען ביזין לויט אַפּוויינגן די ליידן: דער האָט 6 קינדער און איז אַן אַלמן — דאָס איז אַ פונטעלע נויט; דער האָט 6 קינדער און די ווייב לעבט נאָך — דאָס איז בלויז אַ האַלב פונטעלע נויט.

„מעין-סטריט" האָט ליב אַ חשבון, „מעין-סטריט" האָט ליב סטאַ-טיסטיקס — דאַרף מען אויספּרעגן דעם נויטבאַדערפטיגן וועגן זיינע אור-אור-עלטערן און מ'דאַרף אים אויסדרייען אויף דער לינקער זייט, כדי די „סאָשעל-סוירוויים" (די אגענטור, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט פי-לאַנטראָפּיע) זאָל אים גענוי קענען שטודירן.

מ'מוז אים געגעו בלוט פאַרצאַפּן איידער מ'וועט אים צוואַרפן אַ ברעקל ברויט.

„מעין-סטריט" מאַכט אַ „קאָמיוניטי טשעסט" (איין גרויסע פּוש-קע פאַר אַלע צדקה-קרעמלאַך). יעדן ערב קריסטמאַס פירט „מעין סטריט" דורך אַ „דרייוו", וואָס דאַרף באַזאָרגן אַלע צדקה-פּושקעס.

פּלוצלונג זאָגט „מעין-סטריט" אויס, אַז עס איז יאָ דאָ נויט. עס באַווייזן זיך פּלאַקאַטן מיט האַרצרייסנדע בילדער פון הונגעריגע קינ-דער, פון פאַרשמאַכטע פרויען און פון ליידענדיגע אַלטע.

אויף יעדן שריט אַ רוף! העלף! העלף! העלף!

„מעין-סטריט" האָט ליב לאָזונגען, שלאַג-ווערטער — שרייען שילדן:

— גיוו אַנטיל איט הוירטס! (העלף מיט מער, וויפיל דו קענסט).

— ביסט דאָך אַליין געוועזן אַמאָל אַ קינד!

— פאַרגעס ניט אָן אונז!

— גיב אונז אַ פריילאַכן קריסטמעס!

— לעבסט ווי פאַרגעט (סיידן מיר זאָלן פאַרגעסן).

די סעלווישאַניסטן קלאַפּן אין די טאַצן, די גבאי'טעס פאַרקויפן „קריסטמעס סילס" (צעטעלאַך, וואָס מ'קלעפּט ארויף אויף די קריסט-מעס מתנות, אַלס אַ צייכן, אַז מ'האָט געגעבן צדקה) און די טעאַטערס ניט מען בענעפיט-פאַרשטעלונגען, די צייטונגען האָבן זייערע אייגענע פּושקעס, און אַלץ פאַר דער נויט, וואָס איז גאָר „ניטאָ".

אויף אַלע ווינקלען נאָסן שרייען אויפשריפטן:

— מיר האָבן שוין 60 פּראָצענט פון דער נויטיגער סומע, מיר האָבן שוין 70 פּראָצענט, זיי אַ גוטער בירגער און פאַרענדיג די אַרבעט.

עס זיינען אַרויסגעשטעלט ריזיגע שילדן אין דער פאָרמע פון טער־מאָמעטער ברעטער. ווען עס קומט צו אַ טויזנטער, גיט מען אַ ציִ אַרויף אַ ווייזער, וואָס דייטעט אָן וויפיל געלט מ׳האָט שוין געשאַפן.

דאָ איז אַ ברעט, דאָרט איז אַ זייגער, דאָ איז אַ טראַנספּאַראַנט איבער׳ן גאַנצן גאַס, דאָרט איז אַ שילד באַם סיטי האָל.

„מעין-סטריט“ מאַכט אַ שפּיל פון איר צדקה-דרייוו; „מעין-סטריט“ איז „עפישענט.“ עס זענען דאָ ספּעציאַליסטן קאַמפּיינער — מ׳רופט אַרויס אַזאַ מין בריה, און מ׳באַשטעלט באַ אים די גרויס פון דער קאַמפּאַניע: „מיר דאַרפן האָבן אַזוי פיל און אַזוי פיל.“ דאָס איבעריגע איז שוין זיין זאַך.

„מעין-סטריט“ קלאַפּ אָפּט ערב קריסטמעס מיט דער פּושקע; „מעין-סטריט“ טיילט אויס וויסנשאַפטלאַך דאָס ביסל צדקה. דער געוויסן איז געריייניגט; די הונגעריגע האָט מען דערווייל אָפּגענאַרט אויף אַ צייט; קען מען שוין ווידער זיך מאַכן תמ׳עוואַטע און ווידער ביז קומענדן ערב-קריסטמעס מאַכן דעם אָנשטעל, אַז עס איז ניטאָ אַזאַ מין זאַך ווי נויט.

„מעין-סטריט" באגעגנט ניי-יאָר

די זין פון „מעין-סטריט" זענען פוריטאנער. אָ, אָ! נאָך ווי אזוי!

זיי טרינקען ניט. זיי וואלגערן זיך ניט שכורע אין גאס. זיי האָבן אפילו א געזעץ געשאפן, וואס פארבאָט איינגאנצן דעם ענין טרינקען.

זיי זענען פוריטאנער, אָ, אָ! נאָך ווי אזוי!

ביי זיי שטייט די מאָראל העכער פון אלץ.

זיי האָבן אפילו א געזעץ געשאפן, אז פאר פארברעכן געגן דער מאָראל מוז מען ארויסיאָגן פון לאנד.

זיי זענען ציוויליזירטע — ביי זיי ביילײדיגן א פרוי, איז אי א שאנדע, אי א פארברעכן.

זיי זענען דערצויגענע — בא זיי רעדט מען געציילטע רייד, ביי זיי גייט מען מיט געמאָסטענע טריט, בא זיי מאכט מען ניט מיט די הענט, בא זיי שרייט מען ניט הויך אויף א קול.

געצאמטע זענען זיי — זיי וועלן הויך אויף א קול ניט לאכן אין גאס, זיי וועלן זיך ניט שטופן, זיי וועלן ניט אָנטרעטן קיינעם אויפ'ן פוס. נאָר דאָס איז מער ניט ווי אַן אָנשטעל, מער ניט ווי א מאסקע פון א לעמעלע-געשטאלט.

רוקט זיך אָן נאָר א מאָמענט; מאכט זיך נאָר דער צופאל, און די מאסקע פאלט און עס ווייזט זיך ארויס דאָס אמת'ע געשטאלט.

* *

*

באלד וועט דער זייגער שלאָגן 12, באלד וועט אויף דעם קאַלענדאר פארצייכנט ווערן, אז עס האָט זיך אוועקגעקייקלט איין יאָר און עס הויבט זיך אָן צו ציילן א ניי יאָר.

קיין זאך בייט זיך ניט, קיין זאך פאסירט ניט — בלויז אויף דעם

ציפערבלאַט האָט זיך אַ רוק געטאָן דער ווייזער, אויף דעם קאַלענדאַר האָט זיך געביטן אַ בלעטל — טאָ וואָס איז דאָ דער רעש? צו וואָס דאַרף מען דאָ וועלטן קערן?

נאָר פרעגט ניט קיין קשיות באַ באַביט, דערוואַרט ניט, אַז ער זאָל אייך געבן אַן ענטפער.

אַ גאַנץ יאָר איז ער אַ פאַרשטייפט אין אַ גייסטיגן־קאָרסעט; אַ גאַנץ יאָר גייט ער אויף שטאָלצן פון אַן אויסגעטראַכטער, ניט אויף זיין מיסט געוואַקסענער, מאָראַלישקייט, ווילט זיך אים כאָטש אויף אַ נאַכט, כאָטש אויף אַ שעה זיך אַרויסרייסן פון דער לופטלאָזער, מיט די איי־גענע הענט געשאַפענער טורמע — עס ווילט זיך צעבינדן די הענט.

פייערט באַביט דאָס נייע יאָר; קריכט באַביט אַרויס פון זיין הויט.

ער ווייזט זיין ריכטיג געשטאַלט!

ער רעוועט; ער מעקעט; ער פייפט; ער טרובעט; ער שרייט; ער איז הייזעריג; ער סאָלאָפּעט מיט די אויגן; ער פאַלט פון די פיס; ער רעדט נבול פה; ער באַליידיגט פרויען; ער ברעכט שויבן; ער צינדט פייערווערק; ער ברעכט אין מיטן גאַס; ער וואַרפט זיך שלאָגן; ער טשירעט די ציין; ער איז באַגאָסן מיט בלוט און מיט סלונע; ער שמירט זיך דאָס פנים מיט קרייד; ער איז צעבראַסטעט; ער זעצט זיך באַ פרויען אויף די קני; ער שלעפט דעם קאָנדוקטאָר פון דער סאָבוויי־באַן באַ דער נאָז; ער באַליידיגט אַלטע לייט; ער שפייט אויף די ווענט און עס טראָגט פון אים אויף אַ מייל דער ריח פון שלעכטן בראַנפן — ער באַגעגנט דאָס נייע יאָר.

אויף „מעין־טריט" קיין שפּילקע ניט דורכצוּוואַרפן — דאָס גאַנץ באַביט־לאַנד איז דאָ איצט דאָ.

אויף „מעין־סטריט" כאָטש די אויערן פאַרשטאָפּן — מ'קען דאָ טויב ווערן פון דעם שווידערלאַכן געפילדער.

עס גייט אַ בחור מיט אַ מיידל אוןביידע רעוועז אויף אַ קול:

— אַ... אַ... אַ... אַ...!!! ניו איר... ניו איר... ניו איר...! (ניי־יאָר, ניי־יאָר, ניי־יאָר). שפּאַנט אַ פאַרשוין מיט אַ לאַנגער טרובע און פאַרהילכט די גאַס מיט אַ דונער פון אַ משונה'דיגער קאַקאָפאָניע. אויף זיין געזיכט איז צעגאָסן אַ קעלבערנער שמייכל — זיין גאַנצער

ווען שרייט ארוים: א... א... א...! ניו איר! ניו איר...! ניו איר...!
אַט שטופּט זיך אַ ריז און שלעפּט מיט זיך מיט אַ פּיצל מיידל. ביידע זענען טויט שכור; דער עולם שטופּט זיי איינעם אויף דעם צווייטן; זיי פאַלן פון די פיס; זיי נעמען זיך אַלע מינוט ארום און קענען ניט טרעפן די געזיכטער אויף זיך צעקושן; זיי לעפּעטשען מיט די צונגען, וואָס פּאַלגן ניט:

— אָ... אָ... אָ... נ-י-ו א-י-ר! ! ! נ-י-ו א-י-ר!

עס איז אַן אמת׳ער סדום; עס איז ניטאָ קיין מעגלאַכקייט צו שטעלן אַ טראָט; עס איז ניטאָ וואו אַ שפּילקע דורכצוּוואַרפן — דאָס הייסט באַ מעין סטריט אַ פרייד, דאָס הייסט באַ באַביטן אַ יום טוב — אזוי באַגעגנט ער דאָס נייע יאָר.

געדיינקט, ער איז אַ פּוריטאַנער; געדיינקט, ער איז אַ ציווי-ליזירטער! ער וועט זיין זייער אויפגעבראַכט, אז איר וועט אים דער-מאַנען, אז ער האָט זיך געוואַלגערט אין בלאָטע, ווען ער האָט גע-פּייערט דאָס אוועקגיין פון איין יאָר און דאָס אָנקומען פון אַ צווייטן.

„מעין-סטריט" קולטורוועט

גרויס-„מעין-סטריט" האָט זיך איר קולטור, קליין-„מעין-סטריט" האָט זיך אירע.

גרויס-„מעין-סטריט" פאַרמאָגט מוזעען, וואו מ'גייט זעלטן און דאָס בלויז צו קוקן ווי אויף אַ בייז-וואונדער. ביבליאָטעקן, וואָס זענען אָנגעפּאַקעוועט מיט ביכער, וואָס האָבן ניט די ווערט דאָס פּאַפּיר, אויף וועלכן זיי זענען געדרוקט; טעאַטערס, וואו מ'פּאַסט זיך צו צום געשמאַק און צו די באַגריפן פון באַביטן, וואָס איז צוגעפּאַסט צום געשמאַק פון קינדער, אַ קינאָ, און נאָך און נאָך.

קליין-„מעין-סטריט" קען ניט נאָכטאַנצן, נאָר נאָכמאַכן פּרובירט מען אויף קליין-„מעין-סטריט" יאָ.

אויף גרויס-„מעין-סטריט" איז אַלעס פלאַך, קליין-„מעין-סטריט" טאַנצט נאָך און איז נאָך צען-פאַך פלאַכער.

אויף „מעין-סטריט" טאָר מען ניט זיין אָריגינעל, אויף „מעין-סטריט" טאָר מען ניט זיין קיין אויסנאַם פון דעם כּלל. אַלע לאַכן — לאַך אויך; אַלע זאָגן: איי, איי, איי, ווי שיין — טו אויך דאָס זעלבע.

טאָרסט ניט האָבן קיין אייגענע מאָס, טאָרסט ניט האָבן קיין אייגענע אָפּשאַצונג, טאָרסט ניט האָבן קיין אייגענע מיינונג — אַלץ איז שוין באַזאָרגט פאַר דיר.

עס איז דאָ אַן אָנגענומענער וועג ווי אַזוי עס דאַרף זיך ענדיגן אַ בוך; עס איז דאָ אַן אָנגענומענער וועג וואָס עס דאַרף זיין דער פינאַל פון אַ שפּאַנענדער דראַמאַטישער אַנטוויקלונג; עס איז דאָ אַ טראַפּאַרעט ווי אַזוי געליבטע דאַרפן צווישן זיך רעדן, ווי אַזוי מענטשן דאַרפן האַנדלען אין אַזאַ אָדער אין אַן אַנדער פאַל — אַלץ איז צוגעשניטן, אויפגענייט און אויסגעפּרעסט. עס איז ווי אַ גוט-איינגעאָרדנטע ווירטשאַפט מיט פּאָליצעס, אויף וועלכע יעדער זאַך ליגט אין דער בעסטער אָרדנונג.

דאַרפט איר וויסן ווי צו האַנדלען אין אַ מאָמענט פון טרויער, אין אַ מאָמענט פון פרייד, אין אַ מאָמענט פון איבעראַשונג — גייט צו צו דער באַטרעפענדער פּאָליצע, נעמט אַראָפּ פון דאָרט דאָס קעסטעלע מיט דעם געהעריגן אויפשריפט און איר וועט קריגן די נויטיגע און פולסטע אינסטרוקציעס.

אויב אַזוי איז אויף גרויס־„מעין־סטריט“, איז אויף קליין־„מעין־סטריט אודאי און אודאי אַזוי.

אָט איז אַ לעקציע אין אַ שטעטעלע אין מינעסאָטאַ. קיין גרויסער צענטער איז ניטאָ אויף הונדערטער מיילן ווייט. מ׳וויל זיך פילן מיט מענטשן גלייך — אָרדנט מען איין אַ לעקציע אין דער שטעטעלדיגער יאָנג מענס קריסטשיען אַסאָסיאיישאָן (פאַרבאַנד פון קריסטלאַכע יונגע לייט). אַ רייזענדיגע, פּראָפעסיאָנעלע רעדנערן, וואָס שפּרייט קולטור אין דעם געגעבענעם געגענט, קומט באַגליקן אויך דאָס שטעטעל מיט אַ ביסעלע וויסנשאַפט.

זי רעדט פון פּאָליטיק — די פעלקער־ליג איז אויפ׳ן טאָג־אָרד־נונג — זי רעדט וועגן פיר (ניט ווייניגער ווי פיר מיט אַמאָל) נייע ביכער און זי דרשנט, נאַטירלאַך, אויך וועגן פּראָהיבישאָן.

דאָס איז איינע פון יענע סאָרטן דרשות, אין וועלכע עס איז ניטאָ צו קיין זאַך ניט קיין ליבע, ניט קיין האַס, — אַלץ איז צירלאַך—מאַניר־לאַך, אַלץ איז וואויל און פיין, אַלץ גליטשט זיך ווי אין אַ גוטן שליט־וועגס.

אַזוי איז אין דעם דאָזיגן שטעטל, אַזוי איז אין טויזנטער אַנדערע. מ׳קוויקט זיך מיט אַ ביסל פאַרוואַסערטער קולטור, מ׳ווערט פאַר־טשאַדעט פון די ביליגע מוֹאַווים, מ׳ווערט פאַרטעמפּט פון לאַנגע יאָרן שפּייזן זיך אויף דער דיעטע פון ביליג צייטונגס־פּאַפּיר, וואָס איז פאַר־פּאַטשקעט מיט איינטאָניגע אַדווערטייזמענטס און מיט נייס פון שפּיץ־מעסער, וואָס איז צוגעפּאַסט צום גייסטיגן צושטאַנד פון אַ קינד.

„מעין־סטריט“ פאַלט אָבער באַ זיך ניט אַראָפּ. „מעין־סטריט“ האַלט זיך פאַר אַ זייער קולטורעל ווינקל.

עפּעס אַ קליינינקייט — די קולטור פון „מעין־סטריט!“ דאָ האָט איר דעם מאָנקי־טרייעל אין דעיטאָן, אָהייאָ, (דער משפט אויף אַ לע־רער פאַר לערנען מיט די שילער פון דער הויך־שול דאַרווינס טעאָריע

פון עוואָלוציע), דאָ האָט איר דעם פאַרבאָט אויפצופירן אַ דראמא, ווייל זי איז, לויט דער אָפּשאצונג פון צענזאָר, אַ געפאַר פאַר דער מאָראַל; דאָ האָט איר אַ משפט אויף אַרטיסטן; דאָ האָט איר אַ טורמע־אורטייל אויף אַן עלטערער פרוי פאַר דעם פאַרברעכן, וואָס זי האָט פאַר אירע אייגענע קינדער אָנגעשריבן אַ פאַמפלעט וועגן געשלעכט.

דאָ האָט איר אַ מעיאָר פון דער גרעסטער שטאָט אין דער וועלט, און ער באַרימט זיך, אַז אין זיין לעבן האָט ער קיין צענדליג ביכער ניט איבערגעלייענט. דאָ האָט איר שטאַטס־לייט, וואָס ווייסן ניט צי אסטראכאַן איז אַ פרוכט אָדער אַזאַ טאַנץ. דאָ האָט איר לערער, וואָס האָבן ניט געהערט פון אָסקאַר ווײַלדן און וואָס ווייסן ניט ווער דזשעק לאָנדאָן איז געווען.

די קולטור פון „מעין־סטריט"! או וואַ!

די צייטונג איז דאָך דאָס העכסטע, (נידריגסטע?) וואָס דער געלער רינשטאָק־זשורנאַליזם האָט געקענט באַשאַפן.

דער טעאַטער איז דאָך דער נאַרישסטער און לעכערלאַכסטער אין דער וועלט.

די שול — די ערגסטע קאַזאַרמע אויף צו פאַרקריפּלען קינדער.

די ביבליאָטעק — אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי און מיט פּאָלאָווע.

דער מוזיי — שטענדיג פוסט. קומט ווער — לויפט ער דורך. פאַרגלייכט די נומערן און די נעמען אויף די בילדער מיט דער אינפאָרמאַציע אין קאַטאַלאָג, באַשטימט, אַז עס שטימט און ער איז פאַרטיג.

די מואווי — אַ פאַבריק צו פּאָמפּען סם און אומוויסנהייט אין מחות.

„מעין־סטריט" — מיט אַ סך רעספּעקט פאַר געלט, נאָר ניט פאַר וויסן, נאָר באַביט וועט זיך אָנצינדן מיט אַ ווילדער רציחה, אויב איר וועט אים זאָגן, אַז „מעין־סטריט" איז קולטורלאָז.

אים איז טייערער די נייע געביידע פון דער ביבליאָטעק, ווי די נוצן, וואָס די ביבליאָטעק דאַרף ברייִנגען.

אים איז טייערער די נייע דריי־גאָרנדיגע געביידע פון דער „וואַי" (יאָנג מענס קריסטשען אַסאָסיאיישאָן), דער נייער שווים־פּלאַץ און דער גרויסער סטאַדיום, איידער אַלע לעקציעס און אַלע ביבלאָטעקן צוזאַמענגענומען.

באַבאַ דאַרףֿ בלויז האָבן אויסערלאַכן גלאַנץ — אַ נייעם פּאַסאַד, פֿרישע פֿאַרב אויף אַלטע חורבות. אַ גרויסע, נייע געביידע — אודאי און אודאי, נאָר קולטור, אין אמת'ן זין פֿון וואָרט, דאָס איז ניט קיין ענין פֿאַר „מעין-סטריט“. דאָס פּאַסט אפֿשר פֿאַר „פֿאַרעינערס“ צו גריבלען זיך און צו חקורען, צו קנייטשן מיט'ן שטערן און צו שלינגען ביכער — באַביט איז צו פֿאַרנומען, בײַ אים איז דאָ דאָס ווערטל: „טיים איז מאָני“ (צייט איז געלט). און געלט איז דאָך דאָס אויבערשטע פֿון שטויסל, טאָ וואו איז שוין דאָ צייט פֿאַר אַן עכט קולטורעל לעבן?

„מעין-סטריט" פּאָליטיקעווע

די קינדער אין די וויגן דערציילט מען שוין מיט שטאָלץ, אַז מיר זענען געבענטשט מיט דעמאָקראַטיע.

יעדער איינער האָט דאָס רעכט (עס רעדט זיך נאָר אַזוי!) צו שטימען און באַשטימען דעם גאַנג פון דעם גאַנצן לאַנד.

נאָר וואָס אויף „מעין-סטריט" איז געוואָרן פון דעם ענין פּאָליטיק! אַ גאַנץ יאָר האָט „מעין-סטריט" ניט קיין צייט זיך אַרומצוקוקן — עס זענען דאָ ביליקערע זאַכן: פערד-געיעג, קולאַקן-שלאַכט, לופט-פּליערײ, געלט-יאַגד, לינטשעריי פון שוואַרצע, געיעג נאָך פּראָפיטן און זאָרג וועגן שטיקל ברויט. נאָר קומט ערב וואַלן, ווערט „מעין-סטריט" ביזי.

וואָס דאָ טוט זיך אָפּ אַביסל!

יעדער קאַנדידאַט פאַר עפּעס אַן אַמט דינגט זיך אָן אַ פּלאַץ פאַר מיטינגען און דינגט טאַקע גלייך אויך די באַזוכער פון די מיטינגען, די כלומרשט׳דיגע אָרגאַניזערס.

אויף אַלע גאַסן-טראַנספּאָרטן, און אַלע צייטונגען — ריזיגע אַדווערטייזמענטס, אויף אַלע ווענט — גרויסע פּאָסטערס מיט די בילדער פון מיסטער פּאָליטישן; אויף די ווינקלען גאַס — רעדנער אויף קעסטלאַך — קינד און קייט ווייסט, אַז עס רוקט זיך אָן אַן עלעקשאָן.

וואָס נעענטער צום טאָג פון שטימען, אַלץ טומלדיגער, אַלץ ווילדער ווערן די דעמאָנסטראַציעס פאַר די קאַנדידאַטן.

מ׳שפּאַנט איין פערד און גרויסע וואָגנס, מ׳זעצט אַריין קינדער, וועלכע מ׳פּוצט אויס ווי אינדיענס, אָדער אויף אַן אַנדער משונה׳דיגן אופן, מ׳העננט אָן באַ די זייטן שילדן מיט גרויסע אותיות, מ׳גיט די קינדער פייערווערק, וואָס זיי האַלטן אין איין צינדן און מיט וועלכן זיי באַגיסן די גאַסן מיט אַ העלער ליכט און שליידערן מיליאָנען פונקען, וואָס ציען צו אַ גרויסן עולם.

עס גייט פּאַראַוס אַן אָרקעסטער. געוויינלאַך זענען די מוזי-קאַנטן אויסגעפּוצט אין אויסטערלישע מונדירן כדי זיי זאָלן ציען אויפ-מערקזאַמקייט צו זיך.

דער פּויק קנאַקט, דער אָרקעסטער פאַרהילכט די גאַס, די קינדער צינדן זייער פייערווערק, הונדערטער אויטאָמאָבילן רעווען מיט זייערע טרובעס, מחנות קינדער און דערוואַקסענע לויפן אויפ׳ן בייז-וואונדער.

אין די זאַלן, וואו מ׳האַלט די וואַל-מיטינגען איז אָנגעריכערט, דערשטיקט צו ווערן, דער עולם ווערט געהאַלטן געשפּאַנט אין דער דער-וואַרטונג פון דעם אָנקומען פון דעם הויפּט קאַנדידאַט — פון דעם גרעסטן פּאָליטישן, דעם באָס.

דאַמען האַלטן רעדעס; פיינע דזשענטללייט, אין פראַקן, רעדן וועגן נעכטיגע טעג. אַלע שמייכלען אַזוי וואויל-חנ׳ודיג צו זיין מאַ-יעסטעט — דעם ווייל׳ער. דאָ געפינט איר אויס, אַז עס איז גאָר אויף דער וועלט קיין גלייכן ניטאָ צו דעם זון פון דער אַמעריקאַנער דעמאָ-קראַטישער מדינה. וויפיל מעלות ער פאַרמאָגט עס: ער איז ווייט-זע-ענדיג, גוטמוטיג, פעסט אין זיינע איבערצייגונגען, לאָיאַל, אומדער-שראָקן, אַ הומאַניטאַר, און דער עיקר, אַ מענטש מיט די העכסטע מאָראַלע און עטישע פּרינציפּן.

אַז מ׳געפינט יאַ אין אים אויס אַזוי פיל גוטע מעלות, טאָ ווי גיט מען אים ניט אַ ציגאַר, ווי דערלאַנגט מען אים ניט קיין שלום-עליכם, ווי שיינקט מען אים ניט קיין שמייכל, ווי פרעגט מען זיך ניט נאָך בא אים אויף דעם געזונט פון זיין ווייב און קינדער?

ערב וואַלן קריגט מען דאָס אַלץ איבערגענוג: אי שמייכלען, אי האַנט-דרוק, אי גוטע, ווערטפולע ציגאַרן, אי זיסע, שיינע רייד.

* *
*

עס טרייסלט זיך די געביידע פון דעם קלאַפּן אין די טאַצן, עס צינדן זיך אָן פייערן אין די פענסטער — דאָס ברענט מען אינדרויסן פייערווערק, עס שפּאַנען אַריין געדונגענע בראַוואָ-פּאַטשער מיט פאָנען און פּלאַקאַטן; דער עולם שטייט שוין אויף די פיס, מ׳שפּרינגט אַרויף אויף בייגקלאַך, עס פליען היטלען אין דער לופטן; עס מישט זיך אויס

דאָס שפּילן פון אָרקעסטער אינווייניג מיט דעם שפּילן פון דעם אָר־קעסטער, וואָס שטייט אין דרויסן.

צוביסלאַכווייז פאַרוואַנדלט זיך דער פאַרזאַמלטער עולם אין אַן עקזאַלטירטער מאַסע, ענלאַך צו די, וואָס וואַרפן זיך ווי אין אַ קדחות באַ די „האָלי ראָלערס". ווען די מאַסע פאַלט שוין אריין אין אַזאַ משוגע׳נעם עקסטאַז, איז דעמאָלט קומט פּלוצלונג אַריין דער הויפּט־מחותן — דער גרעסטער פּאָליטישן. דער עולם ווערט אין דעם מאָ־מענט פולשטענדיג וואַנזיניג.

די געדונגענע פּאַטשער שפּרינגען פון דער הויט, טופּען מיט די פיס, רעווען אויף וואָס די וועלט שטייט. די אַנדערע ווערן אויך אָנגע־שטעקט — עס ווערט אַן אמת׳ער משוגעים־הויז.

דער הויפּט קאַנדידאַט האַלט זיין רעדע. עס איז אַ מוסטער פון קלאַטשע, אַ מייסטער־שטיק פון פּוסט־ריידעריי, פון אַ געמיש פון אויבערפלאַכליכקייט און דעמאַגאָגיע, פיל קאָלירטע זייפן־בלאָזן, וואָס דאַרפן באַליידיגן דעם, וועמען מ׳וויל נעמען אויף זיכער, נאָר דער עולם איז שוין אַזוי פאַרטומלט, אַז דעם אינהאַלט פון דער רעדע קען ער שוין ניט באַגרייפן — ער ווייסט בלויז, אַז עס רעדט דער, וועמען מ׳דאַרף אַפּלאָדירן.

קומט דער טאָג פון די וואַלן.

די „לויפערס" (די קאַנדידאַטן, וואָס שטייען אויפ׳ן וואַל־צעטל) לויפן אַרום ווי פאַרסמ׳טע מייז, מ׳שיקט אַרום אויטאָמאָבילן צוזאַ־מענצושלעפּן די וויילער, מ׳שטופּט אונטער אַ פינפערל, מ׳טיילט אויס נאָך ציגאַרן און אויך סענדוויטשעס — עס איז אַ „ביזי"־טאָג.

געענדיגט די וואַלן.

באַביט בלייבט מיט אַ נאָז — קיינער שמייכלט צו אים נישט מער, קיינער דערציילט אים מער נישט וועגן זיינע גרויסע מעלות, קיינער קנייפּט אים מער ניט אין בעקל — ער וועט מוזן וואַרטן ביז די קו־מענדיגע וואַלן.

באַביט האָט ליב אַן עלעקשאָן — ער פילט זיך ווי אַ פיש אין וואַסער אין דעם קעסל־גרוב פון אַ וואַל־קאַמפּאַניע.

נאָר אריבער די וואַלן — פאַרגעסט ער ווידער אויף אַ יאָר, אַז ער איז דער „רעגירער“ פון דעם לאַנד, אַז ער איז געבענטשט מיט „דע-מאָקראַטיע“.

מעגן פאָרקומען די גרעסטע געמיינהייטן, מעג מען פאַרשאַכערן די גרעסטע רייכטימער פון לאַנד, מעג מען זיך מאַכן אינטערנאַציאָנאַל צו שפּאָט און צו שאַנדע, מעג מען אָפן שטיין אין דינסט פון געצייל-טע — באַביט האָט ניט קיין צייט, באַביט נעמט אַלץ פאַר גוט, באַביט איז צו „ביזי“. אָ, ווי „ביזי“ באַביט איז אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר!

„מעין-סטריט" פּאַרמאַגט גענגסטערס

א קענסטער, וואָס פּרעסט אויף דאָס לייב.
אַ מכה, וואָס ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג.
אַ סאָציאַלע קרעציגקייט, וואָס פאַרשפּרייט זיך אומגעשטערט.

*   *
*

אין ניו יאָרק און אין באָסטאָן, אין פילאַדעלפיע און אין שיקאַגאָ, אין דעטרויט און אין פּיטסבורג, אין באַפאַלאָ און אין באַלטימאָר, אין דאַלאַס און אין דולוט, אין סט. פּאול און אין סאַן אַנטאָניאָ, אין לאָס-אַנדזשעלעס און אין סט. לואיס, אין ניו-אָרליענס און אין קליוולענד — אומעטום גענגסטערס.

אין טומלדיגע שטעט און אין שטילע פּוריטאַנישע שטעט, אין שטעט פון קאַלטן צפון און אין שטעט פון האַלב-טראָפּישע דרום — אומעטום גענגסטערס.

אין שטעט מיט מיליאָניגע איינוואוינער און אין קלענערע שטעט, אין שטעט בײַ די האַפנס און אין שטעט אין צענטער פון לאַנד, אין שטעט מיט אַן אַלטער איינגעזעסענער באַפעלקערונג און אין שטעט מיט אַן אַנגעלאָפענעם עלעמענט — אומעטום גענגסטערס.

*   *
*

גענגסטערס אין דינסט פון פּאָליטישנס.
גענגסטערס אין דינסט פון ביזנעס.
גענגסטערס אין דינסט פון קאָרופּטע יוניאָן-ביוראָקראַטן.
גענגסטערס אין דינסט פון אונטערוועלט-געשעפטן.
גענגסטערס אין געשעפטן פאַר זיך אַליין.
גענגסטערס און מעסערס, גענגסטערס און רעוואָלווערן, גענגס-טערס און ביקסן, גענגסטערס און געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן, גענגס-

טערס און אומצאָליגע מאָרדן — עס איז דאָך אַ געוויינלאַכע זאַך אין אַמעריקע.

„גענגסטער האָט זיך געקויפט אַ פּאַלאַץ אין פלאָרידא" — איין באַריכט אין צייטונגען.

„גענגסטער האָט איבערגעלאָזט אַ ירושה פון פיר מיליאָן דאָלאַר" — אַ צווייטע נייס אין די צייטונגען.

„גענגסטער ווערט באַגראָבן אין אַ גאָלדענער טרונע, צוואַנציג אויטאָמאָבילן, אָנגעפּילט מיט בלומען, באַגלייטן דעם ארון" — אַן אַנדער נייס.

„גענגסטער-איבערפאַל קאָסט אָפּ זיבן מענטשישע לעבנס אין איין טאָג אין שיקאַגאָ" — נאָך אַ נייס, וואָס איז כמעט אַ געוויינלאַכע דערשיינונג.

* *
*

ווייל מיסטער פּלוטאָקראַט אָניאָגן אַ פּחד אויף זיינע אַרבעטער, וואָס קלייבן זיך סטרייקן, — שטעלט ער אָן גענגסטערס.

ווייל מיסטער דריי-קאָפּ פּאַריאָגן זיין אָפּאָנענט און געווינען אַן עלעקשאָן — שטעלט ער אָן גענגסטערס.

ווייל מיסטער שטיוול-פּוצער אָנהאַלטן די פּריווילעגיע פון קריגן באַצאָלט פון באָס פּאַר פּאַראַטן די אַרבעטער — שטעלט ער אָן גענגסטערס.

ווייל דאָלאַר-ציילער פּאַריאָגן אַ קאָנקורענט — שטעלט ער אָן גענגסטערס.

ווייל מען פאַרמאַכן דאָס מויל פון אַרבעטער, וואָס קומען זיך צונויף צו אַ מיטינג — זענען דאָ גענגסטערס.

ווייל מען דערשטיקן אַ סטרייק פון צענדליגער טויזנטער אַרבעטער — שטעלט מען אָן סקעבס. ווער זענען די סקעבס? — גענגסטערס.

* *
*

די מכה זענען ניט נאָר די גענגסטערס, נאָר דער גענגסטעריזם. דער גייסט פון גענגסטעריזם הערשט אומעטום, אפילו דאָרט, וואו מ׳מאַכט דעם אָנשטעל, אז מ׳טראָגט זיידענע הענטשקעס. פּאָרט א פּארשוין אין זיין גרויסן אויטאָמאָביל; עס קומט אים אָן אַנטקעגן א טעקסי; אים דאַכט זיך אז דער טעקסי־מאַן איז ניט געפאָרן ווי עס באַדאַרף צו זיין — שפּרינגט ער ארויס פון מאַשין און ברעכט דעם טעקסי־טרייבער אָן די ביינער. דער פּארשוין אין דעם גרויסן אויטאָ־מאָביל ווייסט גאָר ניט, אז ער האָט געהאַנדלט ווי א גענגסטער, אז ער איז טאַקע ניט מער ווי א גענגסטער. גייט אריין א פּארשוין אין סאָבוויי באַן און עמיצער האָט אים אָנגעטראָטן אויפ׳ן פוס, כאַפּט ער ארויס א מעסער און דערשטעכט א מענטשן איינס־צוויי. די גענגסטער־אַטמאָספערע האָט אים אויך אָנגעשטעקט.

* *
*

דער פּראָפעסיאָנעלער גענגסטער איז באַשיצט. דער פּראָפעסיאָ־נעלער גענגסטער צווינגט מ׳זאָל אים צאָלן און — מ׳צאָלט.

ווילן ארבעטער האָבן דאָס גליק צו שלעפּן שווערע פּעק בא די האַפנס — מוז ער צאָלן פאר דער פּריווילעגיע דעם גענגסטער, וועמעס באַנדע קאָנטראָלירט דעם געגעבענעם געגענט.

ווילן ארבעטער ווערן א מיטגליד אין א יוניאָן, מוז ער באַצאָלן דער גענג, וואָס קאָנטראָלירט די אָרגאַניזאַציע.

וויל איינער אומגעשטערט באַטרייבן זיין געשעפט אין א באַשטימ־טער גאַס, מוז ער צאָלן די אָרטיגע גענגסטערס זיי זאָלן אים לאָזן צורו.

עס צאָלן פאַבריקאַנטן און עס צאָלן פּאָליטישנס, עס צאָלן דאָק־טוירים און עס צאָלן בילדער, עס צאָלן יוניאָן־טשינאַווניקעס און עס צאָלן סאַלון־קיפּערס, עס צאָלן באַלעבאַטים פון שאַנד־הייזער און עס צאָלן אייגנטימער פון טאַנץ־זאַלן.

דער גענגסטער קריגט זיין מעשר.

* *
*

וויפיל גענגסטערס זענען דא?

גייט דורך די גאסן פון אלע שטעט, קוקט זיך צו צו די פאר־שווינדלאך מיט די חוצפה׳דיגע אייגעלאך, באטראכט די בחורים׳לאך אין די פולרומס (ביליארד־זאלן), קוקט זיך צו צו דער לייב־וואך פון א פאליטישן אין יעדן ווינקל פון לאנד, באטראכט גוט די „ארבעטער“, מיט וועלכע עס רינגלען זיך ארום אלערליי יוניאן־מוסאלינים, קוקט זיך צו צו די באצאלטע קלאפער אין די טעאטערס, ציילט איבער די פאר־שווינען, וואס דרייען זיך ארום איבער די סאלונען, געפינט אויס וויפיל עס געפינען זיך טאג־טעגלאך בחורימ׳לאך אין די ספיק־איזיס, רעכנט אויס וויפיל פארשווינען לעבען אויף די צען ביליאן דאלאר, וואס פאר־ברעכנס קאסטן דא אפ יערלאך, דערפרעגט זיך וויפיל פארשווינען לעבן אויף דעם חשבון פון די מיידל־לייבער, וואס ווערן פארקויפט אומעטום אין דער „פרומער“ אמעריקע, רעכנט אויס וויפיל מארדן און איבער־פאלן עס ווערן יעדן יאר באגאנגען און אפשר וועט איר דעמאלט קריגן א שטיקל באגריף ווי גרויס עס איז די ארמיי פון גענגסטערס אין אמעריקע.

* *
*

אנגעהויבן האט מען אויף א קליינעם מאסשטאב. איין פאלי־טישן האט זיך גערונגען עטלאכע געזונטע בחורים זיי זאלן אים ארויס־העלפן און פארהוקען זיין געגנער, איין יוניאן פאררעטער האט גענומען מיט זיך עטלאכע שטארקע זיי זאלן אים „באשיצן“ געגן די ארבעטער, וואס האבן געוואלט פון אים פטור ווערן, איין זשוליק האט גענומען מיט זיך נאך עטלאכע זשוליקעס, אז זיי זאלן אים ארויסהעלפן דורכפירן א שטיקל ארבעט און עס איז ארויסגעוואקסן אן אינסטיטוציע, וואס איז דער גרעסטער שאנד־צייכן פון דעם לאנד, וואס איז דער שרייענדיגס־טער אנקלאגע־אקט געגן דער גאנצער סיסטעם און געגן די געזעץ־היטער, וואס קוקן און קוקן און דערזעען ניט די גענגסטערס, וואס כאפן און כאפן און כאפן קיינמאל ניט די גענגסטערס, וואס יאגן זיך און יאגן זיך און קומען קיינמאל ניט אין צייט צו כאפן זייערע פריינד.

* *
*

עס איז אַ קענסער, וואָס פרעסט אויף דאָס לייב.
עס איז אַ מכה, וואָס ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג.
עס זענען קרעץ, וואָס פאַרשפּרייטן זיך אומגעשטערט אויף אַ קראַנקן גוף.

„מעין-סטריט" דינט דעם געלן טייוול.

— האו מאטש איז הי וואָרט? (וויפיל האָט ער די ווערט? — וויפיל פאַרמאָגט ער?).

— אר יו מעיקינג מאָני? (מאכסטו עפּעס געלט? — פאַר-דינסטו עפּעס?).

— הי לוקד לאַיק טו סענטס (ער האָט אויסגעזען ווי צוויי סענט — ער האָט גאָר קיין פּנים ניט געהאַט).

אזוי רעדט „מעין-סטריט".

אזוי ווערט דאָ אַלץ געמאָסטן מיט געלט.

ניטאָ אויף „מעין-סטריט" קיין אנדער מאָס.

„וויפיל האָסטו די ווערט?" עס איז ניט קיין פראַגע, וואָס ביסטו אַליין. עס איז ניט קיין פראַגע, צי איז איינער אַ גרויסער דערפינדער, צי איז איינער אַ פּעאיגער לערער, צי איז איינער אַ וויכטיגער פאָרשער, צי איז איינער אַ קעמפער פאַר אַ גרויסן אידעאַל, צי איז איינער אַ גוטער בעל-מלאכה — דאָס איז אַלץ בלאָטע.

וויפיל געלט פאַרמאָגסטו? — אָט וואָס עס איז וויכטיג.

דער עיקר איז צו וויסן, צי ביסטו אַ געוויינלאַכער מענטש, אָדער דו באַזיצסט דעם געלן מעטאַל.

קיינער וועט ניט פרעגן פון וואַנען האָט איינער גענומען זיין געלט; קיינער וועט ניט שטעלן אונטער קיין חשד דעם, וואָס באַזיצט פאַרמעגנס.

האָט ער געלט — מעג ער אַלץ: רויבן, גנבן און נעמען כאַבאַר, איבערטרעטן אַלע געזעצן, טאָן וואָס אים ווילט זיך — ער איז רייך, מעג ער אַלץ!

ער איז אַ כהן גדול פון דעם געלן טייוול, און פאַר דעם באַדינער און פאַר זיין האָר האָבן אַלע דרך-ארץ.

פאַר געלט ציען זיך אַלע אויס ווי אַ סטרונע.

* * *

געלט! געלט! געלט! געלט!

עס רעדט אזוי מיט סלונע אויף די ליפּן יעדער איינער, וואָס איז פון „מעין־סטריט" אַ קינד.

עס רעדט אזוי דער קרעמער, וואָס וואָלט אַפילו דער טייוול ווייסט וואָס פארקויפט, אבי צו מאַכן געלט.

עס טראַכט אזוי דער דאָקטאָר, וועלכער לויפט־ארום צו שאַפן געלט.

עס טראַכט אזוי און רעדט אזוי דער לאָיער, וואָס ווייסט בלויז איין זאַך: געלט.

עס טראַכט בלויז וועגן געלט דער, וואָס פאָרט ארום מיט דרשות געגן טרינקען.

עס טראַכט אזוי דער, ווער עס קעמפט, אז מ'זאָל יאָ קענען טרינקען.

עס טראַכט אזוי די נוירס און עס טראַכט אזוי דער לערער.

עס טראַכט אזוי דער באָס און עס טראַכט אזוי דער, וואָס פאַרראַט די ארבעטער.

אַלע מיט איין טראַכטעניש, אַלע מיט איין באַגער, אַלע מיט איין הונגעריגן, גייציגן רוף:

— געלט! געלט! געלט!

— איי, געלט! געלט! געלט!

ניטאָ קיין זאַך, וואָס איז הייליג; ניטאָ קיין זאַך, וואָס איז וויכטיגער ווי געלט.

דער באַנקיר און דער גענגסטער, דער ספּעקולאַנט און דער פאַלשמינצער — אַלע האָבן איין געזעץ: זע, מ'זאָל דיך ניט פּאַקן.

פארקויף נבלה פאַר קליינע קינדער; פארשפּאַר הונדערטער ארבעטער אַז אַן עקסטרא ארויסגאַנג און זאָלן זיי פארסמאַליעט ווערן, ווייל אַן עקסטרא טרעפּ דארף קאָסטן געלט; באַשווינדל קראַנקע און צאַפּ פון זיי געלט און מאַך זיי נאָך קראַנקער; זיי אַ גלח בייטאָג און אַ רויבער ביינאַכט; זיי אַ מיניסטער און נעם כאַבאַר ווי דער סמעטניק־רייניגער, וואָס סטראַשעט איבערלאָזן דאָס מיסט ביי דיין טיר; זיי אַ שפּיאָן און העלף צעברעכן סטרייקס; זיי אַ שווינדלער און לאַך זיך אויס פון דיינע נאָענטסטע און פריינט; לעב אויף

גזלה און אויף מארד—נאר איין זאך גערענק: געלט! געלט! געלט!
קינדער אין די וויגן דערציילט מען שוין פון געלט.
די פיצלאך עופה'לאך אין סקול לערנט מען שוין זאמלען געלט.

* * *

אין אלע ביכער, אין אלע צייטונגען, פון אלע עקראנען, פון אלע באלעמערס, פון אלע קרעמלאך, פון אלע אפיסעס פון ספעקולאנטן, פון אומעטום טראגט זיך דער צערייצטער רוף:

— געלט! געלט! געלט!

עס איז געווארן א זאך פאר זיך זעלבסט; עס איז געווארן א זעלבסט-ציל צו האבן געלט.

דער דאקטאר זארגט ניט וועגן פאציענט — דער דאקטאר וויל בלויז געלט.

דער לאיער טראכט ניט וועגן זיין קונד — ער האט אין זינען בלויז דאס געלט.

דעם סטודענט ארט וייניג, וואס עס קומט פאר ארום אים, זיין לערנען האט אויך פאר אים ניט קיין אינטערעס — ער מוז „מאכן א קאריערע" — ער האט אין זינען בלויז דאס געלט.

קינד און קייט גארט נאך געלט.

* * *

זאל זיין א שפיאן, זאל זיין א מסור, זאל זיין א פאררעטער, זאל זיין א זשוליק, זאל זיין א פראסטיטוט, זאל זיין אן אונטער-צינדער, זאל זיין א מערדער — נאר אבי געלט, וועט ער זיין א גאסט אין דער „הויכער" געזעלשאפט, וועט ער זאגן א דעה אין מאראל און אין „געזעצלאכקייט" און ער וועט אומעטום פארנעמען דעם אויבן-אן.

עס דינען אים די מעכטיגע און עס דינען אים די שוואכע — אלע אויגן זענען פארבלענדט פון דעם בליאסק פון גאלד, אלע שטייען אויף די קני פאר דעם פארשאלטענעם געלן טייוול, אלע שרייען אין איין קול:

— געלט! געלט! געלט! געלט!

„מעין-סטריט“ פאַרמאָגט אַ פּרעסע.

די זיבעטע מאַכט —

די פּרעסע אין אַמעריקע איז, דאַכט זיך, מעכטיגער ווי אומעטום.

אין יעדן קלענסטן שטעטל — אַן אייגענע צייטונג.

אין דער קלענסטער שטאָט — עטלאַכע אייגענע צייטונגען.

אין די גרויסע שטעט — צענדליגער צייטונגען, סיי אינדער-פּריעדיגע, סיי בייטאָגיגע.

עס ווערן אַרויסגעגעבן העכער צוואַנציג טויזנט צייטונגען אין לאַנד.

טאָג נאָך טאָג אַ פּאַפּירענער מבול; טאָג נאָך טאָג, שעה נאָך שעה פרישע פּאַפּירענע בויגנס, שרייענדיגע קולות פון פּאַרקויפער, ריזיגע „קעפּ“ אויף די פּאַפּירענע ליילאַכער.

עס גרילצט, עס שרייט, עס ליאַרעמט, עס פילדערט — די גאַסן-צייטונג שרייט אויס, וואָס זי פאַרמאָגט אין איר קרעמל:

— דריי דערשאָסן; צוויי פאַרוואונדעט; איינער באַגייט זעלבסטמאָרד; זי קלאָגט דעם מאַן אויף אַ גט; דער פּרינץ וועט אפשר קומען אַהער נאָך אַמאָל; מיר בויען די העכסטע געביידע אין דער וועלט; דאָקטאָר אַזוי-און-אַזוי פּאָרט מיט זיין פרוי און מיט זיין טאָכטער קיין פּאַריז; דער-און-דער באַנקיר איז שוין אין פלאָרידאַ — און אָט איז זיין בילד אין אַ באָד־קאָסטיום.

עס איז שטרוי, עס איז פּאָלאָווע, עס איז ניטאָ קיין פּונק פון רעספּעקט פאַר דעם לעזער, עס איז ניטאָ דער מינדסטער באַגריף, אַז אַ צייטונג דאַרף ברענגען „נייס“ — אמת'דיגע, צאַפּלדיגע נייס פון דעם, וואָס איז דאָס וויכטיגסטע אין דעם געגעבענעם טאָג. וועמען אַרט עס, אַז ערגעץ אַן איבערגעפרעסענער משוגענער מיליאָנער און אַ משוגענע מיליאָנערשע זענען זיך אַזוי דערגאַנגען די יאָרן מיט זייערע האַנדלונגען פון דעגענערטאַן, אַז זיי האָבן אָנגעשטעלט קאָסט-

בארע לאיערם צו געפינען א דריידל אין געזעץ, וואס וועט זיי געבן א מעגלאכקייט זיך גט׳ן, כדי זיי זאלן קענען נאך מער הולטאיעווען?

ווען מען גייען אן די נארישע פלאטקעס פון די הויפן פון באנקירן?

ווען מען גייט עס אן, צי די און די בארישניע האט שוין א חתן?

וואו איז די נייס פון דעם לעבן פון די מיליאנינגע מאסן? וואו איז די נייס פון די גרויסע קאמפן, וואס ארבעטער פירן?

א, יא, אט זענען די נייסן: שרייענדיגע „קעפ", וואס דארפן אניאגן א פחד און אזוי פארדרייען פאקטן, אז קיינער זאל ניט פארשטיין דעם אמת.

די פרעסע אויף „מעין-סטריט" — אן אינסטרומענט פאר פינ-סטערניש, אן אינסטרומענט, וואס פארפירט, וואס פארנארט, וואס פארטשאדעט, וואס פארטויבט דעם קאפ און וואס פאר׳סמ׳ט דעם מארך.

פרעסע אויף „מעין-סטריט" — קוואטש.

פרעסע אויף „מעין-סטריט" — ביליגער באלאגאן.

פרעסע אויף „מעין-סטריט" — אן אנשטעל פון מאראלישקייט און אין דער אמת׳ן פארדארבן ביז׳ן ביין.

פרעסע אויף „מעין-סטריט" — קיצלט דעם לעזער און מאכט אים חניפות.

פרעסע אויף „מעין-סטריט" — לאכט פונ׳ם לעזער און האלט, אז זי קען מיט אים טאן וואס זי וויל.

פרעסע אויף „מעין-סטריט" — אן ארטיקל, וואס ווערט פאר-קויפט פונקט ווי א הערינג.

צייטונגען גייען איבער פון האנט צו האנט, צייטונגען ווערן קאנצענטרירט אין געציילטע הענט, צייטונגען פון איין ריכטונג ווערן פארקויפט צו אן אונטערנעמער, וואס גיט ארויס א צייטונג פון א געגנערישער ריכטונג. ער קויפט־אפ די צייטונג און זעצט פאר ארויסצוגעבן צוויי צייטונגען, איינע פון איין ריכטונג און א צווייטע פון א ריכטונג, וואס איז פונקט דער היפוך פון דער ערשטער.

צייטונג — מעכטיגער אינסטרומענט אין הענט פון אירע אייגנטימער.

ציימונג — די שוץ פון פּאָליטישנס.
ציימונג — אַ זייל פון דער קרעמערישער וועלט.
ציימונג — אַ שונא פון אַלץ, וואָס איז ניי.
ציימונג — פאַר אַלץ, וואָס קען ברענגען פּראָפיטן.
ציימונג — פאַר אַלץ, וואָס קען זי רייכער מאַכן.
אַ פרעסע פאַרמאָגט עס „מעין-סטריט“!

אין די גרויסע שטעט גאַנצע פונטן פּאַפּיר יעדן טאָג; אין די קלענערע שטעטלאַך מאָגערע, איינגעדאַרטע שמאַטקעס, נאָר אין אינהאַלט איז ניטאָ קיין אונטערשיד. עס איז פוסט די ציימונג פון דער גרויסער שטאָט און עס איז פוסט די ציימונג פון דער קליינער שטאָט.

אדווערטייזמענטס (אנאָנסן) — דאָס איז פריער פאַר אַלץ.
און „דזשאָוקס“ (חכמות) — זענען אודאי דאָ.
און בילדער — אודאי און אודאי.
און באַריכטן פון ספּאָרט — איז דאָך שוין אָפּגערעדט.
און די אַלע בערג סענסאַציעס מוזן דאָך אודאי זיין.
און אָן די באַשרייבונגען פון רייכע חתונות און אָן די בילדער פון חתן-כלה קען מען דאָך זיכער ניט אויסקומען.
טאָ וואָס-זשע בלייבט?
עס בלייבט אַ שורה אָדער צוויי פאַר די וויכטיגסטע נייסן פון דער וועלט.
„מעין-סטריט“ שטאָפּט זיך מיט דעם קוואַטש.
עס איז אַ פרעסעלע, מיט וועלכן מ׳קען „שטאָלץ“ זיין!

„סלאַמס“.

ווען האָט מען שוין דאָ, אין אַזאַ יונג לאַנד, באַוויזן אַזוי פיל חורבות צו שאַפן?

ווען האָבן אָט־די שטעט, די מערסטע פון וועלכע זענען נאָך אַפילו קיין הונדערט יאָר ניט אַלט, שוין באַוויזן צו פאַרפעסטן אַזוי פיל גרויסע קוואַרטאַלן און זיי פאַרוואַנדלען אין מיסט־הויפנס, אין וועלכע עס וואַלגערט זיך די אָרימקייט?

ווען האָט מען שוין דאָ באַוויזן צו שאַפן סלאַמס?

איר מוזט זען די סלאַמס אין פאַרשידענע שטעט איבער'ן לאַנד, כדי איר זאָלט זיך שאַפן אַ באַגריף וואָס פאַר אַ מכה דאָס איז.

* * *

סלאַמס — ווער קען זיי אויסמעסטן?
סלאַמס — ווער קען אָט־דעם אָפּגרונט אויספאָרשן?
סלאַמס — ווער אינטערעסירט זיך גאָר מיט זיי?

איר געפינט די סלאַמס אין ניו יאָרק ביים האַפן; איר געפינט די סלאַמס אין לאָס אַנדזשעלעס אַרום די שלאַכט־הייזער און אַרום די וואָקזאַלן; איר געפינט די סלאַמס אין באָסטאָן ניט ווייט פון אַריסטאָקראַטישסטן געגנט; איר געפינט די סלאַמס אין אַטלאַנטאַ; איר געפינט זיי אין שיקאַגאָ; איר האָט זיי אין דענווער, אין סט. פּאָול, אין סט. לואיס, אין סינסינעטי, אין פּיטסבורג, אין קליוולאַנד, אין אַטלאַנטיק סיטי, אין וואַשינגטאָן און וואו ניט?

אָט גייט אַ פאַרשוין און פאַלט פון די פיס. גייט אים נאָך — ער שפּאַנט מיט זיינע ניט־זיכערע טריט אין געגנט פון דער אָרימקייט. גייט אים נאָך און איר וועט ניט פאַרפעלן צו געפינען די סלאַמס.

די רייכע — זיי נעמען אַביסל משקה אין זייערע סאַלאָנען און ביי רייך־געדעקטע טישן. די אָרימע — זיי גייען ערגעץ אַריין אין

אַ קעלער-שטיבל צו קויפן אביסל שלעכטן בראַנפן.

אָפּגעטרונקען — גייט מען אַהיים. גייט-זשע נאָך דעם אָרימען שכור און איר וועט זען דעם קוואַרטאַל פון די סלאַמס.

אָט שטייט אַ פאַרשוין מיט אַ צעפוילטן פּנים — ער איז אַ פּראָדוקט פון די סלאַמס.

אָט זיצט אויף אַ פּריזבע אַן אַלטיטשקע מיט צעשויבערטע גרויע האָר. זי טראָגט אויפ׳ן קאָפּ עפּעס אַ שטיקל היטעלע, וואָס קוקט אויס ווי אַ חוזק, זי איז איינגעוויקלט אין טראַנטעס און שלעפּט פון פּאַזוכע שטיקלאַך ברויט מיט באַנאַנעס און זי עסט ווי אַ וואָלף — זי איז אַ פּראָדוקט פון די סלאַמס.

אין אַ רינשטאָק ליגט אַ פאַרשוין און יעדע מינוט מאַכט ער אַ פּאַרזוך זיך אויפצוהויבן, נאָר ער קען נישט. אויף זיין פּנים איז צעגאָסן אַן אידיאָטישער שמייכל. ער טשאַמקעט עפּעס מיט די ליפּן. דאָס געזיכט איז אויסערגעוויינלאַך רויט, פּונקט ווי ער וואָלט ערשט אַרויס פון אַ הייסער באָד. די טראַנטעס אויף זיין קערפּער זענען שווידערלאַך צעפליקט, עס זעט זיך אַרויס זיין האָריג לייב, וואָס ער גיט אַלע מאָל אַ קראַץ צווישן די פּאַרזוכן זיך אויפצוהויבן, — ער איז אַ פּראָדוקט פון די סלאַמס.

אָט זיצט אַ גרופּע אינגלאַך און שפּילט אין ביינדלאַך — „שוטינג קרעפּס" הייסט עס.

די איינגלאַך בלישטשען, די דאַרע הענטלאַך טרייסלען די שפּיל-ביינדלאַך אין דעם פאַרמאַכטן פויסטל, מ׳צעשיט די ביינדלאַך פלינק און מ׳קוקט איינער דעם צווייטן אויף די פינגער. אָפּט ענדיגט זיך די שפּיל מיט אַ מעסער אין זייט. — דאָס זענען די קינדער פון די סלאַמס.

אָט ציען זיך לאַנגע רייען פון אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, וואָס שטייען שוין דאָ שטונדן לאַנג און וואַרטן ביז עפּעס אַ פילאַנטראָפּקע וועט קומען און וועט יעדן איינעם מזכה זיין מיט אַ „מיל-טיקעט" (מיט אַ צעטעלע אויף אַ מאָלצייט). עס שטייען דאָ אַלטע און יונגע, עס שטייען דאָ אויסגעמאַטערטע און קראַנקע — דאָס זענען די זין פון די סלאַמס.

איבער די ווענט זענען אויסגעצויגן שטריק — פון אויבן ביז

ארונטער זענען די געביידעם פארדעקט מיט א נעץ פון שטריק.
אויף די שטריק הענגט מען אוים וועש.

וועש אויף דעם אויבערשטן שטאָק.
וועש אויף א שטאָק נידעריגער.
וועש אויף נאָך א שטאָק נידעריגער.
וועש אויף דעם אונטערשטן שטאָק.
די ווענט זענען פארדעקט מיט וועש.

פון די פענסטער פליט אין גאס אריין — א פאַמוויניצע, א פּאַק פּאַפּירן, מיסט. אינמיטן גאס ציינדן קינדער אונטער קעסטלאך און פעסלאך. מ'גיט זיי כלומר'שט א יאָג, נאָר די קונדסים קומען באלד צוריק — זיי האָבן פאר קיין קלעפּ ניט קיין מורא, ווייל אין די סלאַמס ווערט מען צו אלץ צוגעוואוינט, ווייל די קינדער קריגן דאָ אזוי פיל קלעפּ און שטורכאצעס, אז נאָך א קלאַפּ האָט שוין ביי זיי קיין ווערט נים.

ביי די שוועלן זיצן צעבראָכטעטע פרויען און האַלטן קינדער ביי די ברוסטן.

אינמיטן גאס שטייט א צעשויבערטער פארשוין און שרייט אויף באַנומענע קולות: אַ י י ז! אַ י י ז!

אַלטע און קינדער קויפן איין פיצלאך אייז און טראָגן דאָס אוועק אין זייערע וואוינונגען־לעכער — ווער אין א שיסל, ווער אין אַן עמער, ווער אין א פּאַפּיר.

אויף א גרויסן וואָגן באַווייזט זיך א פארוואַקסענער פעדלער און ער צעשרייט זיך:

— ביליג, ביליג, שפּאָט ביליג, די בעסטע פרוכטן מיט די גרעסטע ווערים! ביליג, ביליג, שפּאָט ביליג! קויפט, קבצנים'לאך! עסט, שלעפּערלאך!

און די קבצנים'לאך קויפן פוילע פרוכט, פארגעלטע גרינסן — עס איז א בארגעין.

* * *

יאָגט זיך א מחנה פּאָליציי נאָך א בחור'ל, וואָס זוכט זיך ערגעץ דאָ צו באהאַלטן אין דער געגנט, וואו ער איז אויפגעוואַקסן.

ער שיסט אויף דער פּאָליציי; די פּאָליציי האָגלט מיט קוילן;

עס קוויטשען פרויען און קינדער; עס איז אַ געפילדער טויב צו ווערן — דאָס איז אַ גאַנץ אָפטע דערשיינונג אין די סלאַמס.

* * *

די זון קומט אהער זעלטן אריין. די בלאָטעס טריקענען דאָ כמעט קיינמאָל ניט אויס. ווען אין אַלע קווארטאַלן פון שטאָט האָט מען שוין לאַנג־לאַנג פארגעסן אָן דעם ווינטער, איז נאָך דאָ אַלץ דאָ אַ צייכן פון דעם שניי.

אָן עיפּוש אין די סלאַמס איז אַ שוידערלאַכער. אָפּפאַל וואַל־גערט זיך אין די גאַסן. איבער'ן רינשטאָק שווימט באַנאַנע-שאָלאַכץ און פּאַפּירן. קינדער פּליושקען זיך אין די שמוציגע וואַסערן. פארבייפאָרנדיגע אויטאָמאָבילן באַשפּריצן אַלעמען מיט בלאָטע.

פון די פאַבריקן, וואָס קלייבן זיך שטענדיג אויס אַ פּלאַץ אין שכנות מיט די סלאַמס, זעצט אַ שווארצער רויך און דער ווינט בויגט דעם וואָלקן רויך צו צו דער ערד און ער זאָגט אים אָן:

— אָט־אָט זענען די סלאַמס. פאררויכער דאָ די הייזער, רייס זיך אריין די מענטשן דאָ אין די לונגען — דאָ איז פאר דיר אַ פריי פעלד.

שווארץ זענען דאָ די ווענט; פאר'חושכ'ט זענען דאָ די מענטשן; די זון קומט אהער ניט אריין — עס זענען די פינסטערע, עיפּוש'־דיגע, שמוציגע קווארטאַלן פון דער שוידערלאַכסטער נויט — עס זענען די סלאַמס.

אַלע נאַציאָנען האָבן דאָ זייערע פארטרעטער: איטאַליענער און סלאַוון, אידן און פראַנצויזן, כינעזער און גריכן, אירלענדער און יענקים — אַלע מאַטערן זיך דאָ אין די סלאַמס.

* * *

סלאַמס אין אייראָפּע — זאָרט עקזיסטירט דאָך שוין אַן אַלטע „ציוויליזאַציע“ פּטן רויב און פון שווינדל.

סלאַמס אין אייראָפּע — דאָרט עקזיסטירט דאָך שוין אַן אַלטע „ציוויליזאַציע פון רויב און פון שווינדל.

נאָר דאָ איז דאָך אַזאַ יונג לאַנד. אַ סך פון די שטעט זענען דאָך אָט ערשט איבער נאַכט אויסגעוואַקסן. עס לעבן דאָך נאָך די פארמער, וועמעס פּי עס האָט זיך געפּיטערט אויף דעם פּלאַץ, וואו

איצט שטייט א סיטי האָל, אָדער א רייכער דעפּאַרטמענט-סטאָר.

ווי אזוי איז דאָ אין אזא קורצער צייט שוין געשאַפן געוואָרן אזא פעסט, ווי די סלאָמס?

סלאָמס אין דער גאַנצער וועלט זייט ביי זייט מיט גרויסן רייכטום.

נאָר סלאָמס דאָ זייט ביי זייט מיט אזא גלאַנץ און פּראַכט, וואָס די וועלט האָט נאָך אזוינס ניט געזען!

שפּיגל-גלאַנצענדיגער אַספּאַלט אין איין קוואַרטאַל — און א שטענדיגע בלאָטע אין א צווייטן קוואַרטאַל.

פּראַכטפולע פּאַלאַצן אין שערענגעס צווישן געדיכטע ביימער אין איין קוואַרטאַל — און חורבות און שטאַלן, אין וועלכע עס וואַלגערן זיך מענטשן אין א צווייטן קוואַרטאַל.

פריילאַכע, טאַנצנדיגע, פאַרפּלאַמטע קינדער אין דער באַגלייטונג פון גואַווערנאַנטקעס אין איין קוואַרטאַל — שמוציגע, אויסגעדאַרטע, אויסגעגעלטע קינדער אויף הפקר אין א צווייטן קוואַרטאַל.

* * *

אויסגעבאַליעטע דאַמען מיט גרויסע גוידערס שאָקלען זיך אין שאָקל-שטולן אויף וועראַנדעס אין איין קוואַרטאַל — אָרימע, אָפּגעריסענע, איינגעבויגענע פרויען אין א צווייטן קוואַרטאַל לויפן מיט די לעצטע כחות פון דער ארבעט, כדי נאָך צו באַווייזן עפּעס אָפּצוקאָכן פאַר די קינדער.

אין איין קוואַרטאַל פּראַכט, לוקסוס, פרייד און מוזיק — אין א צווייטן קויט, נויט, טרויער און געוויין.

איין קוואַרטאַל פאַר די „געזאַלבטע" — א צווייטער קוואַרטאַל פאַר די פאַרשקלאַפטע.

איין קוואַרטאַל — „רעסטריקטעד" (באַגרעניצט בלויז פאַר היי־זער פון א באַשטימטן הויכן פּרייז), א צווייטער קוואַרטאַל — הפקר, מ'מעג דאָרט טאָן וואָס מ'וויל: עפענען גאַראַדזשן, שטעלן פאַבריקן, צעגראָבן די גאַס, פאַרהילן דעם געגנט אין רויך.

איין קוואַרטאַל — „עקסקלוזיווו רעזידענשל סעקשאָן" (וואוי־נונגס-געגנט פאַר געקליבענע), א צווייטער קוואַרטאַל — סלאָמס, א הפקר-ווינקל.

נעכט אין נארט-דאקאטא

(די „נארדערן לייטס" — א סימפאניע אין קאלירן)

האט איר אמאל געזען די „נארדערן לייטס"? אויב ניט, האט איר פארפעלט צו זען איינעם פון די שענסטע וואונדער פון דער נאטור; איר האט פארפעלט צו זען א טאנץ פון קאלירן, וואס איז אזוי פראכטפול, אז דאס אויג קען זיך פון דעם ניט אפרייסן און אייער גאנצער וועזן פילט זיך אן מיט פרייד.

עס איז א ווינטער-נאכט.

א פרישער טיפער שניי האט צוגעדעקט די ערד פון נארט-דאקאטא. פון בלויען הימל שיינט אראפ די לבנה אין איר גאנצער גרויס און גיסט צונויף אירע זילבער-שטראלן מיט דעם זילבער-שיין פון דער וואונדערלאך-גרויסער ווייכער דעק. א שטארקער פראסט גליט אן מיט שטאל די בלויע לופט, וואס גיט זיך ניט קיין ריר, און עס דאכט זיך אייך, איר קענט זי מיט א מעסער שניידן. מיט מיליאנען שטערן צעפינקלט זיך דער שניי און מיט א דינער הייטל ווי פון גלאז פארציט זיך די נייע, ווייסע דעק. עס הערשט א שטיל-קייט ווי פאר א שטורם, עפעס וועט דא באלד געשען...

און עס געשעט — עס באווייזן זיך די צפון-ליכט.

שרעקט זיך ניט פאר'ן פראסט, קומט אין דרויסן, קומט זען איינעם פון די שענסטע ספעקטאקלען אין דער וועלט.

פון צפון זייט גיט עפעס א פינקל מיטאמאל, ווי א בליץ וואלט ערגעץ אין דער ווייטער ווייטקייט דורכגעלאפן, און באלד גיט א כוואליע זיך א קייקל דורך איבער'ן הימל. וואס איז דאס געווען? אייער אויג האט נאך קיין צייט ניט געהאט א כאפ צו טאן דעם איינדרוק, און שוין קייקלט זיך בליץ-שנעל די כוואליע אויף צוריק.

וואָס איז דאָס פֿאַר אַ געמיש פֿון קאָלירן און ווי וואונדערבאַר זיי האָבן זיך אַריינגעכוואַליעט איינער אין דעם צווייטן.

העל־בלוי און טונקל־גרין און פּורפּור אויסגעוועבט אויף זילבער האָבן פֿאַר די אויגן אַ בליץ געטאָן און זענען באַלד פֿאַרשוואונדן.

באַצויבערט בלייבט איר שטיין. נאָר איידער איר האָט נאָך צייט געהאַט אַ טראַכט צו טאָן, איז שוין אַ נייער וואונדער פֿאַר אייערע אויגן געשען. עס האָבן די קאָלירן אַ נייעם טאַנץ־שפּיל אָנגעהויבן.

מיט אימפּעט, ווי עמיצער וואָלט זיי יאָגן, האָבן זיך אַ גאַנצע טשערעדע קאָלירן אַ פֿאַלדעווע געטאָן, זיך צוזאַמענגענומען שנעל ווי אין אַ שוואָם און מיטאַמאָל זיך געגעבן אַ שפּרייט אויס מיט הרחבה איבער אַ האַלבן הימל ווי אַ וואונדערבאַר־גרויסער העל־קאָלירטער פּרוכת.

איין אויגנבליק בלייבט דער פֿאָרהאַנג הייגנען אָן אַ ריר, נאָר אָט האָט ער אַ ציטער געטאָן, האָט זיך צעריסן אויף צוויי טיילן און יעדער טייל האָט זיך אַ יאָג געטאָן אין אַ באַזונדער זייט וואָס ווייטער צו אַנטלויפֿן פֿון דער צווייטער.

דאָס אויג ווייסט ניט וואוהין פֿריער זיך צו וואַרפֿן, ווייסט ניט וועלכע טייל פֿון דעם הימלישן פֿאָרהאַנג נאָכצולויפֿן, נאָר אָט זענען זיי שוין ווידער דאָ; ביידע טיילן קייקלען זיך צו גאָר נאָענט. אָט וויקלען זיי זיך איין אין איין קנויל און אָט זענען זיי שוין ווידער צעריסן און ווידער צעלויפֿן זיי זיך אין פֿאַרשידענע זייטן.

מיטאַמאָל איז גאָרנישט געבליבן, פּונקט ווי עס וואָלט דאָ גאָר־נישט געווען. נאָר אָט טוט עפּעס אַ שווינדל פֿאַר די אויגן און שוין איז אַ האַלבער הימל פֿאַרצויגן מיט אַ דורכזיכטיקן שלייער, וואָס קוקט אויס ווי אַ נעץ געפֿלאָכטן פֿון זילבער־שופּן און הינטער דער נעץ הויבט זיך אָן אַ וואונדער־טאַנץ פֿון קאָליר־קאַלאַנאַדן.

בלויע, גרינע, רויטע, ווייסע, פּערלמוטערנע, העל־ראָזעווע, הויכע און נידריקע, דיקע און דינע גיבן זיך די קאָלאָנען אַ שטעל ווי אַ וואַלד. אָט צעטאַנצן זיך די זיילן הינטער זייער שלייער, אָט גיבן זיי זיך אַ קנויל צוזאַמען און אָט קייקלען זיי זיך שוין ווי דרויב

אין אַלע זייטן. אַט וויקלען זיי זיך צוזאַמען און אַט וויקלען זיי זיך ווידער פאַנאַנדער. אַט ווערן זיי איינגעשרומפּן און אַט פאַרנעמען זיי צוריק אַ האַלבן הימל.

מיטאַמאָל אַ בליאַסק — און עס בלייבן ניט קיין קאָלאָנען, ניט קיין שלייער, ניט קיין קאָלירן, ניט קיין טאַנץ.

איז דאָס געווען אַ חלום אָדער דאָס האָט אייער אויג געזען אַ מיראַזש? ניין, אַט זענען ווידער די טאַנצנדיקע קאָלירן און ווידער שטייגט אַריבער זייער פּראַכט די פאָרשטעלונג פון דער רייכסטער פאַנטאַזיע.

איצט איז דער הימל געוואָרן ווי אַ גרויסער ים, אויף וועלכן עס הוידען זיך פיל־פאַרביקע כוואַליעס. זיי גייען זיך לאַנגזאַם ארויף און אַראָפּ, גיבן זיך אַ הוידע אָן אַ זייט און קומען באַלד צוריק און מיטאַמאָל גיבן זיך אַלע כוואַליעס אַ יאָג איינע אויף דער צווייטער, מישן זיך אַלע אויס און ברעכן זיך איבער ווי עמיצער וואָלט אין זיי אויסגעשאָסן און זיי צעדראַבלט. זיי צעלויפן זיך אין מיליאָנען באַזונדערע פּונקטן אין אַלע עקן הימל.

און ווידער איז דער וואונדער־פּרוכת שוין דאָ און ווידער שליידערט ער זיינע צוויי פליגלען אין ביידע זייטן; אַט נעמט ער זיי צוזאַמען און אַט פאַלדעוועט ער זיי ווידער איין און עפנט אויף ברייט אַן אריינגאַנג אין עפּעס אַ מיסטעריעזן טעמפּל און באַלד פאַרשליסט ער פעסט צוריק דעם טויער, קיינער זאָל אין דעם פּאַלאַץ ניט אריין.

עס טאַנצן די קאָלירן איבער דעם הימל, זיי ציען זיך אויס ביז׳ן זעניט און שליידערן זיך רעכטס און לינקס און עס דאַכט זיך אויס, דאָס איז אַ טאַנץ פון נימפעס אין הימלישע שלייערן נאָכ׳ן טאַקט פון געטלאַכער מוזיק.

דאָס טאַנצן איז אַליין מוזיק, די קאָלירן אַליין זענען אַ זעלטענע סימפאָניע — דאָס איז די סימפאָניע פון די „נאָרדערן לייטס“.

* * *

עס איז אַ זומער־נאַכט.

שווערע וואָלקנס האָבן זיך ערשט דורכגעטראָגן; זיי האָבן ניט שפּאָרנדיק אַ נאַס געטאָן אַ רעגן און זענען אַוועק. עס בליאַסקען

נאָך די רעגן-טראָפּנס דאָ און דאָרט. זיי שיינען ווי בריליאַנטן ביים ליכט פון דער לבנה. אַן אָפּגעוואַשענע איז די ערד און דער הימל איז ווי אַ נייער.

און פּונקט ווי אין דער ווינטער-נאַכט געזעגנט זיך דער קאָלירן־כאָר — די צפון-ליכט. שעה נאָך שעה און נאַכט נאָך נאַכט ווערט אויסגעטאַנצט אין צפון-זייט דער טאַנץ, וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער וועלט. סיי זומער, סיי ווינטער ווערט אויס־געשפּילט די הימלישע סימפאָניע אין קאָלירן, וואָס הייסט צפון-ליכט.

האָט איר ניט געזען די צפון-ליכט, האָט איר פאַרפעלט צו זען איינעם פון די שענסטע וואונדער פון דער נאַטור.

אויף די שטאָלענע וועגן

עס איז אַמעריקע אין דער מיניאַטור.

אָט רירט זיך די באַן פון וואַשינגטאָן און פאָרט אַריין אין דער טעריטאָריע, וואו עס הויבט זיך אָן די „סאַוט". עס באַווייזן זיך פּלוצלינג אין די וואַגאָנען ברעטלאַך מיט אויפשריפטן: „ווייט" (ווייס), „קאָלאָרד" (קאָלירטע, דאָס מיינט שוואַרצע).

פינף־זעקס שעה צוריק אַרויסגעפאָרן פון ניו יאָרק, און ווייסע און שוואַרצע זענען געזעסן אין איין וואַגאָן און קיינער האָט גאָר ניט געטראַכט, אַז עס איז עפּעס אויסערגעוויינלאַכעס; דאָס זעלבע איז געווען ווען מ'איז דורכגעפאָרן פילאַדעלפיע, ווילמינגטאָן, באַלטי־מאָר און ווען מ'איז אָנגעקומען אין וואַשינגטאָן. שוואַרצע זענען אַריינגעקומען און אַרויסגעגאַנגען; די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף סטאַנציעס און איז געפאָרן ווייטער און קיין מחיצות זענען ניט געווען; נאָר אָט האָט מען אָוועקגעשטעלט אַ צאַם — ווייסע באַזונדער און שוואַרצע באַזונדער. עס איז דאָך די באַרימטע „סאַוט" מיט אירע דזשענטלליים און מיט דער טיף־אַריינגעוואַקסענער שנאה פון די ווייסע הערשער צו די אונטערדריקטע שוואַרצע.

* * *

ווי עס ווייזט אויס, האָט מען צוגעטשעפּעט אַ באַזונדער וואַגאָן. עס איז דאָ פריער ניט געווען אַזאַ חושכ'דיגער, שמוציגער וואַגאָן ווי דער, אין וועלכן עס זיצן די שוואַרצע. די בענק מיט שוואַרצער צעראַטע, די לאָמפּן ברענען דאָ עפּעס אַזוי נעבאַכדיג טונקל און די צונויפגעשטופּטע שוואַרצע דאָ מאַכן אַזאַ שוידערלאַכן איינ־דרוק מיט דער גרויסער אָרימקייט, וואָס איז אויסגעגאָסן אויף זייערע פּנים'ער.

דער וואַגאָן איז אַזוי ענלאַך צו די קוואַרטאַלן, אין וועלכע עס פינסטערן אָפּ זייער וועלט די שוואַרצע אין דער „סאַוט".

קוקסט אויף די שורות צערהאַטענע בענק און עס דאַכט זיך, אַז דאָס איז נים קיין וואגאָן, נאָר אַ גאַס אין נאַרפאָלק, אַ ווינקל אין אַטלאַנטאַ, אַ געגנט אין ריטשמאָנד, אַ גאַס אין דזשעקסאָנוויל. עס איז די סאַוט אין דער מיניאַטור.

* * *

רחבות'דיג איז דער שיינער סאַלאָן-וואַגאָן מיט דער „אָבזערוויישאָן-פלאַטפאָרם" (אַ פלאַטפאָרמע אין דרויסן פון וואַגאָן, וואו פאַסאַזשירן קענען זיצן אויף דער פרייער לופט); אין ברייטע, ווייך-געבעטע שטולן זיצן מאַסיווע פאַרשווינענע און קוקן דורך דעם געשליפענעם גלאָז פון די ברייטע פענסטער אויף די פעלדער און וועלדער, וואָס לויפן פאַרביי.

אין אַ ווינקל וואַגאָן זענען אויסגעשטעלט אויף פאָליצעס ביכער און זשורנאַלן; אויף דער וואַנט הענגט אַ נייס-בולעטין, וואָס די באַן-קאָמפּאַניע גיט ספּעציעל ארויס פאַר די, וואָס פאָרן אין די פולמאַן-וואַגאָנען און וואָס זענען בארעכטיגט צו זיצן אין אָט דעם סאַלאָן-וואַגאָן. די סאַמע לעצטע נייס פון די פרייזן אויף דער בירזשע זענען דאָ דאָ.

אַ „וואַלעט" (אַ באַדינער) אין אַ שניי-ווייסן אָנצוג שטייט אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע, גרייט צו טאָן דעם באַפעל פון אַ קונד.

אויסגעבאַליעטע פרויען זענען זיך מכבד איינע די צווייטע מיט קאָסטבאַרן שאָקאָלאַד; יונגע בחורים און יונגע מיידלאַך זיצן אין דרויסן אויף דער פלאַטפאָרמע און באַטראַכטן די וועלט.

עס איז זייער וועלט.

עס איז אַ מיניאַטור פון דער וועלט, די באַלעבאַטים פון וועלכע ווייסן בלויז פון געגנום און פון לוקסוס אָן אַ סוף.

* * *

לויפט אַ באַן. אויף אַן אָפענער פלאַטפאָרמע שטייען ארבעטער מיט לאָפּעטעס און מיט רידלען — זיי פאָרן אַהיים פון אַ טאָג ארבעט ערגעץ ביי דער אייזנבאַן.

פנים'ער זענען געל; אויגן זענען אויסגעלאָשן; מלבושים צעריסענע. זיי שטייען צוזאַמענגעדריקטע און הוידען זיך צוזאַמען מיט דער הוידענדיגער פלאַטפאָרמע; פאַר זיי זענען ניטאָ קיין בענק.

זיי האָבן אָפּגעאַרבעט אַ טאָג און זיך געבראַכן די רוקנס, בויגנדיק זיך צו די רעלסן — זיי מעגן שטיין אַ ביסל, זיי זענען דאָך ניט קיין מיוחסים, וואָס פאָרן אין אַ פּולמאַן־וואַגאָן.

עס איז אַ מיניאַטור פון דער וועלט, וואו מ'גיט דעם אַרבעטער אַזאַ סאָרט באַלוינונג.

* * *

מיט פאַרפּלאָמטע געזיכטער, מיט אַ געפּילדער און מיט אַ געלעכטער פאַרפּלייצן די באַן עטלאַכע הונדערט יונגע בחורים און מיידלאַך.

זיי זענען צעפּלאָמטע, זיי זענען אַלע אויפגעלעבטע, זייער עקס־טאַז איז גרויס — זיי פאָרן פון אַ פוט־באָל־שפּיל, וואָס זייער קאָלעדזש האָט געוואונען.

די בחורים און די מיידלאַך זענען פיין געקליידעט; די גע־זיכטער זאָגן עדות, אַז קיינמאָל אין זייער לעבן האָבן זיי ניט פאַרזוכט קיין נויט.

זייערע טאַטעס האָבן זיי באַזאָרגט מיט אַלץ.

עס איז אַ מיניאַטור פון דער וועלט, וואו עס איז דאָ אַ זאָרג־לאָזע יוגנט, אויף וועמעס טאַטעס עמיצער פּראַצעוועט, כדי די דאָזיקע יוגנט זאָל האָבן אַ גרינג לעבן.

* * *

צווישן די וואַגאָנען געפינט זיך איינער מיט גראַטעס אויף די פענסטער. ביי אַ סטאַנציע גיבן זיך אַ לאָז אַרויס פון וואָקזאַל פּאָליציאַנטן און טרייבן אַריין אין דעם וואַגאָן מיט די גראַטעס אַ צאָל נאָך גאָר יונגע בחורים.

אַ ביסל וויטער מיט עטלאַכע הונדערט מייל ביי אַ גרעסערער שטאָט גיט מען ווידער אַ יאָג פון וואָקזאַל אַ מחנה פאַרברעכער צו דעם וואַגאָן מיט די גראַטעס.

אַזוי וואַקסט די צאָל פּאַסאַזשירן, וואָס זענען אַזוי טייער, אַז מ'האַלט זיי אונטער אַ ספּעציעלער וואַך.

מ'פירט זיי ערגעץ אין אַ צענטראַלער טורמע. פון אַלע ווינקלען פון לאַנד גייט איצט זייער וועג צו איין פּונקט — צו לאַנגע יאָרן אין אַ שטיינערנעם קאַסטן.

עס איז א מיניטאור פון דעם לעבנס-שטייגער, וואס איז אזא פרוכטבארער באדן פאר פארברעכער.

* * *

דער אנגעגליטער וואגאן ווערט מיט אמאל אויסגעקילט. עס פאלט אריין א כאפטע אנגעפעלצטע פארמער. זיי ברייגגען אריין מיט זיך שניי און קעלט. זייערע גרויסע, האריגע פעלצן גיבן זיי צו דעם אויסזען פון בערן. זיי זענען אבער ניט מער ווי איבערגעוואקסענע, נאאיווע קינדער, וואס זענען געפארן זען א ביליגע שפיל.

זיי פארן פון א דערבייאיג שטעטל, וואו מ'האט גע'משפט א פרוי פאר דערמארדן איר מאן. די סענסאציע מיט דעם משפט איז געווען אזוי גרויס, די ארטיגע צייטונג האט אזוי אנגעצויגן די נערוון און האט אזוי פאראינטריגירט אלעמען מיט די באשרייבונגען פון די קלענסטע איינצעלהייטן פון דעם פארברעכן, אז די פארמער האבן איבערגעלאזט האק און פאק און זענען געפארן בייוואוינען דעם אינטערעסאנטן, אומזיסטן ספעקטאקל פון א משפט אויף א פרוי, וועמען עס האט געדראעט טויט-שטראף, נאר וועלכע האט זיך פון תליה ארויסגעדרייט.

מ'קאכט זיך; מ'אמפערט זיך; אייניגע זענען צופרידן מיט דעם אורטייל; אייניגע זענען אומצופרידן. אין דעם קאך מיט דער סענסאציע האבן זיי פארגעסן זייערע אייגענע אינטערעסן, זייערע צרות, זייערע מארטגיידזשעס, זייערע יארן, וואס גייען אוועק אין איבערשטופן א טאג נאך א טאג.

עס איז א מיניאטור פון דעם לעבן, וואו די ביליגע סענסאציעס פארשטעלן די ווירקלאכקייט.

* * *

אנגעלאדן מיט טארבעס און מיט קינדער וואלגערן זיך אריין אין וואגאן דע געל-הויטיגע מעסיקאנער. מער פון דעם, וואס זיי פירן דא מיט זיך, פארמאגן זיי, מסתמא, ניט. זייער האב און גוטס איז אלע מאל ניט קיין צו שווערער באגאזש.

זיי צעפאקעווען פעקלאך און שלעפן ארויס פון דארט זייער ארימע שפייז. נאך דעם עסן לאזן די מוטערס זייערע קינדער. בחורים שפילן אויף גיטארעס, מיידלאך שלעפן פון די קעשענעס

פון צעריסענע קליידלאַך אַ שפּיגעלע און פאַרבן-צו נאָך אַ ביסל די אָנגעפאַרבטע ליפּן.

עס דאַכט זיך, אַז אָט איז דאָך דער קוואַרטאַל פון די מעקסי־קאַנער אין סאַן־אַנטאָניאָ; אָט זעסטו זיי אין לאָס אַנדזשעלעס; אָט זענען זיי אין על-פּאַזאָ.

עס איז אַ מיניאַטור פון דעם וועלטל פון דער מעקסיקאַנער אָרימשאַפט, וואָס לעבט אויף דער אָרימסטער שפּייז, וואָס וואוינט אין חורבות, וואָס האָט ניט קיין היינט, וואָס לעבט בלויז מיט דעם „מאַניאַנאַ" (מיט דעם מאָרגן).

* * *

עס קומען אַריין ביי אַ סטאַנציע אויסגעפּוצטע איטאַליענער — דאָס זענען זיי געפאָרן צו אַ לויה פון אַ לאַנדסמאַן.

פריילאַכע אידענעס מיט שייטלאַך, מיט זיידענע פעלערינעס פון לעצטן יאָרהונדערט; אידן, ווי אָט-ערשט פון אַ פּויליש שטעטל אַריבערגעטראָגן; בחורים און מיידלאַך, וואָס גראַגערן אויף אַ קול, פאַרנעמען דעם וואַגאָן און פּאַסמאַקעווען זיך נאָך איצט מיט די מאכלים, וואָס מ'האָט געגעבן ביי דער חתונה, פון וועלכער זיי פאָרן.

אין אַ ווינקל שפּילן עטלאַכע „טרעוועלינג סיילסמען" (וואָיאַ־זשאָרן) קאָרטן און נעמען אַלע מאָל אַרויס בגבה דאָס פלעשל, וואָס זיי האַלטן אונטער'ן באַנק, און מאַכן אַ לחיים.

מענטשן קומען; מענטשן שטייגן אויס — עס איז אַ מיניאַטור פון דעם קאַראַהאָד, וואָס דרייט זיך אין דעם דרויסנדיגן לעבן.

* * *

עס איז אַ מיניאַטור פון דעם גאַנצן פּלאָנטער פון דער גרויסער אַמעריקע.

אין יאַנגסטאַן ברענט דער הימל

דער הימל ברענט...

ווען די באַן איז נאָך גאַנץ ווייט פון יאַנגסטאַן, זעט איר שוין ווי דער האָריזאָנט איז צונטער-רויט.

די נאַכט ברענט...

איר דערנעענטערט זיך צו דער שטאָט און איר דערזעט ווי ריזיגע פייער-צונגען וואַרפן זיך צום הימל. איר פאָרט דורך אונטער אַ בריק; פון אַלע זייטן אַרום דעם בריק רייסן זיך און שליידערן זיך פייער-כוואַליעס. עס דאַכט זיך, אַז דער בריק ברענט.

ריזיגע שוואַרצע געביידעס שפייען מיט פייער.

אָט גיט אַ שטאַרקער ווינט אַ פאָרטראָג די פייער-זיילן און עס דערזעט זיך די ריזיגע שוואַרצע קאַזאַרמע; אָט ווערט די געביידע איינגעהילט אין פלאַמען און מ'זעט בלויז אַ צעשטורעמטן רויטן ים.

עס צינדט זיך דער הימל פון אַלע זייטן.

* * *

ביים שיין פון די פלאַמען זעט מען מענטשן־שאָטנס, וואָס דרייען זיך אַרום אין די גרויסע הויפן און אין די קאַזאַרמעס, וואָס זענען באַגאָסן מיט פייער.

מחנות מענער אין שוואַרצע בלוזעס, מיט געזיכטער, וואָס ברענען ביים שיין פון די פלאַמען, ווערן אַריינגעשלונגען און ווערן אַרויסגעשפּיגן פון די ריזיגע געביידעס.

יאַנגסטאַן שמעלצט שטאָל...

עס בראָטן זיך דאָ אין גיהנום די הויכע זין פון די קאַרפּאַטן; עס סמאַליען זיך דאָ די זין פון פּוילן; עס ברענט זיך דאָ דער זון פון די וואָלגאַ-סטעפּעס און עס גליט זיך דאָ דער זון פון איטאַליע.

זייערע גליקן? — גיט אַ קוק אויף די קוואַרטאַלן, וואו זיי וואוינען.

זייער סוף? — באַטראַכט גוט אַט דעם פּאַרשוין דאָ אָן דער האַנט.

ער בעטלט, און פֿאַר יעדן גראָשן, וואָס ער בעטלט אויס, קויפֿט ער בראַנפֿן.

עפּעס פּלאַפּלט ער. וועך הערט זיך צו צו אַ שיכור?

— פֿרעגט אים עפּעס, — ראַט מיין באַגלייטער, — וועט איר הערן, אַז ער קען רעדן צו דער זאַך.

פֿאָלג איך און איך פֿרעג דעם אַלטן, וואו האָט ער פֿאַרלאָרן זיין האַנט.

ער גיט אַ שפּיי אויף צען שפּאַן און לאָזט אַרויס אַ העסלאַך שימפּף-וואָרט.

— טאַם, וואָט ווידיש אין די פֿייער, טאַם מאַיאַ רוקאַ. (אָט דאָרט, זעסט, אין פֿייער, דאָרט איז מיין האַנט.)

— פֿיו, די העל — איי דרינק, איי דרינק, פֿכו... פֿ:ו... איי דרינג. (איך טרינק, צום טייוול, איך טרינק.)

אויף אַ מינוט הערט אים זיין צונג אויף צו דינען, און אָט ווערט ער כמעט ווי ניכטער און גיט אַ געשריי מיט צאָרן, דראָענדיג מיט זיין פֿויסט אין דער ריכטונג פֿון די פֿייערן:

— דעם די מילס, דעם די קיללינג מילס! (פֿאַרשאָלטן זאָלן זיין די זאַוואָדן, פֿאַרשאָלטן זאָלן זיין די מערדערישע זאַוואָדן!)

מיין באַגלייטער דערציילט מיר, אַז אָט דער שיכור איז געווען זייער אַ גוטער אַרבעטער. ער פֿלעגט זייער אָפֿט שיקן געלט צו זיין פֿאַמיליע, וואָס געפֿינט זיך ערגעץ אין אוקראַינע. נאָר זינט ער האָט פֿאַרלאָרן זיין האַנט אין פֿאַבריק, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט צום סאַמע אָפּגרונט — ער טרינקט אָן אַ סוף.

קיין קאָמפּענסאַציע האָט ער ניט געקראָגן. עפּעס דורך אַ דריידל האָט מען ביי אים אויסגעשווינדלט די עטלאַכע גראָשן, צו וועלכע ער איז געווען בארעכטיגט.

איצט איז ער אַ בעטלער און אַ שיכור.

דאָרט הונגערט ערגעץ די פֿאַמיליע און וואונדערט זיך, מסתמא, וואָס איז געוואָרן מיט איר שפּייזער.

דאָס ווייב און קינדער ווייסן ניט, מסתמא, אַז אין יאָנגסטאָן ברענט דער הימל, אַז אין די פּייערן ווערן אויפגעפרעסן מענטשלאַכע לעבנס, אַז אין די פּייערן דאַרף מען פֿאַרמעגנס שאַפֿן, אַז די פּייערן האָבן אויך זייער שפּייזער אויפגעפרעסן.

יאָנגסטאָנער שטאָל-זאַוואָדן וועלן באַלד ווערן אַ טייל פֿון אַ קאָלאָסאַלן ביליאָניגן „מוירדזשער" — אַ פֿאַרשמעלצונג פֿון די גרעסטע שטאָל-זאַוואָדן אין לאַנד.

פֿריי זשע זיך אַלטער, גיי אַ טאַנץ אין מיטן גאַס — דיין האַנט איז אויך אַריינגעשמאָלצן אין דעם „מוירדזשער".

זאָרג זשע ניט, ווייב פֿאַר דיין מאַן; זאָרגט זשע ניט, קינדער, פֿאַר אייער פֿאָטער — ער האָט זיין חלק צוגעטראָגן צו דעם גרעסטן שטאָל-קאָמבינאַט אין דער וועלט.

זאָל זיך אָנפּילן אייער האַרץ מיט פֿרייד; אין יאָנגסטאָן שמעלצט מען שטאָל; אין יאָנגסטאָן ברענט דער הימל.